STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06695

DERTSEYLUNGEN UN DRAMES

Shloime Gilbert

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה גילבערט

דערציילונגען און דראַמעס

מיט אַ ביאָגראַפיש־קריטישער אַריינפיר פון

ש. ניגער

און זכרונות פון **פנחס גילבערט** און **מלך גראַפשטיין**

ארויסגעגעבן פון
מלך גראַפשטיין, לאָנדאָן, קאַנאַדע, און פנחס גילבערט, דעטרויט, מיש.
1954

SHLOIME GILBERT

STORIES
and
PLAYS

with a biographic - critical forward by

SH. NIGER

and memoirs by P. GILBERT and M. W. GRAFSTEIN

Published by
Max W. Grafstein, London, Ont. Canada
— and —
P. Gilbert, Detroit, Michigan

Printed in Canada
Danetta Press Limited, 182 Spadina Avenue, Toronto

שלמה גילבערט

ש. ניגער

שלמה גילבערט

ביאָגראַפיש־קריטישער אַריינפיר

— 1 —

יצחק שלמה גילבערט ע"הש איז איינער פון דער גרופּע יידישע דיכטערס אין פּוילן, וואָס זיינען באַקאַנט געוואָרן באַלד נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905—1906), — עטלעכע יאָר נאָך איטשע מאיר ווייסנבערגן, יונה ראָזנפעלדן און אַנדערע טאַלאַנטן, וואָס זייערע נאָענטסטע — שנעל באַרימט געוואָרענע — פאַרגייערס, — אויפן שוועל פון 20־סטן יאָרהונדערט, — זיינען געווען אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, שלום אש און אַנדערע. זיי זיינען געקומען קיין וואַרשע פון נאָענטע אָדער ווייטע שטעט און שטעטלעך, וווּ זיי זיינען געזעסן על התורה ועל העבודה — אין ישיבות, אין חסידישע שטיבלעך, — וווּ זיי האָבן געאַרבעט אין וואַרשטאַטן אָדער, האַלב הונגעריקע, זיך געוואָלגערט אין קעלערן און בוידעם־שטיבלעך, שוויצנדיק איבער רוסישע, לאַטייניש און אַנדערע לערן־ביכער. דורך דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער אויפגעוועקטער און שטאַרק צערודערטער פּוילן, אוקראַינע, ליטע, האָבן זיי זיך געצויגן צו די גרעסערע יידישע צענטערס — דערהויפּט צו ווילנע און וואַרשע — און מיט אַמאָל איז געוואָרן אַ גערעטעניש אויף יונגע שרייבערס — און ניט נאָר אויף יענער זייט ים.

אין דער יידישער (און דער העברעישער) ליטעראַטור פון ביידע היימען, — דער אַלטער, איצט שוין חרובער, היים און דער נייער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין רעכטן מיטן בויען, איז מיט אַמאָל געוואָרן לעבעדיק און טומלדיק: אַ נייער דור, אַן אומרויקע יוגנט האָט זיך נעריסן צום ליטעראַרישן עמוד...

דאָ ביי אונז אין ניו־יאָרק האָט זי אַרום 1907—1908 אָנגעהויבן צו גרופּירן זיך אַרום קליינע ליטעראַרישע זשורנאַלן און זאַמלביכלעך. דאָס איינענע איז פֿאַרגעקומען אין דער אַלטער היים. אין ווילנע האָט דער זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפֿטן" אָנגעזאָגט די בשורה פֿון „רענעסאַנס". אין וואַרשע האָט דער יונגער ליטעראַרישער דור אימפּעטיק אַרויסגעגעבן איין זאַמלבוך נאָכן צווייטן, און יעדעס פֿון זיי האָט געקלונגען מיט נייע נעמען — און געזאָגט זיין „ניי וואָרט"...

דער רוסישער (און ממילא אויך דער יידישער) קאַמף פֿאַר רעוואָלוציע איז נאָך 1905—1906 פֿאַררוקט געוואָרן, ווידער אַמאָל, אין אונטערערדישן ווינקל. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט, נעבאַך, ניט געקענט קומען צו זיך נאָך די האַלבע נצחונות און די גאַנצע מפּלות: האָט די ליטעראַטור ביי איר געבאָרגט רעשטלעך פֿון יוגנטלעכן ברען, אויך העזה — און פֿאַרנומען איר אָרט... די פּאָליטישע באַוועגונג, האָט עס געהייסן, איז פֿאַרחלשט געוואָרן — לעבן זאָל די קולטור־ און ליטעראַטור־באַוועגונג! מיט דעם כוח און דעם אימפּעט פֿון דער פֿאַרשטאַרקטער אימיגראַציע האָט יונג־יידיש „געקערט וועלטן" אויך אויף דער זייט ים, ווו די ניי־געעפֿנטע ליטעראַרישע אכסניות האָבן געהייסן: „יוגנט", „ליטעראַטור", „טרוימען און ווירקלעכקייט". ענלעכע נעמען האָבן געהאַט די נייע פֿאַרלאַגן, זשורנאַלן און זאַמלביכער אין וואַרשע: פֿאַרלאַג „יוגנט" האָט — „דורך אַ קאָלעגיום פֿון יונגע יידישע שרייבערס" — אַרויסגעגעבן דאָס זאַמלבוך „נייציַיט"; אין אַן אַנדער פֿאַרלאַג זיינען אַרויס „גאָלדענע פֿונקען" און „דער יונגער גייסט", רעדאַקטירט פֿון נח פּרילוצקי. ניט בלויז די נעמען פֿון די אַלע נייע ליטעראַרישע אָרגאַנען — אויך אין תוך זיינען זיי סיי דאָ סיי דאָרטן געווען ענלעך איינע אויף די אַנדערע: די יונגע פּאָעטן און פּראָזע־דיכטערס האָבן אי אויף דער, אי אויף יענער זייט ים געטרוימט די זעלביקע טרוימען, כאָטש די ווירקלעכקייטן אַרום זיי זיינען לחלוטין ניט געווען די זעלביקע...

אין אָט די יוגנטלעך־האָפֿערדיקע זאַמלביכער — אין „ניי־ציַיט" (וואַרשע, 1907), אין „דער יונגער גייסט" (וואַרשע, 1908) האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט שלמה גילבערטס טשיקאַווע זאַכן („צו

דער זון", „אין שטאָט", „פון לאַנד שווינדזוכט"). שלמה גילבערט האָט זיך שוין אָבער פריער געדרוקט. שרייבן האָט ער נאָך פריער אָנגעהויבן. שוין אַרום 1905 האָט ער פאַר נח פּרילוצקין, וואָס האָט אים פאַרזאָרגט מיט לערערס, ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע, פאָרגעלייענט א זאַך, וואָס לויט דער מיינונג פון דעם — דאַן יונגן — קריטיקער איז זי „נאָך ניט געווען דרוקפעאיק".*) אין א יאָר אָדער צוויי יאָר אַרום האָט שלמה גילבערט שוין געהאַט „דרוקפּאַיקע" זאַכן. איינע פון זיי — די, מיט וועלכער ער האָט דעביוטירט, — איז, לויט נח פּרילוצקין, געווען עפּעס א מין הומאָרעסקע מיטן נאָמען „יענטשע בעל עגלה".*) אין דער זאַמלונג „נאָוועלן" (וואַרשע, 1922), וואָס שלמה גילבערט האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן, האָט ער די דאָזיקע דערציילונג, ווי אויך עטלעכע אַנדערע זאַכן, ניט אַריינגענומען און זי איז מיר, צום באַדויערן, געבליבן אומבאַקאַנט.

אַנדערע יונגנטלעכע שאַפונגען זיינע ווייזן, אַז שוין גלייך אין אָנהויב האָט ער געהאַט זיינע אייגענע געזיכטס־שטריכן, אַזוי ווי עס האָט זיי פאַרמאָגט כמעט יעדער פון די יונגע שרייבערס, וואָס האָבן זיך געוויזן מיט אים אין איין צייט, — א שטייגער, משה סטאַווסקי, יואל מאַסטבוים, מנחם (באָריישאַ), יהושע פּערלע, ז. סעגאַלאָוויטש און אַנדערע. יעדער פון זיי האָט פון אָנהויב אָן פאַרמאָגט געוויסע אייגנאַרטיקע סימנים! אָבער איין פונדאַמענטאַלן כאַראַקטער־שטריך האָבן זיי אַלע געהאַט בשותפות, אַזוי ווי עס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אים זייערע נאָענטסטע פאָרגייערס — רייזען, אַש, נאָמבערג, הירשביין, ל. שאַפּיראָ, וויסנבערג, ראָזנפעלד. ער איז (ווי איך האָב געשריבן טאַקע דאַן, ווען די פריער דערמאָנטע קליינע זשורנאַלן און זאַמלביכלעך האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן), — ער איז באַשטאַנען

---

*) נח פּרילוצקי: „ס'קוועלעכל" — „דער יונגער גייסט", וואַרשע, 1908, ז' 61. אפשר איז עס געווען די דערציילונג „משהלע שכור", וואָס שלמה גילבערט האָט פאָרגעלייענט זיין חבר מלך גראַפשטיין (זע זיינע זכרונות צום סוף פון בוך) — א דערציילונג אין דראַמאַטישער פאָרם, וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

*) דאָרט, ז' 62.

אין דעם, וואָס פאַר זיי אַלעמען איז יידיש וואָרטשאַפן געוואָרן אַ ריין קינסטלערישע באַדערפעניש, ד״ה ניט, ווי פריער, בלויז אַן ענין פון תורה אָדער השכלה, נאָר אַ קוואַל פון פאַרגעניגן, פון שאַפונגס־גליק — ניט מער קיין מיטל, נאָר אַ ציל פאַר זיך אַליין.*)

פון שלמה גילבערטס ערשטע זאַכן איז מיין ערשטער איינדרוק געווען, אַז ער „שרייבט פּלאַסטיש, מער קאָנצענטרירט ווי אַנדערע יונגע פּאָעטן אין פּראָזע. זיין סטיל איז ניט בייגיק, עטוואָס קאַלט, אָבער געשליפן. אין זיין ‚פאַנטאַזיע׳ ‚די שטאָט׳ און אין דער ‚פּאָעמע׳ ‚צו דער זון׳ פילט זיך אַ שטימונג און אַ שילדערונגס־פעאיקייט״... אָבער אויך חסרונות האָט דער קריטיקער־אָנפאַנגער געזוכט — ביי דעם אָנפאַנגער־דיכטער — און געפונען: „די אידעען, האָב איך געשריבן, זיינען ניט ניי (באַזונדערס אין „די שטאָט״) און דער נאָמען ‚צו דער זון׳ וואָלט געווען שרייענדיק, ווען ער זאָל ניט זיין נאַאיוו. אויך איז ביי מיר אַ שטאַרקער ספק, האָב איך געשריבן, צי האָט ‚צו דער זון׳, — האַלב פאַנטאַזיע, האַלב שטימונגס־בילד, — פאַרדינט דעם נאָמען פּאָעמע״**)דער יונגער קריטיקער איז צום יונגן דיכטער געווען צו שטרענג. כ׳האָב איצט נאָך אַמאָל געלייענט יענע זאַכן, — און מיר דוכט, אַז „צו דער זון״ איז אַ פּאָעמע, זי איז פרייער פון מליצה ווי די פּראָזע און די פערזן פון אַנדערע אָנפאַנגערס, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „נייע־צייט״ און אין ענלעכע זאַמלביכלעך פון יענע יאָרן.

די הויפּט־פיגור אין שלמה גילבערטס פּאָעמע איז אַ פידל־שפּילער. מיט זיינע „דינע קלאָרע טענער־שטראָמען״ פאַרכשופט ער אַלץ און אַלעמען, — אַפילו אַ צארישן זשאַנדאַרם, וואָס האָט געהאַט זיך געקליבן צו צעטרייבן די מענטשן, וואָס דער פידלער איזבאַן האָט מיט זיין שפּילן צו זיך צוגעצויגן. „דאָס פאַרהאַרטעוועטע האַרץ (פון יונגן זשאַנדאַרם) ווייכט זיך, די נשמה וועקט זיך, ער הויבט אָן עפּעס פילן, נאָך עפּעס בענקען, אַ רחמנות טיף ביז דער נשמה דערפילט ער אויף זיך (אַליין), ער זעט, ווי איינזאַם, ווי איבעריק ער איז צווישן

*) „דער נייער וועג״, ווילנע, 1907, נומ׳ 8־9.
**) דאָרט.

די מענטשן און דערשפּירט אויף זיין לייב די האַרטקייט פון די סאָל־דאַטישע קליידער"...

זיינע סאָלדאַטישע קליידער זיינען האַרט, אָבער זיין האַרץ ווייכט זיך. און נישט נאָר זיין פאַרהאַרטעוועט האַרץ ווייכט זיך: „אַ ווייך שטילע רויטקייט איז אין דער לופט און איבער די ברייטע פעלדער פאַרגאָסן, און דאָס ברייטע פעלד רוט, און די ווייכע גרינע גרעזער קוועלן און וואַקסן אונטער דאָס שטילע ווייכע ליכט"...

ווייך ליכט, ווייכע קאָלירן, ווייכע טענער... אין דעם גאַנצן שלמה גילבערט איז פון אָנהויב אָן, אפנים, געווען עפּעס אַ ווייכקייט, — און זי האָט זיך געפילט נישט בלויז אין אַזאַ מונטערער און ליכטיקער פאָעמע, ווי „צו דער זון". זי איז געווען אויך אין אַזוינע, ווייט נישט קיין אידילישע, בילדער, ווי די, וואָס ער האָט געמאָלן אין „די שטאָט" אָדער אין „פון לאַנד שווינדזוכט".

ווייכקייט איז געווען אין שלמה גילבערטס שטים, אָבער נישט אין זיינע שטימונגען: אין זיי איז דווקא געווען עפּעס אַ פעסטקייט, אַ באַ־שטימטקייט. און מיך וווּנדערט באמת, וואָס שלמה גילבערט האָט די דערמאָנטע זאַכן נישט איבערגעדרוקט, ווען ער האָט שפּעטער מיט יאָרן אַרויסגעגעבן די זאַמלונג „נאָוועלן", — זיין ערשט בוך.*)

אין מיין פּרווו פון אַ כאַראַקטעריסטיק וועל איך זיך שטיצן אויף אַלע זאַכן גילבערטס, וואָס זיינען מיר באַקאַנט, נישט נאָר אויף די, וואָס ער אַליין האָט אויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם.

צום גרעסטן טייל טראָגן זיינע ווערק אַ ליריש־אויטאָביאָגראַ־פישן כאַראַקטער.

יע, שלמה גילבערט איז, ווי כמעט אַלע זיינע צייט־חברים, געווען אַ איך־ליריקער, און ער איז עס געווען אויך דאַן, ווען ער האָט זיין איך באַהאַלטן הינטער דערציילערישקייט אָדער גאָר הינטער דער פאָרם פון דראַמע... דעריבער איז דער קירצסטער וועג צו זיין שאַפונגס־וועלט אַ קורצע באַשרייבונג פון זיין לעבן, פון זיין פּער־זענלעכקייט.

---

*) אין דער דאָזיקער זאַמלונג זיינען אויך נישט אַריין „משהלע שכור" און „שוואַרצע אויגן, שוואַרצע צעפּ" — צוויי דערציילונגען, וואָס זיינען אונז באַקאַנט נאָר פון זיין יוגנט־פריינד מלך גראַפשטיינס זכרונות.

ווער און וואָס איז געווען שלמה גילבערט? וואָס פאַר אַן אינע־וויניקסטן פאַרמעגן, וואָס פאַר אַ ירושה האָט ער מיט זיך געבראַכט, ווען ער איז אַריין אין דער ליטעראַטור — פון דער היים, פון זיין משפחה, פון דער סביבה, אין וועלכער ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן?**)

ער איז געבוירן געוואָרן דעם 10־טן פעברואַר, 1885, אין ראַ־דזימין, אַ שטעטל ניט ווייט פון וואַרשע. שפּעטער האָבן זיינע עלטערן זיך באַזעצט אין פּוילנס הויפּטשטאָט, אָבער ער איז מיט זיי ניט מיט־געפאָרן. ער איז אַ צייט לאַנג געבליבן אין ראַדזימין ביי זיין זיידן ר' יוסף גימפּל. ער האָט דאָרט געלערנט — פריער אין חדר, דערנאָך — פאַר זיך — אין דעם ראַדזימינער רבינס בית מדרש. ער איז, הייסט עס, אויסגעוואַקסן צווישן פּוילישע חסידים. מען דאַרף אָבער אין זינען האָבן, אַז זיין זיידנס הויז איז ניט געווען קיין געוויינטלעכע פּויליש־חסידישע שטוב. ר' יוסף גימפּל האָט געהאַט זיין אייגענע — און זיין אייגנאַרטיקע — לעבנס־געשיכטע. און מיט ווינציקסטנס אַ פּאָר מאָמענטן אין איר איז כדאי זיך צו באַקענען.

אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער (קרימער) מלחמה איז ער געוואָרן אַ „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט". האָט ער איבערגעלאָזן זיין יונגע פרוי — אַ מעוברתע — אין ראַדזימין, און זי איז געבליבן דאָרט ביז דאָס קינד, וואָס זי האָט געבוירן (דאָס איז געווען שלמה גילבערטס פאָטער) איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר. דאַן איז זי אינאיי־נעם מיט איר ייִנגל אַוועקגעפאָרן צו איר מאַן אויף קאַווקאַז, און זיי זיינען געבליבן דאָרט ווינען גאַנצע צוועלף יאָר. אין דער צייט זיינען

**) דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל האָב איך גענומען דערהויפּט פון גילבערטס, שלמה'ס אַמעריקאַנער ברודערס, זכרונות, וואָס ווערן געדרוקט צום סוף פון דעם בוך; פון מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט אים; פון די מעמואַרן פון שלמה גילבערטס חברים־שריפטשטע־לערס, איינגעשלאָסן די דעראינערונגען פון מלך גראַפשטיין, זיין יוגנטפריינד, און אויך פון זיינע אייגענע בריוו צו זיין ברודער פנחס אין דעטרויט, מישיגען.

ביי זיי נאָך קינדער געבוירן געוואָרן, און ווען יוסף גימפּל איז, נאָך אכטצן יאָר אָפּזיין אין קאַווקאַז, געקומען צוריק קיין פּוילן און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, אַחוץ זיין היבשלעך אויסגעוואַקסענער פאַ־מיליע, אויך געוויסע קענטעניש אין דער רוסישער שפּראַך און די רוסישע געזעצן, — איז ער געוואָרן דער „פּראָשעניע" (ביטשריפטן)־שרייבער פון ראַדזימין און דער גאַנצער געגנט, — שיר ניט אַן אַד־וואָקאַט. דאָס איז געווען איין פּרנסה זיינע, די צווייטע איז געווען כלי־זמרי. די דאָזיקע מלאכה אָדער קונסט האָט ער ביים לעבן נאָך איבערגעגעבן זיין עלטסטן זון, הירש לייבן, שלמה גילבערטס פאָטער. הירש לייב האָט אין זיין טאַטנס קאַפּעליע געשפּילט די ערשטע פידל.

הירש לייבס זון, שלמה, האָט פון זיין טאַטן און זיין זיידן גע־ירשנט מוזיקאַלישע פעאיקייטן. ווי זיין ברודער פּנחס דערציילט, האָט שלמה אַליין אויך געשפּילט פידל — און גאָר ניט שלעכט געשפּילט.

אָבער ניט נאָר דירעקט האָבן זיין זיידע און זיין פאָטער אויף אים געווירקט. אויך אַן אינדירעקטע מוזיקאַלישע השפּעה האָבן זיי געהאַט אויף אים. מען מערקט זי אין זיין שרייבן, דערהויפּט אין זיין שפּראַך. אין איר איז תמיד כמעט פאַראַן עפּעס אַ ריטמישקייט. זיינע זאַצן און פּאַראַגראַפן מאַכן אָפט דעם איינדרוק, ווי ווען מען זאָל זיי האָבן געשריבן „אויף נאָטן". ניט איינעם פון זיי וואָלט מען געקענט אויסשטעלן אין „קורצע שורהלעך" — און זיי וואָלטן זיך געלייענט ווי פערזן.

אויך אין די סיוזשעטן פון זיינע קורצע דערציילונגען פאַרנעמט מוזיק אַ היבשן אָרט. („צו דער זון", איינע פון זיינע ערשטע דער־ציילונגען; „כלי־זמר", „פּיעטרעק", „נפתליכל אויער".)

אָבער ניט נאָר דעם פאָטערס מוזיקאַלישקייט, — אויך זיין שטאָלץ, זיין שטילער, שטומער שטאָלץ איז איבערגעגאַנגען צו שלמהן בירושה. אָט וואָס זיין יינגערער חבר און פריינד אפרים קאַגאַנאָווסקי גיט־איבער אין זיינע — אפשר אביסל צו עקזאַלטירטע — זכרונות, ווי שלמה אַליין האָט כאַראַקטעריזירט פאַר אים זיין פאָטער:

„— כ'קלער טיילמאָל, האָט שלמה גילבערט געזאָגט צו אפרים קאַגאַנאָווסקין, אַז דער ייד, מיין טאַטע, מיט דעם משונהדיקן פידל,

איז א למדן־וניק... איר פאַרשטייט? א כלי־זמר, וואָס ברענגט קיינ־מאָל גאָרניט פון קיין חתונה... אין דער שפּעטער נאַכט הער איך, ווי די מאַמע רעדט שטיל... 'א כלי־זמר זאָל קומען פון א חתונה הונגעריק, זאָל ניט מיטברענגען קיין כזית... אפילו ניט קיין בולקע?!' און איך הויב אָן מורא האָבן, האָט שלמה צוגעגעבן, פאַר דעם קליי־נעם שוויינגדיקן ייד מיט דעם משונהדיקן פידל"...*)

שלמה אליין איז גראָד ניט געווען פון די שווייגנדיקע, אָבער עפּעס פון זיין פאָטערס באַהאַלטענעם שטאָלץ, עפּעס פון אָט דעם „למדן־וניק מיטן משונהדיקן פידל" האָט אויך ער אליין אין זיך געהאַט.

גאַנצע צוועלף יאָר האָט זיין פאָטער אין די קינדהייט־ און יוגנט־יאָרן פאַרבראַכט אויף קאַווקאַז — אויף דעם ווייט ניט יידישן און אוודאי ניט חסידישן קאַווקאַז; דאָך איז ער געווען חסידיש־פרום, שטיל־התלהבותדיק־פרום. זיין פרוי, שלמהס מוטער, פייגע־נעכע, איז אויך געווען גאָטספאַרכטיק און אחוץ דעם אויסערגעוויינטלעך גוט. האָט שלמה פון זיין פאָטער אחוץ זיין קינסטלער־נאַטור גערירשנט זיין רעליגיעזע דבקות, און פון זיין מוטער, אחוץ איר שוואַכן געזונט, — איר זעלטענע גוטהאַרציקייט, איר ווייכקייט, איר ליבשאַפט צו אַלע גאָטס באַשעפענישן.

שלמה איז געווען א זיידענער, כאָטש ניט קיין גלאַטער, מענטש. זיינע נאָענטסטע פריינד, דערציילט נח פרילוצקי, האָבן אים אַזוי טאַקע גערופן — „דער זיידענער"... „קומט ער אין א רעדאַקציע, לייענען מיר ביי נח פרילוצקין, וועט ער ניט אריינגיין גלייך אין קאַבינעט צום רעדאַקטאָר, נאָר בלאָנקעט זיך אַרום אין פאָדערהויז אָדער אין צווייטן צימער ביז מען באַמערקט אים און מען רופט אים אריין... און שטיל רעדט ער, מיט א האַרציקער הייזעריקייט אין קול, מיט קורצע ווייך אָפּגעהאַקטע פראַזן, מיט באַגייסטערונג. און דערזעט ער אייך, הויבט ער אָן קודם כל צו דערציילן וועגן די חברים: וואָס זאָגט איר אויף די זאַכן פון איקס? אוווא, א שיינע זאַך האָט אויפגעשריבן איגרעק; אאז"וו."**)

*) אפרים קאַגאַנאָווסקי: „יידישע שרייבער אין דער היים", לאָדזש, 1949, ז' 47.

**) „דער יונגער גייסט", וואַרשע, 1908, ז' 60.

צו זיין מוטער איז שלמה געווען נאָר באַזונדערס שטאַרק צוגע־בונדן, דערהויפּט נאָכן טויט פון זיין פאָטער (געשטאָרבן ז׳ שבט, תרפ״ד). דאָס איז, אגב, געווען די הויפּט־אורזאַך, וואָס שלמה איז ניט אוועקגעפאָרן באַצייטנס קיין ארץ־ישראל, — ווי זיין ייִנגערער (אַמעריקאַנער) ברודער פּנחס האָט געפּלאַנט: נעמען די מוטער מיט זיך, האָט שלמה ניט געקענט — צוליב איר שוואַכקייט; איבערלאָזן זי אַליין אין וואַרשע האָט ער ניט געוואָלט: איז ער געבליבן מיט איר אין פּוילן, געבליבן ביז... עס זיינען געקומען די חיה רעהס אין נאַצי־געשטאַלט און האָבן אים אין אויגוסט 1942 „דעפּאָרטירט" קיין טרעבלינקע.**) וואָס זיי האָבן מיט אים געטאָן — פאַרגאַזט אָדער סתם אַזוי פאַרפּייניקט, ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן אָבער, אַז קיין צו גרויסע מי אומצובערענגען שלמה גילבערטן וואָלט זיי ניט געדאַרפט קאָסטן: ער איז שוין אין וואַרשעווער געטאָ געווען אָפּגעשוואַכט פון הונגער, אַזוי ווי זיין מוטער (זי איז נאָך אין אָנהויב קריג אומגעקומען פון אַ דייטשישער באָמבע אין אָטוואָצק), און אחוץ דעם איז ער זיין גאַנץ לעבען געווען קראַנק: שוואַכע לונגען.

זיין קראַנק זיין האָט אים געשטערט צו האָבן אַ שטענדיקע באַ־שעפטיקונג.***) עס האָט אים אָבער ניט געשטערט צו לייענען און צו לערנען אַ סך, אויך ניט צו שרייבן, — כאָטש אַביסל.

ער האָט הנאה געהאַט פון אימפּראָוויזירן מעשהלעך — מינדלעך. ער איז, אַזוי ווי זיין באָבע, געווען אַ געשמאַקער דערציילער פון מעשיות; זיינע צוהערער האָבן ליב געהאַט צו הערן, ווי ער דערציילט. ווער זיינען זיי געווען? דאָס רוב אָרעמע יידן און יידענעס, פאָלקס־מענטשן, בעלי־מלאכות, קליינע הענדלער, מאַרק־זיצערינס. „ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן, — דערציילט זיין ברודער פּנחס אין זיינע זכרונות, — צו אַ שניידער, צו אַ שוסטער, אָפּזיצן מיט זיי שעהן ביים וואַר־שטאַט, מיט זיי איינטענהן און פאַרברענגען". ער האָט אויך ליב גע־

**) הלל זיידמאַן: „געשטאַלטן פון וואַרשעווער געטאָ", מאָרגן זשור־נאַל, 14־טן סעפּטעמבער, 1947.

***) אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ טרעגער — „שטייט אין גאַס, טראָגט אָפּ פּעקלעך און קאַסטנס" („שלמה מענדעלסאָן, זיין לעבן און שאַפן", ניו־יאָרק, 1949, ז׳ 380).

האט אַרומצושפּאַצירן איבער די אָרעמע טומלדיקע גאַסן און געסלעך פון דער יידישער װאַרשע, אָפּצושטעלן זיך, ווי קאַגאַנאָווסקי דער־ציילט, דאָרט, וווּ „אַ קאָלירטע, צונויפגעקנאָדערטע רווישנדיקע מאַסע האָט געווימלט איבער די שטעלן אין אַ געדראַנג און כאָאָס פון קליי־נעם גראָשנדיקן האַנדל״... „ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט פאַר־שיידענע באַקאַנטע אין דער געגנט — האַלבע משוגעים, פאַרביקע טיפּן און אויסטערלישע געשטאַלטן. זיי האָבן אים באַגעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע, איבערגעוואָרפן זיך מיט ווערטלעך, וואָס האָבן אַרויסגע־רופן ביי זיי געלעכטער און פרייילעכקייט. ער האָט געקויפט פרוכטן ביי צעשריגענע מאַרק־ווייבער, וואָס זיינען מיט אַמאָל שטיל געבליבן, באַדינט אים מיט אַ באַזונדערער זאָרגפעליקייט און אים צוגעוווּנטשן מיט פרומע אויגן: ׳עסט, זאָל אייך זיין צו געזונט און איר זאָלט האָבן אַ רפואה שלמה״... דאָס זיינען ווייבער... מיינע שכנטעס (האָט שלמה דערציילט זיין באַגלייטער), וואָס גלויבן, אַז איך בין אַ למד־וואָניק... ווען איך ליג קראַנק, טראָגן זיי שפּייז און פרוכטן, שטעלן עס אַרויף אויפן טיש שטילערהייט — און פאַרשווינדן״.*) וועגן די ווייבער וואָלט מען ניט געקענט זאָגן, אַז זיי האָבן געהאַט אין זיך עפּעס פון למד־וואָניקעס: למד־וואָניקעס זיינען מאַנסבילן. אָבער שלמה — ער איז פאַר זיי, — אַזוי ווי זיין פאָטער איז פאַר אים — געווען, ווי מיר זעען, עפּעס אַ מין למד־וואָניק.

ער פלעגט זיך אָפּט אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן, — „פאַר־שווינדן, ווי קאַגאַנאָווסקי דערציילט, אויף לאַנגע וואָכן״. דערהויפּט פלעגט ער עס טון אין שלעכטע ציטן, ווען די קראַנקהייט האָט אים גאָר שטאַרק געמאַטערט. ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן.

בטבע איז ער אָבער ניט געווען קיין נסתר. ער האָט, ווי מיר ווייסן, פאַרקערט, ליב געהאַט גוטע פריינד און חברים. און מען פלעגט אים גאַנץ אָפּט זען אויף צעגליאַנאַ איינס, ביי פּרצן אין הויז, ווי אויך אין דער צווייטער „ליטעראַרישער שטוב״ פון וואַרשע, — אויף שליסקע 60, — ביי הלל ציטלינען.

---

*) אפרים קאַגאַנאָווסקי: „יידישע שרייבער״, זז׳ 39-40. זע אויך מלך גראַפּשטיינס קאַפּיטל זכרונות ביים שלום פון אָט דעם בוך.

אפרים קאַגאַנאָווסקי האָט צום ערשטן מאָל אים געטראָפן ביי פּרצן. ער האָט באַגעגנט, דערציילט ער, „דעם בלייכן, קנאָכיקן, כמעט שפּיציקן יונגנמאַן אינם סאַמע טונקעלן ווינקל־צימער, מיט שאַרפע בליקן, פאַרקוקטע אין פּרצן. ער איז געזעסן ניט באַקוועם, ווי אַ מענטש, וואָס איז ניט געוווינט צו קיין גוט באַקוועם מעבל און פרייער האַלטונג. זיינע לאַנגע, דאַרע, בלייכע הענט האָבן זיך פיבערהאַפט געקלאַמערט אין זיינע דאַרע שפּיציקע קניען. דערביי האָט זיך אין זיינע ברוינע אויגן געוויגט עפּעס אַ שניידנדיקער טרוקענער גלאַנץ, און אויף זיין ברייט, לעבהאַפט מויל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ קינ־דעריש־אָנגעווייטיקט שמייכעלע, וואָס מען זעט ביי מענטשן ניט־דרייסטע אין אַ פרעמדן קרייז, וואָס קענען ביי זיך ניט פּועלן צו זאָגן דאָס, וואָס זיי וואָלטן געקענט זאָגן".*)

וועגן זיין אויסזען און זיין האַלטן זיך ביי הלל צייטלינען אין הויז דערציילט אלחנן צייטלין — און עס איז דאָ אַ געוויסע ענלעכ־קייט צווישן דעם בילד, וואָס קאַגאַנאָווסקי האָט פון אים אויסגעמאָלן און אלחנן צייטלינס בילד.

אלחנן האָט געדענקט גילבערטן „מיטן שאַרפן שפּיציקן פּנים, אויף וועלכן עס פלעגט תמיד שוועבן אַן אומעטיקער שמייכל, מיט די שווערע טריט און גרינלעכע אָפּגעטראָגענע בגדים".**)

ביי הלל צייטלינען אין הויז האָט זיך גילבערט געפילט, ווי עס ווייזט, פרייער און זיך פרייער געהאַלטן, ווי ביי פּרצן. אפשר דערפאַר, ווייל הלל צייטלין איז אים געווען נעענטער, ווי פּרץ און אפשר אויך דערפאַר, ווייל ביי צייטלינען אין הויז זיינען געווען קינדער אויך, ניט נאָר דערוואַקסענע. מיט קינדער, דערציילט אלחנן צייטלין, — און דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש — האָט שלמה גילבערט, ניט געקוקט אויף זיין אומעטיקן שמייכל, ליב געהאַט זיך צו שפּילן. קינ־דער האָבן אים פאַרשאַפט ניט ווינציקער פאַרגעניגן, ווי די איינפאַכע פאָלקסמענטשן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי אָפט פאַרבראַכט. אלחנן,

*) „יידישע שרייבער אין דער היים", לאָדזש, 1949, ז' 35.

**) „אין אַ ליטעראַרישער שטוב", וואַרשע, 1937, ז' 24.

וואָס איז דאַן אַליין נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט שטאַרק ליב געהאַט שלמה גילבערטס גצזועלשאַפט. „איטלעך קומען זיינס, דערציילט אַלחנן, האָט פאַר מיר באַטייט עטלעכע שעה פון אמתער פרייד און לוסטיקער קינדערשער שטיפעריי. גילבערט, וואָס איז אין גרונט גע־נומען געווען אַ טיפער מענטש, תמיד פאַרטאָן אין מיסטיק, קבלה און ספּיריטיסטישע סעאַנסן, וועלכע ער פלעגט פראַוון מיט זיין חבר יצחק גערשטענמאַן און וועגן וועלכע ער האָט ניט אויפגעהערט איינ־צוטענהן מיטן טאַטן, האָט זיך זייער אָפט ליב געהאַט צו שפּילן ווי אַ קינד, מאַכן יינגלשע שטיק, קריכן אונטערן טיש, מיאַוקען ווי אַ קאַץ, בילן ווי אַ הונט, רעווען ווי אַן אָקס און דער עיקר מעקען ווי אַ ציג. אָט דאָס מעקען ווי אַ ציג איז געווען גילבערטס „ספּעציאַליטעט". ער איז אין דער דאַזיקער „קונסט" געווען אויסגעצבונדן, געקענט אַלע אירע דינסטע „ניואַנסן", — אַזוי, אַז ווען איר וואָלט לכתחילה ניט געוווסט, אַז דאָס מאַכט זיך גילבערט „נאַריש", וואָלט איר געשוווירן, אַז אין „ליטעראַרישן הויז" האָט זיך געיאָוועט אַן אמתע ציג, וואָס ניט צו וויסן דער וועלט, אויף איר שטייגער, אַז זי חלשט פאַר אַביסל פּריש גראָז"...*)

אין שלמה גילבערטן איז, ווי מיר זעען, געווען טיפקייט איינ־איינעם מיט קינדערשער שפּילעוודיקייט און תמימות, פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעצייכנט, פון איין זייט, מיט עניוות און שע־מעוודיקייט און פון דער אַנדער זייט, — מיט שטאָלץ און העזה... אָט זעט קאַגאַנאָווסקי, ווען ער איז צום ערשטן מאָל ביי פּרצן אין הויז, — ווי „אויף זיין ברייט לעבהאַפט מויל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ קינדיש־אַנגעווייטיקט שמייכעלע, וואָס מען זעט ביי מענטשן ניט־דרייסטע אין אַ פרעמדן קרייז, וואָס קענען ביי זיך ניט פועלן צו זאָגן דאָס, וואָס זיי וואָלטן געקענט זאָגן", און אָט צעלאַכט ער זיך „שטיל און גיפטיק", און דער זעלביקער קאַגאַנאָווסקי הערט, ווי גילבערט ניט אַ זאָג צו פּרצן ביים געזעגענען זיך: „איך בין ניט אַזאַ קבצן, אַז ווען אימעצער זאָגט מיר, אַז מיין גראָשן איז צופעליג אַ פאַלשער, זאָל איך ניט האָבן קיין צווייטן... אָט די אַלע קליינקייטן, וואָס איך ברענג

---

*) „אין אַ ליטעראַרישער שטוב", ז' 52.

אייך ווייזן, זיינען גראַשנס... די אמתע אפּותיקאַ באַהאַלט איך ביי מיר"...*) דער האַלב־איבערגעשראָקענער שלמה גילבערט איז מיט אַמאָל געוואָרן אַן אַנדערער, אַ העזהדיקער...

פון אויבנאויף איז ער בכלל געווען פול מיט סתירות, — און אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אויף זיי אָנגעוויזן. אַזוי, צום ביישפּיל, דערציילט מלך ראַוויטש, אַז „ער (שלמה גילבערט) האָט זיך ליב צו שעלטן מיט אַ מינע פון אַ נביא און — פּלוצלונג זיך צעלאַכן מיט דער מינע פון אַ משוגענעם".**) לויט הלל זיידמאַנען איז שלמה גילבערט געווען „ציניש — און צוגלייך סענטימענטאַל, סקעפּטיש — און דערביי מיסטיש, ראָמאַנטיש — און רעאַליסטיש".***) עס זאָל האָבן געווען אין אים, הייסט עס, עפּעס פון הערשלען, דעם העלד פון זיין דערציילונג „דער טונקעלער", ווען ער פּלעגט זיך שטעלן דרשענען פאַרן עולם: „הערשל, לייענען מיר אין דער דערציילונג, ברענגט שטאַרקע טיפע ערטער פון דער גמרא און פון זוהר. ער שלעפּט אַראָפּ דעם הימל צו דער ערד און פירט צוזאַמען מענטשן מיט מלאכים און מיט גאָט"... ערד — און הימל, מענטשן — און מלאכים... די אַלע אויבנאויפיקע קאָנטראַסטן זיינען אין דער אמתן אפשר גאָרניט געווען קיין אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן, נאָר — פאַרשיידענע סאָרטן מיטלען צו באַהאַלטן אָדער בייצוקומען זיין אינעווייניקסטע ניט־צוגעפּאַסטקייט צום דרויסנדיקן אַזוי אָנגערופענעם נאָרמאַלן לעבן. ווי ווייט ער האָט יע געהאַט אין זיך סתירות, זיינען עס די צע־ריסנקייטן, וואָס זיינען אָפט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר רעליגיעזע נאַטורן.

ווי יעדער עכטער ראָמאַנטיקער, איז שלמה גילבערט זיכער גע־ווען אַ רעליגיעזע נאַטור... איז ער געווען רעליגיעז אינם דאָגמאַטישן זינען פונם וואָרט?

נאָך זיין פאָטערס טויט אין 1924 שרייבט ער צו זיין ברודער פּנחס אין אַמעריקע: ...„אונזער גוטער טייערער טאַטע איז פון אונז

---

*) „יידישע שרייבער אין דער היים", ז' 36.
**) „מיין לעקסיקאָן", מאָנטרעאַל, 1945, 1, ז' 52.
***) „מאָרגן זשורנאַל", 14־טן סעפּטעמבער, 1947.

צוגענומען... ווהין? אזוי ווייסן אויך ניט די זעלנער, ווען מען נעמט פון זיי צו אן אפיציר, — און דער קאמאנדיר שיקט דעם אפיציר אויף א צווייטן פראנט. ווו איז ער, דער צווייטער פראנט? גאט האט באשאפן פיל וועלטן — א לייטער מיט פיל שטאפלען, — און מיר שטייען אויפן אונטערשטן שטאפל"... אין א צווייטן בריוו ארום דער זעלביקער צייט שרייבט ער: „מיין צער (פונם פאטערס טויט) איז אזוי גרויס, אז ווען איך האב ניט דעם גלויבן, אז ס'איז דא א בעל הבית און אז דער מענטש איז אייביק, וואלט איך געווים ניט געקענט איבערהאלטן". און ווייטער: „כ'האב צו שטארק ליב די וועלט און דאס לעבן. אין א ליכטיקן זומער־טאג קען איך מיך ניט איינהאלטן און איך מוז צייטנווייז געבן א שפרונג און א קוויטש. פון דער צווייטער זייט, האט איך די וועלט און דאס לעבן, וואס מענטשן האבן איינגעארדנט, אזוי שטארק פיינט. און ווען איך זאל ניט גלויבן אין גאטס וועלט, וואלט געווען מיט מיר שלעכט... איך גלויב שטארק, אז ס'וועט קומען א מבול, אן איבערקערעניש — און ס'וועט ווערן אנדערש אויף גאטס וועלט". דאס זיינען אלץ אויסדרוקן פון רעליגיאזיטעט, אבער — מער פון יענעם מין רעליגיאזיטעט, וואס צינדט אן די פאנטאזיע פון א ספיריטיסט, אן אקולטיסט... צו שולחן־ערוך־יידישקייט האט עס א גאנץ קנאפע שייכות.

אמת טאקע, פון צייט צו צייט פלעגט שלמה גילבערטן אנכאפן א חשק צו לערנען א בלאט גמרא, ווי עס דערציילט זיין יוגנט־פריינד מלך גראפשטיין; ער פלעגט אויך האלטן פון היטן געוויסע דינים און מנהגים; דאך איז זיין „פרומקייט" געווען ניט קיין דאגמאטישע, נאר א פרייע, אן אינעווייניקסטע.

צו עטלעכע און צוואנציק יאר האט ער איבערגעלעבט א גרויסע ליבע. דאס יונגע צארטע מיידל, וואס איז געווען צו אים שטארק צוגעבונדן, האט געוואלט ער זאל מיט איר חתונה האבן, כאטש זי האט געוווסט, אז ער איז א קראנקער. אבער ער האט זי, ווי ער האט געזאגט זיין ברודער, צו שטארק ליב געהאט, „אז ער זאל זי מאכן פאר א שותף צו זיין קראנקהייט"... אויך אין א שמועס מיט קאנאנאווסקין האט ער אמאל דערמאנט א יונג מיידל, וואס האט אים שטארק ליב געהאט: „זיבעצן יאר, האט ער אים געזאגט, איז זי אלט... די בלויע

אוינן מיט די שווארצע וויעס פארנעמען א האלב פון איר ווייס פנים...
ווען איך בין קראנק, קומט זי פרעגן, וואס איך מאך... איך הער אירע
טריט... איך הער איר שטים... און דער קוק, ווען זי פרעגט ביי
דער מאמען: 'וואס מאכט שלמה?!' וואס ווייסט איר, געזונטע, ווי
גוט עס איז צו זיין קראנק... דערנאך טרעף איך פערעלען אויף די
טרעפ. זי דערשרעקט זיך. איך הער ווי עס צאפלט איר הארץ אונ־
טערן בלוזקעלע".*) אבער דאס איז נישט געווען „די גרויסע ליבע",
וואס איז פריער דערמאנט געווארן, כאטש עס איז טשיקאווע, וואס
שיער ניט יעדע סימפאטישע יונגע פרוי אין שלמה גילבערטס א דער־
ציילונג רופט זיך, ווי יענע 17־יאריקע שכנה זיינע, פערעלע ...

התונה געהאט האט שלמה ערשט אין 1924 — מיט סימעלע
מארכאן, זיינער א קרובה. זי איז געווען אליין אויך א דעריגע —
סיי־ווי, הייסט עס, „א שותפטע צו זיין קראנקהייט". דאס איז, אגב,
די סימעלע, וואס איר האט ער מיט צוויי יאר פריער געווידמעט זיין
בוך „נאוועלן"... פיר יאר נאך זייער חתונה איז זי געשטארבן,**)
איבערלאזנדיק נאך זיך א טעכטערל, מרים, א שוואך קינד, קוים דריי
יאר אלט.

געבליבן אן אלמן, מיט א קליין קינד, דערצו נאך א קראנקס,
אויף די הענט און אליין א חלוש — איז אים דער אזוי אויך גענוג
שווערער יאך פון לעבן נאך שווערער געווארן. „ער האט זיך דער־
ווייטערט, שרייבט הלל זיידמאן, פון מענטשן, אויסגעמיטן פריינד
און קאלעגן".***)

די נויט און די עלנטקייט איז געווים געווען איינע פון די אור־
זאכן, פארוואס עס פלעגן אריבער יארן — און ער האט ניט געשריבן.
ער האט בכלל ניט געהערט צו דעם מין פראדוקטיווע שרייבערס. דאס

---

*) „יידישע שרייבער", ז' 48.

**) לויט מלך ראוויטשעס „מיין לעקסיקאן" (1, ז' 53) זאל שלמה גילבערט האבן חתונה געהאט מיט איר „שיער ניט א יאר פאר איר נסיסה". דאס איז א טעות.

***) „מארגן זשורנאל", 14־טן סעפטעמבער, 1947.

בוך „נאָוועלן", וואָס דער ליטעראַטור־פאָנד ביים פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווארשע האָט אין 1922 אַרויסגע־געבן, איז געווען זיין ערשט בוך, — און עס נעמט אין זיך אַריין ניט מער ווי דרייצן קורצע דערציילונגען און די „סצענע" „שבתי מוח". אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבן שרייבן ניט שפּעטער ווי אַרום 1905, — מיינט עס, אַז אין משך פון די זעכצן—זיבעצן יאָר, ווען מען זאָל אַפילו אַריינרעכענען די זאַכן, וואָס ער האָט אין בוכפאָרם ניט אַרויס־געגעבן — האָט ער דורכשניטלעך געשריבן סך הכל איין קורצע דער־ציילונג אַ יאָר.

נאָך ווינציקער פּראָדוקטיוו איז ער געווען אין די פּאָר צענדליגג יאָר, וואָס ליגן צווישן 1922, ווען זיין ערשט בוך איז אַרויס פון דרוק, און דער פינצטערער צייט פון גזרת־היטלער... מער ווי אַ צוויי צענד־לינג נייע זאַכן (צווישן זיי בלויז דריי לענגערע ווערק: „משיחס טריט", „אין קעלער" און די דערציילונג „אויף אַ זומער־וווינונג") האָט ער אין משך פון די גאַנצע צוויי צענדליגג יאָר ניט אָנגעשריבן.*) געוויס האָט געשפּילט דערביי אַ ראָלע זיין קראַנקהייט. אָבער ניט נאָר זי אַליין. זיין האָבן געווען אַריינגעטאָן יאָרנלאַנג אין קבלה, אין ספּי־ריטיזם, אין אָקקולטיזם האָט אים אויך געמוזט אָפּציען פון שרייבן. ער איז „תמיד געווען פאַרנומען, דערציילט יואל מאַסטבוים, מיט שרייבן בריוו צו אַלערליי ספּיריטיסטן אין דער גאַנצער וועלט... אין אָוונט פלעגט ער זיך פאַרשליסן ביי זיך אין צימער און קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזן".**) אויך אלחנן צייטלין רעדט וועגן „דער אַט־מאָספער פון גוואַלדיקער גייסטיקער אָנשטרענגונג, אין וועלכער גיל־בערט האָט געלעבט אַ גאַנצן טאָג, פאַרנעמענדיק זיך מיט שטודירן

---

*) לויט ד"ר הלל זיידמאַנען איז שלמה גילבערט אין ווארשעווער געטאָ געוואָרן פּראָדוקטיוו און אין 1942 זאָל ער האָבן פאַרענדיקט „אַ גרויס בוך, דאָס ווערק פון זיין לעבן" („מאָרגן זשורנאַל", 14־טן סעפּטעמבער 1947). „ער האָט געשריבן מיט אַמאָל צוויי ביכער", זאָגט זיידמאַן אין דעם זעלביקן קאַפּיטל „געטאָ־זכרונות", אָבער די מאַנוסקריפּטן זיינען ביז איצט, צום באַדויערן, ניט אויפגעזוכט געוואָרן.

**) „ורשה, 1939" (תרגם י. קויפמאן), תל־אביב, 1944, ז' 81.

ספּיריטיסטישע ליטעראַטור און מיט דורכפירן פּראַקטישע ספּיריטיס־טישע איבונגען". *) לויט ד"ר הלל זיידמאַנען, — אגב, דעם איינ־ציקן עדות פון שלמה גילבערטס לעבן און לײַדן אין וואַרשעווער געטאָ, — האָט ער „אַ געוויסע צייט פּראַקטיצירט אָקקולטיסטישע איבונגען, און דעמאָלט זיך גאַנץ אָפּגעקערט פון ליטעראַטור".**)

אגב, שלמה, די הויפּט־פיגור פון גילבערטס לענגערער דערציי־לונג „אויף אַ זומער־וווינונג" (1927) „איז גאַנצע טעג געזעסן איבער אַלטע ספרים און אָקקולטישע ביכער. גאַנצע נעכט איז ער אויסגעזעסן אויף זיין געלעגער און געקוקט אין פאַרבאָרגענע וועלטן אַריין"... אין פאַרבאָרגענע וועלטן אַריין האָט אָפּט געקוקט אויך שלמה גילבערט, — און אויף שלמהן פון „אויף אַ זומער־וווינונג" איז ער, אפּנים, ענלעך געווען ניט נאָר מיט זיין נאָמען אַליין. אַזוי ווי יענער האָט ער זיך געוואַקלט צווישן דער קערפּערלעכער וועלט און דער „אַסטראַלער", — און דער לעצטער האָט ער אָפּגעגעבן אַ גרויסן טייל פון זיין צייט, פון זיין גאַנצן נשמה־לעבן... ערשט אין די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין לעבן אין וואַרשעווער געטאָ, האָט ער, לויט ד"ר זיידמאַנס זכרו־נות, זיך צוגערופן צו דער פען... ***) טשערניאַקאָוו, פּאָרזיצער פון יודענראַט, וואָס איז שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האָט, לויט ד"ר זיידמאַנען, געהאַט באַשטימט פאַר שלמה גילבערטן אַ חודש־סובסידיע פון צוויי הונדערט זלאָטעס. ****) אָבער... ס'איז געווען צו שפּעט... אין אויגוסט, 1942,*****) האָבן אים די רשעים, די נאַציס ימח שמם, „דעפּאָרטירט" קיין טרעבלינקע, ווו זיי האָבן געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן...

---

*) „אין אַ ליטעראַרישער שטוב", וואַרשע, 1937, ז' 52.

**) „מאָרגן זשורנאַל", 14־טן סעפּטעמבער, 1947. זע אויך זיין „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ", זז' 125, 208, 212.

***) זע הלל זיידמאַנס אויבן ציטירטן אַרטיקל אין „מאָרגן זשורנאַל".

****) דאָרט.

*****) לויט אפרים קאַגאַנאָווסקין זאָל ער בעת דעם אויפשטאַנד 1943 נאָך האָבן געווען אין וואַרשעווער געטאָ („יידישע שרייבער אין דער היים", ז' 50).

אין משך פון די פריערדיקע יאָרן האָבן מיט זיין מוזע, ווי מיר האָבן געזען, קאָנקורירט, ערשטנס, „גייסטער"; צווייטנס, לעבעדיקע פאָלקסמענטשן; דריטנס, קליינע קינדער. דאָס ביסל צייט, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן זיין דיכטונג, איז געווען די צייט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון אַנדערע מענטשן, די צייט, ווען ער איז געווען מיט זיך אַליין. זיינע דערציילונגען און אפילו זיינע דראַמאַטישע סצענעס זיינען, אין תוך גענומען, מאָנאָלאָגן — דאָס רוב לירישע. און אויב זיין ביאָגראַפיע איז, ווי געזאָגט, דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זיינע ליטעראַרישע ווערק, זיינען זיי פון זייער זייט איר קינסטלערישער המשך.

— 3 —

א פּאָר פון זיינע סאַמע ערשטע זאַכן („צו דער זון" און „אין שטאָט", 1907; „פון לאַנד שווינדזוכט", 1908) האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט, ווייסן מיר, אַז זיי זיינען געשריבן אין אַ ליריש־פּאַטעטישן טאָן, ווי ווען זיי זאָלן זיין לידער אין פּראָזע. דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן דעם גרעסטן טייל פון די דרייצן סקיצן, ווי אויך וועגן דער „סצענע" („שבתי מוח"), וואָס ער האָט אריינגענומען אין זיין ערשטן בוך: „נאָוועלן" (וואַרשע, 1922) — דעם סך־הכל פון זיינע ערשטע אַנדערטהאַלבן צענדליג יאָר ליטעראַריש שאַפן.

אַזעלכע זאַכן, ווי „אַ למדן", „פון חדר" אָדער „חיים שוסטער" האָבן אין פלוג אַ רעאַליסטיש־עפּישן נוסח. אָבער אין זיי אפילו איז דאָ עפּעס פון שלמה גילבערטס טיפן דראַנג בייצוקומען די רויע ווירקלעכקייט אָדער זי צו דערהויבן.

אין „אַ למדן" זעען מיר לייבלס הייסן ווונטש צו באַפרייען זיך און זיין פאַמיליע פון דער פּראָסטקייט און פּאַרגרעבטקייט, וואָס האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין זייער לעבן, אין זייער סביבה, — איינצוקויפן זיך אין אַביסל יחוס און חתונה צו האָבן מיט אַ בעל־הביתישער טאָכטער...

לייבל דער פערד־יונג וויל אויסאיידלען זיין פאָטער. דער שוסטער חיים (אין „חיים שוסטער") וואָלט זיין יינגל משהלען געוואָלט מאַכן פאַר אַ לייט, פאַר „אַ גוטן לערנער". ניט דעם פערד־יונג, ניט

דעם שוסטער געלינגט צו דערגרייכן זייער ציל, אָבער ביידע האָבן זיי פּינע, איידעלע כוונות, ביידע פילן זיי אין זיך עפּעס, וואָס איז ענלעך דעריצו, וואָס שלמה גילבערט אליין האָט געפילט אַ וואָך פאַר פּסח, ווען ער איז געווען אַ חדר־ייִנגל: „... ס׳איז וואַרעם, ברייט, הויך!", דערציילט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפישן „פון חדר". „מיין קינדיש הערצל האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, די אויגן זיינען מיט פרייד פאַרגאָסן געוואָרן, און די יונגע פּיסלעך האָבן זיך אַ הויב געטאָן. מיט אַ פרייד־לעך פאַרריסענעם קאָפּ האָב איך אָנגעהויבן איבערן הויף אַרומשפּרינ־גען. מיר האָט זיך געדאַכט — אָט, אָט טו איך אַ פלי אַוועק און ווער פאַרפאַלן צווישן די ברייטע וואַרעמע זומער־הימלען!"

אַלע פאַרשוינען, וואָס שלמה גילבערט דערציילט אונז וועגן זיי, האָבן רגעס אָדער גאַנצע טעג אין זייער לעבן, ווען זיי חלומען וועגן „טון אַ פלי אַוועק" פון ענגען, גרויען, קאַלטן, בייזן און ביטערן לעבן — און „פאַרפאַלן ווערן צווישן די ברייטע וואַרעמע זומער־הימלען".

אָט איז פּיעטרעק. ער איז, דאַכט זיך, אַ פּראָסטער דאָרפסמענטש. אָבער ניט אין שלמה גילבערטס אויגן. ביי אים אין די אויגן איז פּיעט־רעק אַ פּאָעט, אַ קינסטלער, אַזוי ווי ער, שלמה, אַליין איז געווען... פּיעטרעק „זיפּצט אָפּ און נעמט דאָס פייפל צום מויל... צום ערשט שפּילט ער ניט דרייסט, ווי ער וואָלט ניט געוואַגט צו שפּילן פאַרן בלוי־אָפענעם הימל, פאַר דער ליכטיקער שטילקייט. צום ערשט ציט ער טענער, פּראָסטע, שמייכלענדיקע. באַלד גיסן זיי זיך קלאָרע, ווי זילבער־שטראָמען אין אַרומיקן טייכל, און אָט פלעכטן זיי זיך טיפע, קלאַנגענדיקע, ווי גאָלד־פאַרבן"...

אַ נשמה־קרובהשאַפט מיט פּיעטרעקן האָט קאַוואַרעק (אין דער דערציילונג, וואָס טראָגט זיין נאָמען). דער מעדיום פון פּיעטרעקס קינסטלערשאַפט איז זיין פייפל. קאַוואַרעק דאַרף אינגאַנצן ניט קיין שפּיל־כלי. זיין עצם לעבן איז שפּיל אָדער קונסט, אָדער פּאָעזיע, — רופט עס ווי איר ווילט. ער איז אַ לעבנס־קינסטלער, ער איז אַ שטיק... שלמה גילבערט. ער לעבט אָבער נאָר זומער, ווען די נאַטור אַרום אים לעבט. „גאַנצן ווינטער גייט קאַוואַרעק ניט אין ערגעץ. ער איז פויל"... זיין צייט איז, אַזוי ווי די צייט פון פייגלען, פון בלומען,

פון וואלד און פעלד — זומער. „זומער לעבט קאנארעק אויף. ער **האָדעוועט און פאנגט טויבן. ער איז גאנצע טעג אין גערטנער, אויף פעלדער, אין וועלדער".** ער קען שיחת עופות, אזוי ווי שלמה המלך. ער רעדט זיך אויף מיט פויגלען, ער וויים ווי זיך צו באגיין מיט פיש אין טייך, ווי צו געווינען זייער צוטרוי. „איין מאָל, דערציילט ער, האָט ער נאָכגעזוכט א מין פויגל. ער איז געגאנגען אין גרויסן וואלד אריין. ער איז טיף אריין אין וואלד. די גאנצע לופט איז פול דורכ־געוועבט מיט פויגל־געסוויטשעריי און געפייפעריי, נאָר דעם פויגל הערט ער ניט. ער וויים אָבער, אז אין דעם וואלד דארף ער זיך גע־פינען. הויבט ער אָן פייפן, ווי דער פויגל, שטעלט אויף די נעץ און פארשטעקט זיך אין די געדיכטענישן. דער פויגל ענטפערט. דער פויגל פליט שוין אַרום אים, זוכט און ענטפערט, זוכט און ענטפערט"...

איז דען א וואונדער, וואָס קאנארעק האָט ליב זומער? איז עס דאָך די צייט, ווען ער קען ליגן אויפן ברוינעם וואלד־באָדן, ווו דאָ און דאָרטן לייכטן גאָלד־זוניקע פלעקן, און זיין זים פארזונקען אין איין געדאנק: „ווי גרויס און שטארק און שיין איז דער וואלד!" **וואָס** איז דער חידוש, וואָס „איבערן זומער פארקעמט ער זיך א שיינעם קאָפּ האָר און אין זיינע בלויע אויגן שפיגלט זיך דער הימל"? אז זיינס איז זומער, דער הימל און דאָס פעלד, און דער וואלד און דער טייך, און אַלץ וואָס ווידמעט זיך אין זיי! אויב ער איז ניט דער פּאָעט, איז ער די פּאָעזיע פון דער נאטור און דעם נאטור־מענטשן. אזוי ווי פיעט־רעקן און שלמה גילבערטן אליין, איז קאנארעקן פרעמד די פּראָזע פון דער וועלט.

און ניט נאָר זיי, אויך אַנדערע געשטאלטן, וואָס גילבערט האָט געשאפן, זיינען נעענטער צו פּאָעזיע, ווי צו פּראָזע, כאָטש פון אויבן אויף איז זייער לעבן און זייער לשון אזוי פּראָזאאיש.

אָט איז פייגל (אין „יששכר און זבולון"). זי איז א פּראָסטע פאר־האָרעוועטע יידענע, אזוי ווי לייבל איז א גראָבער פערד־יונג און חיים — א ייד פון שוסטער־גאַס. אזוי ווי זיי (און אזוי ווי אַלע פארשווינען גילבערטס) בענקט זי נאָך דערהויבנקייט. די דאָזיקע בענקשאפט אירע שטילט איר מאן ר׳ חאָטל. ער שטילט זי דערמיט, וואָס ער זיצט

אַ גאַנצן טאָג אין בית־מדרש. זי שעצט זיך גליקלעך, וואָס ער איז „אַ שיינער ייד". אַז ער וויל צוהעלפן זיין אשת חיל אויפן מארק, קאָזט זי אים ניט. „ער זאָל גיין אַרבעטן?" זאָגט זי אירע טעכטער. „וואָס איז ער דען, אַ פּראָסטער יונג?" אויב זי איז אַליין אַ פּראָסטע, וויל זי כאָטש האָבן אַ מאַן, וואָס איז ניט קיין פּראָסטער יונג.

כמעט אין יעדער פון זיינע דערציילונגען, וואָס זיינען אַריין אין „גאָװעלן", איז פאַראַן עמעצער, וואָס איז ניט פּראָסט, עמעצער, וואָס איז ניט אַזוי ווי אַלע אַרום אים זיינען.

אין „אַ ליגנער" איז עס לייבל פון לאָמפּן־פאַבריק. ער איז דער היפּוך פון הערשלען, וואָס „עסט ווייניק און זאָמלט געלט". לייבל לעבט אין אַ וועלט פון חלומות און וויזיעס. לייבל שילדערט פאַר הערשלען זיינע פאַנטאַזיעס, אַזוי ווי זיי זאָלן זיין ווירקלעכקייטן. לייבל דערציילט אים, ווי ער האָט געזען די זון אויפגיין איבערן ים („...ווייט גייט אויף אויפן הימל אַ קלאָרע גאָלד־ליכטיקייט, און באַלד דערנאָך הויבט זיך אויף פון ים אַ רויט־קיילעכדיקער פלאַם"...), ווי ער איז געווען אין מדבר („...פון אַרום הערט זיך בילן. אַ ווילד געבילעריי, ווי אַ קלאָגן, ווי אַ פאַרפאַלן מענטשן־געוויין. און דער הימל איז ווייט און גרינלעך־ליכטיק, אַ מדבר־הימל"). הערשל ווערט אין אָנהויב פאַרכאַפּט פון זיין חברס מעשיות. באַלד אָבער ניכטערט ער זיך אויס און לאַכט: „ביסט אַ משוגענער און אַ ליגנער! דו האָסט מיר אַליין געהאַט דערציילט, אַז דו ביסט נאָך אין ערגעץ ניט געווען!" הערשל קען זיך ניט פאַרשטעלן, אַז מען זאָל קענען מאָלן ערטער, וווּ מען איז ניט געווען, האַלט ער זיין חבר פאַר אַ ליגנער. הערשל ווייסט ניט — פון וואַנען זאָל ער וויסן? — אַז לייבל איז ניט קיין ליגנער, נאָר אַ פּאָעט.

לייבל איז אַ פּאָעט און דודל (אין „הערשל מיט זיין יינגל") איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ מאָלער, אַ קינסטלער. זיין אָרעמער און קראַנקער פאָטער ווייסט עס — און דאָס איז זיין גאַנצער חיות. ביי־נאַכט, ווען ער זעט זיין יינגל אַ שלאָפנדיקן („צווישן שמאַטעס האָט געלויכטן אַ בלייך פּנימל מיט אַ שיינעם קאָפּ האָר"), לייגט ער אַרויף די האַנט צו זיך אויפן האַרצן און רעדט האַסטיק און פאַרשטיקט:

„איך שווער דיר ביי מיין קראנקן האַרץ, — דיך וועל איך ניט לאָזן אַזוי!" זיין זון וועט ווערן, וואָס ער, דער טאַטע, האָט געוואָלט ווערן און איז ניט געוואָרן — אַ קינסטלער. אויב ער אַליין קען ניט דער־גרייכן קיין הויכן ציל, זאָל אים זיין זון דערגרייכן. ער וויל דערהויבן ווערן דורך זיין זון, אויב אים אַליין איז עס ניט באַשערט.

און די דערציילונגען, וואָס וועגן זיי האָבן מיר ביז אַהער גערעדט, זיינען ניט קיין אויסנאַם. שיער ניט אין יעדער פון אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען געבליבן פון שלמה גילבערטן, איז פאַראַן עמעצער, וואָס וויל זיך אַליין אויפהויבן אויף אַ העכערער מדרגה, אָדער, ווינציגסטנס, העלפן אַן אַנדערן זיך אויפהויבן.

ווערן העכער, געהויבענער — דאָס איז שלמה גילבערטס חלום. דער שיין פון אָט דעם חלום איז אויסגעגאָסן איבער אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן . . . איז דער תוך דערפון ראָמאַנטיש און פּאָעטיש אפילו דאַן, ווען דער טאָן איז רעאַליסטיש.

דודל (אין דער דערציילונג אונטער דעם זעלביקן נאָמען) געפינט זיך אין קיך, וווּ עס שלאָפט אַ האַלב־אָפּגעדעקטע די דינסט, אָבער ניט קיין געוויינטלעך דינסט־מיידל זעט ער פאַר זיך, נאָר — פּערעלען, „דאָס הייליק־ווייסע פּערעלע פון זיינע קינדער־יאָרן" . . . „ער ציט זיך צום בעטל, ווי צו אַ פאַרגעסענעם חלום, און זיינע ליפּן מורמלען: „פּערעלע! פּערעלע;" . . . ער ליגט אויף דער קאַנאַפּע, ער זעט זיין מאַמען אַרומגיין איבערן חדר, זיין טאַטע איז צוריק געקומען פון דאַוונען, אָבער — „די גאַנצע שטוב און זיינע עלטערן זיינען פון אים אַזוי ווייט, אַזוי ווייט!"

זיי זיינען אַזוי ווייט פון דודלען, און דאָך באַשרייבט גילבערט די שטוב מיט אירע אַלע איינצלהייטן. ער דערנענטערט זיי צו אונז, כדי מיר זאָלן זען, ווי „ווייט" זיי זיינען. יאָ, ער מאָלט נאָענטקייטן צוליב דער פּערספּעקטיוו פון ווייטקייט . . .

„ער האָט געהייסן הערשל", הויבט זיך אָן איינע פון זיינע „נאָ־וועלן", „מענטשן האָבן אים גערופן „דער טונקעלער" . . . און ניט נאָר אין דער דערציילונג איז פאַראַן אַ טונקעלער. וואָס שלמה גילבערט

זאָל אונז ניט האָבן דערציילט, האָט ער אונז דערציילט עפּעס טונקלס וועגן איינעם אַ טונקעלן . . . „דער טונקעלער" פון דער דערציילונג, וואָס טראָגט דעם דאָזיקן נאָמען, איז שלמה גילבערט אַליין, דער טונקעלער איז, אַזוי ווי שלמה אַליין, געווען אַ זאָגער און אַ שרייבער. ווי אַ שרייבער כאַראַקטעריזירט ער זיך אַליין דורך אַן ענטפער, וואָס ער גיט אַ צייטונגס־רעדאַקטאָר. יענער האָט ניט אָנגענומען זיין מאַנוס־קריפּט, ווייל „ס'איז צו אמת, ס'איז ניט אינטערעסאַנט". „וואָס קען זיין מער אינטערעסאַנט, האָט ער אים געענטפערט, ווי דער אמת?" אָבער זיין אמת איז ניט דער אמת פונם איינפאַך־נאַטוראַליסטישן מין. דאָס זעט מען פון זיין מגידות, ווי שלמה גילבערט באַשרייבט זי: „...ער (הערשל) שלעפּט אַראָפּ דעם הימל צו דער ערד און פירט צו־זאַמען מענטשן מיט מלאכים און מיט גאָט... אַלע פּנימער און אַלע הערצער קוקן אַרויף צו הערשלען"... די דערציילונג לאָזט זיך אויס מיט אָט די טיפּיש־גילבערטישע שורות: „אַמאָל ווערט הערשל פאַר־פאַלן אויף אַ צייט. ער פאַרדינגט זיך ביי אַ דאָרפס בעל־הבית צו לערנען מיט זיינע קינדער. אין די ליידיקע צייטן זיצט ער אַליין אויפן פעלד ביי אַ שטיל־שורשנדיקע טייכל. ער צעשפּרייט זיינע הענט און בעט: „גרויסער גאָט פון שטילקייט און אייביקייט, פון פעלד און וואַלד! זאָל ווערן פאַרברענט די זינדיקע שטאָט!"

פון העלער הויט ווערט דער העלד פון אָט דער העכסט רעאַליס־טישער דערציילונג אַ נביא...

אַזוי ווי הערשל פירט צוזאַמען מענטשן מיט מלאכים און מיט גאָט, פירט שלמה גילבערט, הערשלס אַלטער עגאָ, צוזאַמען טאָג־טעג־לעכע עפּיזאָדן מיט נביאות: נביאישע רייד זיינען פאַר אים אַ טאָג־טעגלעכע זאַך.

פונקט אַזוי איז זיין טאָג־טעגלעכקייט, זיין וואָך ניט וואָכעדיק... זיינער אַ הונט אפילו וויל ניט זיין אַזוי וואָכעדיק הינטיש, ווי געוויינט־לעכע הינט זיינען: לייענט „הונגער" (אַ מאָנאָלאָג פון אַ הונט). הייַנט ווער רעדט נאָך אַ מענטש — אַ שטייגער אַזאַ, ווי דער כלי־זמר „נפתליכל אויער" (אין דער דערציילונג אונטער דעם זעלביקן נאָמען) — איז ביי שלמה גילבערטן זיכער ניט קיין געוויינטלעכער כלי־זמר...

„נפתליכל קוקט איבערן וואַלד, און עס פּאַלט אים איין אַ געדאַנק: אַזוי פיל בוימער שטייען, און אַז איך וועל שפּילן, וועלן זיי דאָך הערן. מענטשן ריידן, און זיי הערן גוט!" שפּילט ער פאַר די בוימער: „צום ערשטן הערן זיך בלאָנדזשענדיקע טענער: וואָס זאָל איך שפּילן פאַר דעם גרויסן וואַלד? ער ציט לאַנגע טיפע טענער, ער שפּילט פון אַ גרויסן ליכטיקן הימל, פון אַ ליכטיקער שטילקייט, פון אַן אייביקן וואַלד"... אַזוי ווי דער פידל־שפּילער אין דער פּאָעמע „צו דער זון", אַזוי ווי פּיעטרעק, אַזוי ווי קאָנאַרעק, אַזוי ווי די העלדן פון אַנדערע גילבערטס דערציילונגען אָדער פּאָעמעס, אַזוי ווי ער אַליין — לעבט נפתליכל אויער אין אַ וועלט, וואָס איז ניט פון דער וועלט.

אַ וועלט, וואָס איז ניט פון דער וועלט — דאָס איז די וועלט פון שלמה גילבערט און פון די אַנדערטהאַלבן צענדליגג סקיצן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין משך פון די ערשטע אַנדערטהאַלבן צענדליגג יאָר פון זיין ליטעראַרישער אַקטיוויקייט. ערשט איצט, ווען איך האָב זיי נאָך אַמאָל געלייענט, האָט איך תופס געווען די גאַנצקייט פון אָט דער וועלט. כ'האָב זי ניט דערשפּירט, ווען זיי זיינען צום ערשטן מאָל אַרויס פון דרוק אין בוכפאָרם (אונטער דעם נאָמען „נאָוועלן") מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. איך האָב אָבער דאַן שוין געוווסט, ווי צו שעצן די אייגנאַרטיקייט פון שלמה גילבערטס קינסטלערישן איך. מיך האָט דאַן שוין פאַראינטערעסירט זיין סטיל בכלל און זיין אופן מאָלן די נאַטור בפרט. איך האָב ציטירט:

„...אַלע אין דער פרי, ווען פון די ווייטע פעלדער הויבט זיך אויף אַ זון, אַ ברייטע, פריש־רויטע זון, און שווענקט אַרויף קלאָרע גאָלד־פאַליעס אויפן שטילן נאַכט־הימל, באַווייזט זיך אין דאָרף פּיעטרעק מיט זיינע צוויי קי" („פּיעטרעק"). „...צי האָסטו אַרומגעבלאָנדזשעט אויף ברייטע גרין־ליכטיקע פעלדער? צי ביסטו געלאָפן אויף הויכע ווייסע זאַמד־בערג? צי ביסטו געזעסן ביים קילן טייכל און דאָס וואַסער אונטן איז שטיל געגאַנגען און געגאָסן, און פישעלעך זיינען פאַרביי געשווומען און אַרויסגעקוקט אויף (צו?) דיר מיט זייערע קיילעכיקע אייגעלעך? ווייט אויפן הימל שטייט דער גרויסער זון־מלך און אַרום — אַ סוויטע וואָלקנס, געצירט מיט גאָלד, און ס'איז דאָרט אַזוי פייער־

לעך שטיל, ווי פאַר אַ גרויס געשעעניש. פּלוצלונג פאַלט דער מלך אראָפּ פון הימל און ווערט פאַרשוווּנדן — און אַלץ ווערט אויסגעלאָשן" („אַ ליגנער"). „...קאַנאַרעקס פּנים לויכט פאַרשפּילט, און אין זיינע בלויע אויגן בלאַנקט דער הימל"... „...קאַנאַרעק גייט (אין וואַלד) מיט איינ־געהאַלטענע טריט. די ניט־גוטע שוואָמען וואַקסן אומעטום. זיי שטייען חוצפּהדיק הויך און שרייען מיט זייערע פלאַמיקע פאַרבן — געלע, רויטע. די גוטע — זיינען וויניק, באַהאַלטן זיך עניוותדיק און קוקן קוים אַרויס" („קאַנאַרעק"). געבראַכט די עטלעכע שטעלן, האָב איך געשריבן*): „דאָס זיינען ניט קיין איבעראַשנדיקע שורות. אין איניקע פון זיי איז דאָ אַ ריח פון מליצה. אָבער ווען מען זאָל זיי פאָרלייענען פאַר אונז און פרעגן „ווער האָט עס געשריבן?" — וועלן מיר ענטפערן: דאָס האָט געמוזט שרייבן אַ מענטש, וואָס זיין פען איז ניט קיין שטיקל שטאָל, איינגעטונקט אין טינט, נאָר אַ לעבעדיק מויל, באַוועגט צו ריידן, אַ מענטש מיט אַן אויג, וואָס זעט, מיט אַ געדאַנק, וואָס איז פריש. עס וועט זיך אויפוועקן אין אונז אַ פאַרלאַנג צו לייענען נאָך עפּעס פון דעם שרייבער. עס מוז דאָך שלאָגן אַ קוואַל, ווו עס ווייזן זיך לעבעדיקע, פרישע טראָפּנס". דעם קוואַל האָב איך נאָך ניט געהאַט געפונען. ס'איז מיר אָבער געווען קלאָר, אַז עס איז דאָ „פרישקייט אין דער לופט, פון צייט צו צייט ווייזט זיך אַ פייכקייט אויף דעם אויבערפלאַך, מען קען הערן אַפילו דאָס שטילע מורמלען פון אונטערערדישע וואַסערלעך, אָבער דער שטראָם האָט קיין כוח ניט אַרויסצושפּאַרן, אויפצולייכטן: ער בלייבט פאַרבאָרגן"... פאַרבאָרגן פון מיר איז געווען נאָך אויך די איינהייטלעכקייט פון גילבערטס סטיל. „אין גילבערטס סטיל־מאַטעריאַל (קיין סטיל איז נאָך ביי אים אַלץ ניטאָ, האָט זיך מיר געדאַכט) — זיינען דאָ צוויי פאַרשיידענע עלעמענטן: אַ רעאַליסטישער און אַ ראָמאַנטישער. בלויע פעדעם ראָמאַנטיק וועבן זיך פּלוצלונג אַריין אין דעם גרויען געוועב פון דער אַלטעגלעכקייט. וואָלט דאָס ניט אויסגעמאַכט. פאַרקערט, דאָס וואָלט געווען אַ מעלה. אָבער — גילבערט לאָזט ניט אויסלעבן זיך אינגאַנצן ניט דעם רעאַליזם ניט דער ראָמאַנטישער פאַנטאַזיע, ער לאָזט זיי אויך ניט אויפגיסן זיך אינאיינעם... ער באַשרייבט פאַרשיידענע, אָפּט

*) „נייע דערציילונגען", די צוקונפט, אויגוסט, 1922.

ריין אויסערלעכע, פרטים פון מענטשן און לאַנדשאַפטן, און מיר ווייסן ניט צוליב וואָס ער טוט עס. וואָס קומט אונז אַרויס, אַ שטייגער, דערפון, וואָס מיר דערוויסן זיך, אַז 'פּיעטרעק גייט אין אַ וואַטענער קורטקע' און אַז הערשל איז סיי ווינטער, סיי זומער געגאַנגען 'אין אַ קורצער מאַרינאַרקע'? דער שרייבער קערט זיך ניט אום צו די איינצלהייטן. ער פאַרגעסט — און אויך מיר פאַרגעסן אָן זיי; באַשרייבט ער זיי נאָר צוליב דער קונסט פון באַשרייבונג? גיכער איז עס אַ נאָכשלעפּעניש פונם נאַטוראַליסטישן שאַבלאָן. אָבער גילבערט איז ניט קיין נאַטוראַליסט. ער זוכט די נשמה, דאָס ליכט פון זאַכן. אָפט כישופט ער אַרויס אַ פאַרבאָרגענעם שטראַל. מער ניט, ער לאָזט אים ניט לויכטן לאַנג. ער גיט אַ בליאַסק, ווי אַ בליץ, און אויס — פאַרלאָשן. עס איז אָן אָפּגעריסנקייט, אַ צעריסנקייט, האָב איך ווייטער געטענהט, אין דעם אויסדרוק, ניט נאָר אין דעם שטאָף פון גילבערטס זאַכן. עס איז אַזוי ווי ווען אין אים אַליין זאָל ניט זיין נאָך קיין קראַפט פונאַנדערצובלאָזן די פונקען אין אַ פלאַם. זיינע אַלע זאַכן זיינען האַלבערינערונגען, האַלב־ליריק. אָבער זיי זיינען ניט דערערדט, האָבן זיי אין זיך דעם חן פון ניט דערערדטקייט. דאָך זיינען עס ניט מער ווי פראַגמענטן — שטיקער פון אַ ניט אויפגעשריבענער אויטאָביאָגראַפיע".

אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט מיט דריי צענדלינג יאָר צוריק. איצט זע איך איין, אַז מיינע טענות זיינען געווען אַ היפּש ביסל מגוזמדיק. שלמה גילבערט האָט זיין לירישע „אויטאָביאָגראַפיע" אויפגעשריבן. זי געפינט זיך אין זיינע סקיצן און דערציילונגען. זייערע פּאַרשוינען זיינען אין איין זייער וויכטיקן פּרט ענלעך צו דעם, וואָס האָט זיי געשריבן: זיי געהערן כמעט אַלע, אַזוי ווי ער אַליין, צו דעם מין ניט קיין געוויינטלעכע מענטשן.. מעגן זיי זיין ווי אַנדערש פון שלמה גילבערטן לויט דער סביבה, פון וועלכער זיי שטאַמען, לויט זייער באַשעפטיקונג, לויט די אָדער יענע אייגנשאַפטן פון זייער כאַראַקטער — איין פונדאַמענטאַלן כאַראַקטער־שטריך האָבן זיי מיט אים בשותפות, — און דאָס איז: אויסטערלישקייט. אַזוי ווי ווען זיי זאָלן אַלע זיך האָבן צוגעהערט, ווי גאָט האָט געזאָגט צו שבתין (אין „שבתי מוח"): „איך האָב געשאַפן טויזנט אָקסן, טויזנט שעפּסן, טויזנט קעל־

בער מיט איין פּנים, און (אָבער) יעדן מענטשן באַזונדער האָב איך געגעבן זיין פּנים, זיין האַרץ, זיין נשמה!".

און דאָס איז ריכטיק אויך וועגן די העלדן פון יענע זאַכן זיינע, וואָס זיינען אין דעם ערשטן בוך זיינעם, אין דעם בוך „נאָוועלן", ניט אַריין און וואָס איצט ערשט ווערן זיי צום ערשטן מאָל אויפגע־זאַמלט און אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם.

ווען האָט ער געשריבן די דאָזיקע אַלע זאַכן?

אַ טייל פון זיי — אפשר נאָך איידער ער האָט (אין 1922) אַרויס־געגעבן זיין בוך „נאָוועלן". אַנדערע שטאַמען זיכער פון שפּעטער־דיקע יאָרן. אַקוראַט פון וועלכע יאָרן — איז אונדז שווער צו דערגיין. צום גרעסטן טייל האָבן מיר זיי גענומען פון „פאָרווערטס", ווו זיי זיינען געדרוקט (אָדער איבערגעדרוקט) געוואָרן אין די דרייסיקער יאָרן. אָבער אַ סך פון זיי זיינען זיכער פאַרעפנטלעכט געוואָרן פריער אין דער יידישער פּרעסע פון פּוילן.*) אַזוי צי אַזוי — זיינען זיי, לויט זייער כאַראַקטער, ניט אַנדערש פון די זאַכן, וואָס ער האָט אויפ־געזאַמלט אינעם בוך „נאָוועלן". אַזוי ווי יענע, זיינען זיי אויך ס'רוב קורץ, באַנוגנדיק זיך מיט דערציילן אַן איינציקן עפּיזאָד אָדער מיט אימפּרעסיאָניסטיש אויסמאָלן דעם פּאָרטרעט פון איין מענטשן. אַזוי ווי אין די פריערדיקע דערציילונגען, צייכענען זיך אויך אין זיי אויס די פּערזאָנען און די פּאַסירונגען מיט עפּעס אַן אומגעריכטקייט, — אויב ניט אַן אינעווייניקסטער, איז אַ דרויסנדיקער. אַשטייגער, טוביהלע (אין דער דערציילונג „אַ ליבע") איז ער דען אַ געוויינטלעכער אָדער אַ נאָרמאַלער מענטש? ער גראָבט אויס פון קבר דאָס מיידל, וואָס איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט און וואָס ער גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך איר — און וואָס טוט ער? ער קוקט אויף איר קערפּער, ווי ווען זי זאָל לעבן. טוט עס אַ קלאָרער מענטש?

---

*) „מ'קריגט היינט דאָ (אין וואַרשע) פאַר אַ נאָוועלע זייער ווייניק — דרייסיק זלאָטעס", האָט ער געשריבן צו זיין דעטרויטער ברודער פּנחסן אין אַ בריוו, דאַטירט 25־טן נאָוועמבער, 1931.

די פֿאַרשווינען פֿון אַנדערע דערציילונגען זיינען ניט אַזוי משוגע, אָבער קיין גלאַטע מענטשן זיינען זיי ניט. יוחנן (פֿון דער דערציילונג אונטער דעם זעלבן נאָמען) פּירט זיך זיכער ניט אויף אַזוי, ווי גע־ווײַנטלעכע געשעפֿטס־לייט: ער נאַרט קיינמאָל ניט די קונדן, און קיינער, אַפֿילו דער רב פֿון שטעטל, פֿאַרשטייט ניט, ווי אַזוי יוחנן קען פֿאַרגעסן, אַז ער דאַרף מפֿרנס זיין ווייב און קינדער. ווייטער, אַריהלע, אַזוי ווי הערשל, דער טונקעלער, אַזוי ווי שבתי מוח — שפּאַט אָפּ פֿון די מענטשן, ווי זיי זיינען, און שטעלט צו זיי הויכע, שיער ניט נביאישע פֿאָדערונגען. אַנדערע קענען זיך שוין אויסלעבן נאָר אין נאָענטקייט מיט דער נאַטור, ניט צווישן מענטשן, כמעט אַלע זיינען זיי, הכלל, אָדער נידעריקער אָדער העכער און געהויבענער פֿונם דורכשניטלעכן מענטשן...

וואָס שלמה גילבערטן איז פֿרעמד — דאָס איז: די גרויע דורכ־שניטלעכקייט.

ווייזט ער אונז ניט קיין אויסערגעוויינטלעכע פֿאַרשווינען, מאַלט ער אויס אַ סביבה אָדער אַ סיטואַציע, וואָס איז ניט קיין אָרדינערע, ווי אַשטייגער, אין די דערציילונגען: „בלימעלעך", „אַ הוליע געטאָן", „פֿאַרוואָגלטע", „אין פֿייער", „חברטעס" און אַנדערע.

זיין שאַרפֿע אייגנאַרטיקייט, זיין אויסטערלישע מאָדנעקייט פֿילט זיך אויך אין פּרטים פֿון זיין אופֿן שילדערן און כאַראַקטעריזירן זאַכן, דערהויפּט אין זיינע נאַטור־באַשרייבונגען. ניט נאָר אין די אַלגעמיינע טעמעס, מאָטיוון און כאַראַקטאָרן פֿון זיינע דערציילונגען. עס וועט זיין געגנוג צו ציטירן עטלעכע זאַצן פֿון „יוחנן" און אַנדערע דערציי־לונגען: „איר פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרשטערטער יום־טוב"... „זיין ווייב איז געווען אַ בלאַסע, אַ ווייכע, אַ שטיק טייג"... „הערשעס האָט שוין אַ גרויסע באָרד מיט אַ קיילעכדיקער פּלייצע, נאָר דאָס פּנים איז נאָך יינגליש און די בלויע אויגן בלאַנקען מיט הימל"...

— 4 —

די אויגן פֿון שלמה גילבערטן אַליין בלאַנקען מיט הימל. און נים נאָר ווען ער ווייזט אונז פֿאַרטרעטן פֿון מאָדנע מענטשן און מאָלט מאָדנע אויסטערלישע סיטואַציעס אין דער פֿאָרם פֿון סקיצן און קורצע

דער־ציילונגען. עפּעס פון הימלישן בלוי בלאַנקט אין זיינע פאַרשווינען און אין אים אַליין אויך דאָן, ווען ער פירט זיי אַרויס אויף אַ בינע און לאָזט די פּאַסירונגען זיך אָפּשפּילן פאַר אונז ווי אַ דראַמע... אָט איז די סצענע, וואָס הייסט „שבתי מוח". איז שבתי אַ געוויינטלעך גרויז מענטשל? אָ, ניין, ווינציקער ווי אַלץ פּאַסט זיך פאַר אים דער גרויער קאָליר. און עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז ניט סתם אַזוי אַ שכור אָדער גאָר אַ משוגענער. ער וואַרפט יעדן איינעם דעם אמת אין פּנים אַריין, ווי ווען עס זאָל זיין אין אים עפּעס אַ ניצוץ פון אַ פאַר־צייטיקן נביא. ער איז דער איינציקער אין שטעטל, וואָס שטייט אויף דער וואַך און זעט, אַז מען זאָל ניט באַגיין קיין עוולות קעגן מענטשן. ער איז אַן אָפּשפּאָטער און אַ שטראָפער, ער איז אויך אַ טרייסטער און אַ נקמה־נעמער. גיפט און האָניק טריפן פון זיינע ליפּן, גיפט — פאַר די, וואָס טוען אומרעכט, האָניק פון טרייסט פאַר די רעכטפאַר־טיקע, פאַר די, וואָס ליידן אומזיסט... ער איז דעם פאָלקס הייליקע אומרו, זיין געוויסן. ער שאַנעוועט ניט קיינעם, — אויך ניט דעם דער־שלאָגענעם האָרעפּאַשניק, וואָס ער גיט אים צו מוט. ער זאָגט צו אים: „איך וויים, אַז דו דערזעסט דיין בעל הבית, זלמן דעם גביר, מיטן קיילעכיק־געשווירענעם בערדל און מיט דער גאָלדענער קייט אויף דער רייכער וועסט, ווערסטו אַ דערציטערטער! אָרעמע, נידערגעשלאָגענע הינט!" ער בלייבט זיצן דעם קאָפּ אָנגעליינט אויף אַ האַנט, — עס קאָסט אים געזונט אָט דאָס זאָגן דעם ביטערן אמת... באַלד כאַפּט ער זיך אויף, נעמט אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ פלאַש בראָנפן מיט אַ גלעזל, גיסט אָן און דערלאַנגט דעם אַרבעטער: „ניט געזאָרגט, ברוד־דער!" דער אָרעמער איז זיין ברודער און ער טרייסט אים. דעם רייכן און זאַטן מאַכט ער צו שאַנד און צו שפּאָט.

דאָך איז ניטאָ קיין טענדענציעזקייט און קיין קינסטלעכקייט אין זיינע רייד. עס פילט זיך, פאַרקערט, וואַרהאַפטיקייט, נאַטירלעכקייט, לעבן אין אַלץ, וואָס ער זאָגט, אין אַלץ, וואָס ער טוט. „שבתי מוח" איז אַ קינסטלערישע געשטאַלט. ער איז הומאָר־פול און פול מיט פאַ־עטישקייט. ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, אָבער פאַר די, וואָס געדענקען די געטלעכע סאַטירע פון די נביאים, איז ער אַן אַלט־באַקאַנטע, שיער

ניט א טראַדיציאָנעלע פיגור . . . „שבתי מוח" איז איינע פון די שענ־סטע זאַכן אין אונזער סאָציאַל־קינסטלערישער ליטעראַטור.

נאָך דער סצענע „שבתי מוח" האָט שלמה גילבערט פאַרעפנט־לעכט (אין צוקונפט, 1922) א דראַמע אין דריי אַקטן — „משיחס טריט". מיט צוויי יאָר פריער איז זי (דורך א. ל. יאַקובאָוויטש) אי־בערגעזעצט געוואָרן פון מאַנוסקריפּט אויף העברעאיש אונטערן נאָמען „גלות" און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „התקופה" (ניסן—סיון, תר"פּ, וואַרשע). דער העברעאישער טעקסט איז א היפּש ביסל אַנדערש, ווי דער נוסח, וואָס איז מיט צוויי יאָר שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צוקונפט. אויך דער יידישער טעקסט, ווען ער איז אַרויס אין בוכפאָרם („קולטור־ליגע", וואַרשע, 1924) איז שטעלנוויז געענדערט. אזוי ווי אָבער מיר זיינען ניט זיכער, אַז די ענדערונגען זיינען אַלע גע־קומען פונם מחבר אליין און ניט פונם פאַרלאַג, האָבן מיר פאַר דער איצטיקער אויסגאַבע גענוצט די ווערסיע, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין צוקונפט, דעצעמבער, 1922.

דער שרייבער פון די שורות האָט אין „משיחס טריט" — איינעם פון די צוויי דריי־אַקטיקע טעאַטערשטיק, וואָס שלמה גילבערט האָט אָנגעשריבן — געפונען אזוי ווי אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס ער האָט געשטעלט צום סוף פון זיין רעצענזיע אויף גילבערטס בוך „נאָוועלן", וואָס האָט, אגב, אריינגענומען אין זיך אויך די „סצענע" „שבתי מוח". „מיט זיין „שבתי מוח", האָב איך געענדיקט יענע רע־צענזיע, האָט גילבערט געוויזן, אַז ער קען זיין רייף; פאַרוואָס איז ער אין דעם גרעסטן טייל פון די איבעריקע זאַכן זיינע נאָך אַלץ סקיצנ־האַפטיק, אַנווינקנדיק, שטאַמלעריש? ווען וועט ער אָנהויבן ריידן מיט א פולן מויל? מיר דוכט, אַז ער האָט אונז וואָס צו זאָגן".*) אין „משיחס טריט" איז שלמה גילבערט ניט געווען מער אזוי שטאַמלע־ריש, ווי ער איז געווען אין א טייל פון זיינע סקיצן; ער האָט אָנגע־הויבן ריידן, ווי אין „שבתי מוח", מיטן פולן מויל.

---

*) די צוקונפט, ניו־יאָרק, אויגוסט, 1922.

דער שטאָף פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע, ווי „משיחס טריט" הייסט אין דער העברעאישער איבערזעצונג, איז גענומען פון דעם ערשטן וועלט־קריג. די דראַמאַטיס פּערסאָנע זיינען סאָלדאַטן, קעמ־פּענדיקע און געפאַלענע, פאַרוואונדעטע, אויך אַנדערע קרבנות פון קריג אָדער פון שנאה צו יידן, — צווישן זיי געשענדעטע פרויען און סתם אַזוי עלנטע און היימלאָזע. די צענטראַלע פיגור איז דער אומ־באַקאַנטער,*) — ער איז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון הערשל (אין „דער טונקעלער") און שבתי מוח... דער אומבאַקאַנטער שטראָפט — און טרייסט, טרויערט — און וועקט האָפענונג און גלויבן, אַזוי ווי שבתי מוח. אַזוי ווי יענער, האָט ער אין דעם טאָן פון זיין ריידן עפּעס נביאישס: „יידן", הערן מיר זיין עקסטאַטישע שטים שוין אין פּראָלאָג, — „יידן, עס קומט די גרויסע צייט, וואָס אונזערע נביאים האָבן געזען. דער נביא האָט געפרעגט: גאָט, ווי לאַנג וועלן מיר זיין בלינד און טויב? און גאָט האָט געענטפערט: ביז די וועלט וועט ווערן חרוב און די שטעט וועלן בלייבן לער אאז"ו, אאז"וו." אין די בלו־טיקע קריגס־געשעענישן זעט דער אומבאַקאַנטער די חבלי משיח, — און ער זאָגט אָן משיחס טריט... „יידן!" שרייט ער אויס אין דריטן אַקט ביים שלום פון דער דראַמע, — „יידן! אַזוי ווי עס איז מקוים געוואָרן דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס די נביאים האָבן אויף אייך געזען, אַזוי וועט אויך מקוים ווערן דאָס גאַנצע גוטס, וואָס זיי האָבן אויף אייך געזען! איר גייט פון אָנהויב פון אַלע דורות, איר זייט דורכגע־גאַנגען אַלע פייערן — און איר לעבט! אייערע טריט ציען זיך פון דער אייביקייט און גייען אין דער אייביקייט!".

כמעט די גאַנצע ליטעראַטור נאָכן ערשטן וועלט־קריג — און ניט נאָר די יידישע ליטעראַטור — איז געווען דעפּיטיסטיש. מיט דעם אויסנאָם פון די, וואָס האָבן געהאַט אַ פּאָליטישע פּראָגראַם, דאָס רוב אַ לינקע, — האָבן שרייבערס ניט געהאַט מער קיין אילוזיעס, ניט גע־וועקט קיין האָפענונגען. שלמה גילבערט האָט געהערט צו דער זייער קליינער צאָל דיכטערס, וואָס האָבן ניט פאַרלוירן די אמונה...

---

*) אין דעם נוסח פון דער „קולטור־ליגע"־אויסגאַבע הייסט ער: „דער רבי", אין „התקופה" — „הרב".

דער אומבאַקאַנטער פון „משיחס טריט" איז, אַזוי ווי שבתי מוח, — שלמה גילבערט אַליין. אין „שבתי מוח" פילן מיר דערהויפּט זיין פאַרביטערטקייט בנוגע צו דער וועלט ווי זי איז, אין „משיחס טריט" — זיין גלויבן אין דער וועלט, ווי זי דאַרף זיין און ווי זי וועט זיין... די דראַמאַטישע פּאַעמע לאָזט זיך אויס מיט אַ ליכטיקער וויזיע פון אַ יונגנמאַן, אַן עפּילעפּטיקער, וואָס פאַלט אויף דער ערד, קאַרטשנדיק זיך אין קרעמפּן, מיט פאַרגלייזטע אויגן. ער רעדט שוואַך, אָבער קלאָר: „(איך זע) אויף אַ הויכן באַרג די גאָלדענע שטאָט ציון.*) אַרום — אַ רויט־פייערדיקער מויער. אין הימל — פּיל ליכטיקער פון דער זון — גאָטס נאָמען..." דער אומבאַקאַנטער הויבט אויף ביידע הענט און זאָגט הויך אין הייליקן עקסטאַז: „ועל כן נקוה לך אאז"וו ביז ביום ההוא יהיה ד' אחד ושמו אחד".

דאָס צווייטע דריי־אַקטיקע טעאַטערשפּיל, וואָס איז אונז געבליבן פון שלמה גילבערטן — „דער קעלער", — איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פריער אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", 1923, און דערנאָך אין צוקונפט, ניו־יאָרק, 1925. אין דער דאָזיקער קאָמעדיע, אין איר סטרוקטור, אויך אין אַ טייל פאַרשוינען, פילט זיך אַ געוויסע ווירקונג פון פּרצס „ביי־נאַכט אויפן אַלטן מאַרק"; דאָך איז עס איינע פון שלמה גילבערטס אייגנאַרטיקסטע ווערק. עס איז, אויב איר ווילט, אַ מין סך־הכל פון זיין גאַנצן האַלב־לירישן, האַלב־גראָטעסקנהאַפטיקן רעפּערטואַר. אין קעלער האָט ער אויפגעזאַמלט שיער ניט אַלע טשיקאַווע פאַרשוינען, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער זיינע ווערק, — און געלאָזט זיי שפּילן פאַר אונז, אונטער זיין רעזשי, זייערע טראַגי־קאָמישע ראָ־לעס. דעם גרעסטן חלק פון זיך אַליין, — פון זיין ליבע צו דער נאַטור, פון זיין טיפן אינטערעס צום פּאַלקסמענטשן און פאָלקסאידיאָם, פון זיין ווידערווילן צו זאַטער און זעלבסטצופרידענער רייכקייט, און איר ליידיקגייערישער קונסט, פון זיין טראַגישקייט און זיין קינדישקייט, זיך ניט אַרויסווייזן, פון זיין טראַגישן הומאָר און זיין ניט נתפּעל ווערן

---

*) אינם נוסח פון דער בוך־אויסגאַבע שטייט: „אויף אַ הויכן באַרג אַ גאָלדענע שטאָט"... דאָס וואָרט „ציון" פעלט.

פון אָנגענומענע פירעכצן, — האָט ער אַריינגעגעבן אין בערישן, דער הויפּט־פיגור פון דער קאָמעדיע, און אין פּייוועלען, וואָס האָט ליב צו ריידן מיט גראַמען, ווי אַ בדחן.

בעריש, דער בעל הבית פון קעלער, ווו עס קומען אַריין אַלערליי פּאַרשוינען, אַרבעטערס און ליידיקגייערס, כלומרשטע בעטלערס און כלומרשטע באַנדיטן, קינסטלערס און ליבהאָבערס פון קונסט — און יוער ניט? — בעריש, אַזוי ווי עטלעכע העלדן פון גילבערטס דערציילונגען, אַרבעט נאָר זומער, ווען ער איז אַ גערטנער... „ס'איז, זאָגט ער, ליכטיק, ס'איז וואַרעם אויף דער וועלט, און ס'הענגען איבערן קאָפּ קאַרשן, עפּל, באַרנעס", און אַז דוד, דער יונגער מאָלער, וואָס וווינט אויך אין קעלער, ווייזט אים אַ פּעיזאַזש, וואָס ער האָט אויסגעמאָלן, באַטראַכט עס בעריש און זאָגט: „כע־כע, דו ווילסט, הייסט עס, באַשאַפן אַ הימל! הער, ייִנגעלע, זומער, ווען כ'גיב אַ קוק אַרויף איז דער הימל אַזוי גרויס, אַז איך פאַרגעס, אַז איך שטיי אויף דער ערד"... שלמה גילבערט אַליין איז פון די מענטשן און פון די שרייבערס, וואָס ווען זיי פאַרקוקן זיך אויפן הימל, פאַרגעסן זיי, אַז זיי שטייען אויף דער ערד.

בעריש ווערט ניט נתפּעל פון דודס אויסגעמאָלענעם הימל, אָבער ווען יענער ענטפערט אים אויף זיין פראַגע: „וואָס טוסטו"? — „איך זוך גאָט אין זיינע ווערק", — נעמט בעריש אָן דעם ענטפער, אַזוי ווי שלמה אַליין וואָלט אים אָנגענומען.

שלמה גילבערט האָט, אַזוי ווי בעריש, געזוכט גאָט אין גאָטס ווערק, אָבער — אויך אין דעם מענטשנס קונסטווערק. להיפּוך צו בעריש איז שלמה געווען אי אַ נאַטור־מענטש, אי אַ מענטש פון קונסט. בעריש זאָגט צו דודן, דעם מאָלער: „...נעם אַ בילד און שטעל קעגן אַ קינד. דאָס בילד איז גאָרנישט; און דאָס קינד לעבט און וואַקסט פון מינוט צו מינוט. ס'וועט ווערן גרויס און האָבן קינדערלעך און אייניקלעך און אוראייניקלעך"... שלמה גילבערט האָט אַזוי ווי בעריש ליב געהאַט דאָס לעבעדיקע און וואַקסנדיקע קינד, — שלמה איז אַליין געווען און געבליבן אַ קינד, אָבער להיפּוך צו בערישן, איז

דאָס בילד, די קונסט, פֿאַר אים ניט געווען גאָרניט: ער האָט דאָס בילד געשטעלט ניט קעגן, נאָר לעבן קינד; ביידע זיינען געווען פֿאַר אים נאָטס (און דעם מענטשנס) באַשעפֿעניש. אים איז דאָס לעבעדיקע שאַפֿן געווען אַזוי נאָענט, ווי דאָס שעפֿערישע לעבן. זיין אַנדערשקייט, זיין אָריגינאַליטעט האָט זיך געפֿילט אי אין זיין פּערזענלעכער אויפֿפירונג, אי אין זיין שרייבן, — און ביידע האָבן די רשעים, די נאַציס, אַזוי אכזריותדיק איבערגעריסן אין רעכטן מיטן... אָפּגעמעקט זאָלן ווערן זייערע נעמען און זייער אָנדענק! זיין אָנדענק, ווי דער אָנדענק פֿון אַלע זיינע ברידער און חברים, די קדושים, וועט בלייבן אויף דור־דורות.

סקיצן און
דערציילונגען

צו דער זון

אין אַ וויידּ־באַלויכטענעם שטילן זומער־אָוונט איז עס געווען. דער שפּאַציר־צוג האָט זיך געשלענגלט אויף ברייטע, גרינע פעלדער, אין טיף־טונקעלע וועלדער, און געצויגן זיך צו דער שטילער פאַר־גייענדער זון.

דער לעצטער וואַגאָן איז ליידיק, אָן פּאַסאַזשירן, ציט זיך מורא'דיק לאַנג, און זיין טונקל הוילקייט שרעקט, ווי אַ ליידיקער קע־לער. ווייט אַרויף אין דער צווייטער העלפט וואַגאָן, זיינען אין אַ טונקל הייפל צונויפגעגאָסן עטלעכע יונגעלייט, מיט לאַנגע פאַרוואָר־פענע האָר, און פון זיי שפּילט איינער אויף אַ פידל.

פאַרוווּנדערטע, געצויגן פון די דינע קלאָרע טענער־שטראָמען, קומען מענטשן צו איינציקווייז און צו צווייווייז פון צווייטן וואַגאָן.

זיי באַווייזן זיך מיט רויט־שרייענדע געזיכטער, מיט רוישנדע באַוועגונגען, נאָר וואָס נעענטער זיי קומען, ווערן זיי רואיקער, שטי־לער, און די גראָבע שרייענדע רויטקייט אויף זייערע פּנים'ער לעשט זיך.

אַ ווייך, קיל ווינטל בלאָזט פון די האַלב־אָראָפּגעלאָזטע וואַגאָן־פענסטערלעך, גלעט די שטילע פאַר'חלום'טע פּנים'ער פון די מענטשן, גראָבט זיך אין די געדיכטע קעפּ האָר פון די יונגעלייט, און בלאָזט, שפּילט זיך, מיט אַ לייכט־געקרייזלטן לאָק אויפ'ן שפּילער'ס ווייסן שטערן.

— דינע טענער גיסן זיך ווי שנירלעך טרערן, כליפּען אין אַן אָפּגהאַרציק נישט־איינגעהאַלטנקייט, און פאַרגייען שוואַך, שטאַרבן אָפּ. פאַרוואָס, ווייגען, בעטן זיך נאַאיוו די טענער אַזוי פיל טרערן, בלוט, יונג־צעטראָטענע לעבנס? פאַרוואָס־ס־ס־ס?

— ס'קלאַפּן טויב־קלינגנדע טענער, העקלען זיך מיט אַ טרו־קענעם שאָרך און צעשפּרינגען זיך וואָס אַ מאָל ווילדער און בייזער.

דאַרע ביינער־סקעליעטן הויבן זיך פיל, פיל, פון דער ערד, שאָרכן, צעשאַרן זיך אין ווייסע מורא'דיקע מחנות, קלאַפּן הויל, טרוקן,

מיט זייער ווייס־בלישטשנדיק ביינער־געווער, קוקן מיט פינסטערע אויגן־לעכער און שטשירען מיט בייז־ארויסגעזעצטע, ווייסע ציין...

— דינע טענער, שטאָל־שאַרפע, שניידן, ציען; דינע טענער, קורץ־אָפּגעהאַקטע, שטעכן איינס אין אַנדער'ן אריין — אַ מלחמה רווישט אין לופטן, שווערדן שניידן, שפּיזן שטעכן.

— אַט צעגיסן זיך דיקע טענער, ברייטע, שטילע, וואָס אַ מאָל פולער, ברייטער, שטילער. ס'פליסן שטראָמען בלוט, ס'גיסן טייכן, גאַנצע ימים און עס שווענקט זיך שטיל, געדיכט, איבער דער גאַנצער ברייט פון דער ערד.

— אַט צעשפּרינגען זיך קורצע, טיף־קלינגנדע טענער, פלעכטן זיך אין אַ פריילעכן טאַנץ, און גיסן זיך אין אַ ווייכן זאַנפטן אַקאָרד אריין.

ס'גלעטן דינע העלע גאָלד־פעדעם, און ציטערן אין אַ שטילן זיסן דרימל. אויסגערוימט אַלדעם שלעכטס, אַלדעם בייז, און די אי־בערגעבליבענע גליקלעכע, מענטשן־קינדער טאַנצן און שפּרינגען ארום פריי אויף דער ערד, פאַלן איבערגעגעבן איינער אויפ'ן אַנדערן ארויף, קושן זיך, האַלזן זיך, און ציטערן אַנגע'שכור'ט אין אַ שטילע זיסע פרייד.

הערצער ווייכן זיך, טאַפּיען;

טענער־שטראָמען, ווייכע ברייטע טענער־שטראָמען, פליסן מיט זילבער קלאָרקייט, און די גרופּע ארום וואַקסט און וואַקסט.

צו איינציקווייז, צו צווייווייז קומען מענטשן פון צווייטן וואַגאָן, אויף די פּנים'ער אַ גראָבע שרייענדע רויטקייט צעגאָסן, רוישנדע באַוועגונגען, נאָר די טענער־שטראָמען גיסן זיך אין די אויערן אריין, פאַרוויגן דעם מח, פאַר'שכור'ן די געדאַנקען, די רויטקייט אויף די פּנים'ער בלייכט זיך, און אַ לייכטער שטילער חלום וועבט זיך ארום זיי, מיט'ן טונקעלן הייפל מענטשן ווערן זיי צונויפגעגאָסן, דאָס האַרץ טאַפּיעט, טאַפּיעט, און אין האַלדז צעשפּילן זיך ווייכע טענער־שטראָמען.

— שטאָ, סאָבראַניע? וואָס איז דאָס? אַ פאַרזאַמלונג גאָר?

ס'לויפט פאַרביי אַ בלאַסער יונגער זשאַנדאַרם, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן אונטער אַ ברייט סאָלדאַטיש היטל, ער לויפט, סקריפּעט מיט זיינע נייע מאַסיווע זשאַנדאַרם שטיוול, און כאַפּט זיך פאַר

דער שווערד, נאָר קיינער זעט אים נישט — די דינע קלאָרע פידל־טענער ציען און ציען, די ווייכע טיפע מענטשן־טענער פליסן און פליסן — ער פאַרלירט די דרייסטקייט, און זיין דיסציפּלינירטע שטייפקייט בויגט זיך, בויגט זיך — און פּלאַצט. אין דער זייט ביי אַן אָפן וואַגאָן־פענסטערל בלייבט ער שטיין.

מיט אַ ווייך קיל ווינטל, עטעמט אויף אים דער טיפער טונקע־לער וואַלד, און אַ ווייכע שטילע האַרמאָניע פון צעגאָסענע הערצער פליסט אין זיינע אויערן אריין.

דאָס פאַרהאַרטעוועטע האַרץ ווייכט זיך, די נשמה וועקט זיך — ער הויבט אָן פילן, נאָך עפּעס בענקן, אַ רחמנות טיף ביז דער נשמה דערפילט ער אויף זיך, ער זעט ווי איינזאַם, ווי איבריק ער איז צווישן די מענטשן, און דערשפּירט אויף זיין לייב די גראָבע האַרטקייט פון די כאַלדראַטישע קליידער.

עס ציט אים, עס שלעפּט אים אַהין, ער פאַרגעסט זיך, רוקט זיך שטיל ווי אַ גנב, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַלץ נעענטער און נעענטער און גיסט זיך מיט'ן טונקעלן הייפל מענטשן צונויף —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ ווייך־באַלויכטענעם שטילן זומער אָוונט איז עס געווען. דער שפּאַציר־צוג האָט זיך געשלענגלט אויף ברייטע, גרינע פעלדער, אין טיף טונקעלע וועלדער, און געהוידעט זיך טאַקטיש און רואיק. דורך די אָפענע פענסטערלעך פון לעצטן וואַגאָן, האָט זיך אַ ווייך שטיל געזאַנג אַרויסגעגאָסן און אין דרויסן האָט אַלץ דעם אָטעם פאַר־כאַפּט, און זיך טיף איינגעהערט.

זי לאָזט זיך וואָס אַ מאָל נידריקער צו דער ערד און קוועלט רוים אָן, ווי זי וואָלט פאַרשטיין דאָס געזאַנג, דעם דאָרשט, דעם שטילן געטלעכן באַנג צו איר לויטער ליכט...

און דורכ'ן אָפענעם פענסטערל גיסט זיך אַ רויטער ווייכער שטראָם ליכט אין וואַגאָן אַריין, גיסט זיך אין דער קרום און פאַלט אויף די מענטשנס פּנים'ער. אינאיינעם, אין איין הייפל צונויפגעגאָסן שטייען די מענטשן, זייערע פּנים'ער זיינען ליכטיק, דורכזיכטיק, און שטיל, די אויגן זיינען מיט אַ לייכטן חלום פאַרצויגן, קוקן ווייט, ווייט, און עס ברענט דאָרט און עס מאַפּיעט זיך אַ ברוינער גאָלד־גלאַנץ.

דינע קלאָרע פידל־טענער ציען, שנירלען זיך, ווייכע טיפע

מענטשן־טענער פליסן, שטיל — ס'וועבט זיך, ס'הארמאָנירט זיך, אַ שטיל געטלעך געזאַנג, אַ ליד פון אַ שפּעטערע גליקלעכע צייט, און דער שפּאַציר־צוג שלענגלט זיך אויף ברייטע גרינע פעלדער. דורך טיף־טונקעלע וועלדער, שלענגלט זיך, און ציט זיך צו דער שטילער רויט־פאַרנייענדער זון.

(„די נייצייט" 2, וואַרשע, 1907)

די שטאָט

(פ אַ נ ט אַ ז י ע)

שטום און פאַר׳עקשנ׳ט איז דאַמאָלס צווישן הימל און ערד אַ שווערע היץ געשטאַנען.

מענטשן, חיות זיינען ערגעץ אין לעכער, אין שפּאַלטן פאַר־קראָכן, און די טרוקענע, ווייס־פאַרשטויבטע שטאָט איז אין מיטן טאָג, ווי אַ ווייס־אויסגעהאַקטע מצבה שטיין געבליבן.

אין יענעם טאָג בין איך אויפ׳ן ברעג טייך געלעגן. ברייט און טיף האָט זיך איבער מיר דער טונקל־קלאָרער הימל פאַרשפּרייט; אין זיין ווייך־בלויען אָפּגרונט האָט די פייערדיקע זון געפלאַקערט, און שטראָמען היץ, און בונטן שטראַלן ליכט האָבן פון אירע שווינדל־קאַנטן אַראָפּגעשלאָגן. און דאָרט אַראָפּ איז דער ווייטער הימל־ראַנד מיט אַ ווייס־פאַר׳שרפ׳עטן שטויב פאַרזוימט געווען. פול ביז די ברעגעס האָט זיך דער ברייטער טייך געוויגט, געגליטשט און געגאָסן אַוועק, אַוועק, און די גאָלדענע שטראַלן פון דער זון זיינען איבער׳ן ברייטן טייך געווען צעוואָרפן, אויף זיינע גערינצלטע פאַלבן זיך געבראָכן, געבלישטשעט און געציטערט.

מיט אַ ווייך, געשמאַק וואַסער־ווינטל האָט אויף מיר דער טייך געאָטעמט, און דאָס שטילע גערוויש אויפ׳ן ברייטן טייך, דאָס גליטשיק־ווייכע געפּלעסקעריי און גיסעריי פון די פאַליעס האָט מיין מידן מח פאַרוויגט. איך בין איינגעשלאָפן און אין שלאָף האָב איך אַ חלום געזען.

אונטער אַ שווערן, טונקל־בלייענעם הימל, אויף אַ האַרט־פאַר־ברענטע ערד, צווישן פיל־אָנגעוואָרפענע, גרויע שטיינער האָבן זיך לעבעדיקע מענטשן אין שוואַרצע קופּעס געראַיעט און אַ מבול פון קולות: פאַרשטיקטע קרעכצן, געשרייען, ווילדע געלעכטער האָט זיך איבער אַלע קופּעס, אין דער געדיכטער לופט אַרומגעטראָגן, און מאָדנע טרוקן, ווי דאָס פליגל־געפּאַטשעריי פון נאַכט־פייגל האָבן זיי זיך אָן דעם האַרטן, נידעריקן הימל אָפּגעשלאָגן.

געשריען, געקרעכצט האָבן די וואָס האָבן אונטער אַלע, אין די

קופעס זיך געפּלאָנטערט, געשטיקט; ווילד געלאַכט האָבן די, וואָס האָבן אין דער הויך, איבער אַלע ארומגעשוועבט, און פיל פון דער הויך זיינען אין די קופּעס געוואָרן איינגעפּלאָכטן, הינטן אַראָפּ, און פיל האָבן זיך פון די קופּעס אויפגעפּלאָנטערט, אין דער הויך אַרויף.

פון אַרום, פון ברייטע, גרינע פעלדער, פון טיפע וועלדער האָבן זיך מחנות מענטשן געצויגן און ווי בלינדע, וואָס זעען נישט, און ווי טויבע, וואָס הערן נישט, זיינען זיי אין דעם פאַרנעבלטן חושך אַריין, אין די שוואַרצע קופּעס זיך פאַרפּלאָנטערט.

און אַזוי האָבן די לעבעדיקע מענטשן אָן אויפהער אין קופּעס זיך געראָיעט, געפּלאָנטערט און געשטיקט.

ווי שלאַנגען האָבן זיך צו מיר פון אַ קופּע הענט געצויגן, דאַר־צעקרימטע פינגער האָבן זיך צו מיר געפּלאָכטן, ווי אין קראַמפּ גע־בראָכן און עפּעס אַ פּנים, אַ מאָדנע ברייטס, האָט ליגנדיק אין דער קרום צו מיר פון אַ קופּע אַרויסגעלאַכט, געשטשירעט ציין, געגלאָצט און געוווּנקן צו מיר מיט איבערגעקערטע, האַלב־פאַרגלייזטע אויגן.

מיט כּח האָב איך זיך אָנגעהויבן פון אָרט אָוועקרייסן, און שווער־אָפּעטעמענדיק, מיט אַ קאַלטן שווייס אויפ׳ן שטערן, בין איך פון שלאָף אויפגעקומען.

אַלץ אַרום איז שוין אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט געווען איינגעטוליעט.

טיף און באַהאַלטן האָט איבער מיר דער פינסטערער הימל גע־רוט, און פון דאָרט האָבן גרין־געשליפענע שטערנדלעך שטיל אַראָפּ־געבלישטשעט. שטום באַהאַלטן אין זיך אַליין האָט די שוואַרצע ערד געשוויגן, נאָר דער ברייטער טייך האָט אָן אויפהער דאָרט הינטן גע־גאָסן און געגאָסן; זיינע פאַליעס האָבן אין דער שוואַרצער פינסטער־ניש געשימערט, ווי גרין גלאָז זיך געשניטן און געבראָכן, געפּליעסקעט און געגאָסן, געפּליעסקעט און געגאָסן, ווי זיי וואָלטן דער נאַכט עפּעס אַ לאַנגע, לאַנגע מעשה אויסדערציילט, עפּעס אַ סוד פון טייך, פון זיין באַהאַלטענעם אָפּגרונט.

און איבער דער שטאָט איז דער בלוי־מעטאַלענער הימל האָרט און ברייט געווען אויסגעהעמערט, און שאַרף, מיט גרינע וואָלקן־שטיי־נער איז ער געווען אויסגעפּלאַסטערט, און די שטאָט איז אין אַ בלוי־לעך־ברודיקן נעבל געווען פאַרהילט, און ווי אָנגעוואָרפענע קופּעס אַש

האָבן אירע געביידעם אויסגעזען, נאָר די רויטע פּייערלעך, וואָס האָבן פון דאָרט געציטערט, געברענט, נאָר פון זיי האָב איך געזען, אַז יענע אַנגעוואָרפענע קופּעס אַש, אַז יענע נעבעל־ברודיקע מאַסע איז נישט אַ פאַרלאָשענע חורבה, נאָר אַ שטאָט, אַ לעבעדיקע שטאָט.

(„די נייצייט" 2, וואַרשע, 1907)

פון לאַנד „שווינדזוכט"

איך האָב געזען אַ לאַנד — דער הימל איז, ווי אַ גלאָז און עס קוקט אַדורך אַ געלע זון און אַ קאַלטע.

עס ציט זיך אַראָפּ אַ לייכטער, שטילער רעגן, און די שנירלעך רעגן לויכטן מיט דער געלער שיין פון דער זון.

די ערד איז אויסגעפּלאַסטערט מיט ווייסע, פיר־קאַנטיקע שטיי־נער, און הייזער זיינען דאָרט אויסגעשטעלט אין גלייכע, שטילע רייען — זייערע לאַנגע שויבן זיינען פאַרגלייזט, ווי ווייסלען פון טויטע.

איך האָב דאָרט מענטשן געזען — מיט שפּיציקע אַקסלען, מיט אַרויסגעזעצטע, גרויסע בייכער אויף דינע׳ פיס. זיי גייען — די הענט געלייגט אויף די בריסטן, אויסגעצויגן די געלע פּנים׳ער צו דער זון און אָפענע מיילער אויף אָטעם.

און אַלע האָבן זיך שטיל געשלייכט אין איין ריכטונג — מענער האָבן פרויען פאַר אַראָפּגעלאָזטע הענט געהאַלטן, און פרויען האָבן אויף די הענט קינדער געהאַלטן. אַלעמענס פּנים׳ער, באַלויכטן קעגן דער זון, מיט געלע אַפּלען. און אויף זיי, און צווישן זיי איז געפאַלן דער לייכטער, שטילער רעגן. און די שנירלעך רעגן האָבן געלויכטן מיט דער געלער שיין פון דער זון.

דאָ, דאָרט איז עמיצער שטיין געבליבן, די הענט אויף די בריסטן, אויסגעצויגן דעם האַלדז און שטיל אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן ווייסן, פיר־קאַנטיקן שטיין געלע, ווייכע שטיקער.

די זון איז געגאַנגען אין הימל אַריין אַלע מאָל העכער, האָבן די מענטשן געהויבן די קעפּ, און זייער גאַנג איז געוואָרן שטילער.

און אַז די זון איז געקומען נאָר הויך, אין מיט הימל, איז דער רעגן געוואָרן אויפגעהאַלטן, די לופט, ווי אַ בליי, און אַלע זיינען שטיין געבליבן — אויסגעצויגן, די אַפּלען פאַרדרוקט צו דער זון, קליינע, ווי געלע פינטעלעך, אָפן די מיילער אָן אָטעם.

לאַנג אַזוי האָט געדויערט די געלע פאַרשטיינערונג. ביז די זון איז פון מיט הימל אַראָפּ האָבן די מענטשן ווידער אָנגעהויבן גיין,

און די שנירלעך רעגן זיינען געפאלן אויף זיי, און צווישן זיי, און גע־לויכטן מיט דער געלער שיין פון דער זון.

און ווען די זון האט זיך אנגעהויבן נידעריק אראפלאזן, און באלויכט יענע לידיקע, באוואקסענע פעלדער, און ווען זי האט שוין אנגעהויבן שטיל זינקען, און אויף א מינוט באלויכט און באשפיגלט יענץ לאנד מיט א ווייך ליכטיקייט, זיינען אלע אויף די קניען געפאלן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו דער פארגייענדער זון, און אויף זייערע געלע, פאר'חלש'טע פנים'ער איז געווען אויסגעגאסן בענקעניש און נעבעט, ביז די זון איז פארגאנגען און זיי זיינען אלע געבליבן, ווי אויסגעלאשענע, טונקעלע שטיקער בליי —

א נאכט איז אין יענעם לאנד — דער הימל גרין, פארגלעזערט, און א לבנה שטייט אויף איין ארט, ווי מאט־געל בלעך און לויכט נישט.

דער פארגלעזערטער הימל לאזט זיך ווייט אראפ און בלאנקט אויף לידיקע, שטילע פעלדער.

און קיין שאטן איז נישטא — די הייזער שטייען נאקעטע, ווי רייען מצבות אונטער דער געלער, אויסגעלאשענער לבנה.

אלע פענסטער זיינען געעפנט; דער גרינער הימל בלאנקט אויף די לאנגע שויבן און בלייבט אריין אין די שטובן.

עס זיינען זיך מענטשן — האלב־ליגנדיקע, טייל, אין לאנגע כאלאטן, גייען ארום שטיל, ווי אין זיך פארטראכט... פיל ליגן אויס־געצויגן אין די אפענע פענסטער, מיט שטילע, אויסגעזעצטע אויגן צום פארגלעזערטן הימל, געמאטערטע פנים'ער — אן אטעם.

די צעפלאטשטע לבנה קוקט אויף זיי, און זיי בלייבן אונטער איר בלייערנעם קוק.

און ווען דער טאג הייבט אן בלייכן, באווייזן זיך מענטשן אין די פענסטער, אין צעלאזענע כאלאטן, און זייערע שיטערע פנים'ער קוקן לאנג צו יענעם עק הימל, ווו עס שווימט שטיל אויף די געלע ליכטיקייט.

(„דער יונגער גייסט", ווארשע, 1908)

פיעטרעק

דאָס דאָרף רוט אין אַ טאָל, אונטער אַ שטילן, בלויען הימל. און אונטערן דאָרף שטייט אַ וואַסערל, אַ קליין, שטיל וואַסערל, מיט אַ קלאָר־געלן זאַמד־גרונט. און אַרום שפּרייטן זיך אויס פעלדער, שטילע, גרין־זאַפטיקע פעלדער, ציען זיך אַוועק און וויקלען זיך פאַנאַנדער אין דער ברייטער וועלט אַריין.

אַלע אין דער פרי, ווען פון די ווייטע פעלדער הייבט זיך אויף אַ זון, אַ ברייטע, פריש־רויטע זון, און שווענקט אַרויף קלאָרע גאָלד־פאַליעס אויפן שטילן נאַכט־הימל, באַווייזט זיך פון דאָרף פיעטרעק מיט זיינע צוויי קי.

פיעטרעק איז אַ קליין מענטשעלע, מיט אַ שמאָל קעפּעלע און אַראָפּגעפאַלענע אַקסלען. דאָס פּנימל קרענקלעך אויסגעשפּיצט און אויגן קיילעכיקע, בלוי, ווי בײַ אַ קינד. זיין קליין בערדעלע אַרויסגעשטעקט אויף פאָרנט — מיט עטלעכע פאַרשפּיציקט־נאַסע האָר קריכט עס אים אין מויל אַריין, און אים אַרט עס נישט, ווי עס אַרן אים נישט זיינע גלייכע פלאַקסענע האָר, וואָס פאַלן אים אַראָפּ אויף זיין קורצן שטערן און שטעכן אים אַריין אין די בלויע אויגן.

פיעטריק גייט אין אַ וואַטענער קורטקע, וואָס ליגט אויף אים קיילעכיק ווי אַ קעסל און דערגרייכט צו זיינע דינע באָרוועסע פיסלעך, און אין אַ בלוי דאָרפיש היטל מיט אַ האַרט־גלאַנציקן דאַשעק, אויסגעבויגן ווי אַ שנאָבל.

אַלע פאַרטאָג קומט פיעטרעק מיט זיינע צוויי קי אַרויס פון דאָרף. די קי גייען פּאַמעלעך, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, ווי פאַרשלאָפן, ציען אויס די העלדזער און לאָזן אַרויס אין דער שטילער געגנט אַריין, צווישן טונקעלן הימל און דער פייכט־נעפּלדיקער ערד, אַ לאַנגן, הילכיקן גוט־מאָרגן.

פיעטרעק גייט נאָך פון הינטן. ער לאָמט צו אויף אַ באָרוועסן פוס. ער עסט: האַלט אין איין האַנט אַ שטיק שוואַרץ ברויט, אין דער צווייטער האַנט אַ שטיק קעז. זיינע קי גייען אַליין אין פייכטן פרי־

מאָרגן, זיי ווייסן שוין דעם וועג... זיי הייבן אויף די קעפּ, שטעלן אוים די נאָזלעכער, שמעקן די שאַרפע פרימאָרגנדיקע לופט, וואַרפן מיט די עקן אויף די באָקעס, ביז זיי קומען אַרוים אויף א ווייך זאַפּטיק פעלד, און גייענדיק לאָזן זיי אַראָפּ די קעפּ, פאַרוואַרפן די שאַרבעוואַטע צינגער, רייסן אָפּ א גראָז, צוויי, ביז זיי שטעלן זיך אָפּ.

פּיעטרעק שטייט אין מיטן פעלד, דאָס בלויע היטל מיטן ראַשעקשנאָבל אָנגעדרייט אָן א זייט. ער עסט און איז שטאַרק פאַרטאָן מיט די קרישקעס קעז, וואָס פאַלן אַראָפּ אין די זייטן.

און אויפן הימל שטייגט אויף א יונגע זון, צווישן גאָלד־וואָלקענעס, וואָס שטייען דאָרט פייערלעך, ליכטיק און שטיל! ווי א ליבנדע, וואָס דערפילט אין מיטן שלאָף דעם וואַרעמען בליק פון איר געליבטן איבער זיך, אַזוי דערפילט די ערד איבער זיך דעם וואַרעמען בליק פון דער זון. און אַלץ כאַפּט זיך אויף מיט א לעבעדיק־פרייילעכן נערויש און עס גיט אָפּ אין מאָרגן־ליכט, ווי ריינע גאָלד־קלאַנגען.

פּיעטרעק ווערט פאַרטיק מיטן אָנבייסן, זעצט ער זיך אויף זיין שטענדיקן אָרט און באַקומט אַרוים פון ערגעץ־דאָרט זיין פייפל. ער באַקוקט די לעכלעך, קלאַפּט אוים אויף דער האַנט, פּרווּט־דורך די טענער, מאַכט זיך גלייך דעם שנאָבל־דאַשעק, וואַרפט א בליק אויף זיינע קי, אויף די גרין־ליכטיקע פעלדער אַרום, קוקט אַרויף אין טיף־בלויען הימל אַריין, דאָס מויל אָפן, דאָס פּנים קרענקלעך־פאַרבענקט. ער זיפצט אָפּ און נעמט דאָס פייפל צום מויל.

צום ערשט שפילט ער נישט־דרייסט, ווי ער וואָלט נישט געוואַגט צו שפּילן פאַרן בלוי־אָפענעם הימל, פאַר דער ליכטיקער שטילקייט. צום ערשט ציט ער טענער, פּראָסטע, שמייכלענדיקע. באַלד גיסן זיי זיך קלאָרע, ווי זילבער־שטראָמען אין א רויק טייכל, און אָט פלעכטן זיי זיך טיפע, קלאַנגענדיקע, ווי גאָלד־פאַרבן.

און אַרום וועבט זיך דער טאָג. די פעלדער וואַקסן אין זייער מגושמדיקער קראַפט, וואַרעמען זייערע ווייך־גראָזיקע לייבער אויף דער שמעקענדיקער היץ, ציקען און פייפן מיט אַלערליי באַשעפעניש און ווערים צווישן די גרעזער. נאָר דער הימל איז שטיל, קוקט אַראָפּ אויף דעם ערד־קינד, וואָס לויבט און רעדט אויף אַזעלכע פּראָסטע און האַרציקע טענער. אויך די קי הייבן אַמאָל אויף די קעפּ, בלייבן שטיין ווי פאַרגליווערט אין מיטן קייען, קוקן א צייט מיט גרויסע גלעזער־אויגן, הערן מיט אָנגעשטעלטע אויערן, גיבן א טיפן ציִ־אַריין אין זיך די לופט, ווי א מענטשלעכן זיפץ, א לעק מיט דער צונג דעם

סאמעטענעם פלעק פון א באַק, לאָזן אראָפּ די קעפּ און רייסן דאָס גראָז מיט זייערע שאַרכעוואַטע צינגער.

אַט שטייט שוין די זון אין דער סאמער הויך. אַלץ הינטן בלייבט שטיין און פאַרהאַלט דעם אָטעם. פּיעטרעק ליגט אויפן גראָז און דרעמלט מיט האַלב־אָפענע אויגן און האַלבן שמייכל פון היץ... זיינע צוויי קי ליגן, די געלע ברעמען האַלב־צו, קייען מאַנאָטאָנע און עטעמען מיט די גרויסע בייכער.

פּיעטרעקן ווערט פאַרמיאוסט אַזוי, הייבט ער אויף אַ האַנט, נאָר די האַנט פאַלט אים באַלד צוריק אראָפּ. שמייכלט ער. ער הייבט זיך אָן שפּילן, קוילערט זיך אויפן גראָז, פּאַטשט מיט די הענט, מיט די פיס, און שרייט־אַרויף אויף אַ משונהדיק קול — האַ־האַ־האַ! — דאָס מיינט ער: אַזאַ לידיקע היץ! אַזאַ גרויסער ליכטיקער טאָג! —

ווען די קי ווילן טרינקען, הייבן זיי זיך ראַפּטום אויף, גייען גלייך צום וואַסערל, נישט איינצוהאַלטן זיי. און פּיעטרעק כאַפּט זיך אויף פון היץ־דרעמלען: — הום, זיי ווילן שוין טרינקען!

ווען די קי קומען נאָענט און דערפילן דאָס וואַסער, ציען זיי אויס די העלדזער און גייען גיכער, ביז זיי קומען אין מיטן וואַסערל אריין, לאָזן זיי אראָפּ די קעפּ און ציען אין זיך שטיל אריין דאָס וואַסער. פּיעטרעק קוקט נאָך, ווי זיי טרינקען, שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ: — יאָ־יאָ, זיי זיינען דורשטיק!

ליכטיק, היים און שטיל. ארום, דער ברעג איז ווייס, שטום פון היץ. איבער די ברייטע פעלדער שווינדלען אומגעזעענע קלאָרע פלאַ־מען, אַלע גרעזער און בוימער שטייען אומבאַוועגט; ס׳איז זיי שווער צו אָטעמען.

ווען די קי זיינען שוין אָנגעטרונקען, הייבן זיי אויף די קעפּ, האַלטן זיי אביסל איבערן וואַסער, און פון די זייטן מיילער ציען זיך צוריק אראָפּ דינע שנורן שלאַם־וואַסער. זיי דרייען זיך אויס און גייען פּאַוואָליע צוריק אין פעלד אריין. פּיעטרעקס קי ווייסן דעם וועג.

ער שטייט באַם וואַסער. ער זעט דעם געלן זאַמד־גרונט, די שטילע טונקלקייט פון וואַסער און טיף דאָרט זיין אייגענעם אָפּשיין. שטייט ער אַ ווייַלע פאַרחידושט, אָפן דאָס מויל. ער גייט אריין אין מיטן וואַסערל. דאָס שטילע קילע וואַסער רינגלט ארום זיינע נאַקעטע פיס. לייכטע וואַסער־שלענגעלעך שווימען ארום און גלעטן זיי.

פּיעטרעק האָט הנאה. שטייט ער אַזוי לאַנג, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און לאַכט שטיל.

אין יום־טוב־טאָג קומען צו פּיעטרעקן אויפן פעלד אַרוים די שקצים און שיקסעס פון דאָרף. פּיעטרעק גייט אין אַ ציינענער אובּראַניע, מ'דערקענט נאָך די פעלדעלעך פון מאַנגלען. ער האָט זיך היינט ריין אָפּגעוואַשן, און איינצעלנע, שטייף־אויסגעטריקנטע האָר קריכן אים פון די פּאות צום פּנים.

ער שטייט אין מיטן פעלד, אַביסל צעשפּרייט די פיס, די הענט אויף הינטן, קוקט אָן יעדן באַזונדער מיט גוטע קינדער־אויגן, שמייכעלט און זאָגט הויך: — היינט איז יום־טוב! היינט איז יום־טוב!

זיין פּנים ווערט ווי באַלויכטן. ער הייבט אָן רעדן און ווייזן צום הימל: — זעסט, הויך! היים! ליכטיק! שטיל! אַ גאַנצן טאָג! אַ גאַנצען!

באַלד נעמט ער דאָס פּיפל און זיין האַרץ דערציילט מיט טענער פון אַ גרויסן טיפן הימל פון אַ הפקר־לײדיקער היץ, פון אַ גרויסער, גרויסער הייליקער שטילקייט.

דער חברה אַרום איז פרעמד דאָס שפּילן, נאָר עפּעס פילן זיי, קוקן זיי זיך אָן און לאַכן. אָט ווייזן זיי אים אָן אויף אַ שיקסע. פּיעטרעק צעקאַראַטשעט דאָס פּנים אין אַ שטיל געלעכטער, קוקט אויף דער שיקסע מיט שיקלדיק־קינדערישע אויגן און רוקט זיך צו איר. די שיקסע אַנטלויפט. זיי ווייזן אים אָן אויף אַ צווייטער, אויף אַ דריטער. די שיקסעס קוויטשען, אַנטלויפן איבערן פעלד, מיט צעיאָגטע עקן פאַטשיילעס. פּיעטרעק לויפט זיי נאָך מיט צוויי אַרויסגעשטרעקטע הענט צום כאַפּן און לאָזט אַלע מאָל אַרוים משונה־ווילדע אויסגעשרייען. אַז ער כאַפּט אַ שיקסע, הענגט ער זיך אין גאַנצן אָן אויף איר. די חברה מאַכט אַ הוראַ!

שפּעט אויפן טאָג, ווען די היץ הייבט אָן אָראָפּפאַלן און די לופט עטעמט שוין מיט קילע ווינטלעך, באַווייזן זיך איינצעלנע מענטשן, אויך יידן, וואָס גייען פון דאָרף צו דאָרף, די שטיוול אויף אַן עק שטעקן, אַריבערגעוואָרפן איבער די פּלייצעס.

אַז פּיעטרעק געדענקט, וואָס די שקצים לערנען אים אין דאָרף, לויפט ער נאָך, זוכט אויס פון צווישן גראָז אַ שטיקעלע גלאָז, און גנבעט זיך שטיל אונטער: — אַ ייד! אַ ייד!

ווען ער גערענקט גים, שטייט ער, צעשפּרייט די פיס, די הענט אויף הינטן, און שמייכלט צום דורכגייער און קוקט אויף אים מיט גוטע קינדער־אויגן, און זאָגט הויך: — גוט־מאָרגן! — ער ווייזט אָן אויף די קי, וואָס פּאַשען זיך, און רעדט: — צוויי קי! צוויי קי!

דער דורכגייער בלייבט שטיין, עטעמט אָפּ, און פּיעטרעק דער־ציילט אַ גאַנצע מעשה, אַז געווען זיינען דריי קי, איז איינע געשטאָר־בען, ווייל זי האָט געהוסט, ווייל זי איז געווען קראַנק, — איז געבליבן צוויי.

ער גיט נאָך אַמאָל אַ קוק אויף זיינע קי, ווי זיי פּאַשען זיך, האָט הנאה און חזרט איבער — צוויי! צוויי!

און עס קומט אַ פאַרנאַכט. די זון לאָזט זיך אַראָפּ ווי אַ גאָלד־שפּיגל און אַלץ אונטן הייבט אָן רוען נאָכן גרויסן הייסן טאָג. די צוויי קי ליגן, קייען איבער דאָס עסן פון טאָג, און זייערע באַקעס, ווי די ווייכע פעלדער באַלויכטן.

פּיעטרעק ליגט אויסגעצויגן, און ער קוקט: — דאָרט וויט ני־דערט אַראָפּ פון הימל אַ גרויסע זון, טאָפּיענדיק זיך אין אייגענעם גאָלד. און דאָרט, יענע פעלדער זייענען ליכטיק און שטיל באַלויכטן.

פּיעטרעקן דאַכט זיך, ער ליגט אויך אויף יענע ליכטיקע פעל־דער. עס איז אים אַזוי גוט. ער פילט נישט די צייט.

נאָר אָט, אַ זיסער ציטער טראָגט זיך אַדורך פון קאָפּ ביז די פיס און פּיעטרעק כאַפּט זיך אויף. זיינע קי ליגן אומבאַוועגלעך, די קעפּ אויפגעהויבן. ביידע לענגלעכע פּנימער צוזאַמען, גאָלדיק־באַ־לויכטן, וווּנדערלעכע פּנימער!... ער דערזעט פון ווייטנס דאָס דאָרף. בלויע שלענגלעך רויך גייען דאָרט אויף אויפן טונקעלן האַלבן הימל. זיין דאָרף, וואָס ער קען אַזוי גוט פון קינדהייט אָן. ער דערהערט דאָס היימלעכע בילן פון די הינט, און דאָ אויף די פעלדער הערט זיך פון צייט צו צייט אַ גאָלדענער פייף, צי פון אַ פייגעלע, צי פון אַ וואָרים, צי פון פאַרנאַכט אַליין!...

פּיעטרעק קריגט אַלץ אַזוי ליב. ער לויפט איבערן פעלד, קיילע־כיק, אַרום און אַרום, ביז ער פאַלט מיד אַנידער.

די שטילע ליכטיקייט פון די הימל־פעלדער האָט שוין דער־גרייכט אויך אַהער און פאַרדעקט אַלע פעלדער און פּיעטרעקן מיט זיינע צוויי קי.

יששכר און זבולון

ר׳ מאטל זיצט אין בית־המדרש, שאָקלט זיך פאר אן אָפענער גמרא, קנייטשט דעם שטערן און קייט א שפּיץ פון דער באָרד.

פייגל, זיין ווייב, א קליינע, א פלינקע, ארומגערינגלט מיט גרוי־סע טעכטער, שטייט בא א טישל אויפן מארק און ציט די פּרנסה פון עטלעכע איילן ציץ און בענדלעך.

זי שטייט פארן פּויער א קליינע, נאָר מיטן געדאנק נעמט זי אים אָרום פון אַלע זייטן, בלישטשעט צו אים ארויף מיט אירע שוואר־צע אויגלעך און ווארפט אים אריין אין רעדן עטלעכע ווערטער יידיש.

דער פּויער שטייט האַלציק־גלייך מיט א רוי פּנים. עפּעס פילט ער, אז זי נאַרט אים, נאָר ער ווייסט, אז ער קויפט דאָ ביליקער. פאר־שטייט ער עס נישט, עטעמט שווער אָפּ און באצאָלט...

פייגל איז פלינק. ווען זי קריגט זיך מיט א שכנטע אויפן מארק, שרייט זי אויף א ביי־קולכל און שפּרינגט אונטער און שטורנעט מיטן פינגער אין יענערס פּנים אריין. נאָר יענע האָט א הויכן מאַן, וואָס כאַפּט א הארטע זאַך, קריגט זי מורא און לויפט צוריק צו איר שטעל, און ווישט זיך די טרערן פון די אויגן און שעלט די טעכטער, פארוואָס זיי שטייען ווי די גלאָמבעס! אַלץ איז נאָר אויף אירע פּליי־צעס, און זי דארף אומעטום זיין אליין!

ר׳ מאַטל איז א שיינער ייד מיט א שיטערער צוויי־שפּיציקער באָרד און א ברייט טוכן היטל. דאָס פּנים רויטלעך־פּארלעגן און די הענט אין ביידע כאַלאַטל־קעשענעס. ער זיצט אין בית המדרש פאר אן אָפענער גמרא, שאָקלט זיך און ציט א פּויל־שלעפעריקן גמרא־ניגון. אמאָל כאַפּט ער זיך אויף, לערנט עטלעכע שורות מיט למדני־שער שארפקייט און פאַלט ווידער אריין אין שלעפעריקן גמרא־ניגון. אין מיטן טאָג פארמאכט ער די גמרא און גייט אביסל ארוים אויפן מארק.

ער שטייט אָן א זייט און ער זעט, ווי זיין ווייב פארקויפט, ווי זי רעדט קלוג איין דעם קונה און זאָגט אים צו א וויציק ווערטל, ווי

זי מעסט פלינק: האָט ער הנאה און שמייכלט שטיל און פאַרשעמט אין דער באָרד אַריין.

— אַ חכמה, אַ בריהטע אַן אישה.

ווען דער קונה גייט שוין אוועק, שרייט זי אויף די טעכטער און שעלט, פאַרוואָס זיי שטייען, פאַרוואָס זיי לייגן נישט צו די סחורה. זי דערזעט אָבער מאָטלען, זיין באָרד, און זי ווערט שטילער.

זי פאַרריכט זיך פאַרשעמט דאָס שייטל אויפן קאָפּ און קויפט בײַ דער שכנטע פּרוכטן.

ר׳ מאָטל דרייט די פּרי אין דער האַנט, באַוווּנדערט די פּרי און מאַכט אַ ברכה.

פייגל באַקוקט אים אַרום און רעדט צו זיך, אַז זי דאַרף שוין נעמען עטלעכע איילן צייג און מאַכן אים אַ נײַ כאַלאַטל.

◆ ◆ ◆

פייגעלע ווייסט איר נישטיקייט, ווען זי זעט איר מאַן זיצן בײַם ספר.

זי רוימט, זי גייט שטיל אַרום בײַ די זייטן, אין די ווינקלען, טוט און טוט נישט, און קוקט צום טיש, צו ר׳ מאָטלען, אויף זיין נעקנייטשטן שטערן. איר פּנים פלאַמט מיט זיין לערן־ניגון און אין אירע אויגן בלאַנקט אַ בענקשאַפט.

זי דערלאַנגט צום טיש אַ קלאָר גלעזל טיי און בלייבט שטיין, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, און וואַרט.

ר׳ מאָטל פרעגט שטרענג פון ספר אַרויס:

— פייגל, וואָס פאַרלאַנגסטו?

פייגל הייבט אָן טענהן:

—איך בין פאַרהאָרעוועט גאַנצע טעג, איך דאַרף אַריינבערענגען פּרנסה אין דער שטוב. איך בין אַ זינדיקע יידענע, איך טו גאָרנישט. מיט וואָס וועל איך קומען אַהין?!

ר׳ מאָטלס פּנים ווייכט זיך.

— נאַרעלע, דו טוסט מער פון מיר! דו וועסט האָבן מער שכר פון מיר!

— אין קמה אין תורה — קען עס שוין פײגעלע פון אויס־ווייניק.

ר׳ מאָטל לייענט מיט איר:

— אם אין קמח, אין תורה. ווען דו וואָלסט מיך נישט גע־שפּייזט, טאָ ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט זיצן און לערנען!

פייגל פילט זיך אויפן פערד און זי לויפט פאַראויס.

— אַזוי ווי יששכר מיט זבולונען!

ר׳ מאָטל שאָקלט זיך און, ווי אַלע מאָל, גיט ער זיין אישה צו פאַרשטיין:

— זבולון און יששכר האָבן ביידע געמאַכט שותפות. זבולון איז אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט האַנדלען, און יששכר איז געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט. הײַנט קומט דאָך מיטן דין זבולונען אַ חלק אין יששכרס לערנען!

פייגל איז זיכער, און אַ צופרידענע קערט זי זיך אום צו איר אַרבעט.

◆ ◆ ◆

פייגל האָט בלויז טעכטער, זי וויל אַ זון. זיפצט זי שטיל, קוקט אַרויף צו ר׳ מאָטלען און וואַרט...

ר׳ מאָטל פילט זיך פרעמד אין זיין אייגענער שטוב: בלויז נשים...

פייגל האַלט אין איין שרייען און שעלטן:

— אַזעלכע מיידן אויפגעוואַקסן, ווי די בערן!

און זי רוקט זיך אָפּ מיט מורא.

ווען קיינער איז נישטאָ אין שטוב, רעדט זי מיט ר׳ מאָטלען פון דער עלטסטער טאָכטער. זי בויגט זיך צו און דערציילט אים עפּעס אין דער שטיל...

ר׳ מאָטל זיפצט: — אַ בוגרת! זיין חמץ, און ער מוז מבער זיין!

פייגל ווישט זיך מיטן עק פאַרטוך די טרערן פון די אויגן.

— עס זאָל זיך כאָטש טרעפן אַ באַלמעלאָכע, וואָס עס איז! פאָר אַריבער צום רבין! אפשר וועסטו טרעפן די שעה!

ר׳ מאטל גייט ארום איבער דער שטוב:

— ער דארף נדן פאר איר!

ער האלט מלחמה מיט זיינע געדאנקען, ער איז מתרעם אויף זיך:

— אן אישה האט אמונה, בטחון, און ער?!

◆ ◆ ◆

עס איז געווען אין א טריב־רעגנדיקן טאג. דער מארק־פלאץ איז געשטאנען ליידיק, נאר די קרומעביידלעך מיט די מארק־יידענעס זיינען געבליבן טונקל אויף זייערע ערטער.

א ווינט האט אנגעהויבן יאגן, געקלאפט מיט די פלאכטעס פון די ביידלעך, אויך נישט צורו געלאזט די יידענעס, און גערונצלט די וואסערלעך צווישן די שטיינער, וואס האבן שוין בלוי געשפיגלט. די נאכט האט זיך אנגעהויבן אנרוקן.

דער מארק האט זיך ווי אויפגעכאפט. ס׳האט זיך געהערט א רוקן, א פארן און סקריפען פון קוישן און קאסטענעס.

פייגל האט אויך אנגעהויבן „אריינרוימען". זי האט צוגעיאגט אירע טעכטער, פארוויקלטע אין פאטשיילעס, מיט רויט־קאלטע הענט.

— א סוף, לאמיר שוין דערלעבן צו גיין אהיים!

אין דער שטוב איז האלב פינסטער. עס בלייכן זיך די פנימער פון די מיידלעך, וואס זיצן אויף די בעטן און רוען. פייגל זיצט אויף א נידעריק ארט און שלעפט פון זיך אראפ די קאמאשן מיט די זאקן. זי שרייט אין דער האלב־פינסטערער שטילער שטוב:

— וואס האט עז זיך צעזעצט?! פארוואס צינדט נישט ווער אן דאס לעמפל?!

עמעץ רייבט פויל א זאפאלקע און די שטוב ווערט באלויכטן. פייגל שטעלט זיך אויף. זי קוקט זיך ארום איבער דער שטוב, אויף דער קאלטער קיך מיט די ליידיקע טעפ, און זי פרעגט די טעכטער:

— וואס וועט זיין?

די מיידלעך זיצן אויף די בעטן און ענטפערן נישט. פייגל הייבט אויף ביידע הענט און ווארפט און ציטערט מיט זיי, און שרייט אין א געוויין:

— אזעלכע פוילע שטיק! וואס וועל איך מיט אייך טאן?

— א שידוך! — רופט זיך אפ איינע.

— ווי איז מיר! — לויפט פייגעלע איבער דער שטוב — אים ארט עם גאר נישט! כ'וועל מיר א מעשה אנטאן!

— זעטס נאר דאס מאמעלע, ווי פלינק דאס איז! — ווייזט איינע אן

— זי שפרינגט ווי א קאזע! — רופט זיך אפ א צווייטע. אלע צעוויגן זיך אין א געלעכטער.

די טיר מאכט זיך אויף. ר' מאטל קומט אריין און גיט א שטילן וויש מיט דער האנט איבער דער מזוזה.

פייגל, מיט די הענט אין די באקעס, גיט זיך פאר אים א נויג.

— א גוטן אוונט, שיינער ייד! דער שיינער ייד זיצט זיך אין בית־המדרש, און זיין ווייב ווערט אויסגעריסן!

זי לויפט צום ווינקל, כאפט די שיך מיט די נאסע זאקן און ווייזט אים.

— זע, ווי אזוי דיין ווייב לעבט!

ר' מאטל שטייט פאר זיין ווייב מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, ווי א פארמשפטער.

— איך קען נישט קיין מלאכה. אז איך וויל דיר צוהעלפן אויפן מארק, ווילסטו נישט! טא וואס זאל איך טאן?!

זיינע רייד מיט זיין באָרד ציטערן:

— נו, אדרבה, זאג מיר דו וואס איך זאל טאן, בין איך אנגע־גרייט אלץ צו טאן!

— איך זאל דיר זאגן?!

פייגל שרייט און שעלט. ר' מאטל גייט שטיל ארויס פון דער שטוב.

פייגל נעמט רוימען. זי ווארפט האסטיק די זאכן פון ארט צו ארט. פלוצלינג לאזט זי זיך אראפ אויף א שטול און שרייט אלע מאל פון הארץ ארויס א טיפן, שווערן „אוי". אלע טעכטער שטייען ארום איר.

— נו, מאמע! מאמע, זאג שוין, וואס איז דיר?!

פייגל וויינט שטיל. זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ און רעדט צו זיך אליין:

— ער זאָל גיין ארבעטן?! וואס איז ער דען, א פראסטער יונג? ער קומט נאָך ווייניק אָפּ בא מיר?! א גאנצן טאָג מיטן שטיקל טרו־קענעם ברויט!

פייגל שטעלט זיך אויף. אלע העלפן איר צו. עס ברענט שוין א היימלעך פייער אין דער קיך. עס זידט, עס רוישט און עס צעטראָגט זיך א געשמאק פון געקאָכטע ציבעלעס.

ר' מאָטל דרייט זיך ארום אין פינסטערן הויף. ער וואָלט גע־קאָנט צוריקגיין אין בית־המדרש נעכטיקן, נאָר ער וויל זי נישט מצער זיין. ער וויל אויך נישט אריינגיין, אז ס'זאָל זיך נישט שטאַרקן די מחלוקה.

און ער שטייט לאנג הינטער דער טיר און וואַרט...

◆ ◆ ◆

דאָס לעמפּל איז העל אָרויפגעדרייט. ר' מאָטל זיצט באַם טיש. ער שאָקלט זיך פרום און בענטשט איבערן איבערגעבליבענעם ברויט און זאַלץ.

פייגל שטייט בא א בעט. זי ציט איבער א קישן אין א קלאָר ציכל אריין. אויף איר שעמעוודיק־פארויטלט פנים לויכט אָפּ דאָס ווייסע ציכל.

די עלטסטע טאָכטער שטייט באַ דער קיך. זי וואַשט אָפּגעלאָזן דאָס געפעס און ווינקט צו די איבעריקע אויף דער מוטער...

ר' מאָטל שאָקלט זיך און זאָגט מיט פארגלאָצטע אויגן: — את אשתי!

פייגל ווייסט דעם טייטש דערפון. זי קוקט אהין אויף ר' מאָטלס צעקנייטשטן שטערן, אויף זיין באָרד, און האָט גרויס דרך־ארץ, און זי וואַרט שטיל און אונטערטעניק...

א ליגנער

די שרויף פון דער פרעס גייט ארויף און אראפ, און לייבל ליגט אונטער די מעשלעך. אמאל דאכט זיך לייבלען, אז די האנט איז א טייל פון דער מאשין, און אז ער וועט נישט וועלן, וועט זי אויך אזוי ליגן די מעשלעך. ער רייסט אוועק די האנט, ער רייצט זיך מיט דער מאשין...

ער זעט אן אויפהער די רויכיק־טונקעלע פאבריק־צימערן, אין זיינע אויגן שטייט דאס שווערע אייזן־געקלאפעריי מיטן מעטאל־פישטש, און דער ווארעמער ווינט פון די לעדערנע פאסן יאגט אים צו דעם אלטן אייל פון די מאשינען.

דאס אלץ איז אים אזוי דערעסן! ער שטעלט זיך אויף און גייט צו צום פענסטער. דורך די פארשטויבטע שויבן פון דער קעגן־איבער־דיקער פאבריקס־מויער זעען זיך די געלע פנימער פון די מיידלעך, וואס ארבעטן באם ניקלען. דארט ארבעט אויך זיין פערעלע.

האט ער זי ליב? ער האט ליב די גרינע ליכטיקייט אויף איר פנים, און דעם שטיל־וויכן בליאסק אין איר אויג.

ער זעט דעם לידיקן פאבריק־הויף און דעם אלטן פאבריק־היטער, אנגעטאן אין א לאנגן פאלטן מיט צוויי רייען מעשענע קנעפ. דער אלטער היטער דרייט זיך ארום לידיק אין טונקל־פארמאכטן טויער... דאס אלץ איז אים אזוי דערעסן!

לייבל פארמאכט די אויגן און אין געדאנק פרוווט ער דורכרייסן זיך דורכן פארמאכטן טויער — ער שפאצירט פריי איבער גאסן, ער בלאנדזשעט אויף גרין־ליכטיקע פעלדער...

— ווי גוט! ווי גוט! — ער דערהערט דאס שווערע געקלאפעריי מיטן מעטאל־פישטש און דערפילט דעם אלט־נודנעם אייל.

לייבל קוקט אויף זיינע צוויי שכנים. זיי ארבעטן דא שוין לאנג. דער — בא דער שנייד־מאשין, א דארע פיגור אין א פארפעצט־גלאנ־ציקן אנצוג, שטייט און ליגט אונטער די מעשענע טאוולען. די מאשין

סיקעט באַם שניידן, און זיין לענגלעך פּנים מיטן שיטערן בערדל וואַרפט זיך אין די שרעקנדיקע ליכטיקייטן, דאָ געל פון די טאָוולען מעש, דאָ ווייס פון די ווייסע שטיקער שטאָל אין דער מאַשין. און דער צוויטער, באַ דער פּרעס — זיין געל־געשוואָלן פּנים און זיין האַלב־שלעפעריק צושאָקלען זיך צום גאַנג פון דער פּרעס! ליבל וויל זיי אָפּרייסן פון דער אַרבעט און ער שרייט אויס:

— הערט אַ נייעס!

דער שניידער לאָזט גיין זיין מאַשין און קומט צו. דאַרט פאַר די שרעקענדיקע ליכטיקייטן, לעבט ער. דאָ קוקט ער אויס, ווי אויסגע־לאָשן, — אַ טונקל־איינגעפאַלן פּנים מיט אויגן־לעכער.

— איך האָב איצט געזען אַ חתונה פון פייגל, דאָרט באַם פענס־טער. ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן הויף אַ סטייע פייגל. זיי האָבן אַלע געשפּרונגען און געסווישטשעט, געשפּרונגען און געסווישטשעט...

דאָס געלע פּנים באַ דער פּרעס רעדט:

— איך אַרבעט דאָ שוין לאַנג און איך האָב קיינמאָל נישט גע־זען קיין פייגל אויפן הויף!

דער שניידער רעדט אַרויס הארט, ווי אַן אורטייל:

— אייזן, רויך, פון דאַנען אַנטלויפן די פייגל!

דאָס געלע פּנים, איינגעפּאַסט אין פאַבריק־נעפּל, קוקט אַהער מיט אַ שמייכל: — משוגענער!

דער שניידער גייט צוריק צו זיין מאַשין. ער לייגט די מעש־טאָוו־לען. זיין לענגלעך פּנים מיטן שיטערן בערדל טוישט זיך אין שרעקע־דיקע ליכטיקייטן, געל, ווייס. דאָס געלע פּנים שאָקלט זיך שלעפעריק צום גאַנג פון דער פּרעס.

— ווי שפּעט קאָן שוין זיין?

די ביינער ברעכן פון נודנעקייט. ער וואָלט געוואָלט טאָן אַ קוויטש!

ער וואָלט געוואָלט געבן אַ זעץ מיט אַ ריזיקער פויסט!

אָט אַרבעט ער שוין ווי זיינע חברים. זיין האַנט גייט פון זיך אַליין. די געזאַנגען זיינען ערגעץ אַוועק און עס דאַכט זיך, ווי טיף אין מוח קומט פאַר דאָס גאַנצע געקלאַפּעריי.

פּלוצלינג שניידט זיך אוים אַ הויך־דינער פּייף און דאָס האַרץ גיט אַ האַסטיקן קלאַפּ: — שוין!

אַלע מאַשינען שטעלן זיך מיטאַמאָל אָפּ.

אין טונקעלן טויער, באַם שמאָלן טירל טאַפּן נאָך אַרום די האַר־טע הענט פון אַ פאַבריק־היטער. די אַרבעטער קומען אַרויס אויף דער גאַס — געל־שטשאָקיקע פּנימער, אויסגעלאָשענע אויגן און שווער־אַראָפּגעלאָזענע הענט...

◆ ◆ ◆

קיין זון איז שוין נישט געווען, נאָר אויף ערגעץ אַ הויכער מויער זעט זיך נאָך דער שטיל־גאָלדענער אויסגאַנג פון דעם גרויסן זומער־טאָג. די עטלעכע בוימלעך אין דער לענג גאַס זיינען באַשיט מיט פייגל. די צווייגלעך בויגן זיך אַראָפּ פון זייער לעבעדיקער שווער־קייט, און דאָס הילכיק־קלאָרע געסווישטשעריי שטעכט דורך די פאַר־נאַכט־לופט.

ווען ער איז געקומען אהיים, איז אין זיין שטיבל שוין געווען פינסטער. אין דער צווייטער שטוב, באַ זיינע באַלעבאַטים, איז געווען ליכטיק. די לאָמפּ אינמיטן טיש האָט העל געברענט. די אַלטימשקע איז געזעסן באַם טיש, געקייט עפּעס מיטן ווייכן מויל און געקוקט פאַר זיך אין דער ליכטיקער לאָמפּ אַריין.

דער אַלטער איז געשטאַנען, געהאַלטן אַ ברעטל און געמייסטרע־וועט. אויפן טיש, לעבן אים, איז געשטאַנען דאָס באַקאַנטע קעס־טעלע מיט העמערלעך, צווענגלעך. דער אַלטער פלעגט פאַרריכטן אַלץ אין דער שטוב. ער איז געשטאַנען באַ אַ קלייניקייט שעהן־לאַנג, ביז ער האָט דאָס געמאַכט פּינקטלעך, און דערנאָך געפּרוווט, גע־טאַפּט דערויף עטלעכע מאָל מיט די אַלטע ציטערדיקע פינגער, צי עס איז גלאַטיק.

ער בויגט זיך אַראָפּ און פרעגט:

— רחלע, ווער איז עס אַריינגעקומען?

די אַלטימשקע קוקט צו דער אָפענער טיר, קייט און ענטפערט אָפּ:

— דער, פון דער לאָמפּן־פאַבריק!

דער אַלטער בויגט זיך נאָך מער אַראָפּ און פרעגט הויך:

— ווער?

און די אַלטיטשקע הייבט צו אים אויף דעם קאָפּ און שרייט:

— דער, פון דער לאָמפּן־פאַבריק!

דער אַלטער מייסטרעוועט ווייטער מיטן ברעטל, און די אַל־טיטשקע גיט נאָך עטלעכע קיי מיטן וויכן מויל און קוקט אין דער ליכטיקער לאָמפּ אריין.

לייבל שטייט אין טונקעלן קאָרידאָר און עס דאכט זיך אים, די ליכטיקע שטילע שטוב איז פון אים זייער ווייט און ער קאָן נישט קו־מען אהין... ער רייסט זיך אָפּ, גייט אריין אין פינסטערן שטיבל און וואַרפט זיך אויף זיין בעטל...

אָט ווערט ליכטיק. ס'קומט אריין די לאָמפּ, די אַלטיטשקע, דער־נאָך דער אַלטער. די אַלטיטשקע האַלט הויך די לאָמפּ, קוקט, זשמו־רעט מיט די ברעמען. דער אַלטער פרעגט:

— ווער איז עס?

די אַלטיטשקע ענטפערט:

— דו מאָרדעווועסט מיך, ישראל. כ'האָב דיר באַלד געזאָגט, דער פון דער לאָמפּן פאַבריק!

זיי גייען ארויס.

ער ליגט אויפן בעטל אין אָנגעטועכץ, געבונדן מיט שווערער מידקייט. שטיקלעך געדאַנקען הייבן זיך אויף, נאָר זיי באַלויכטן נישט זיין פינסטערן מוח און פאַלן באַלד צוריק אראָפּ. ער זעט אריינקומען זיין חבר. ער זעט, ווי ער צינדט אָן דאָס לעמפּל.

לייבל קוקט אויף אים דורך א ברעט: — א בחור אין א שמאָל סאַקל, מיט א קאַפּעליושל. א גלאַטיק פּנימל, בלוילעכע אויגן און שפּיציקע וואָנצעלעך. ער זעצט זיך באַם טישל און נעמט ארויס פון בוזעם־קעשענע א קליין ביכעלע מיט א בלייפעדער — דאָס רעכנט ער, וויפיל ער האָט היינט אויסגעגעבן און וויפיל עס איז אים אי־בערגעבליבן. ער עסט ווייניק און זאַמלט געלט.

לייבל זעצט זיך אויף:

— הער, הערשל, ס'איז היינט געווען אזא גרויסער גאָלדענער זומער־טאָג, צי האָסטו אים געזען?!

הערשל וווּנדערט זיך:

— כ'האָב דען נישט קיין אויגן!

— צי האָסטו ארומגעבלאָנדזשעט אויף ברייטע גרין־ליכטיקע פעלדער?! צי ביסטו געלאָפן אויפן הויכע ווייסע זאמד־בערג?! צי ביסטו געזעסן באַם קילן טייכל און דאָס וואסער הינטן איז שטיל געגאַנגען, און געגאָסן, און פישלעך זיינען פארבייגעשווומען און ארויסגעקוקט אויף דיר מיט זייערע קיילעכיקע אויגלעך?! און צי האָסטו געזעען דעם זון־אונטערגאנג?! ווייט אויפן הימל שטייט דער גרויסער זון־מלך און אַרום אַ סוויטע וואָלקענעס, געצירט מיט גאָלד, און ס'איז דאָרט אַזוי פייערלעך־שטיל, ווי פאַר אַ גרויס געשעעניש. פלוצלינג פאַלט דער מלך אַראָפּ פון הימל און ווערט פארשווונדן, און אַלץ ווערט אויסגעלאָשן!

הערשל לאַכט:

— כע־כע־, ס'איז שיין! און דו האָסט דאָס אַלץ געזען?!

לייבל שרייט:

— איך האָב דאָס אַלץ געזעען!

— האָסטו דאָך היינט נישט געאַרבעט?!

— ניין!

— איך גלויב דיר נישט!

הערשלס אויגן ווערן קליין. ער כראָפּעט שוין זיצנדיק באַם טישל.

ווען לייבל האָט געעפנט די אויגן, איז דאָס שטיבל געווען פול מיט ליכט. אויפן פענסטער קוקט אַ גרויסער, טיף־בלויער הימל און עס הערט זיך אַ קלאָר פויגל־געפישטש.

לייבל ליגט אָן באַוועגונגען. דאָס פויגל־געפישטש גיסט אין אים אַריין פריש לעבן. אויף דער וואַנט שפּילט אַ פּאַס גאָלד.

ער גיט אַ שפּרונג אַראָפּ און שרייט אוים צום קעגן־איבערדיקן בעטל:

— הערשל, איך גיי היינט נישט צו דער אַרבעט!

הערשל קראַצט זיך, גענעצט און שמייכלט:

— דו מוזט האָבן אַ סך געלט, לייבל?!

זיינע אויגן קלעפּן זיך צוריק צום שלאָף. לייבל וואַרפט אויף אים קנוילן אָנגעטועכץ:

— הינער־הערצל! איך גיי היינט נישט צו דער ארבעט, איך גיי היינט נישט צו דער ארבעט!

◆ ◆ ◆

לייבל דרייט זיך אריין אין א רייכערן טייל שטאָט. עס עפנט זיך פאַר אים א נייע וועלט — הויכע קאַמעניצעס מיט גרויסע שפיגל־שויבן.

אויף איין זייט גאַס גיסט זיך שוין אראָפּ א גאָלד־ליכטיקייט. לייבלען טוט וויי אין מוח די אָפענע ליכטיקייט פון דער זון און ער פילט זיך מיד און צעבראָכן. ער זעצט זיך אויף א שטיגל אין שאָטן.

ס'גייען פארביי פיל מענטשן מיט לעבעדיקע באַוועגונגען און ליכטיקע פּנימער. אין מיטן ברוק, אויף דער אָפענער ליכטיקייט שפּילן און יאָגן זיך צוויי הינטלעך. אָט שטעלן זיך ביידע אָפּ, איינס קעגן אנדערן, די מאָרדעס אויסגעצויגן, בא דער סאַמע ערד, און קוקן זיך גלייך אָן. אין זייערע אָנגעבויגענע גלידער באַהאַלט זיך פרישקייט און קראַפט.

לייבלען דאַכט זיך, אז דאָס אַלץ קומט פאַר ווייט פון אים, אויף א ליכטיקן בארג, און ער איינער זיצט אין טאָל.

אָט גייט א הויך מיידל. א קינדיש־קלאָר געזיכט און גרויסע הימל־ליכטיקע אויגן. איר קערפּער, איר יעדעס גליד שפּילט א כּשוף־ליד פון א פרוי.

— וואָס פאַר אן אונטערשייד! לעבן זיין פערלען ליידט ער גאָר און בענקט, און לעבן דעם רייכן מיידעלע?!

ער וואָלט טויזנט מאָל געקושט איר יעדעס גליד! ער וואָלט דאָך געשטאָרבן פון תענוג!

ער לויפט איבער דער גאַס און שטופּט די מענטשן און שרעקט זיי מיט משונהדיקע קולות.

◆ ◆ ◆

דאָס לעמפּל איז אָנגעצונדן און באַלויכט דאָס שטיבל. לייבל ליגט אין אָנגעטועכץ אויף זיין בעטל. הערשל זיצט אויף זיין בעטל און שרייבט אין זיין קליין ביכעלע. ער רעדט:

— איך פאָר קיין אַמעריקע! איך וועל דאָרט זיין עטלעכע יאָר און איך וועל מאַכן געלט!

לייבל שטעלט זיך אויף:

— אמעריקע — בלויז ריזיקע פאבריקן, און הויכע אייזערנע קאמעניצעס, וואס פארשטעלן דעם הימל!

די ארבעטער פארן אין די פאבריקן אריין מיט באנען אונטער־ער ערד. זיי זעען גאר נישט דעם טאג!

— הער! מיין טאטע איז אמאל געווען א רייכער, און איך בין ארומגעפארן איבער דער וועלט...

הערשל קוקט אויף אים פארוואונדערט.

לייבל שטייט א הויכער, זיינע אויגן ברענען העל, ווי א לאמפּ פארן אויסגיין.

— די באן לויפט אין טיף־פינסטערע וועלדער! אויף ליכטיק־אפענע פעלדער!

איך בין געפארן אויפן ים. די שיף גליטשט זיך און וויגט זיך איינע אליין. און ארום א ברייטער ים, מיט וואסער־וואלן. גרויע וואסער־וואלן און הימל! גרויע וואסער־וואלן און הימל!

ווי שיין איז דער פארטאג, ווען די זון גייט־אויף! ווייט גייט־אויף אויפן הימל א קלארע גאלד־ליכטיקייט, און באלד דערנאך הייבט זיך אויף פון ים א רויט־קיילעכיקער פלאם! און הינטן וויגט זיך א ברייטער ים, מיט גאלד־צעגאסענע פאליעס. און ארום, אויף דער גאנצער וועלט, הערשט אזא גרויסע הייליקע שטילקייט! אזא גרויסע הייליקע שטילקייט!

לייבל האלט אוים:עשטרעקט א האנט, און אויף זיין בלייך פנים לויכט א בענקשאפט.

— איך בין געווען אין דער מדבר! ס'איז אנגעקומען די נאכט, א שרעקלעכע מדבר־נאכט! פון ארום הערט זיך א ברילן, א ווילד געבילערייַ, ווי א קלאגן, ווי א פארפאלן מענטשן־געוויין. און דער הימל איז ווייט און גרינלעך־ליכטיק, א מדבר־הימל!

הערשל קארטשעט זיך:

— הער אויף!

לייבל בויגט זיך איבער אים אריבער:

— איך האָב געמוזט מאַכן אַ פייער! פון יענער זייט פייער שפּרינ־נען די חיות! אויסגעשפּיצטע אויערלעך, גרין־אָנגעצונדענע אויגע־לעך! און שאַרפע ציין!

דורכן רויך קוקט אויף דיר גליַיך אַ פּאָר גרויסע, געלע אויגן!

— משוגענער, כ׳וועל מאַכן אַ גוואַלד!

גיט זיך הערשל אַ ריס אַוועק. ער שטייט פון דער וויַיטנס און לאַכט:

— ביסט אַ משוגענער און אַ ליגנער! דו האָסט מיר אַליין געהאַט דערציילט, אַז דו ביסט נאָך אין ערגעץ נישט געווען!

אין שטיבל איז פינסטער. פון קעגן־איבערדיקן בעטל הערט זיך אַ רויק כראָפּען.

ליבל ליגט אין אָנגעטועכץ אויף זיין בעטל. ער קילט דעם הייסן שטערן אָן בעטל־אייזן און ציט מיט בענקשאַפט און וויַיטיק:

גרויסע, שיינע וועלט! גרויסע, שיינע וועלט!

א לטדן

זיי שטייען, אנגעשפאַרט מיט דער פּלייצע צו א מויער.

ליבל האַלט די הענט איןביידע לענגלעכע מאַרינאַרקע־קעשע־נעס, מיט א קליין טוכן היטעלע פּעסט צו די אויגן.

דער צווייטער, א יונג מיט א לאַקירטן דאַשעק, האַלט א בייטש באַם אָרעם און קנאַקט סעמעטשקעס:

— נישט גוט, ברודער! דעם סיגנעט האָב איך פאַרקנאַקט, איך מוז אים אַרויסנעמען, און איך דאַרף א פּאָר נייע לאַקערקעס!

ליבל פּויקט מיט א שפּיץ קאַמאַש אָן דער ערד און קוקט אויף אים, פאַרזשמורענדיק א ברעם:

— איך דאַרף אויפהאַלטן א שטוב, א טאַטן מיט א מאַמען, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! נאָר שוויג, גאָט האָט מיר געשענקט א ביסעלע כוח!

◆ ◆ ◆

א גרויס געוועלב, פול מיט א בלווילעכן רויך. אַרום די ווענט, באַ טישלעך, זיצן די געסט, טרינקען, רויכערן און רעדן הויך, אַלע צוזאַמען. אויפן בופעט שטייען גלעזערנע קלאָשן און גרויסע טעלערס מיט פאַרשיידענע מאכלים.

הינטערן בופעט זיצט זלמנאָווע, די שענקערין, א ברייטע קייַלעכיקע יידענע. זי זיצט אויף איין אָרט, האַלט ביידע הענט אונטערן גרויסן בוזעם און קוקט פאַר זיך מיט א פּאָר גרויסע אָקסן־אויגן.

באַ די געטראַנקען שטייט זלמן, א ברייט־פּלייציקער, מיט א רויט־פאַרגליווערט פּנים און א קיילעכיק־געשוירן בערדל. ער גייט אין א רעקל מיט א טוכן היטעלע.

באַשעלע, זייער טעכטערל, — א קליינער מאָדעל פון דער מו־טער. זי נעמט צו געלט, גיט רעשט, שוועבט אַהין און צוריק הינטערן

בופעט, מאַכט אַ שמייכעלע אויפן קיילעכיקן פּנים און גיט אַ טענצל־אונטער.

אַמאָל שטייט אַ שיכורער גוי פאַרן בופעט און וואַקלט זיך. ער קוקט מיט אַ לאַכנדיק פּנים און פאַרגלאָסענע אויגן, ציט זיך צו אַ טעלער, ווייזט אָן מיט אַ געבויגענעם פינגער אויף אַ פּענעצל ציבעלע און רעדט אויף אַ פאַרגאַווערט קול:

— שיינע זאַלמאַנאָווע. יאַק באָגאַ קאָכאַם, טילקאָ קאַוואַלעטשעק צובולי, יאַק באָגאַ קאָכאַם!

דער זאַלמאַנאָוועס ליפּען רודערן זיך:

— אַ כּפּרה, ווי ער האָט זיך היינט צוגעטשעפּעט!

און זלמן, שטייענדיק בײַ די געטראַנקען, רעדט:

— אַ סוף, זאָל ער שוין נעמען!

באַשעלע שוועבט צו, ער זאָל נישט אַליין אַריינשטעקן די לאַפּע.

לייבל זיצט צעלייגט בײַ אַ טישל און קוקט צום בופעט אויף די פריש־געבראָטענע לעבערלעך:

ער מוז זיין איינגעהאַלטן. ווען ר׳איז נאָך געווען אַ יאַטל, האָט ער געקאָנט געבען אַ פּרעס! היינט מוז ער זיך פירן אָרנטלעך.

אַלע מאָל נעמט ער אַרויס דאָס ביכל מיט דער בלייפעדער פון בוזעם־קעשענע. ער אַליין איז נישט קיין פורמאַן, ער האָט געשפּאַנען און האַלט מענטשן, ער פירט געשעפטן. יעדע פור מיט סחורה, וואָס ער שיקט אַוועק פון באַן־הויף, פאַרשרייבט ער אויף אַ שטעקעלע. אויף יעדן בלעטל שרייבט ער זיך אונטער, זיין נאָמען מיטן צונאָמען.

—באַשעלע שמייכלט צו אים. זי רעדט זיך איין. זלמן איז טאַקע אַ געזונטער יונג. ווען מ׳דאַרף באַנאַכט פאַרמאַכן די שענק און די גויים ווילן נישט אַרויסגיין, שאַרט ער זיי צונויף און מיט איין שטויס וואַרפט ער זיי אַלע אַרויס. נאָר לערנען קען ער אַ קרענק! זיין אַלטער קען! ער פאַרטייטשט אים יעדן שבת די סדרה, וואָרט־בײַ־וואָרט. אַזאַ שטאַרקער לערנער ווי ר׳ מאָטל מאַנטשאַרש איז ער נאָך נישט. ר׳ מאָטל לערנט אין בלויז גרויסע גמרות. פּאַוואָליע! ער האָט אַריינגעקויפט ספרים און דער אַלטער וועט זיך איינאַרבעטן!

ר׳ מאָטל מאַנטשאַרש איז אַ טייערער לערנער! ער איז איין מאָל פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיין הויז, האָט ער אים צוגעשלעפּט מיט זיין

לערנען. ער איז געשטאַנען הינטערן פענסטער און זיין האַרץ איז אים געוואָרן צערונען פון דעם זיסן לערנען. ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און ער האָט געטאָן אַן עבֿרה, ער האָט געשאָלטן דעם טאַטן פאַרוואָס ער האָט אים נישט געלערנט.

עך, ווען גאָט העלפט אים און ער קריגט זיך אַריין אין יענער שטוב, ער וואָלט נאָכגעגאַנגען ר' מאָטלען ווי אַ הונט! ער וואָלט אויפגעזעסן גאַנצע נעכט און ער וואָלט שטאַרק געלערנט, ביז ער וואָלט זיך אויסגעלערנט!

פאַרנאַכט שיקט לייבל אַהיים די מענטשן מיט די פורן און אַליין גייט ער צופוס. דאָס קליין טוכן היטעלע פעסט צו די אויגן און די הענט איןביידע לענגלעכע מאַרינאַרקע־קעשענעס, גייט ער מיט שטילע טריטעלעך. אַלע ווייסן, אַז לייבל איז אַן אָרנטלעכער יונג און אַ פאַר־דינער.

ער גייט פאַרביי ר' מאָטלס מעל־געוועלב און ער קוקט אַריין מיט אַ זייטיק אויג. אויף אַ זעקל מעל זיצט אָנגעשפאַרט רבקהלע, מיט אַ ווייס פול פנים, שוואַרצע אויגן און אַ שוואַרצן, דיקן צאָפּ.

לייבלען גיט אַ שפּרונג דאָס האַרץ: — ווי אַ זים מיידעלע!

ער טראַכט זיך: — פאַוואָליע, ער וועט אונטערשיקן אַ שדכן. עס פירט זיך באַ זיי אַ באַלעבאַטיש הויז, און דער טאַטע איז אַ לער־נער.

◆ ◆ ◆

לייבלס טאַטע, ר' וואָלף, אַ קליין יידל, אונטער אַ בלעך־האַרטן כאַלאַט, דאָס ברוינע פנים האַריק פאַרוואָקסן, מיט אַ קורץ גרוילעך בערדל. ער זיצט אין דער וואַרעמער קיך, פאַר אים ליגט אָפן אַ תהי־לימל און ער זאָגט תהילים, פסוק און פסוק, מיט אַ סקאַרבאָוון ניגון.

באַ דער קיך שטייען צוויי מיידן, מיט צעפלאָסענע האָר. איינע האַלט אַ לעפל אין דער האַנט און רוט איבער דער פאַרע, וואָס גייט־אויף פון די טעפּ. די צווייטע וואַשט פויל דאָס געפעס, מיט רויט־גע־שוואָלענע הענט אין אַ גרויסער שיסל וואַרעם וואַסער. די מוטער זיצט אָן אַ זייט, די הענט איינע אין דער אַנדערער אַריין, שאָקלט זיך אין דער ברייט, און איר לענגלעך געל־געפּאַלדרעוועט פנים שווייגט, ווי זי וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדע.

לייבל קומט אַריין:

— גוטן אָוונט, טאַטע! טאַטע, וואָס זיצסטו גאָר אין דער קיך? אין דער שטוב האָסטו דאָך דיינע ספרים!

ר' וואָלף שטעלט זיך אויף, פּאָרעט זיך מיט אַ האַנט אויף דער הויזן־קעשענע.

— נאַ דיר די שליסלען פון דער שטאַל!

— וואָס ביסטו שוין ווידער געווען אין דער שטאַל?! — שרייט לייבל אויס.

— טאַטע, איך וועל אין דיר מורד זיין!

ר' וואָלף לייגט אַוועק די שליסלען:

— דיינע מענטשן, שטשעניאַקעס! זיי וויסן נישט ווי אַזוי אַרומצוגיין באַ אַ פערד!

לייבלס פּנים איז רויט־אָנגעצונדן, און ער שרייט מיט אַ קוויטשיק געוויין:

—וואָס איז דיין דאגה צו די פערד?! וואָס איז דיין דאגה צו דער שטאַל?!

— טאַטע! טאַטע! — דריקט ער אַ פויסט און ציט צו אים אַ רויט־האָריקן קאַרק.

ר' וואָלף שאָקלט זיך פאַרן תהילימל.

די מוטער זיפצט אָפּ:

— אָרנטלעכער יונג, אַ בראָך איז צו דיר!

לייבל ווייזט אויפן פאָטער.

— זאָל ער ניט גיין אין דער שטאַל אריין! איך אַרבעט מיט מיין כוח און פון אים וויל איך איין זאַך, ער זאָל זיצן און לערנען!

די מוטער שפּאַרט אונטער מיט אַ האַנט די באַק:

— איך וועל מיך דאָ נישט אַריינמישן!

לייבל וואַרפט פון זיך אַראָפּ די מאַרינאַרקע און בלייבט שטיין אין די שעלקעס, מיט פאַרקאַטשעטע העמד־אַרבל און מיט אַ ראָזנעשטריקט אַרבע־כּנפותל אויפן האַרץ.

די מויד וואַשט פויל דאָס געפעס:

— איך ווייס נישט, וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן, וואָס וועל איך דאָ דערלעבן?!

לייבל גיט אַ שאָקל צו איר מיטן קאָפּ:

— דאָס איז שוין נישט דיין דאגה! דו זיי נאָר אַ באַלעבאַטיש קינד!

— איך ווייס שוין: וואָס איך וועל מיר אַליין נישט אויסהאָרע־וועו, וועל איך נישט האָבן! — רעדט די מויד אָנגעברויגזט.

לייבל קלאַפּט זיך מיט דער האַנט אויפן האַרץ:

— איך וועל דיר געבן נדן!

ר׳ וואָלף קערט זיך צו דער שטוב:

— אַזעלכע צוויי מיידן. איין מויד קאָן ניין דינען!

די מוטער מאַכט מיט אַ האַנט:

— הער, לייבל, עס דאַרף דאָך קיינער נישט וויסן!

לייבל שטייט אין דער מיט קיך, אַ צעטומלטער. ער קוקט אויף אַלע:

— וואָס האָט עז זיך צעבונטעוועט?! איך אַרבעט מיט מיין גאַנצן כּוח און עס פעלט אייך גאַרנישט! ס׳שטייט אין דער תורה, אַז וועגט האָבן אויערן. און איך האָב שוין געזעען, אַז ס׳איז אַזוי! איך וועל נישט צולאָזן מיין שוועסטער זאָל זיין אַ דינסט. בלוט וועט דאָ פאַרגאָסן ווערן!

— איך וועל מיך נישט אַריינמישן! — שפּאַרט די מוטער אונטער מיט דער האַנט די באַק.

לייבל טוט זיך איבער אין זיין טוכענער, געהאַקטער קאַפּאָטע און גייט אַרויס.

ר׳ וואָלף שעלט דעם יונג מיט דער מויד. ער פאַרמאַכט דאָס תהילימל, זיצט און וואַרט...

די יידענע רעדט:

— האָסט דאָך נאָך שטיין אַביסל עסן!

די מויד, מיטן לעפל אין דער האַנט, טראָגט צו דעם פאָטער אַ שיסעלע עסן.

ר׳ וואָלף נעמט אָן פולע לעפל און וואַרפט אין מויל אַריין.

ער שטעלט זיך אויף, זאָגט הויך א „בורא נפשות״, קושט די מזוזה און גייט אַרויס.

◆ ◆ ◆

לייבל שפּאַצירט זיך איבער דער גאַס אין זיין טוכענער, געהאַקטער קאַפּאָטע, די הענט אויף הינטן. אָט שטעלט ער זיך אָפּ מיט א סוחר און שמועסט.

ר׳ וואָלף גייט פאַרביי, שאַרט און קלאַפּט אויף די שטיינער מיט זיינע שווערע שטיוול.

— ווו גייסטו, טאַטע?

לייבל ווייסט ווו דער פאָטער גייט, נאָר ער וויל דער סוחר זאָל הערן. ר׳ וואָלף שטעלט זיך אָפּ:

— כ׳גיי אין שול אַריין, מנחה און מעריב!

— גיי, גיי, טאַטע!

לייבל שטעלט אַרויס א קאַמאַש אויף פאָרנט און גיט א שאָקל מיטן קאָפּ צום סוחר.

— ער היט פעסט אָפּ, דער אַלטער, און מען קאָן אים נישט אָפּרייסן פון די גמרות!

◆ ◆ ◆

לייבל האָט אין דער שול אָפּגעדונגען צוויי ערטער אויף דער מזרח־וואַנט, פאַר זיך און פאַרן טאַטן. ער האָט דעם טאַטן געקויפט א נייעם טלית, מיט א זילבערנער עטרה.

שבת. ר׳ זכריה, א ברייטער באַלעבאָס, זיצט אין טלית אויף דער מזרח־וואַנט, בויגט זיך צו צו ר׳ הירשן, א גבירישן ייד, וואָס קליידט זיך מיט געשמאַק, האַלב־חסידיש, האַלב־דייטש, און נעמט א שמעק טאַבאַק פון זיין זילבערנעם פושקעלע:

— וואָלף מאַכט מיר דעם טויט מיט זיין עברי! ער האַקט, פשוט ווי מיט שטיינער!

ר׳ הירש ענטפערט מיט א שמייכל:

— לייבל האָט אים אויסגעצירט, ווי א חתן צו דער חופה!

באַם לייענען אויפן בעלעמער שטייען עטלעכע יידן אין טליתים. דער שמש שטייט דאָרט אויך, אַ דאַרער ייד מיט גרויסע שטיל־אַי־בערגעבערענטע אויגן, וואָס שוועבן איבער דער שול און זוכן דעם, יענעם. ער רופט־אויף צום ספר.

לייבל זיצט אויף דער מזרח־וואַנט אין זיין שבתדיק־טוכענער קאַפּאָטע, מיט אַ זיידן טיכל אויפן האַלדז, און ער קוקט אַריין צום טאַטן אין חומש. פון צייט צו צייט גיט ער אַ קוק אַרויף אויפן בעלעמער, צום שמש. ער צאַלט אים גוט, און ער וויל, ער זאָל זיין טאַטן מכבד זיין מיט עפּעס אַ שיינער פּאַרציע.

לייבלס קאָלעגעס שטייען, אַ קופּקעלע, באַ דער טיר. פעסטע בחורים, ברוינע פּנימער, מיט ווייסע קעלנער און שניפּסן, און אַ יידל מיט אַ געל, קיילעכיק־געשוירן בערדל, געפּאַסט דעם טלית אויף די אַקסלען. צווישן זיי גייט אַ געשמועס.

— אַ חסידל געוואָרן, לייבל!

— עס פּאַסט אים, ווי אַ פערד אַ פראַק!

— אַלץ צוליבן מאַנטשאַרשעס טעכטערל!

— זי זאָגט לא מיט אַן אלף!

— דער זכר רייסט זיך פון דישל, נאָר די קאָבעלע דרימלט!

— כאַ־כאַ, האָט ער אים אונטערגעפּאָרן!

ווען מ'איז אַרויסגעגאַנגען פון שול, איז ר' וואָלף געגאַנגען פריער און לייבל איז אים פון הינטן נאָכגעגאַנגען, נאָכגעטראָגן דעם טלית אין אַ שיינעם טלית־זאַק. אַ יונג האָט אויסגעשריגן:

— גוט־שבת, לייבל!

— אַ מפּלה אויף אים, ער מאַכט זיך נישט הערן!

— ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, פאַרן מאַנטשאַרשעס געוועלב וועל איך אים מכבד זיין מיט אַ בייטש!

דאָס יידל מיטן קיילעכיק־געשוירענעם בערדל לייגט־צו דעם טלית:

— איך וועל וואָלפן מכבד זיין מיט איין שנאַפּס, מיט אַ צווייטן, וועט ער ווערן אויס למדן!

— כאַ־כאַ, האָט ער אים אונטערגעפּאָרן!

◆ ◆ ◆

איינמאָל, אַ פאַרנאַכט. לייבל גייט אַהיים. דאָס קליינע טוכענע היטעלע צו די אויגן, די הענט איןביידע לענגלעכע מאַרינאַרקע־קעשענעס, גייט ער שטילע, אָרנטלעכע טריטעלעך.

אויף זיין גאַס, לעבן זייער טויער, זעט ער אַ געשטיי, אַ סך מענטשן. דאָס האַרץ גיט אים עפּעס אַ קלאַפּ. ער גייט ווייטער. נאָר אָט בלייבט ער שטיין ווי געליימט, אָן גערדאַנקען. ער זעט: — זיין טאַטע שטייט דאָרט אָן אַ היטל. ער שטייט אויף געבויגענע פיסלעך, האַלט די האַנט באַם אויער און זינגט.

לייבלען פאַר די אויגן איז געוואָרן פינסטער, נאָר אומצופאַלן. ער גיט זיך מיט כוח אַ דריי אוים און גייט צוריק. ער איז געגאַנגען גיך און גרינג, ווי ער וואָלט געגאַנגען באַרג־אַראָפּ.

◆ ◆ ◆

לייבל איז אַריינגעלאָפן אין דער קיך מיט אַ קוויטש:

— ווו איז ער?!

ביידע מיידן זיינען געשטאַנען, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, און געהאַלטן איין זאַך. די מוטער איז געזעסן, און איר לענגלעך, געל־געפּאַלדעוועט פּנים האָט געשוויגן.

ער איז אַריינגעלאָפן אין דער צווייטער שטוב.

ר' וואָלף איז געלעגן אויפן בעט, אין כאַלאַט, מיט די שטיוול אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, און זיין רויט־האָריק פּנים האָט עפּעס געמורמלט אין בעט־געוואַנט אַריין.

לייבל האָט אים אָנגענומען באַ ביידע קלאַפּעס און אויפגעשטעלט:

— שטיי!

ער האָט צו אים געשריגן מיט אַ געוויין:

— טאַטע, פאַרוואָס האָסטו זיך אָנגעפּיעט?! טאַטע, פאַרוואָס האָסטו זיך אָנגעפּיעט?!

ער האָט געמאַכט אַ פּויסט:

— איצט ביסטו שוין נישט מיין טאַטע!

ר׳ וואָלף איז געשטאַנען, דאָס היטל פאַרדרייט אָן א זייט, די באָרד צעקוועטשט, און ער האָט צום זון געגראַזשעט:

— איך וועל דיך צומאַרשטשען!

ער האָט געלאַכט און געוויזן אויפן זון:

— שטשעניאַק! שטשעניאַק!

לייבל איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט און געוויזן אַרום:

— נאָך וואָס טויג מיר די שטוב?! נאָך וואָס טויג מיר דאָס אַלץ?!

ער האָט אָנגעהויבן צו ברעכן דאָס מעבל. ער איז געפאַלן אויפן בעט און געוויינט אויפן הויכן קול.

פון חדר

(דעריגערונג)

עס איז געקומען די וואָך פאר פסח, און דאָס לעבן אין אונזער קליין חדר־וועלטל האָט זיך געענדערט. דאָס טונקעלע אויסזען פון אונזער רבין, ר׳ אָשר־לייב, איז צוזאמען מיטן קאַלטן ווינטער אין דרויסן פארשוואונדן, און אַפילו צווישן זיינע שוואַרץ־געדיכטע ברעמען און אויף די אנגעבלאָזענע אָדערלעך בא די שלייפן בלאָנדזשעט א העלער שטראַל.

דער רבי שטייט באַם אויפגעמאַכטן פענסטער, שטעכט און קרייַשלט מיט א טשוואָק דאָס האַרט־פאַרטריקנטע ליים פון די שפּאַרעס ארויס. א העלפט חדר־יינגלעך זיינען אין דרויסן, אויפן הויף. געזען ווי דער רבי איז פארטאָן באַם פענסטער, מיט די פּלייצעס צום חדר אויסגעדרייט, האָבן זיי זיך איינציקווייז ארויסגעשאַרט. די איבעריקע זיצן, שיטער צעוואָרפן איבער די לאַווקעס. מען שפּילט אין „קעסל־ראָש״; איינער נעמט פון צווייטנס הענט אַן „עטל־בעטל״; פּריי, אַפּן, נישט אונטער דער לאַווקע, ווי א גאַנץ יאָר.

טייל דערוועגן זיך אָנצורירן דעם רבינס לעדערן קישקעלע, וואָס ליגט היינט ווי פארשעמט אויפן טיש. דער רבי דזשאַבעט מיטן טשוואָק אין ליים אריין און זיין פּנים איז שטיל פארטאָן.

איך זיץ אין עק לאַווקע, ווייט אָפּגערוקט פון די איבעריקע יינגלעך. קוק אויף די קרישקעס ליים, וואָס פאַלן אראָפּ אין יענער זייט, אויפן הויף, און באָדן זיך אין דער העלער שיין פון דער זון. איך קוק אויפן רבינס קינדיש־פארשפּילט געזיכט, און וווּנדער זיך אויף דער ענדערונג, וואָס איז אין אונזער רבין פארגעקומען. אָט גיט ער עפּעס א רודער דאָרט מיטן האַלב־אויפגעמאַכטן פענסטער. א בונד שטראַלן טוט מיר א בליאַסק אין פּנים; איך וואַרף א בליק צום צווייטן, בלויען הימל און די שווינדל־פלאַקערדיקע זון פארבלענדט מיר די אויגן.

נאָר ווען איך האָב דערזען דעם רבינס פּנים, ווי ס'האָט געפלאַמט אַזוי ווי בײַ אַ גזלן, איז מײַן חשק אָפּגעקילט געוואָרן.

אַזוי האָט אויסגעזעען די פאַר־שבתדיקע וואָך. אָבער היינט, ווי גוט, ווי פרײַ דאָ איז! דער רבי קערט זיך פון פענסטער אַוועק, וואַרפט אויף אונדז אַ שיטערן בליק, פון יוצא וועגן, און פרעגט מיט אַ פאַלש קול: —ווו זײַנען זיי זיך שוין צעלאָפן, די גויים?

ער שאַרט זיך אין זײַנע לאַטשן צו דער טיר, נעמט דעם בעזים, וואָס שטייט אין ווינקל, פאַררײַסט הויך דעם קאָפּ, אַז די באָרד מיטן שטערן ליגן אין איין שטח, און הייבט אָן אַרומשאַרן די ווענט, די ווינקלען, וואָס זײַנען מיט שפּינוועבס פאַרוועבט.

פון יענער זייט פענסטער, פון הויף, באַווײַזט זיך די רביצין. דאָס פּנים מיט בלאַטע פאַרשפּריצט, רויט־פאַריאַכמעט, אַ מזיק אַ יידענע. דער קאָפּ אין אַ געלער פאַטשיילע פאַרבונדן; פון קניפּ, הינטן באַם קאַרק, שטאַרצן אַוועק אין ביידע זייטן צוויי שפּיצן פאַטשיילע; די אַרבל פאַרשאַרצט, ווײַזן צוויי רויטע געזונטע הענט, אין איין האַנט — אַ נאַס ברעטל; דאָס ברעטל בלישטשעט אויף דער זון, ווי עס וואָלט געווען באַשיט מיט קרישקעס בריליאַנטן; אין דער צווייטער האַנט — אַ פאַרזאַמדיקטער וויעכאַטש שטרוי. זי שטעקט אַרײַן דעם פאַרבונדענעם קאָפּ אין אָפענעם פענסטער, זוכט מיט די אויגן און שרײַט אויף אַ בייז־שטימעלע: — אשר־ליב, אַ נכפה זאָל אויף דיר קומען, אשר־ליב, ווו ביסטו?! אָט שטייט ער, גלעט מיטן בעזימל די ווענט; אַז אָך און ווי צו מײַנע יאָרן! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מען דאַרף אַרויסטראָגן דעם טיש מיט די לאַווקעס אויפן הויף, כ'דאַרף ריין מאַכן!

דאָס אַליין האָט זי דורכגערעדט אין איין אָטעם, אַז די לעצטע ווערטער זײַנען איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. זי גייט אַוועק פון פענסטער און שרײַט הויך, איבערן גאַנצן הויף: — אַ צרה אויף מײַן קאָפּ! אַ צרה!

ווי אַ שולדיקער לאָזט דער רבי אַראָפּ דעם בעזים. ער בלײַבט שטיין אין חדר, פאַרשעמט פאַר די ייִנגלעך. ער באַרויקט זיך ביסלעכווײַז, גלעט מיט דער האַנט אויף דער ברייטער באָרד און רעדט צו זיך אַליין: — אישה רעה מר ממות, טאַקע מר ממות!

ער נעמט דאָס לעדערנע קישקעלע, ליינט ער קיילעכיק אײַן,

מורמלענדיק אונטער דער נאָז: — נע־נע, און לייגט עס צו זיך אין דער ברייטער כאַלאַטל־קעשענע אַריין.

פאַר מיינע אויגן שטייט נאָך די פאַר־שבתדיקע וואָך. דאָנער־שטיק נאָך מיטאָג. די יינגלעך זיצן געדיכט, אַלע אין דער פאָדערשטער לאַווקע. די גמרות ליגן אָפן; די בלעטער צעקנייטשט, מיט ברודיקע פלעקן — אויסגעטריקנטע טרערן. דער רבי שטייט פאַר דער לאַווקע, אין פראָנט, איין פוס אויפן בענקל, דאָס לעדערנע קישקעלע אין האַנט, און לערנט איבער מיט אונז אַלע אין איינעם דעם שיעור. ס'צעלאָזן זיך די יונגע, זילבער־קלינגענדיקע קולעכלעך, אָנער וויל דעם צווייטן איבערשרייען, און דער וואָס שרייט איבער קוקט אויפן רבין מיט פרייד־בלישטשענדע אויגעלעך: — אָבער זעסט, רבי, איך בין דער בעסטער אין חדר.

דער רבי כאַפּט אַרויס איינצעלנע ווערטער, באַגלייט מיט זיין הייזעריקער שטימע: „לימא — וועל מען דען זאָגן, מתניתן דלא כסומכוס — וועל מען דען זאָגן, די משנה וועט נישט אויסקומען ווי סומכוס"?! ס'הערט זיך אַ זעץ מיט אַ פויסט און אַ הייזעריק־צעצויגענער אַקאָרד — כר־רע־רע־ססס. — געזען אויפן רבינס פּנים, אַז דער זעץ איז נאָר געווען פון קוראַזש, האָבן מיר זיך ווייטער צעלאָזט. דער גיהנום האָט אויף אונדז געוואַרט שפּעטער, ווען יעדעס יינגל האָט באַדאַרפט פאַרן רבין אַליין איבערזאָגן דעם שיעור.

ווען איך בין אַ גאַנצער אַדורך דעם „לימא מתניתן דלא כסומכוס", האָט מיך דער רבי פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, געלייגט זיין האָריקע, ברייט־ביינעקע האַנט צו מיר אויף דער גמרא און געפרעגט דעם גרויסן משה, אָדער משה־פויער, ווי דאָס גאַנצע חדר פלעגט אים רופן, ווי ווער וועט די משנה אויסקומען?

— ווי די רבנן! — האָט משה־פויער מיט זיין גראָבער, געזונטער שטימע אויסגערופן.

— מאַטשעק, גוי, אַ מפּלה אויף דיר, דו וועסט דאָ באַ מיר...!

— האָט דער רבי מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן ווילד אויסגעשריגן, אָנגעכאַפּט אים באַ די קלאַפּעס און גענומען שאָקלען אַהין און צו־ריק, אריינשרייענדיק אין אים ווי אין אַ טויבן: — וועל מען דען זאָגן, פויער איינער, וועל מען דען זאָגן... אָבער די משנה וועט דאָך טאַקע יאָ אויסקומען ווי סומכוס!

איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס גייט אַזוי מיין רבין אין לעבן דער סומכוס?! מיר האָבן געוואָלט צו להכעיס אויסשרייען:
— רבי, די משנה וועט נישט אויסקומען ווי סומכוס!

— נו אַ סוף, — ווענדט ער זיך צו אונדז ייִנגלעך: — העלפט אַרויסטראָגן דעם טיש מיט די לאַווקעס אין דרויסן אַרויס!

מיר, חברה, האָבן נאָר דאָס אויסגעקוקט. איינער לויפט איבער דעם צווייטן; יעדער וויל אָנכאַפּן אַ שטיקל טיש, אַ שטיקל לאַווקע, ווייזן דעם רבין, אַז ער איז דער גאַנצער מאַכער. ס'קומט אויס צו טראָגן דורכן שמאָלן פינסטערן קאָרידאָר. דער רבי האַלט אין איין זייט טיש, גייט פאָראויס; מיר, ייִנגלעך — בא דער צווייטער זייט טיש, שטופּן נאָך; מיר טוען אַ דריי מיטן טיש, אַ שטופּ, און דער רבי פאַלט צו דער טיר.

— גויים, עכברושים, זיי האָבן מיך שיר דערדריקט! — שרייט דער רבי, און זוכט די לאַטשן. דורכן שטופּ איז ער פון זיינע גרויסע לאַטשן אַרויסגעפאַלן.

אויפן הויף האָב איך דערפילט דעם זומער. ס'איז וואַרעם, ברייט, הויך! מיין קינדיש הערצל האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, די אויגן זייגען מיט פרייד פאַרגאָסן געוואָרן, און די יונגע פיסלעך האָבן זיך אַ הייב געטאָן. מיט אַ פריילעך פאַרריסענעם קאָפּ האָב איך אָנגעהויבן איבערן הויף אַרומשפּרינגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט טו איך אַ פלי אַוועק און ווער פאַרפאַלן צווישן די ברייטע וואַרעמע זומער־הימלען!

ווען איך זאָל קאָנען צוריק אומקערן יענע זיסע קינדער־יאָרן, וואָלט איך אָפילו באַשטאַנען אויפן לעדערנעם קישקעלע, וואָס האָט אַזוי דאָס לייב געבריט און די אויגן מיט הייסע טרערן פאַרגאָסן! אוי, איך וואָלט שוין דעם רבין פאַרגונען, אַז די משנה זאָל יאָ אויסקומען ווי סומכוס!...

הערשל מיט זיין יינגל

הערשל מיט זיין יינגל האָבן געוווינט אין טויער, אין קליינעם קרומען שטיבל אונטער די שטיגן.

הערשל — אַ הויכער, אַ דאַרער, שטענדיק אין זיין מאַליאַרסקע, בלעך־דיין רעקל, באַשמירט מיט אַלערליי פאַרבן און אַרומגעבונדן אין דער טאַליע מיט אַ דין שטריק. אַ קאַלך־טרוקן פּנים, מיט אַ שיטער בערדל און אַ ווייכן בליאַנק אין די אויגן.

זיין יינגל, דודל, אַ שמאָל, קרענקלעך־בלייך פּנימל מיט ברענענ־דיקע אויגעלעך, אָנגעטאָן אין אַלטע גרויסע קליידער און אין גרויסע קאַמאַשן.

הערשל האָט געהאַט אַרבעט אין דעם הויז. ער האָט איבערגע־פּרישט און אויסגעמאָלט די וווינונגען, און געהאַט אַלע מאָל צו רע־כענען זיך מיטן ווירט פאַר פאַרבן און הוצאות.

דער ווירט, אַ רייך־געקליידעטער, מיט אַ קלאָר פּנים און אַ גע־שניצט בערדל, איז געשטאַנען אין מיטן הויף.

הערשל איז געשטאַנען אין זיין מאַליאַרסקן אָנצוג און גערעדט שטיל און אונטערטעניק. דער ווירט האָט אים נישט געהערט און באַקוקט די מויער.

— וואָס זאָגט איר?! — האָט ער געטאָן אויף הערשלען אַ גע־שריי און אַרויסגענומען דעם טייסטער.

— פּאַניע ווירט, און פאַר דער גרינער פאַרב?

— האָסט גענוג! — האָט דער ווירט שאַרף אָפּגעענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען. הערשל איז אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן, גע־רעדט שטיל און אויסגערעכנט די הוצאות פון די פאַרבן.

— דו פאַרד איינער! — האָט זיך דער ווירט אָפּגעשטעלט און געשריגן — דו האָסט באַ מיר אַ דירה און האָסט עסן!...

דאָס ייִנגל האָט הערשלען צוגעהאָלפֿן באַ דער אַרבעט. ער איז געשטאַנען אויף דער לייטער און דודל האָט אים דערלאַנגט צו דער האַנט. ער איז געשטאַנען אויף דער לייטער און געלערנט זיין ייִנגל, ער זאָל זיין אַ מענטש, ער זאָל זיין רירעוודיק, ער זאָל האָבן פֿאַרשטאַנד! ער האָט צו אים גערעדט אַ סך אין דער לידיקער, פֿריש־אויסגעקאַלכ־טער שטוב און געהוסט, צוהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנט באַ דער לייטער און מיט דער אַנדערער האַנט באַם האַרץ. דודל האָט געקוקט אַרויף מיט אַ פֿאַרטראַכט פּנימל. ער האָט גאָרנישט געהערט, נאָר דער פֿאָטער אַליין איז געווען פֿאַר אים עפּעס אַ ווונדער.

איינמאָל האָט הערשל אויף אים געשריגן, נאָכגעלאָפֿן און גע־וואָלט אים שלאָגן:

— קיין מאַיאָנטקעס איבערצולאָזן דיר האָב איך ניט, וויל איך דיך אויסלערנען אַ מלאָכה, און דו ווילסט מיך נישט פֿאָלגן. טאַ וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן?!

אין אַ לידיקער צייט, ווען אין הויז איז נישט געווען קיין אַר־בעט, איז הערשל געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל, לעבן טויער, און געשניצט אַ דעסען. ער האָט אַ גרויסן בויגן פֿאַרשיידנאַרטיק גע־קנייטשט און געשווירן מיט אַ שער. ער האָט גערעדט צום ייִנגל:

—כ׳וועל אים ליימען און כ׳האָב פֿאַרטיק אַ דעסען, און כ׳דאַרף נישט גיין קויפֿן! קוק זיך צו! אַ מענטש דאַרף אַלץ קאָנען!

◆ ◆ ◆

אין מיטן הויף, אויף דער אָפֿענער ליכטיקייט, האָבן זיך גע־שפּילט עטלעכע ייִנגלעך. זיי האָבן געראַשט און פֿאַרקלונגען די לופֿט מיט זייערע העלע קולעכלעך. אַלע מאָל פֿריילעך אונטערגעשפּרונגען און איבערגערוקט זיך פֿון אָרט צו אָרט, אַליין נישט ווייסנדיק. דודל איז געשטאַנען פֿון דער וויטנס און געקוקט מיט זיין בלייך־ערנסט פּנימל, ביידע הענט אויף הינטן, ווי אַ גרויסער. איין ייִנגעלע האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון אַלע, באַקוקט אים, באַטראַכט, און זיך גערייצט:

— דו שפּילסט זיך ניט מיט אונדז!

דודל האָט זיך צוריקגערייצט:

— איך שפּיל זיך יאָ!

— דו שפּילסט זיך נישט!

דאָס יינגעלע האָט אָנגעהויבן זינגען אין טאַקט:

פּאַסקודנע לאַטעס,
אַלטע שמאַטעס:
ליידיק אין די טאַשן,
צעריסענע קאַמאַשן!

דודלס פּנימל האָט זיך געגרינט און קאַנטיק אויסגעקרימט: ער האָט געטאָן אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין יינגלס פּנים אריין. דאָס יינגעלע האָט זיך הויך צעוויינט. דודל איז אַנטלאָפן צום ווינקל פון הויף, איינגעקאָרטשעט זיך און באַהאַלטן. פון דער הויך פון אַן אָפן פענסטער האָט אַראָפּגעשריגן אַ קוויטשיק־צעצויגן קול:

— אַ לאָבוז! אַ קעשענע־גנב! געקומען פון אַלדי שווארצע יאר!

הערשל שטייט מיטן געשניצטן בויגן פּאַפּיר אין דער האַנט, ארויס־געשטאַרצט דאָס בערדל, אַ בלאַסער און אַ ציטערדיקער. ער קוקט ארויף צום אָפענעם פענסטער, צום ווינקל פון הויף. ער גיט אַ געשריי מיט שרעק און ווונדער:

— דודל?!

ער לויפט אהין, כאַפּט דודלען פאַר אַ האַנט און פירט אים מיט גרויסע שפּרייזן איבערן הויף, ריידנדיק ארויף צום אָפענעם פענס־טער און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— ער וועט שוין האָבן! ער וועט שוין האָבן! כ'וועל אים לאָזן אויפן אָרט!

דער הויף מענטשן שטייט אין טויער און קוקט צו הערשלען אין שטיבל אריין. הערשל איז בלאַס.

— פאַרוואָס האָסטו אים געשלאָגן?!

דודל כאַפּט זיך אויף:

— ער האָט געמעגט?!

הערשל שלאָגט אים שטאַרק מיט אַ פּאַסיק אויף דער פּאָדלאָגע:

— ער מעג, דו טאָרסט נישט! ער מעג, דו טאָרסט נישט! דו זאָלסט וויסן! דו זאָלסט וויסן!

◆ ◆ ◆

ווען הערשל איז געשטאַנען און געאַרבעט אויף דער לייטער־

איז דודל ערגעץ געזעסן און געריסעוועט. דער פּאָטער איז אַראָפּגע־גאַנגען פון לייטער, געשטאַנען און געקוקט, האַלטנדיק דעם פּענזל אין דער האַנט.

— וואָס טויג דיר דאָס?! לערן דיך גלייכער די מלאכה, ציִען אַ שטריך, ריסעווען אַ בלימל!

אַמאָל האָט הערשל זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, אָנגעכאַפּט אויפן הויף דעם, יענעם, און געוויזן:

— דאָס האָט מיין יינגל אויפגעריסעוועט, מיט בלייפעדער!

— מיט אַ פּראָסטער בלייפעדער! — האָט יענער געקוקט און געוווּנדערט זיך.

הערשל איז געשטאַנען שטייף:

— ווען איך האָב אויף אים געלט צו לייגן! עס איז פאַראַן אַ מאַליאַרסקע שקאָלע!

— נאָר געלט, אָן געלט קאָנסטו גאָרנישט מאַכן! — האָט יע־נער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דער עיקרשט איז טאַלאַנט! — האָט הערשל אָפּגעזיפצט און אַריינגעלייגט דאָס שטיקל פּאַפּיר אין דער קעשענע.

◆ ◆ ◆

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט הערשל זיך געקאָכט עסן. ער איז געזעסן אין טונקעלן ווינקל, איינגעבויגן און געשיילט קאַר־טאָפל. ער האָט גערעדט צום יינגל:

— וואָס שטייסטו און דו קוקסט מיך אָן? אָט, ווען איך שטאַרב פּלוצלינג, ווי אַזוי וואָלסטו דיר אַן עצה געגעבן? נעם דעם קאַיעט, לערן דיך שרייבן!

הערשל שטעלט זיך אויף. ער גייט צום קיבל און מאַכט פייער. אויף די קרומע גרויסע ווענט הייבן אָן שוועבן און וואַרפן זיך ליכ־טיקייטן. דודל זיצט באַם טישל און זיין בלייך־שטיל פּנימל קוקט נאָך דאָס אַלץ.

הערשל פּלעגט לערנען מיט זיין יינגל. אין קרומען שטיבל איז הערשל געזעסן און לעבן אים דודל. הערשל האָט זיך געשאָקלט און געלערנט אויפן קול, מיט אַ ניגון, אויסגעטייטשט און געגעבן צו

פארשטיין יעדע קלייניקייט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַלץ איבער־געבן, אַלע זיינע געדאַנקען. דודל האָט אַלע מאָל עפּעס געפרעגט:

— ס'איז היינט אויך דאָ אַ מדבר? ווי אַזוי האָט משה רבינו אויסגעזען, ווי אַ מענטש?

— דו פרעגסט נאַרישקייטן! — האָט הערשל אויף אים אָנ־געשריגן און ווייטער געלערנט.

◆ ◆ ◆

אַמאָל, באַנאַכט. דאָס לעמפּל אויפן טיש האָט באַלויכטן דאָס קליינע צימערל מיט די גרוי־קאַלטע ווענט. דודל איז געשלאָפן אויף דעם איינעם אייזערנעם בעטל, וואָס שטייט אין ווינקל, צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע.

הערשל איז געשטאַנען לעבן בעטל און ארומגעטאַפּט דעם יינגלס אַנטועכץ. ער האָט ארויסגענומען אַ פּאַפּיר און איז צוגעגאַנגען צום טישל. אויף דעם פּאַפּיר איז ער, הערשל, געווען געריסעוועט אויף עטלעכע ערטער.

— ער, הערשל, שטייט אויף דער לייטער, איין האַנט אין דער הויך, האַלט זיך באַ דער לייטער, מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער זיך צו דאָס האַרץ, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צווישן צוויי שפּיציקע אַקסלען, און דער גאַנצער קערפּער און יעדעס גליד איז איינגעקאָר־טשעט פון הוסטן.

ער, הערשל, זיצט נידעריק, איינגעבויגן און איינגעבראָכן, און שיילט מיט צוויי לאַנגע הענט אַ קאַרטאָפל. דודל שטייט אין דער זייט. ער, הערשל, רעדט, מיט בולטע אָדערן אויפן האַלדז, און זיין פּנים מיטן האַרץ ציט זיך אינגאַנצן אַהין צו דודלען...

הערשל איז צוגעגאַנגען צום בעטל און לייכט אָפּגעדעקט די קאָלדרע. צווישן שמאַטעס האָט געלויכטן אַ בלייך פּנימל מיט אַ שיינעם קאָפּ האָר. הערשל האָט ארויפגעלייגט די האַנט צו זיך אויפן האַרץ און גערעדט האַסטיק און פאַרשטיקט:

— איך שווער דיר באַ מיין קראַנק האַרץ, דיך וועל איך נישט לאָזן אַזוי!

דודל

דודל שאָקלט זיך, נאָר ער קוקט נישט אין דער גמרא. ער זינגט פסוקים פון שיר־השירים:

הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים —
דו ביסט שיין, מיין פריינטין, דו ביסט שיין!
דיינע אויגן, ווי שטילע טויבן,
דיינע ליפּעלעך, אַ רויטער פּאָדים,
און דיינע רייד, ווי אַ געזאַנג...

זיין קול בעט זיך, אין זיינע אויגן שטייט אַ טרערן־גלאַנץ:

הגידה לי שאהבה נפשי,
איכה תרעה, איכה תרביץ בצהרים?!
זאָג מיר, דו געליבטע פון מיין האַרץ,
ווי קאָנסטו מיך לאָזן וואַרטן
אַזאַ גרויסן פיינלעכן טאָג?!

ער ליבט זי שוין אַזוי לאַנג! איין זומער פאַרנאַכט שטייט קלאָר אין זיין געדאַנק. ער איז געגאַנגען אַהיים פון חדר. אַ ווייך־בלויער הימל איז געלעגן איבערן שטעטל און דער מזרח איז געווען צעגאָסן אין אַ שטילער רויטקייט. די לעצטע קלאַנגען פון טאָג האָבן זיך נישט געטראָגן אין דער הויך, נאָר שוואַך און טויב געפאַלן צו דער ערד. אַ גאָלד־מידער פּישטש פון ערגעץ אַ פויגל האָט דורכ־געשטאָכן די לופט, און אים, דודלען, געגאַנגט דאָס האַרץ. ער איז געגאַנגען גיך און גרינג, ווי ער וואָלט נישט געפילט קיין ערד אונ־טער זיך, און נישט ווייסנדיק אַליין איז ער געשטאַנען פאַרן גבירס הויז.

פערעלע איז געשטאַנען אין דער מיט גאַס, געפלאָכטן זיך דאָס צעפּל, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן אויף פאָרנט, אָנגעבויגן זייטיק

דאָס קעפּל און געקוקט צו אים אַרויף מיט אירע גרויסע שטילע אויגן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק. לאַנג איז ער געשטאַנען לעבן איר. עס איז אים דעמאָלט געווען אַזוי גוט! אַזוי גוט! זי האָט צו אים אויפגעהויבן אירע אויגן, אויף די לאַנג־שוואַרצע ברעמען האָבן געהאַנגען צוויי קלאָרע טרערן און זי איז אַנטלאָפן צו זיך אין טויער...

— הגידה לי שאהבה נפשי, איכה תרעה, איכה תרביץ בצהרים?

— זאָג מיר, דו געליבטע פון מיין האַרץ, ווי קאָנסטו מיך לאָזען וואַרטען אַזאַ גרויסן פיינלעכן טאָג?!

דאָס איינע ליכטל באַ זיין אָפענער גמרא באַלויכט דאָס בית־המדרש. די געלע בלעטער פון דער גמרא, דאָס פּרוכת מיט די צוויי לייבן, די שאָטנס אין די ליידיקע ווינקלען, דאָס אַלץ לעבט שוין דורות, טויזנטער יאָרן. איז ער אויך אַזוי אַלט? דודלס האַרץ קלאַפּט און עס רופט אָן אויפהער: פּערעלע, פּערעלע!

ער פאַרמאַכט די גמרא.

◆ ◆ ◆

אין דער ברייטער נאַכט האָט דודל פריי אָפּגעאָטעמט. דער בלוילעך־פינסטערער הימל ליגט ווייט און טיף, און עס פינקלען אַראָפּ און שפּיגלען זיך קלאָר גאָלד־שטילע, גרינע און בלויע שטערנדלעך.

עפּעס לויכטן היינט די שויבן אַזוי קלאָר, עפּעס ברענען אַלע לאָמפּן־פלאַמען אַזוי העל!... ס'גייט אַ מיידל. זיין האַרץ קלאַפּט הויך.

ס'איז נישט!

אָט איז פאַרן גבירס הויז. די פענסטער זיינען אַלע אויסגעלאָשן. זיי שלאָפן שוין?

אויף די שויבן שפּיגלט דער שטילער בלאַנק פון דער נאַכט. דודל רופט און בעט מיט טרערן: — פּערעלע! פּערעלע!

דאָס לעצטע פענסטער האָט זיך אָנגעצונדן. דאָס נעסל איז פינסטער און שטיל. ער גייט צו.

— פּערעלע — גיט זיין האַרץ אַ שפּרונג. אַ קליין שטיבל. אויפן טישל שטייט אַ לייכטערל מיט אַן אָנגעצונדן ליכט. פאַר אַ ווייס גע־בעט בעטל שטייט פּערעלע. זי שטייט מיט דער פּלייצע צו אים. אָט

דרייט זי זיך אוים און קוקט לאנג, מיט א שטיל־פארטראכטן בליק, אויפן פענסטער. זי זעט אים נישט!

זי הייבט אויףביידע הענט אויף יענער זייט, צו דער פלייצע, און העקלט זיך אויף דאָס בלוזקעלע.

ער האָט אינגאנצן פארגעסן ווו ער שטייט, און ס׳דאכט זיך אים, ער איז אינווייניק.

— ווי שיין זי איז, אז זי שטייט אזוי אויסגעבויגן! די לאנג־שווארצע ברעמען ליגן אראָפּגעלאָזט, אויפן פנים שפּילט א רויט־קייט און מען זעט אינגאנצן דאָס קיילעכיק־ווייסע גאָמבעלע.

— ווען ער זאָל קאָנען איצט זיין אינווייניק, דורך א שם, צי דורך א כישוף, ס׳איז אים אַלץ איינס — ער וואָלט זי אָן אויפהער געקושט אין מיטן קאָפּ האָר, אין די גרויסע קינדער־אויגן, אין קיי־לעכיק־ווייסן גאָמבעלע!

ס׳הערט זיך א סקריפּ מיט א טיר. ער דערפילט אויף זיין הייסן שטערן די קאַלטע שויב, און ער דערמאָנט זיך, ווו ער שטייט. עס עפנט זיך אין דער פינסטערניש א פיר־עקעכדיקע שטיק ליכטיקייט. דאָס הארץ קלאַפּט אים שטארק און ער דריקט זיך צו דער פינס־טערער וואַנט.

א ווייבל גייט אַרויס פון דער ליכטיקייט און טראָגט עפּעס, מוט א גאָס איבער דער גאַס און גייט צוריק אין דער ליכטיקייט אריין. די טיר פארמאַכט זיך מיט א סקריפּ, און די פינסטערניש ווערט גאַנץ. ער כאַפּט זיך צום פענסטער.

פערעלע זיצט שוין אויפן בעטל. זי גייט אין א קינדיש־קורץ קליידעלע, און ער זעט די צוויי נאַקעט־ווייסע הענט, ביז די אַקסלען. זי שנירט זיך אויף א שוך און דערביי פאַלט דער צאָפּ אראָפּ פון דער פלייצע און הענגט און וואַרפט זיך אין דער לופט. ווי שיין איז איר פּוס, אין געפּאַסטן זאָק! אונטן דין און אויבן דיק. אָט שטעלט זי זיך אויף. ער זעט דורכן העמד אירע שטייענדיקע בריסטלעך. זי קוקט אויפן פענסטער, גלייך אויף אים. צי זי זעט אים?!

זי לעשט אוים דאָס ליכט און בא אים אין הארץ ווערט עפּעס ווי איבערגעריסן. ער קוקט שטארק אריין אין דער פינסטערער שויב, און עס דאכט זיך אים, ער זעט זי ליגן אויפן בעטל... זיין ברעם גיט א ציטער און ער זעט נישט מער ווי געדיכט־שטילע פינסטערניש.

— ווען ער זאָל קאָנען זיין אינוויינינק. ער וואָלט נאָר געהערט ווי זי שלאָפט! ער וואָלט געקושט דעם זוים פון איר העמד!

א היץ שלאָגט אים אין פּנים אריין און ער גייט אוועק. ער קומט ווידער צו — ער וועט עפענען דאָס פענסטער. ער וועט זאָגן, אז ער, דודל, און ער וועט בא איר אזוי בעטן! און אז מ׳וועט אים כאַפּן?! דאָס גאַנצע שטעטל! אין בית־המדרש!

ער גייט גיך אוועק.

◆ ◆ ◆

אין דער היים זיינען שוין אַלע געשלאָפן. אין לעצטן קליינעם שטיבל שלאָפט זיין פאָטער און זיין מוטער. דודל ליגט אין אָנגעטועכץ אויף דער קאַנאַפּע. צוויי לבנה־פענסטער מיט פאַרהאַנגען שלאָגן־אָפּ אויף דער פּאָדלאָגע און באַלויכטן ווי א שטילער חלום די מיטל־שטוב. דודל שטרעקט־אויס ביידע הענט צום לבנה־שיין און ער רופט: — פּערעלע! פּערעלע! ער רופט דאָס הייליק־ווייסע פּערעלע פון זיינע קינדער־יאָרן, נאָר אָט דערזעט ער זי אויף איר בעטל, אין העמד.

ער שטייט אויף דער שוועל פון דער קיך. א שטילע נאכט־ליכטיקייט שיינט אריין דורכן פענסטער. אויפן אייזערנעם בעטל ליגט דאָס דינסט־מיידל, פאַרדעקט מיט א דינער קאָלדרע, און ער זעט איר קערפּער.

עס דאַכט זיך אים, אז זיינע עלטערן זיינען אויף, און ער גייט צוריק אין מיטל־שטוב אריין. ער שטעקט־צו דאָס אויער צו דער פינסטערער שפּאַרע פון דער אָפענער טיר. זיינע עלטערן שלאָפן. ער גייט מיט שטילע שפּרייזן צוריק צו דער קיך.

זי ליגט שוין האַלב אָפּגעדעקט: צי זי שלאָפט?

ער זעט די ליכטיקייט פון איר ליב. עפּעס רוישט די גאַנצע לופט ארום אים, און פלוצלינג הערט ער דייטלעך, ווי דער פאָטער און די מוטער ריידן. ער גייט גיך אריין.

ער הערט, זיי שלאָפן.

— ווער נאַרט אים?! ער הערט דעם רויקן שלאָף־אָטעם פון זיינע עלטערן, ווי א ווייט, הייליק געזאַנג...

ער שטייט אין דער קיך, און עס דאַכט זיך אים, ער איז אין יע־

נעם שטיבל. ער ציט זיך צום בעטעל, ווי צו א פארגעסענעם חלום, און זיינע ליפן מורמלען: — פערעלע! פערעלע!

◆ ◆ ◆

ער ליגט אויף דער קאנאפע. ער זעט, זיין מאמע גייט שטיל איבער דער שטוב. אט איז דער טאטע צוריקגעקומען פון דאווגען...

— דודל, הייב זיך שוין אויף!

— נו, דודל!

דער פאטער רירט אים אן. ער גיט א צאפל און כאפט זיך אויף. ער זיצט אויף דער קאנאפע און קוקט אומפארשטענדלעך.

די גאנצע שטוב און זיינע עלטערן זיינען פון אים אזוי ווייט, אזוי ווייט!

דער טונקעלער

ער האָט געהייסן הערשל; מענטשן האָבן אים גערופן דער טונ־קעלער.

א ברוין־טונקל פּנים, ארום באוואקסן מיט א שווארצן וווקס, און אויגן מיט גרויס שווארצאפּלען. שטענדיק, אין זומער און ווינ־טער, איז ער געגאנגען אין א קורצער מארינארקע, מיט א צעקנייטש־טען קאפּעליוש און א גרויסן שטייפן קאָלנער.

ער האָט געוווינט בא א פּאָר־פאָלק. דער בעלעבאָס, א יונגערמאנ־טשיק מיט א קליין טוכן היטעלע אויפן קאָפּ, מיט א קיילעכיק־גע־שוירן בערדל און שיין־געפּוצטע שטיוועלעך, — אין דער שטוב האָט ער אלע מאָל אראָפּגענומען דאָס היטעלע און זיך פארקעמט דעם גערדיכטן קאָפּ האָר אין א שרינט. די באַלעבאָסטע, א הויכע, א פולע, מיט ליכטיק־ווייסער הויט און בלויע אויגן.

הערשל איז שטענדיק געזעסן אין זיין ווינקל אויף א שטול, גע־האַלטן א ביכל נאָענט צו די אויגן און געשוועבט איבער די שו־רות מיט זיינע גרויסע שווארצאפּלען, אָדער ער איז געזעסן און גע־קוקט אין א זייט.

דאָס פּאָר־פאָלק האָט גערעדט, געקריגט זיך, געלאכט און גע־שטיפט, ווי עס וואָלט קיינער אין שטוב נישט געווען. נאָר ווען הערשל האָט געהאָט געלט, האָבן זיי אים געזען.

די באַלעבאָסטע איז צו אים נאָענט צוגעגאנגען, אָנגערירט אויף אים איר פלייש און ווייך צוגעשמייכלט. חיים האָט פארבעטן א קאָלעגע, א קליין יידל מיט א געל בערדל און א גערדיכטן קאָפּ ברודיק־ווייסע האָר. די לאָמפּ אין מיטן טיש איז געוואָרן העל־אָנגע־צונדן, און מ'האָט געמאכט א קערטל.

הערשל האָט געוווסט, אז זיי באַשווינדלען אים, נאָר ער האָט געשפּילט צו פארטרייבן זיין לײדיקייט.

נאָדע איז געשטאנען לעבן הערשלען, געשטופּט אויף אים

איר פלייש און ווייך געשמייכלט. זי האָט אריינגעקוקט אין זיינע קאָרטן און אָראָפּגעוווּנקען צום מאַן און צום געלן יידל. הערשל האָט זיך פאַר איר נישט געהיט, נאָר אַמאָל האָט ער אויף איר שטאַרק און לאַנג געקוקט. איר פול פּנים, איבערן ווייס־קלאָרן האַלדז, איז גע־וואָרן פאַרגאָסן מיט א פאַרשעמטער רויטקייט. זי האָט אַראָפּגע־לאָזט דעם בליק און הויך געזאָגט:

— זעטס נאָר, ווי ער קוקט מיך אָן, גלייך ער קען מיך נישט!

ווען הערשל פאַרשפּילט זיין געלט, וואַרפט ער די קאָרטן. חיים שטייט אין מיט־שטוב, מאַכט זיך טאַפּן בא זיך אין וועסטל־קעשענע און רעדט הויך:

— דער געלער האָט היינט צוגענומען דאָס גאַנצע געלט!

דאָס יידל קראַצט זיך אין געדיכטן קאָפּ ברודיק־ווייסע האָר און לאַכט, קוקנדיק מיט קלאָרע מיסט־אויגעלעך און ארויסשטעקנ־דיק דאָס געלע בערדל מיט דראָבנע ציין. בא דער טיר ווינקט ער זיך נאָך איבער מיט חיימען און גייט אַרויס. גאָלדע קלאַפּט־אויף די קישנס און שרייט, אַז עס איז שוין שפּעט, און שעלט דעם מאַן פאַר זיין שפּילן אין קאָרטן.

הערשל שטייט אין זיין ווינקל, קוקט אין א זייט, און קרימט דאָס פּנים, ווי פון אַן עקלדיקער זאַך.

גאָלדע ווינקט צום מאַן:

— זע, חיים, דער טונקעלער רעדט שוין מיט די נישט־גוטע! אז איך בין אַליין אין שטוב, פאַלט אויף מיר א פּחד!

אין דער פרי. חיים פלעגט דאַוונען, געפּאַסט אויף די אַקסלען דעם טלית, מיט די תפילין אויפן נאָס־פאַרקעמטן שריינט, מיטן קליי־נעם טוכענעם היטעלע. ער איז געשטאַנען גלייך און איבערגעשמועסט זיך מיטן ווייב, וואָס זי וועט קאָכן צום מיטאָג. הערשל איז געזעסן אין זיין ווינקל, אויף דער שטול. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און הויך געזאָגט:

— מ'טאָר נישט „אויסרעדן" אין מיטן דאַוונען!

— א שיינער ייד, נו־יאָ! — האָט חיים „נישט־אויסגערעדט". ער איז געשטאַנען, געפּאַסט אויף די אַקסלען דעם טלית, מיט א גע־

פוצט שטיוועלע אויף פאַרנט אַרויס, געקוקט אויף הערשלען, און געשמייכלט.

גאָלדע איז געשטאַנען, ווי אַ פעסטונג,ביידע הענט אויף די באָקעס, און געלאַכט:

— אַ בראָך איז צו דיר, טונקעלער. קענען, קענסטו גענוג, נאָר האַלסטו דען דערפון?! דו ביסט דאָך אַ משומד!

באַנאַכט בעט מען אים אויס אויף די שטולן אַ שיטער שעניקל מיט אַ ביסל צעריבן שטרוי. אין דער פינסטערער שטילער נאַכט טראָגט זיך אַ כראָפּען פון פאַר־פאָלק. הערשל וואַרפט זיך אויף זיין געלעגער, זיפצט און קרעכצט.

◆ ◆ ◆

הערשל האָט נישט געקאָנט קיין מלאכה. באַנאַכט פלעגט ער אַריינגיין אין חתונה־זאַל. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט באַם טיש און אָנגעהויבן זאָגן. יידן מיט בערד, לענגלעך־ערנסטע פּנימער אונטער בלוי־סאַמעטענע היטלען, זיינען געזעסן אַרום טיש, געקוקט אַרויף צו הערשלען, געחידושט זיך און געדרייט מיט די קעפּ:

— אַ־וואַ, אַ־וואַ, אַ שאַרפן קאָפּ!

און דער געמיינערער עולם, אין געהאַקטע שטייפע קאַפּאָטקעלעך, מיט נייע טוכענע היטלעך, האָט זיך געשטופּט אַרום אים, געקוקט אויף די לומדים און געשאָקלט איינער צום אַנדערן מיטן קאָפּ:

— ער קען! —

הערשל פלעגט זיך שטעלן זאָגן באַ די ווייבער, מיט שיינע משלים אויפן קורצן נאַרישן לעבן. די ווייבער האָבן אָנגעהויבן נעמען די טיכלעך צו די אויגן. דאָ־דאָרט האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט געוויין, און איינע איז אַרויס מיט אַ הויכן שלוקערץ. ליכטיק, הייס, פול מענטשן, — און געלט האָט אַריינגעקלונגען צו הערשלען אין קאַפּל.

די שטאָט־בדחנים זיינען געווען בייז אויף אים. ער האָט „צו־גענומען פאַרדינסטן". אַמאָל פלעגן זיי אים אויך פאַרטרייבן פון אַ חתונה.

דער שטאָט־בדחן איז געשטאַנען, און אַרום — חתונה־געסט פון געמיינערן עולם. דער בדחן האָט זיך געגלעט די באָרד:

פון וואַנען האָט ער דען אַזאַ שאַרפן קאָפּ?! ער האָט צו טאָן מיט יענע לייט! ער איז גאָר נישט קיין ייִד! ער איז אַ געשמדטער!

עטלעכע שטייפע שניידערלעך און שוסטערלעך ציגדן זיך אָן, אויף פּנימער לויכט אַ שרעק, אויגן בליצן.

— ווו איז ער?! ווו איז ער?!

און הערשל מוז אַנטלויפן.

◆ ◆ ◆

שטענדיק, אין זומער און ווינטער, איז ער געגאַנגען אין דער קורצער מאַרינאַרקע. איינמאָל, אין אַ פראָסט, איז ער געקומען אויף אַ התונה־זאַל. עס איז נאָך געווען פרי און ער איז געזעסן באַ די סאַרווערס אין דער וואַרעמער, רויט־ליכטיקער קיך. ער איז געזעסן איינגעקאָרטשעט, דאָס פּנים אויסגעצויגן פון קעלט, און זיינע קניען האָבן געציטערט.

דער חזן, וואָס איז מסדר־קידושין, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַן אויסגעקעמטער באָרד און שווייסיקע קלאַפּעס, איז געשטאַנען אָנגעלענט אויף זיין שטעקן און געשאָקלט אויף הערשלען מיטן קאָפּ:

— אַ יונג קויפט זיך נישט קיין שטיקל פּאַלטן!

די סאַרווערס שטייען אַרום, הויכע, דיקע, אין ווייסע פאַרטובער. איינער פון זיי רעדט:

— אַ געלערנטער יונג און ער ליגט אין דער ערד!

אַ קליינע רויט־אויגיקע ייִדענע, וואָס זיצט אין ווינקל און שאַבט כריין, קומט אַריין מיט אַ קוויטשיק קולעכל:

— אַן אָפּקומעניש, אַ גילגול, מישטיינס געזאָגט!

הערשל קוקט אַוועק אין אַ זייט. דער חזן רעדט אויף זיין ברייט־רוישיקער שטימע:

— ער זאָל מיר היינט אַוועקגעבן אַ חלק פון „פּאַרדינסט”, וועל איך באַ מיר זאַמלען און איך וועל אים קויפן אַ פּאַלטן! הא, וואָס זאָגט עץ, ייִדן?

ער שטעקט אַרוים אַ שפּיץ באָרד און וואַרט. זיין שטילער בליק שוועבט אַרום באַ די סאַרווערס און באַטאַפּט זיי גנביש.

די סאַרווערס גייען־צו נעענטער צו הערשלען:

— טונקעלער, דו האָסט געהערט, וואָס דער ייד האָט געזאָגט?

הערשל קוקט שטאַרק אָן דעם חזן. דעם חזנס ברעמען גיבן אַ ציטער, נאָר באַלד הייבט ער אויף דעם בליק און עס קומט אַרויס אויף זיין פּנים אַ געמיין שמייכעלע:

— ער וועט פון דעם געלט גאַרנישט האָבן, די נישט־גוטע נעמען באַ אים צו!

הערשל דרייט זיך אַוועק, קרימענדיק דאָס פּנים, ווי פון אַן עקלדיקער זאַך. די סאַרוועריס רינגלען אים אַרום.

— וואָס זאָגסטו, טונקעלער, באַשטייסט — ווערסטו האַלטן די חתונה, ווען נישט, פאַרטרייבט מען דיך!

ער מוז אַוועקגעבן אַ חלק.

◆ ◆ ◆

הערשל פלעגט שרייבן און קומען אין אַ רעדאַקציע. דער רעדאַקטאָר, אַ מאַן מיט אַ גרויסן שטערן, איז געזעסן באַ אַ טיש פּאַפּירן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און אויף הערשלען האָט אַ בלאַנק געטאָן אַ פּאָר קלאָרע גלעזלעך פון ברילן.

דאָס איז געווען אַן עלטערער מענטש, מיט אַ גרוי בערדל, נאָר די גלאַטיק־רויטע בעקעלעך אונטער די אויגן האָבן דערציילט, אַז ער האָט ליב צו נאַשן זיסקייטן, און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן... מער פון אַלץ האָט זיך געוויזן דאָס גרויסע שטייפע פאָדער־האָרץ מיט די מאַנקעטן. ער האָט דערלאַנגט אַ האַנט און הערשל האָט דערפילט אַ קעלט פון זיינע ביינער־פינגערלעך. הערשל האָט געגעבן דעם מאַנוסקריפּט.

דער רעדאַקטאָר האָט צום ערשט דורכגעזען וויפיל עס זיינען פאַראַן זייטלעך, דערנאָך געבלאַנקט מיט זיינע ברילן אויף עטלעכע ערטער. ער צעזעצט זיך ברייט אין זיין שטול:

— דאָס איז נישט פאַר מיר!

הערשל האָט זיך אויפגעשטעלט. דער רעדאַקטאָר האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. ער האָט גענומען הערשלען אונטערן אָרעם און נעשפּאַצירט מיט אים איבער דער שטוב.

— טאַלאַנט איז באַ אייך דאָ, נאָר דאָס איז גראָד צו־אמת, ס'איז נישט אינטערעסאַנט!

— וואָס קאָן זיין מער אינטערעסאַנט, ווי דער אמת?!

דער רעדאַקטאָר שמייכלט:

— פאַרשטייט איר, יונגערמאַן, מען דאַרף די געזעלשאַפט ווייזן!

— אַביסעלע צוקיצלען! כאַ־כאַ, אַביסעלע צוקיצלען!

די גאַנצע צייט, וואָס דער רעדאַקטאָר איז מיט אים געגאַנגען געאָרעמט, האָט הערשל געפילט אַן עקל, ווי די ווייבע באַרירונג פון אַ קאַץ. און צום סוף, דאָס געלעכטערל האָט אים געזאָגט, אַז דאָס אַלטע מענטשל איז געגוג פאַלש און כיטרע. הערשל האָט אַרויסגע־ריסן זיין האַנט און איז אַנטלאָפן.

אין רעדאַקציע איז אַריינגעקומען אַ מיטאַרבעטער און געפרעגט:

— דער טונקעלער איז דאָ געווען? ער איז אַרויסגעלאָפן פון טויער ווי אַ רוח!

די רעדאַקציע האָט געלאַכט.

◆ ◆ ◆

זומער־צייט, ווען עס איז דאָ ווייניק חתונות, זיצט הערשל אין שטוב. גאָלדע רוימט און שרייט, און שעלט דעם מאַן, צו וואָס טויג איר צו האַלטן פרעמדע מענטשן?! חיים גייט איבער דער שטוב, מיט אַ פרעמד פנים, און קעמט זיך דאָס בערדל.

הערשל פרעגט: — אויף פרנסה פאַרדין איך נאָך? איך בין דאָך אייך גאָרנישט שולדיק?

גאָלדע ציט אַרויף מיט די אַקסלען: — נאָך וואָס טויג עס מיר!

◆ ◆ ◆

ערגעץ אין אַ שטעטל, אין אַ גרויסער האַלב־טונקעלער שול. קלאַפּט דער שמש דריי מאָל אויפן שולחן:

— לאָז דער עולם וויסן, היינט נאָך מעריב וועט זאָגן אַ מגיד!

דער שמש — אַ הויכער דאַרער ייד, מיט אַ שיטערער באָרד, דורך וועלכער עס זעען זיך איינגעפאַלענע באַקן מיט אַ גאָמבע, און גרויסע, שטיל־איבערגעבראָכענע אויגן. ער לאָזט זיך צוריק אַראָפּ, אָנ־געשפּאַרט אויף זיינע עלנבויגנס, און קוקט איבערן בית־המדרש: — צי לאַכט נישט ווער פון אים? צי האָט ער גוט געזאָגט?...

יידן שטייען און רעדן צווישן זיך, און ווייזן אָן אויף דער מזרח־וואַנט. דאָרט זיצט הערשל. ער האַלט אָפן אַ ספר. דאָס יאָרצייט־ליכט,

וואָס שטייט אויפֿן עמוד, באַלויכט אים פֿון אַ זייט. זיינע גרויסע שוואַרצאַפּלען שוועבן גיך איבער די שורות.

די שול איז שוין פֿול מיט יידן. די הענג־לאָמפּ אין דער מיט איז אָנגעצונדן, נאָר אין די ווינקלען פֿון דער גרויסער שול איז נעפּל־דיק־טונקל. אויף דער בימה באַוויזט זיך אַ פּאַרוויקלטער אין אַ טלית, מען זעט נאָר דאָס ברוין־טונקעלע פּנים פֿון הערשלען.

עס שטייען שוין קעפּ אויף קעפּ: שוסטערס, שניידערס אין נייע טוכענע קאַפּאָטעס, מיט אַרויף־פֿאַרריסענע קעפּ און בערד, די ערש־טע מבינים!... קרעמער אין פֿאַרמעלטע כאַלאַטן און שיינע באַלעבאַ־טים, ברייטע, שיטערע יידן אויף דער מזרח־וואַנט.

שטיל, היים.

הערשל ברענגט שטאַרקע, טיפֿע ערטער פֿון דער גמרא און פֿון זוהר. ער שלעפּט אַראָפּ דעם הימל צו דער ערד און פֿירט צוזאַמען־מענטשן מיט מלאכים און מיט גאָט. אַלע פּנימער און אַלע הערצער קוקן אַרויף צו הערשלען.

דער שמש גייט אַרום. דער עולם רוישט, איז צעהיצט און פֿאַרחידושט. יעדער גיט.

עס זיינען נאָך געבליבן עטלעכע באַלעבאַטים אויף דער מזרח־וואַנט. מען זוכט אַרום דעם מגיד. אַ באַלעבאָס וויל אים צו זיך אַהיים נעמען, וויל אים מכבד זיין. הערשל איז נישטאָ, ער האָט שוין אָפּגענומען דאָס געלט פֿון שמש.

◆ ◆ ◆

הערשל שיט אויפֿן טיש אַ באַרג מיט געלט:

— דאָ האָט איר, באַלעבאָסטע!

דאָס פּאָר־פֿאָלק קוקט זיך אָן. גאָלדע ליגט איבערן געלט ברייט צעשפּרייט מיט די עלנבויגנס, שטופּט איר פּלייש צו הערשלען און שמייכלט ווייך.

חיים קומט צו. ער קעמט זיך דאָס בערדל און רעדט, מיט אַ גלעזערנעם גלאַנץ אין די אויגן:

— זאָלסט אַזוי לעבן, הערשל, זאָג, ווו ביסטו געווען און פֿון וואַנען האָסטו דאָס געלט. אפֿשר פֿון יענע לייט?

הערשל גייט אוועק פון טיש.

◆ ◆ ◆

גאָלדע שטייט בײַ דער קיך און גיט־אויף. חיים שטייט דאָרט אויך. זיי סודען זיך. הערשל הערט זיך איין.

— ער וועט דערקענען!

— וואָסער זעט אים ווי יויך!

ביידע לאַכן. זיי דערלאַנגען צום טיש. הערשל שטעלט זיך אויף. ער גייט אוועק פון טיש.

גאָלדע קוקט אַן דעם מאַן און רעדט הויך:

— עס איז אים שוין עפּעס געפלויגן איבער דער נאָז!

חיים פרעגט:

— אפשר האָט ער עפּעס געפונען?

— אַ שיינע כפּרה זאָל ער מיר זיין! דאָס וואָסער איז דאָך גע־ווען ריין ווי גאָלד!

ביידע לאַכן און עסן געשמאַק. חיים הייבט אויף דעם קאָפּ:

— הערשל, דאָס אַלץ איז, ווייל דו מאַכסט נישט קיין ברכה!

— עס שטייט: ובוצע ברך נאץ יי', ווען אַ גנב מאַכט אַ ברכה, דערצערנט ער גאָט!

גאָלדע שרייט צום מאַן:

— הער אויף מיט אים איינצוטענהן! ער זאָגט אַלץ פאַרדרייט! ער איז דאָך אַן אפּיקורס!

הערשל גייט איבער דער שטוב און טראַכט: — ער וועט זוכן אַ נייע וווינונג!

עס וועקן זיך אויף אין זיין זכרון די אַלע ערטער, וווּ ער האָט געוווינט, אַלערליי פּאַלשקייטן און מיאוסקייטן פון מענטשן, און ער פּאַלט־אַראָפּ.

◆ ◆ ◆

אַמאָל ווערט הערשל פאַרפאַלן אויף אַ צייט. ער פאַרדינגט זיך בײַ אַ דאָרפס־באַלעבאָס צו לערנען מיט זיינע קינדער. אין די לייד־דיקע צייטן זיצט ער אַליין אויפן פעלד, בײַ אַ שטיל־שורשענדיק טייכל. ער צעשפּרייט זיינע הענט און בעט:

— גרויסער גאָט פון שטילקייט און אייביקייט, פון פעלד און וואַלד! זאָל ווערן פאַרברענט די זינדיקע שטאָט!

חיים שוסטער

חיימסביינערדיקע פיגור זיצט איינגעשפּאַנט באַם ווערקשטעל, די פּלייצע קיילעכיק אויסגעבויגן, נאָר דער קאָפּ מיטן לאַנגן האַלדז שטעקט הויך אַרויס, און ער קלאַפּט מיטן העמערל פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַ שוואַרץ בערדל, אַ ברודיק־האַרטע טשופּרינע, און אַ שופּר־נאָז, פאַרסמאָלעט אונטן באַ דער פליישיקער זייט פון אָפּווישן זי מיט סמאָלע־פינגער.

זיין ווייב — אַ ברייטע, בלאַסע יידענע, נעמט די פּאַטשיילע אויפן קאָפּ און ברענגט פון גאַס אַ טעוועלע סמאָלע, אַ פּעקל שפּאַלן. ער באַקוקט עס, נעמט צו זיך אויפן ווערקשטעל און אַרבעט ווייטער.

חיים פאַרנעמט אַ פיר־עקעכיק שטיבל מיט אָרעם מעבל. אויף די ווענט — בילדער מיט שאַרף־גלאַנצירטע פאַרבן, און אויף דער פּאָדלאָגע נאַסע פלעקן פון אַ קריכנדיק קינד. חיים אַליין אַרבעט אויס די גאַנצע פּרנסה. ער פאַרדינט שווער דעם גראָשן, נאָר ער טראָגט זיך אַרום מיט גרויסע פּלענער.

עס קומט צו אים אַריין אַ יידל מיט צעטעלעך. אַ לאַנגער אָפּ־געשאָסענער פּאַלטן, שטילע טריט, און פול מיט גליקן. ער רעדט גע־לאַסן, גלעטנדיק זיך אויף דער ברייטער באָרד. חיים הערט, דאָס הע־מערל אין דער האַנט, אַריבערגעבויגן איבער דער אַרבעט און ווי פאַרטראַכט. ער גיט אים עטלעכע גילדן. דאָס יידל פאַרשרייבט זיך אין אַ קליין ביכעלע, ווינטשט מיטן געווינס, גיט אַ וויש מיט דער האַנט איבער דער מזוזה און גייט אַוועק.

עס קומען צו אים אַריין עטלעכע יידלעך, דייטש געקליידט, גראָ־בע סיגנעטן אויף די פינגער, און מיט פיל פּאַפּירן. חיים וויל אַסע־קורירן אַ קינד אויף אַ גרויסער סומע, דאָס ווייב לאָזט נישט.

— גלייכער עפּעס אין שטוב אַריין אַריינצוכאַפּן!

ער קלאַפּט מיטן העמערל און וואַרפט צוריק מיט ווערטער, אַז אַ יידענע האָט נישט קיין קאָפּ צו דעם.

חיים האָט ליב צו הערן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. בײַ אים אויפן ווערקשטעל ליגט שטענדיק אַ יידישע צייטונג. ער אַליין האָט נישט קיין צייט צו לייענען. נאָר אַז עמיצער קומט אַריין, גיט ער ווייז אָן מיט אַ פינגער:

— לייענט נאָר דאָס!

נאָך מער האָט ער ליב צו הערן וועגן מלחמות, גרויסע געשעענישן. און אַז יענער לייענט עס פון דער צייטונג, צערייסט ער דאָס פּנים פון הנאה. ער קלאַפּט הויך און פעסט מיטן העמערל איבערן שטיק לעדער און זאָגט אַרויס זיין אייגענע מיינונג.

ווען עס קומט אַריין אַזאַ איינער, וואָס חיים ווייסט אויף אים, אַז ער קען, הייבט ער אים אָן אויספרעגן:

— וואָס שטייט אין דער גמרא, צי יידן האָבן טאַקע אַמאָל געהאַט אַן אייגן לאַנד?

אַז יענער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, פרעגט ער אים נאָך אַמאָל איבער: און ווער דאָס האָט אין דער גמרא אַריינגעשריבן?

יענער זעט, ווי חיים איז צעקאָכט, באַהאַלט ער דעם שמייכל, און זאָגט אַרויס מיט אַ זיכער קול, אַז די גאַנצע וועלט ווייסט עס, אַז אין ארץ ישראל זיינען נאָך דאָ די זאַכן, וואָס ס׳שטייט אין דער תורה, דער מוטער רחלס קבר, די איבערגעבליבענע וואַנט פון בית־המקדש, און נאָך און נאָך.

חיים הערט דאָס אַלץ, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און די אויגן ווערן אים איבערגעגאָסן מיט אַ שטיל־פייכטן גלאַנץ. ער הייבט אָן הויך און פעסט קלאַפּן מיטן העמערל איבער דער לעדער.

פּלוצלינג בלייבט ער שטיין מיטן העמערל אין דער לופטן:

— האַ, זאָגט איר אַליין! אַז זיי האָבן געהאַט אַזוי פיל גוטס, האָבן זיי באַדאַרפט זינדיקן?

ער בלייבט זיצן פאַרקלערט, רוענדיק מיט די נאַקעט־פאַרקאַטשעטע הענט איבער דער אַרבעט.

— וואָס זאָגט איר, יידן וועל אַמאָל האָבן צוריק ארץ־ישראל?

ער אַרבעט און רעדט:

— דער טערק האָט עס טאַקע פון דעמאָלט אָן!

חיים באַרימט זיך שטענדיק, אַז ער האָט געהאַט אַ טאַטן, אַ גוטן לערנער, נאָר ער האָט נישט געוואָלט, ער טויג אויף אַבציק כּפּרות. דערפאַר האָט ער אָבער אַ משהלען, וואָס לערנט שוין חומש. חיים טראַכט, ער וועט זיך פּעסט נעמען צו זיין משהלען און ער וועט מאַכן פון אים אַזאַ גוטן לערנער, ווי זיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען.

ווען משהלע קומט אַהיים פון חדר, הייסט ער אים נעמען דאָס חומשל. משהלע שטעלט זיך באַם ווערקשטעל און קלייבט שטיפטן.

חיים נעמט פון אים אַוועק די שטיפטן.

— נעם דאָס חומשל!

משהלע גייט צום טיש, מישט אויף דאָס חומשל, שאָקלט זיך, אָנרירנדיק מיט דער גאָמבע אויף די בלעטלעך, און זינגט פּסוקים חומש אויף אַ יונג־קלינגענדיק קולעכל.

חיים זיצט אַוועקגעדרייט פון ווערקשטעל, זיינע נאַקעט־פּאַר־קאַטשעטע הענט רוען, אויפן האַרטן פּנים איז פאַרצויגן אַ בענק־שאַפט, און ער זאָגט־נאָך איינצעלנע ווערטער, וואָס משהלע האָט זיי נאָר וואָס אַרויסגערעדט. חיים שרייט אַרויס די איינצעלנע ווערטער מיט אַן אינערלעך קול, ווי אַ שטומער, וואָס קאָן נישט אַרויסרעדן.

רחטשע קומט־צו פון דער קיך, אָפּווישנדיק זיך די הענט אָן ביידע באַקעס, שטייט זי אַ ווײַלע פון דערווייטנס און הערט. זי נעמט אים אָן פאַר אַ הענטל.

— קום, משהלע, עסן! ער לאָזט אים נישט אָפּעסן!

חיים גיט זיך אַ האַסטיקן שטעל־אויף און כאַפּט דאָס פּאַטשינ־קעלע.

— אַ פאַרכאַפּט זאָל זי ווערן!

רחטשע האַלט־אַרום משהלען און חיים שטייט בלאַס, ווי ער וואָלט גאָר נישט געוווסט וואָס דאָ טוט זיך. ער לאָזט זיך צוריק אַראָפּ צום וואַרשטאַט און הייבט־אָן קלאַפּן.

◆ ◆ ◆

אַ גאַנצע וואָך קומט חיים איבער ווי עס איז. ער ווייסט נישט מער ווי דעם וואַרשטאַט, און עסט מיט נאַקעט־פּאַרקאַטשעטע הענט. נאָר אַז עס קומט שבת, יום־טוב, האָט ער זיך ליב צו פירן ברייט.

דער וואַרשטאַט, דאָרט באַם פענסטער, איז איבערגעדעקט מיט א ליילעך. דער טיש אין מיטן שטוב איז געדעקט מיט א קלאָר טיש־טוך, און עס שטייען צוויי נײַ־זילבערנע לײַכטער.

רחמשע גייט אינגאַנצן אין ווײַסן, אין שטילע לאַטשן, און עס ברענען די שבת־ליכט.

חיים זיצט באַם טיש, ברייט צעלייגט אין א שטול, מיט קלאָר־ווײַסע מאַנקעטן פון א פריש־איבערגעטאָן העמד. פאַר אים ליגן די צוויי גרויסע געפלאָכטענע חלות, איבערגעדעקט מיט א געשטריקט טישטוכל און אויסגענייט מיט ראָזע אותיות: „שבת".

חיים זיצט און זײַן בליק שוועבט אויף דעם אַלעם — אויף די ברוינע געפלאָכטענע חלות, אויף די נײַ־זילבערנע לײַכטער, אויף זײַן משה'לען מיטן סאַמעטן היטעלע און אויף זײַן ווײַס ווײַב, וואָס גייט אַזוי שטיל און רוימט און איז מער ווי אַלע באַלויכטן פון די שבת־ליכט...

חיים איז צופרידן. ער איז אויך ערנסט און שטרענג, ווי א באַ־לעבאָס, א מושל. ער וואָלט נאָך אַזוי געזעסן לאַנג, לאַנג, נאָר די אויגן פאַלן אים צו און ער שטעלט זיך אויף מאַכן קידוש.

◆ ◆ ◆

חיים האָט ליב צו דאַוונען אין א שטיבל. צווישן חסידים איז וואַרעם און ליכטיק, מיט א סך אַטלעסענע קאַפּאָטעס. אין שול, זאָגט ער, איז קאַלט, עס דאַכט זיך, עס איז אין דער וואָכן.

חיים האָט זיך אויך געמאַכט אן אַטלעסענע קאַפּאָטע, נאָר חברה אין שטיבל האָבן זיך איבערגעוווּנקען. איינער האָט געזאָגט, אַז זי ליגט אויף אים געפּאַסט, ווי אויף א דאַמע, און זי האָט עפּעס געבלישטשעט מער פון אַלע אַטלעסענע קאַפּאָטעס. ער האָט זיך גע־פילט אין איר פרעמד. ער האָט זי אוועקגעהאָנגען און גייט צוריק אין זײַן טוכענער קאַפּאָטע.

אַמאָל, אין שטיבל, האָט חיים געוואָלט ווײַזן, אַז ער איז א באַ־לעבאָס, און האָט אַהיים גענומען אן אורח.

דאָס איז געווען א יידל א קליינס און א פּעטס, מיט גרוילעכע קזשאַקלעך פּאַהלעך, רויטע בעקעלעך אונטער די אויגן מיט א פּוך באַוואַקסן און שאַרפע, גרינע אויגלעך. דאָס יידל האָט באַלד גע־

כאפּט צו וועמען ער גייט עסן שבת, און האָט זיך אָנגעהויבן פירן ווי א תקיף.

חיים שטופּט משהלען נעענטער צום יידל. דאָס יידל זאָגט שלום־עליכם, גייט ארום איבער דער שטוב, פּאַטשט מיט די הענט און שרייט.

חיים זיצט שטיל און וואַרט. ער מוז דאָס צוליב זיין משהלען.

דאָס יידל עסט זייער רירעוודיק. ער וואַרט נישט מען זאָל אים געבן. ער שניידט זיך חלה, ער גיסט זיך אָן בראָנפן, ער זאָגט דעם באַלעבאָס „דו". נאַ, א ייד דאַרף אזוי טאָן, און א ייד דאַרף אזוי טאָן!

חיים זיצט מיט א פרעמד פּנים און קוקט אויפן יידל!

רחטשע שטייט דאָרט בא דער קיך, ווינקט זיך איבער אהער צום מאַן און שמייכלט. ער גיט אויך א שמייכל. נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך און גיט א געשריי:

— משהלע!

ער שטופּט אים נאָענט צום יידל.

— איר זעט, דאָס איז מיין יינגל, ער קען שוין. גיי ברענג דאָס חומשל!

דאָס יידל עסט און רעדט, צוזינגענדיק:

— דער קלוגער שלמה האָט אזוי געזאָגט: עס איז דאָ א צייט צו וויינען און עס איז דאָ א צייט צו פרייען זיך. עס איז דאָ א צייט צו עסן, און עס איז דאָ א באַזונדערע צייט אויף לערנען.

חיימען האָט שוין די מעשה פאַרדראָסן, נאָר ער האָט ווידער אראָפּגעשלונגען: מן הסתם שטייט אזוי אין דער גמרא.

ווען עס איז געקומען צו די פלוימען, האָט דאָס יידל אויסגעקראַצט מיטן לעפל און אויסגעזופּט מיטן גאַנצן טעלערל די יויך. חיים קוקט אויף אים אראָפּ, האַלט זיך איין, און זיין פּנים איז בלייך.

דאָס יידל האָט אָנגעהויבן גיך דערציילן עפּעס א מעשה פון א רבין, און באַם סאַמע נס האָט ער זיך צעשאָקלט און געטאָן א פרומען גלאָז מיט די אויגן. ער האָט זיך געגעבן א בויג צו חיימען:

— הייס דיין ווייב דערלאַנגען נאָך אביסל פלוימען!

חיים האָט זיך געגעבן א שטעל־אויף:

— גנב! א רוח אין דיין!...

דאָס יידל איז ארויס פון שטוב.

הונגער

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ הונט)

האו־האו! אָט שטיי איך אין מיטן מאַרק און ביל אין דער הוילער לופט אַריין. כ׳בין שוין אויסגעלאָפן ס׳גאַנצע שטעטל, כ׳בין שוין געווען אין אַלע הויפן, כ׳האָב שוין איבערגעשמעקט יעדעס בערגל מיסט, ס׳איז גאָרנישט דאָ!

איך הויב אויף דעם קאָפּ צו די מענטשן און רעד, און בעט, און וויין: זיי ענטפערן מיר מיט „וואָן"! — איך זאָל מיך נישט פּלאָנטערן צווישן די פיס. ווען ס׳גייט אַ מענטש מיט ברויט, וויל איך גאָר נישט שפּרינגען אַנטקעגן און בעטן זיך. איך זע דאָך, ער גייט גיך און זיינע אויגן בלישטשען פון הונגער! איך גיי נאָר גלאַט פון הינטן, איך וויל פילן דעם זיס־זויערן טעם פון ברויט.

ווען איך דערמאָן מיך אין אַמאָליקע צייטן, דריי איך מיך אין קווייטשע פון כעס. כ׳וויל ביימן זיך אַליין.

איך פלעג נישט אַרויסגיין פון מיין הויף. ווען אַ מענטש איז געגאַנגען לעבן פּאַרקאַן, פלעג איך הויך בילן: — מ׳טאָר גאָרנישט רירן! דאָס אַלץ איז מיין! — ווען מ׳האָט מיר געוואָרפן אַ שטיקל ברויט, האָב איך עס געלאָזט ליגן! איך האָב נישט געוואָלט שטיין, פאַרבויגענען צייט דערביי און קייען, ווי אַ קו.

אַלע אינדערפרי האָט מיין באַלעבאָסטע גענומען דאָס קוישל און איז געגאַנגען אין יענעם געוועלב אַריין, וווּ עס הענגען גרויסע בלוטיקע שטיקער פלייש: פון דאָרט האָט זי מיר געבראַכט אַלערליי שטיקלעך.

אַלע אין מיטן טאָג האָט מען מיר אַרויסגעבראַכט אַ שיסל עסן. ס׳איז דאָרט געווען קאַרטאָפלעס, רויטע מערן און זאַפטיקע ביינדלעך. און דאָס שיטערע אַליין איז דאָך געווען אַזוי פעט און זיס. איך האָב געזופט און געזופט, און אויסגעלעקט ביז דער דנאָ.

היינט, אַז איך געפֿין שוין אַ ביין, איז ער אַזוי טרוקן! איך קיי און קיי, עס קומט מיר אָן אַ פֿול מויל מיט סלינע און דער ביין קריכט צוריק אַרויס גאַנצערהייט פֿון דער צווייטער זייט מויל. האָ־האָ!

איינמאָל לויף איך אַזוי מיט אַן איינגעצויגענעם בויך און דער מוח רייסט מיר פֿון הונגער. שטעל איך זיך אָפּ און צעביל מיך מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אַ קוויטשיק געוויין: — פֿאַרוואָס איז אַזוי שלעכט?!

קעגן־איבער דערזע איך אַן אָפֿן געוועלב, און אַרום, אויף די ווענט, הענגען בלוטיקע שטיקער פֿלייש. דער גוף איז מיר געוואָרן שטייף פֿון חשק. עטלעכע הינט וואַרטן דאָ פֿאַרן געוועלב. איינער שטייט, דער אַנדערער זיצט, און זיי נעמען נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון דעם מענטש מיטן ווייסן פֿאַרטוך.

איך דריי מיך פֿאַרן געוועלב און גנבע מיך אַריין מיט ציטער־דיקע גלידער און מיט אַן אַרונטערגעבויגענעם עק. אין דער נאָז קיצלט אַזוי דער געשמאַק פֿון פֿרישן פֿלייש! אָט שטיי איך שוין בײַ אַ שטיק פֿלייש און לעק. נאָר ס׳איז צו גרויס און עס הענגט צו הויך!

מען טרייבט מיך אַרויס פֿון געוועלב. איך בלייב, ווי אַלע, אין דרויסן, און קוק אַריין. אויפֿן ברייטן קלאָץ ליגן קליינע שטיקלעך פֿלייש. דערלעבן שטייט דער מענטש מיטן ווייסן פֿאַרטוך און מיט דער שאַרפֿער האַק. זיץ איך אַזוי און זע דאָס רויטע, פֿרישע פֿלייש, און איך דרימל איין פֿון טייערן געשמאַק. עס חלומט זיך מיר, אַז איך עס זאַפּטיקע פֿלייש, נאָר איך כאַפּ מיך אויף און איך האָב אַ מויל מיט סלינע. צעביל איך מיך פֿון ווייטיק! איך האָב דערפֿילט מײַנע ציין און נעגל.

האָב איך געגעבן אַ שפּרונג אַריין און געכאַפּט אַ שטיק פֿלייש. כ׳בין געלאָפֿן, און איבער מיר זײַנען געפֿלויגן גאַנצע ציגל מיט שטיינער. הינטער מיר איז געלאָפֿן דער מענטש מיטן ווייסן פֿאַרטוך. אַ שרעק! כ׳בין אַריינגעלאָפֿן צו מיר אין הויף, אַוועקגעלייגט דאָס פֿלייש אויף דער ערד און אויסגעדרייט זיך: דאָ בין איך זיכער!

דאָס ווייסע פֿאַרטוך איז געשטאַנען פֿאַרן פֿאַרקאַן. האָב איך אויסגעשטשירעט מײַנע ציין און געגעבן עטלעכע הויכע ביל, ער זאָל מורא האָבן, און איך האָב גענומען רייסן און שלינגען פֿלייש, מיט אַזאַ אַפּעטיט. די ציגל מיט די שטיינער זײַנען מיר נאָך געשטאַנען פֿאַר די אויגן, ווי זיי פֿליִען איבער מיר!

איך גיי איבערן שטעטל און קוק אריין אין די געוועלבער, נאָר מ'קען מיך שוין. אז מ'דערזעט מיך, קומט מען ארויס צו דער טיר מיט אַ שטיק האַלץ, מיט אַ בעזים!

איינמאָל זע איך אויפן מארק שטיין אַ סך מענטשן. כאַפּ איך מיך אדורך צווישן זייערע פיס. אין מיטן פּלאַץ איז געלאָפן אַ פרעמ־דער הונט, ארום און ארום. ער האָט געקוויטשעט, ארויסגעוויזן זיינע ציין, אָנגעכאַפּט אַ שטיין און געגריזשעט. כ'בין צו אים שטיל צו־געגאַנגען פרעגן. האָב איך דערזען זיינע שטאָל־שאַרפע משוגענע אויגן און בין אַנטלאָפן. כ'בין געשטאַנען פון וווייטנס און כ'האָב געבילן. פון שרעק, פון אייגענע צרות האָב איך געבילן!

איך האָב געזען אַ לאַנג־דאַר הינטל. מ'האָט געקאָנט דערוויף ציילן יעדעס ביינדל. ס'איז שטיל געקראָכן און נאָר געזוכט. וואָס האָט עס געקאָנט געפינען?! ס'איז מיר געוואָרן מיאוס צו קוקן. האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און לאַנג געוויינט, און דאָס איז גע־קראָכן און נאָר געזוכט... און איך אַליין ווי אַזוי זע אויס?! איך גיי מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם עק, און איך זע שוין אויס, ווי אַ קאַץ!

ס'זיינען פאַראַן הינט, וואָס עס איז זיי גוט. אָט דער געלער בוקעט. ער האָט אַ פּאַסקודנע נאַטור פון חנפענען און בעטלען. ער וועט זיך דרייען פאַר אַ מענטש אהין און צוריק און מאכן מיטן עק, און ארויפקוקן צו אים אין פּנים אריין, און רייבן זיך מיטן בויך אָן דער ערד און לעקן די פיס, ביז מ'וואַרפט אים עפּעס. און אַז אַ קינד גייט און האַלט אין דער האַנט אַ שטיקל ברויט, וועט ער שוין נישט אַוועקגיין. דאָס קינד האַקט אים מיט דער האַנט אין דער מאָרדע אריין, און ער וועט אַלץ נאָכגיין, און אָנרירן מיט דער מאָרדע דאָס שטיקל ברויט, און נאָכאַמאָל אָנרירן, ביז דאָס קינד ווערט מיד. נעמט ער עס ארויס פון קינדס האַנט און עסט אויף! — ער איז גאָר נישט קיין הונט! גאַנצע טעג לויפט ער אַרום מיט די קינדער. זיי שפּילן זיך, און ער — מיט: זיי לויפן, און ער לויפט־מיט, און כאַפּט אָן עמיצן פון זיי בײַ דער פּאָלע, און שלעפּט און רייסט, און וואַר־טשעט — משוגענע העזות! אין מיטן לויפן כאַפּט ער זיך פּלוצלונג אויף אויף אַ קינד און גיט אַ הויכן ביל גלייך אין פּנים אריין, און שרעקט איבער דאָס קינד. אַליין רוקט ער זיך אין דער ברייט און ציטערט פאַר מורא. איך קאָן נישט אָנקוקן זיינע ווינקלדיקע חניפה־אויגן. אַ שטיק שמאַטע איז ער, נישט קיין הונט! איך דריי מיך פון אים אַוועק.

און דער שוואַרצער ציגאַן איז אַ מיאוסע בריאה! ער איז אויף אַלע מיסטן. ער עסט דאָס אייגענע, וואָס חזירים עסן — רויע קאַר־טאָפּלעס און פאַרפוילטע שטשערקעס! שטענדיק איז ער איינגעריכט, מיט אַ בלוטיק־צעביסענעם אויער. ווו ער לויפט אדורך, וועט יעדער הונט אויף אים אַרויספאַלן, אַז עס ווערט אַ גוואַלד און אַ קורזש ביז אונטערן הימל! איך וואָלט אים געדורסט אויפן אָרט, נאָר ער טראָגט מיט זיך שטענדיק עפּעס אַ קרענק!

איין מאָל, באַנאַכט, זע איך לויפן עטלעכע הינט, און דער שוואַרצער ציגאַן פירט זיי. עפּעס זיינען זיי מיר נישט געפעלן. זיי האָבן זיך געהיט און געלאָפן צום פעלד. כ׳בין מיטגעלאָפן. זיי זיי־נען נישט געווען צופרידן, נאָר איך האָב אַרויסגעוויזן די גרעסטע ציין און זיי זיינען אַנטשוויגן. מיר זיינען אריין דורך אַ לאָך פון אַ פּאַרקאַן.

אַ גרויס פעלד מיט בערגלעך. זיי זיינען צו צו אַ פריש־אָנגע־שיט בערגל און אָנגעהויבן אויפקאָפּען. ציגאַן האָט אוועקגעשאַרט די ערד מיט דער מאָרדע, פונקט ווי אַ חזיר. ער איז מיטן קאָפּ אינ־גאַנצן אריין אין גרוב און געשלעפּט עפּעס פון דאָרט. ער האָט אַרויס־געשלעפּט אַ מענטש. איך בין פון שרעק אָפּגעשפּרונגען אויף עטלעכע טריט. ס׳איז געווען שטיל און ליכטיק פון דער לבנה, און זיי זיינען געשטאַנען אַרום מענטש און גענעסן פליש. איך האָב געפילט, ווי דער מיאוסער ריח פון טויט צעשפּרייט זיך. האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק וויינען פון שרעק און מורא. מיינע חברים זיינען מיך עט־לעכע מאָל באַפאַלן. איך האָב דערפילט אַ שרעקלעכן הונגער און אַ דאָרשט, און איך בין צו צום מענטש.

— האו־האו! ס׳איז אַזוי גוט, ס׳איז אַזוי פּאַסקודנע, האו־האו!

◆ ◆ ◆

איך האָב מיר געזוכט פּוסטע ערטער צום שלאָפן. איך האָב פאַר אַלץ מורא געקראָגן. און איך האָב אָנגעהויבן לויפן און בייסן.

קאַנאַריק

אַ גלאַטיק פּנים מיט שפּיציקע וואַנסעלעך, העל־בלויע אויגן און אַ קליין היטעלע, מיט אַ גלאַצירטן דאַשעק אויף אַ ווילעריש פּאה. מ׳רופט אים „קאַנאַריק״ און מענטשן קענען אים נאָר פון זומער.

אַז מ׳קומט אַריין צו קאַנאַריקן אין שטוב, ווערט מען אַרומ־געכאַפּט פון אַ פויגל־געסווישטשעריי. אַרום די ווענט הענגען שטייג־לעך, אינגווייניק שפּרינגען אַרום אַלערליי מינים פויגל, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און סווישטשען, און פייפן, און טרילן. די שויבן־פענסטער זיינען פאַרדעקט מיט גרינע בלעטער און צווייגן פון בלומען־טעפּ, און עס שטייען דאָרטן סלאָיען מיט וואַסער, ווו עס שווימען שטיל אַרום קליינע גאָלד־פישעלעך. מעג זיין אין מיטן ווינטער, ווען די וועלט איז טונקל און פאַרשלאָסן פון נעץ און קעלט, — באַ קאַנאַריקן אין שטוב דערמאָנט מען זיך אָן אָפענע זומער־טעג, אָן הויכע בלויע הימלען.

אַ גאַנצן ווינטער גייט קאַנאַריק נישט אין ערגעץ. ער איז פויל. ער ליגט אויפן בעט אין אָנגעטועכץ, אָדער ער זיצט באַם טיש מיטן קאָפּ אין די פויסטן אַריין, און דרעמלט. פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך אויף, ציט זיך אויס, און שיט אין די שטייגלעך אַריין צו ביסלעך זאָמען.

אַמאָל כאַפּט ער זיך אַרויס אויף דער גאַס, נאָר ער קומט באַלד צוריק, שפּרייזט איבער דער שטוב, וואַרעמט מיט אַ האַנט אַן אויער און שעלט דעם ווינטער, מיט די נעצן, מיט די קעלטן!

איבערן ווינטער ווערט ער באַוואַקסן מיט אַ ברודיקער טשופּ־רינע און אַרום פּנים מיט אַ ווילד בערדל, די באַקן געל־אָנגעשוואָלן, ווי באַ איינעם, וואָס זיצט אַ לאַנגע צייט אין תפיסה.

זיין ווייב, אַ פולע, ווייסע פרוי, נעמט צום וואַשן און גיט די פּרנסה. באַלד נאָך דער חתונה פלעגן זיי זיך אַרומטריגן. זי האָט גע־

וואָלט ער זאָל גיין אַרבעטן, און ער פלעגט איר דערציילן, אַז טויזנטער מענטשן גייען אַרום ליידיק, אַז עס מאַכן זיך גרויסע מלחמות און עס וועט ווערן גאָר אַנדערש אויף דער וועלט...

ווען זי איז צו אים שטאַרקער צוגעשטאַנען, איז ער געגאַנגען אַרבעטן אין אַ פאַבריק, נאָר לאַנג האָט ער זיך נישט געהאַלטן. נאָך עטלעכע טעג איז ער געקומען אַהיים, אַ פינסטערער, אַ צעבראָכענער. ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט אין אָנגעטועכץ און אָפּגעלעגן אַ טאָג מיט אַ נאַכט. ער איז שוין נישט צוריקגעגאַנגען.

דאָס ווייב האָט געזען, ס'איז שלעכט, נאָר זי האָט זיך שוין נישט געקענט אָפּרייסן פון זיינע זיסע וואָנסעלעך און פון זיינע בלויע קינדישע אויגן, האָט זי שטיל אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן נעמען צום וואַשן.

◆ ◆ ◆

זומער לעבט קאַנאַריק אויף. ער האָדעוועט און פאַנגט טויבן. ער איז גאַנצע טעג אין גערטנער, אויף פעלדער, אין וועלדער.

קאַנאַריק פאָרעט זיך מיט זיינע טויבן אויפן דאַך. די שטייג איז אין בוידעם, באַם קליינעם דאַך־פענסטערל, דורך וועלכן ער יאָגט זיי אַרויס און נעמט זיי צוריק אַריין. ער אַליין קומט אַרויס אויפן דאַך דורכן צווייטן בוידעם־פענסטערל. אָפטמאָל נעמט ער מיט אַרויף קאַ־לעגן.

קאַנאַריק האַלט אַ לאַנגן רויט, מיט אַ ווייסער סטענגע באַם שפּיץ, און יאָגט דערמיט די טויבן. עס ווילט זיך נישט די טויבן אַוועקפליען; ווען ער יאָגט זיי אַראָפּ פון דאַך, דערהייבן זיי זיך איבער דער קאַמע־ניצע, פליען עטלעכע מאָל אַרום, און לאָזן זיך צוריק אַראָפּ, שטעלן זיך אויף דער צווייטער זייט דאַך. ער דערגרייכט מיטן לאַנגן רויט און יאָגט זיי אַראָפּ. די טויבן הייבן זיך ווידער אויף, דרייען זיך, דרייען זיך אין דער הויך, איבער דער קאַמעניצע, און ס'ווילט זיך זיי נישט אַוועקפליען. קאַנאַריק פאָכעט אין דער הויך מיט דער סטענגע און שרייט, און רופט אויס אויף די טויבן אַלערליי צונעמען.

— די מאַטקע איז פויל ווי אַ קאַץ!

— דער שוואַרצער טייוול מאַכט אַלע קאַליע!

— עי, קאַוואַליער, נעם די קאַקעטקע!

חברה האַלט אים אונטער. זיי שטייען פאַרריסן די קעפּ אין דער הויך, האַלטן צו צוויי פינגער אין מויל און פייפן. די טויבן פליען אַלע מאָל העכער און דערווייטערן זיך פון דער קאַמעניצע. זיי ציען זיך אויס אין אַ לאַנגער שרענגע און שניידן זיך אַ ראָד.

איבער אַ ווייטער קאַמעניצע זעט זיך אַ צווייט ראָד טויבן. צוויי רעדער שניידן זיך אין דער בלויער טיפעניש און קומען זיך נאָענט צונויף. חברה שטייט אויפן דאַך, ווי פאַרגליווערט, און קוקן. קאַנאַריק בויגט זיך אַלע מאָל אָן, רוימט עפּעס איין און ווייזט אַהין. עטלעכע רייסן זיך אָפּ פון איין ראָד און פליען אַריבער אין צווייטן ראָד. דער־ביי כאַפּט זיך פון אַלע אַרויס אַ געשריי.

איין ראָד הייבט זיך אָן דערנענטערן. קאַנאַריק לייגט אַוועק דעם ווייט אין דער לענג דאַך. אַלע זעצן זיך אַראָפּ און קוקן שטיל אַרויף. די טויבן דרייען זיך, דרייען זיך איבער דער קאַמעניצע און לאָזן זיך אַראָפּ אויפן דאַך.

קאַנאַריק קריכט פאָרזיכטיק אונטער, פייפט, וואָרקעט און שיט זאָמען. די טויבן פּיקן די זאָמען, פּיקן און קומען נעענטער. ער כאַפּט איינציקווייז די עטלעכע פרעמדע טויבן און לאָזט זיי אַריין אין שטייג דורכן בוידעם־פענסטערל. זיינע אייגענע לאָזט ער פריי אַרומגיין אויפן דאַך.

קאַנאַריק שטייט, הייבט די הויזן און רעדט עפּעס צו דער חברה אויפן קול, ווייזנדיק צו יענעם ראָד טויבן, וואָס זעט זיך אויפן הימל־ראַנד. ער טיילט אַרום פּאַפּיראָסן. מ'צעזעצט זיך בהרחבֿהדיק אויפן דאַך, מען רויכערט, און קאַנאַריק דערציילט מעשיות פון זיינע טויבן, אָנווייזנדיק דאָ אויף דער, דאָ אויף יענער. די טייבעלעך שפּאַצירן זיך שטיל איבערן דאַך, ציען־איין, ציען־אויס די פוכאָווע העלדזלעך, מינען זיך אין גאָלד־פאַרבן, קוקן מיט קיילעכיק־ליכטיקע אייגעלעך, און וואָרקען.

אַז מ'האָט שוין אויסגערויכערט, און קאַנאַריק האָט שוין אָנ־דערציילט פיל מעשיות און חידושים פון זיינע טויבן, שטעלן זיך אַלע אויף, ציען זיך אויס און גענעצן אין בלויען הימל אַריין.

קאַנאַריק רודערט מיטן לאַנגן ווייט אָן אַ זייט פון די טויבן און טרייבט זיי אַלע צונויף. די טויבן שפּרינגען אונטער, שטופּן איינע די צווייטע און די פאָדערשטע גייען אין פענסטערל. ווען די לעצטע

טויב איז שוין אַריין, פאַרשטעלט ער דאָס פענסטערל מיט דראָטענעם פלעכט. דעם וויט ליגט ער אַוועק אין דער לענג פון דאַך. ער מיט דער חברה קריכן אַריין אין צווייטן בוידעם־פענסטערל, און דער דאַך בלייבט ליידיק און שטיל.

◆ ◆ ◆

קאַנאַריק קומט אין גערטנער. די באַלעבאַטים פון די גערטנער קענען אים שוין. ער זיצט אויפן גראָז, שניצט פון אַ גרין צווייגל אַ פויאַרקע און דערציילט מעשיות פון פייגל.

איין מאָל, דערציילט ער, האָט ער נאָכגעזוכט אַ מין פויגל. ער איז געגאַנגען אין גרויסן וואַלד אַריין. ער איז טיף אַריין אין וואַלד, די גאַנצע לופט איז פול דורכגעוועבט מיט פויגל־געסווישטשעריי און געפייפעריי, נאָר דעם פויגל הערט ער נישט. ער ווייסט אָבער, אַז אין דעם וואַלד דאַרף ער זיך געפינען. הייבט ער אָן פייפן, ווי־דער פויגל, שטעלט אויף די נעץ און פאַרשטעקט זיך אין די געדיכ־טענישן.

דער פויגל ענטפערט. דער פויגל פליט שוין אַרום אים, זוכט און ענטפערט, זוכט און ענטפערט! אַ קלוגער פויגל! ווען ער דער־זעט אים אין די קזשאַקעס, איז בחנם די גאַנצע אַרבעט...

קאַנאַריק הייבט אָן פייפן ווי אַ פויגל. ער הערט זיך איין און פרעגט דעם גערטנער, צי ער האָט נישט געהערט.

קאַנאַריק ליגט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, ביידע הענט אונ־טערן קאָפּ, און פייפט און טרילערט. עס דערהערט זיך טאַקע אַן ענט־פער, אַזאַ מין פייף, נאָר זייער שוואַך נאָך, קוים־קוים וואָס מען הערט. קאַנאַריקס פנים לויכט פאַרשפּילט, און אין זיינע בלויע אויגן בלאַנקט דער הימל.

ער לויפט אַוועק אין עק גאָרטן, שטעלט אויף די נעץ, באַהאַלט זיך אין די קזשאַקעס און פייפט און טרילערט. ווען ער פאַנגט, קומט ער צולויפן צום גערטנער מיטן פויגל אין האַנט. דאָס פייגעלע דרייט־אָן דאָס קעפּל, פאַרזשמורעט אַ ברעם, קוקט מיט אַן אייגל אויף קאַ־נאַריקן און עפנט דאָס שנעבעלע.

קאַנאַריק גלעט עס לייכט איבערן קעפּל, קוקט עס אָן, ציט אויס די ליפּן און רירט־אָן אָן פויגלס שנאָבל, — אַ מין קוש.

קאַנאַריק דערציילט מעשיות פון פיש. ער פאַנגט פיש אָן אַ

ווענדקע, אָן אַ נעץ, מיט דער בלויזער האַנט. קיין גרוים רווישנדיק וואַסער האָט ער נישט ליב, די פיש זיינען דאָרט שרעקעדיק. ער גייט צו אַ קליין דאָרף־וואַסערל; דאָרט זיינען די פיש שטיל.

ער גייט צו אַזאַ דאָרף־וואַסערל באַנאַכט, ווען די פיש שלאָפן. דאָס וואַסערל איז שוואַרץ, שטיל. עס שלאָפט, פאַרדעקט אַרום מיט געוויקסן און גרעזער.

ער ציט אַראָפּ די שטיוול, פאַרשאַרצט אַרויף די הויזן און גייט פאָרזיכטיק אַריין אין וואַסער. עס הערט זיך אינמיטן וואַסער אַ פּליעסק פון אַן איבערגעוועקטן פיש און עס הייבן אָן גיין שטילע וואַסער־רעדער. ער פאַרהאַלט דעם אָטעם. ער שטייט און פילט אויף זיינע פיס דעם אָטעם פון די פיש, זיי ליגן אויפן גרונט און שלאָפן.

ער פאַרשאַרצט דעם אַרבל, שטעקט טיף אין וואַסער אַריין די נאַקעטע האַנט און נעמט אַרויס אַ פיש. דער פיש ציט־אויס, ציט־איין דאָס וואַסער־פּיסקל; די געל־גלעזערנע אויגעלעך, אַרויס־געזעצט, גלאַנצן דערשראָקן.

דער פיש שרייט, האָט ער רחמנות און לאָזט אים צוריק אַריין אין וואַסער.

ער גייט אַרויס פון וואַסערל, פאָרזיכטיק, ער זאָל נישט אי־בערשרעקן די פיש.

◆ ◆ ◆

גלייך מיטן טאָג גייט קאַנאַריק אַרויס פון שטוב נאָך שוואָמען און יאַגדעס. ער גייט, איינער אין וואַלד, טרעטנדיק אויף אַ ווייך גע־בעט פון וואַלד־ערד.

אַ גרויסע רויטע זון איז נאָר־וואָס אויפגעגאַנגען, שיינט דורך די צווייגן און וואַרעמט דעם פרישן קילן פרימאָרגן. די געלע נאָדלען, וואָס זיינען אַראָפּגעשיט פון די בוימער, זיינען נאָך פייכט און ווייך, און די גרעזער נאָך פול מיט טוי־טראָפּנס.

קאַנאַריק גייט מיט איינגעהאַלטענע טריט. די נישט־גוטע שוואָ־מען וואַקסן אומעטום. זיי שטייען חוצפּהדיק־הויך און שרייען מיט זייערע פלאַמיקע פאַרבן, געלע, רויטע; די גוטע זיינען ווייניק, באַ־האַלטן זיך צניעותדיק און קוקן קוים אַרויס.

יעדע גוטע שוואָם האַלט קאַנאַריק אין זיין האַנט, און באַטראַכט

מיט אנטציקונג: — איבער נאכט אויסגעוואקסן, א שטיקעלע פלייש, אמת פלייש צום עסן!

אמאל לויפט־איבער א וועווערקע פון בוים צו בוים. דאס קליינע נעלע חיהלע, מיטן לאנגן פענזל־עק, שטעלט זיך א ווײַלע אפ, הייבט אויף דאס קעפל און קוקט מיטן שפּיציק־גלעזערנעם אויגל:

— ווי קומסטו אהער אין מיין וואלד־מלוכה?!

עס טוט א שפרונג־ארויף אויף א בוים. אינמיטן בוים שטעלט עס זיך אפ, קוקט אראפ מיטן שפּיציקן אויגן און באשליסנדיק, אז א מענטש איז א געפאר, גיט עס א לויף־ארויף העכער, שרייענדיק מיט א טרוקענעם וואלד־סווישטש.

קאנאריק שטייט, קוקט ארויף און לאכט:

— וואלד־באשעפענישל, ווי גוט איז דיר! ווי פריי דו לעבסט!

◆ ◆ ◆

קאנאריק קלויבט יאגדעס. א שטיק וואלד איז פארוואקסן מיט נידעריקע קזשאקלעך און אונטער די קליינע, גרינע בלעטלעך הענגען קיילעכיקע שווארץ־בלויע יאגדעס. פון צייט צו צייט נעמט ער א יאגדע אין מויל אריין, און יעדעס מאל, ווי ס'וואלט פאר אים גע־ווען א נייעס, קוויקט ער זיך מיטן זיסן זאפט פון דער יאגדע.

פיל צייט ליגט ער ליידיק צווישן די קזשאקלעך און קוקט אויפן וואלד. דא, דארט, אויפן ברוינעם וואלד־באדן, לויכטן גאלד־זוניקע פלעקן, ארום איז היים און שטיל, און דער יונג־אלטער וואלד שמעקט מיט פרישקייט און קראפט.

קאנאריק ליגט, זים־פארזונקען אין איין גערדאנק: — ווי גרויס און שטארק און שיין איז דער וואלד!

דאס ווייב טענהט צו אים:

— אנדערע ברענגען פון וואלד פולע קויבערס מיט שוואמען, מיט יאגדעס, און דו ווערסט פארפאלן אויף גאנצע טעג און דו ברענגסט גארנישט!

— וואס טוט דיר אזא הנאה?! דורך דער צייט וואלסטו שוין עפּעס פארדינען אויף אמת פלייש!

ער ענטפערט איר:

— דאָס איז בעסער פון פּליוש, זיס און לייבט צו פּאַרדייען! דער וואַלד איז אַזאַ גרויסער! וואַלט נאָר אייביק געווען זומער!

איבערן זומער פאַרקעמט ער זיך אַ שיינעם קאָפּ האָר און אין זיינע בלויע אויגן שפּיגלט דער הימל.

ווען עס הייבן אָן בלאָזן ווינטן און אויפן ברייט־טיפן הימל באַווייזן זיך וואָלקנס, ווערט קאַנאַריק אומעטיק־פאַרטראַכט. ער שווייגט און קוקט אויף די געלע בלעטער, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די ביימער. ער שפּרייזט אַהין און צוריק און פרעגט בייז:

— נאָך וואָס טויג דער ווינטער מיט די נעצן און קעלטן?!

שפּעטער, ווען גרויע וואָלקנס פאַרציען דעם גאַנצן הימל, גייט קאַנאַריק צו זיך אַהיים, זעצט זיך שווער און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צווישן ביידע פויסטן.

אברהם פעלטעס

גערופן האָט מען אים ר׳ אברהם פעלטעס. א שטיל יידל אין לאַטשן א שיטער, גרווילעך בערדל, גוטע קנייטשן אויפן ווייכן, אַלטן פּנים און איין ברעם אביסל ארויפגעצויגן, האָט ער שטיל, אין זיך, גע־ברומט א לידל און צוגעקנאַקט מיט א פינגער.

אַלע מאָל איז ער אריינגעקומען אין בית־המדרש, געשטעלט זיך פאַרן טיש, ווו די בחורים זיינען געזעסן און געלערנט, געקוקט אויף זיי אַלע, געקוקט, און אויף זיין ווייך פּנים האָט געשטראַלט א שטי־לער תענוג.

— לערנטס, קינדערלעך, לערנטס.

ער איז צוגעגאַנגען צו א דאַוונער, צום פּראָסטסטן מענטש, גערעדט מיט אים שטיל, האַרציג, ליכט געגלעט אים מיט א האַנט אויף דער פּלייצע, און צום סוף צוגעגעבן:

— נישט געזאָרגט, ברודער, נישט געזאָרגט!

נאָך א דאַוונען האָט געמוזט זיין בראָנפן. ר׳ אברהם איז גע־גאַנגען מיט אן אָפענער האַנט פון איינעם צום צווייטן:

— שאַדט נישט, לאָז זיין א פירער, זאָל זיין א צווייער. יידן! ווען טרינקען צוזאַמען לחיים!

ער איז צוגעגאַנגען צו די לערנער, גענומען א בחור און געגעבן אים דאָס צוזאַמענגענומענע געלט.

— נו, נו, דאָס אחריות אויף מיר! נאַרעלע, יידן זיינען בא דיר עפּעס א קלייניקייט?!

— גיי, גיי! — האָט ער אים געבעטן און געגלעט בא אן ארבל.

ער האָט יעדן אָנגעגאָסן א פול גלעזל בראָנפן.

— א סוף, הערשל, געמאַכט א שנאַפּס! — ניי פאַרדריי נישט קיין קאָפּ! דאָס איז דאָס בעסטע. ס׳דערוואַרעמט און ס׳יאָגט אוועק אַלע דאגות!

— לחיים, לחיים! א ייד דאַרף טרינקען און געדענקען, אַז ד׳ אלקינו ד׳ אחד! — פלעגט ער אויסזינגען און א טאַנץ צוגעבן, האַל־טענדיק הויך דאָס פלעשל בראָנפן אין דער האַנט.

מיט יעדן מענטש האָט ער גערעדט פּראָסט, צום האַרץ. און איז ער געשטאַנען מיט א יינגל, האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אויך א יינגל.

איין מאָל: דאָס בית־המדרש איז געווען ליידיק; איך האָב פאַר־מאַכט די גמרא און אויפגעשטעלט זיך, צוקנעפּלענדיק די קאַפּאָטע אויף אַהיימצוגיין, האָב איך אויף מיר דערפילט זיין האַנט, א ליבע האַנט.

— הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן, קום ארויף צו מיר! קום ארויף צו מיר און מיר וועלן עסן צוזאַמען מיטאָג!

איך בין געשטאַנען און געקוקט אַוועק אין א זייט.

— ווילסטו מיך, הייסט עס, מבייש זיין?!

איך האָב געפילט זיינע ווערטער, ווי זיי גייען ארוים פון האַרץ, און האָב נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען עטלעכע פרעמדע צימערן, ביז אין א לעצט שטיבל אריין.

— אָט דאָס איז מיין אַלקערל, — זאָגט ער צו מיר, צומאַכנדיק די טיר.

דאָס איז געווען א קליין פיר־עקעכדיק שטיבל. צוויי בעטן, פאַר־דעקט מיט קאָלדרעס אין ברייטע בלומען. אַן אַלט־מאָדישע קליידער־שאַנק. א פיר־עקעכדיקער זייגער מיט צוויי וואָגעס, און פון דער וואַנט האָט ברייט געקוקט דאָס בילד פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרע.

באַם טיש, איבערגעדעקט מיט א טישטוך אין א טונקל־שטילער פאַרב, איז געזעסן אַן אַלטע יידענע אין א קופּקע מיט העלע בענ־דער, דאָס פּנים פון קנייטשן, נאָר אין די אויגן האָט זיך באַהאַלטן קלוגשאַפט און אַן אָפּשיין פון אַמאָליקער שיינהייט.

די אַלטע האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און צוגעקוקט זיך צו מיר.

— זאָג מיר, אַברהמל, ווער איז דאָס בחורל? איך קאָן מיך גאָר נישט דערמאָנען.

— רחלע, דאָס בחורל איז היינט בא אונז א גאַסט! — האָט ער איר הויך געענטפערט.

— גוט, גוט, אברהמל, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ז'האָט זיך נאָך איינגעקוקט אין מיר און שטיל געריעדט:

— איך קאָן מיך גאָר נישט דערמאָנען.

פּאַמעלעך האָט זי זיך אויפגעשטעלט.

— מ'וועט אפשר שוין גיין עסן, אברהמל?

— איך ווייס... — האָט דער אַלטער געמאַכט דעם אָנשטעל, קראַצנדיק אין א פּאה.

די אַלטע איז צו אים צוגעגאַנגען נאָענט און געקוקט אים אין די אויגן אריין.

— האָסט ערגעץ געגעסן?

דער אַלטער האָט אויסגעשטרעקט א בייכל:

— מיט א סוחר.

די אַלטיטשקע איז געגאַנגען צו דער טיר און פאַרן ארויסגיין אומגעקערט זיך צוריק, געדרייט מיטן קאָפּ און געגראָזשעט צו אים מיט א פינגער:

— איי, אַלטער!

ר' אברהם האָט הויך און צופרידן געלאַכט.

ער איז צוגעגאַנגען אין א ווינקל צו א קוישל און ארויסגענו־מען פון דאָרט ברויט און א מעסער. באַלד האָט ער זיך אָנגעהויבן רייבן די הענט איינע אָן דער אַנדערער, געזאָגט מזמור־לדוד און אָנ־געוויזן מיר, איך זאָל מיך אויך גיין וואַשן.

בא דער וואַנט, לעבן דער טיר, איז געשטאַנען א קרוג מיט וואַסער און א שיסל.

די אַלטיטשקע איז אריינגעקומען, געהאַלטן א טעלער עסן מיט ביידע הענט און געווען זייער געהיט, זי זאָל נישט פאַרגיסן.

איך האָב אַלץ געקייעט די מציאה. דער אַלטער האָט אויף מיר געקוקט.

— אַזוי, דו שעמסט זיך טאַקע?!

און די אַלטיטשקע אַנטקעגן מיר האָט געדרייט מיטן קאָפּ:

— אז מען עסט נישט, קאָן מען נישט לערנען; אז מען עסט נישט, קאָן מען נישט לערנען...

מיר האָבן געגעסן שטיל. מיט אַמאָל האָט זיך די אַלטיטשקע צוגערוקט צום אַלטן, געקוקט צו אים ארויף און געפרעגט:

— דאָס פלייש איז ווייך? האָסט הנאה פון דעם פלייש, אברהמל?

ער האָט גענומען מיטן לעפל די לעצטע איבערגעבליבענע פלוים פון זיין טעלערל און געגעבן דער אַלטער אין מויל אריין. זי האָט דאָס אויפגעגעסן, ווי אַ קינד.

ז'האָט נאָך געקייט, אָנגעקוקט מיך, און די אויגן זיינען איר געוואָרן גלאַנציק:

— אין די זעלבע יאָרן, אין די זעלבע יאָרן, וואָס מיין משהלע...

— מ'וועט בענטשן — האָט ארויסגערעדט דער אַלטער מיט אַ הויך, פרעמד קול. די אַלטיטשקע האָט זיך אויפגעשטעלט; זי איז ארויסגעגאַנגען און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. דער אַלטער האָט זיך געשאָקלט, געברומט אַ הארציק ניגונדל, געפאַטשט אין די הענט און אַלע מאָל אויסגעשריגן:

— גרויסער גאָט!

איך דערמאָן מיך: אַ ליכטיקער גרויסער זומער־טאָג. ארום, אין די זייטן הויף, שטייען צו קופּקעלעך מענטשן. אין מיטן שטייט ר' אברהם פעלטעסעם ווייב. זי האַלט ארומגענומען איר משהלען, וויינט אין זיך שטיל און פאַרשטיקט. לעבן איר ר' אברהם פעלטעם. ער רירט מיט דער האַנט אויף איר אַקסל און רעדט ארויס מיט כוח אָפּגעריסענע ווערטער:

—רחלע, וואָס טוט זיך מיט דיר?! דו טאָרסט נישט וויינען!

די קופּקעלעך אין די זייטן רעדן צווישן זיך. אַ יידענע מיט גראָבע ליפּן, די הענט פאַרלייגט איינע אין דער אַנדערער אריין, רעדט ארויס בייז:

— אַ ביטער מזל דאָס איז!

א רונדיק, בלייך פּנים, מיט אַ ווייכער טרער אין אויג, זיפצט אָפּ:

— דאָס לעצטע קינד! גוטע יידן הייסן עס אינגאַנצן נישט זיין באַ איר!

די יידענע מיט די גראָבע ליפּן:

— אַזעלכע יונגען געליגט אין דער ערד אריין, איינעם נאָך דעם אנדערן!

און דאָס רונדע, בלייכע געזיכט רעדט שטיל:

— גוטע יידן הייסן עס זיין אין דער פרעמד. אפשר וועט איר שוין דער אויבערשטער העלפן. זי מוז זיך נעבעך אינגאַנצן ארויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז זי האָט אַ קינד.

איך קוק זיך ארום איבערן ליידיקן שטיבל. דער אַלטער זיצט אומבאַוועגלעך, פול קנייטשן אויפן ווייסן שטערן, און זיינע אויגן קוקן ווייט.

די טיר מאַכט זיך אויף און די אַלטע קומט אריין מיט אַ טשיי־ניקל טיי. זי איז ווי דאַרער געוואָרן, און די אויגן קינדיש־קלאָר.

זי גייט־צו צו אים נאָענט און קוקט אים אָן.

— אברהמל, וועסט אפשר טרינקען אַ גלעזל טיי?

— יאָ, יאָ, רחלע...

מיר טרינקען טיי. דער אַלטער באַמקעט אונטער אַ פריילעך־האָפּקענדיק לידל, און די אַלטע רעדט צו מיר אריבער, מאַכנדיק מיטן קאָפּ:

— איי, האָט ער געקאָנט אַמאָל זינגען; איי, האָט ער געקאָנט אַמאָל זינגען!

איך האָב מיך אויפגעשטעלט. דער אַלטער האָט מיר געדריקט די האַנט און ווייך, פאָטערלעך געגלעט איבערן אקסל. די אַלטיטש־קע האָט צו מיר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זיי געזונט, בחורל! זיי געזונט!

כ'האָב אַלץ פאַרשטאַנען.

נפתליכל אויער

א הייסער זומער־טאָג. די זון, א קליינע, איז אין דער מיט הויך. קלאָרע פאַליעס הייץ שוועבן און ציטערן פאַרן אויג. עס דאַכט זיך, אַט־אַט ווערט די גאַנצע לופט אַרומגעכאַפּט מיט א פלאַם. עט־לעכע קליינע וואָלקנדלעך אין הימל שטייען אָן אָטעם.

שטיל איז, און אויף דעם ווייס־גליענדיקן זאַמד גייען צוויי קלעזמאָרים. זיי גייען פון די זומער־קאָלאָניעס און דערנעענטערן זיך צום גרויסן וואַלד.

דער העכערער איז בערל קלעזמער, אין א שוואַרץ מעליאַזשן רעקל, מיט א האַרטן קאַפּעליוש, א פאַרברענט פּנים מיט זומער־שפּרענקעלעך, א געשוירן געל בערדל, און מעשענע סיגנעטן אויף די פינגער. דער קלענערער איז נפתליכל אויער, אין א גרוי־טוכענעם ראָק ביז די קניען, די פּלייצע און דאָס האָרץ ווי אַרויפגערוקט און דאָס קעפּל אין דער מיט. א לענגלעך, קרענקלעך־בלייך פּנים, קינ־דישע אויגן און דין־גרויסע אויערן.

בעריש גייט שווער אין זאַמד, מיט זיין גרויסן באַס, אַרויס־שטעקנדיק דעם קאָפּ פאָראויס און מעסטנדיק מיט זיינע אויגן דאָס שטיקל זאַמד צום וואַלד. נפתליכל האַלט די פידל אונטער דער פּאָלע, קוקט אויף בערישעס פּלייצע און שמייכלט.

דער גרויסער וואַלד שטייט אָן א באַוועגונג: עס הערט זיך א שטילקייט פון א מיט טאָג, וואָס שרעקט. בעריש שטעלט אַנידער דעם באַס בא א בוים מיט א ברייטן שאָטן און וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם קאַפּעליוש, דאָס רעקל און די קאַמאַשן. נפתליכל האַלט די פידל, קוקט, זוכט אַרום בוים און הענגט זי אויף אויף א שטיקל אָפּגעבראָכן צווייגל. ער שטייט, קוקט אַראָפּ אויף בערישן, ווי ער זיך אויסגעצויגן א האַלב־נאַקעטער, און שמייכלט.

— וואָס זשע שטייסטו, ווי א יאָלד? טו אויך דאָס אייגענע!

נפתליכל טוט אויס דעם דאַך און זעצט זיך אַראָפּ אויף דער־ערד. ער קוקט אויף בערישן און רעדט אויף אַ דין נקבהש קולעכל:

— ווי ווייט איז נאָך צו דער סטאַציע?

בעריש ציט אויס זיינע באָרוועסע פיס:

— צו גיין איז שוין נישטאָ ווו, און דער שפּאַציר־צוג גייט ערשט פאַרנאַכט.

נפתליכל נעמט אַרויס פון דער הויזן־קעשענע אַ פּאַפּירענעם שקאַרמיץ און לייגט אים אַוועק לעבן זיך. ער זיצט, די לאַנגע פיס צעשפּרייט און אויסגעצויגן אין צוויי גרויסע אַלטע קאַמאַשן אַריין, דאָס קורצע גופל פאַרדעקט מיט אַ צעפליקט העמד. זיין דאַרע האַלב־נאַקעטע האַנט אַרבעט, פון שקאַרמיץ צום מויל און צוריק, און ער שמייכלט שטיל פון הנאה.

בעריש ליגט אויסגעצויגן, קוקט אויף אים און טראַכט:

— אַ קאַליקע, אַ נאַר, און ווי ער שפּילט! ווי אַ שטאַרקן בויגן־שטריך! ווען נישט ער, וואָלט איך גאָרנישט געמאַכט איבער די רייכע ווילעס! ער פאַרלייגט דאָס קעפּל און צעשפּילט זיך, און וווּנדערלעכע טענער רייסן זיך אַפיר פון אונטער זיין בויגן! אַלע קוקן אַרויס. איך גיי אַרום נאָך געלט, און ער שטייט אַליין אויף איין אָרט, פאַרלייגט דאָס קעפּל, און ער זעט גאָרנישט, און ער הערט גאָרנישט, וואָס אַרום טוט זיך! איך גיב אים אָפּ אַ ווינקל אין מיין שטוב און עטלעכע קאָפּיקעס אויף סעמעטשקעס, און פּאַרטיק, — זיין קאָפּ לאַכט אויף אים פון הנאה!

די היץ אין וואַלד שמעקט מיט די פעטע נאָדל־בוימער. בערישעס ברעמען הייבן אָן צופאַלן. ער זעט נאָך נפתליכלס קאָפּ צווישן די אַקסלען, מיט זיינע לאַנגע אויערן, וואָס רודערן זיך באַם עסן די סעמעטשקעס, ער זעט אַ געמיש פון אַלערליי ליכטיקייטן, און באַלד זינקט אַלץ איין אין אַ ברייטער, טיפער פינסטערניש.

נפתליכל פּרוּווט זיך אויך לייגן. ער דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. פּלוצלינג גיט ער זיך אַ זעץ־אויף און שרייט אויס אויף זיין דין־נקבהש קולעכל: — איך וועל שוין נישט קאָנען שלאָפן!

ער ווישט דעם שווייס פון שטערן: — אַז מ׳ליגט קומט די היץ, אַז מ׳זיצט איז בעסער.

ער קוקט אַראָפּ אויף בערישעס פאַרברענט־געשפּרענקלט פּנים און שמייכלט: ער קאָן יאָ שלאָפן, ווייל ער איז אַ געלער און עס וואַקסט אים אומעטום האָר, אין די אויערן, אין דער נאָז...

נפתליכל קוקט איבערן וואַלד און עס פאַלט אים איין אַ געדאַנק:

— אַזוי פיל בוימער שטייען, און אַז איך וועל שפּילן, וועלן זיי דאָך הערן! מענטשן רעדן, און זיי הערן גוט!

ער שטעלט זיך אויף און נעמט אַראָפּ די פידל.

צום ערשט הערן זיך בלאָנדזשענדיקע טענער: — וואָס זאָל איך שפּילן פאַר דעם גרויסן וואַלד?!

ער ציט לאַנגע טיפע טענער, — ער שפּילט פון אַ גרויסן ליכטיקן הימל, פון אַ ליכטיקער שטילקייט, פון אַן אייביקן וואַלד.

די זון איז שוין נידעריק אַראָפּ. די לופט האָט שוין אָנגעהויבן אָטעמען, און דאָ, דאָרט הערט זיך אַ פּישטש פון אַ פויגל. בעריש שלאָפט שוין לאַנג נישט, נאָר ער רירט זיך נישט, ליגט ווי פאַרחלשט פון נפתליכלס שפּילן. דורכן האַלב־אָפענעם מויל טרינקט ער די זיסע שמעקנדיקע וואַלד־לופט.

פאַרשיכורט פון תענוג פאַלן זיינע ברעמען צוריק צו, ער שלאָפט ווידער איין, נאָר נישט אַזוי מגושמדיק, ווי פריער. ער הערט נפתליכעלס שפּילן, ער פילט אַלץ קלאָרער, טיפער ווי אויף דער וואָך!...

בערישן ווילט זיך אַזוי לאַנג ליגן און דרימלען, נאָר אָט האָבן אויפגעהערט די וווּנדערלעכע טענער! ער כאַפּט זיך אויף און קוקט אומפאַרשטענדלעך איבערן וואַלד, אויף נפתליכלען:

— אַ־ווא, ווי לאַנג געשלאָפן! מ'האָט שוין פאַרשפּעטיקט די באַן!

נפתליכל ענטפערט נישט. ער שוועבט נאָך אין בלויען הימל און הערט זיך צו צו אַ פאַרחלומט געזאַנג, וואָס וויגט זיך ווייט, ווי קלאָרע גאָלד־פאַליעס.

בעריש האָט אַראָפּגענומען דעם באָס, וואָס האָט אויף באַסלשון אַ ברום געגעבן און איבערגעוועקט די שטילקייט. נפתליכל האָט זיך אויפגעכאַפּט.

בעריש גייט פאַראויס און האַלט ארום מיט זיין האַנט דעם באָס, מורמלענדיק: — שפּעט, פאַרשפּעטיקט די באַן!

און הינטער אים וואַקלט זיך נפתליכל אויער.

אויף זומער-וווינונג

ווען שלמה האָט געעפנט די אויגן, האָבן פון פענסטער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט טיקטור, דורכגעשיינט ליכטיקע גאָלד־שפּאַרעס. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, וועלנדיק צוריקקוקן צו דער נאַכט. און געשען איז מיט אים די נאַכט דאָס זעלבע, וואָס אַלע נעכט. צום ערשט אַ געמיש פון אַלערליי געדאַנקען און איבער־לעבענישן. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן פאַרביישוועבן אָנפאָרמיקע שאָטנס אין אַ גרוי-פינסטערן אָפּגרונט. דערנאָך — אַ ווייטיק ביז צום נישט־אויסהאַלטן, ביז צו משוגע ווערן, ווי ס'וואָלט זיך אונטער־געהויבן דאָס ווענטל פון מוח.

מיט אַ געליימט פאַרוואונדערונג האָט ער אין האַלבן שלאָף געקוקט אויף די פּייערדיקע פינטעלעך און שטערנדלעך, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אָנגעהויבן אויפבליצן פאַר אים. און מער געדענקט ער נישט וואָס מיט אים איז געווען. ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין פינסטערן שלאָף, אין אַן אָרט פאַרגעסונג, וואָס טיילט אָפּ איין וועלט פון דער צווייטער.

ער איז אַראָפּ פון בעטל און אַראָפּגענומען די טיקטור, מיט וועלכער ער פאַרשטעלט יעדע נאַכט דאָס פענסטער, כדי די דרויסן־ליכטיקייט זאָל אים נישט אָפּנאַרן באַם דורכפירן זיינע אָקולטיסטישע איבונגען. דאָס שטיבל איז פּלוצלינג פול געוואָרן מיט אַ שטאַרק בלענדנדיקער זון-ליכטיקייט.

ער האָט נישט געקענט מיט אַמאָל עפענען די אויגן, און ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעטל. דורכן פענסטער האָט אין קליינעם צימערל אַריינגעפלאָסן אַ ים פרימאָרגן־ליכט, און אויף די ווייס־געקאַלכטע ווענט האָבן אָנגעהויבן בילדן זיך, שוועבן און פאַרשווינדן כלערליי ליכטיקע געשטאַלטן.

די דאָזיקע ליכטיקייטן האָבן געהאַט די זעלבע פאָרמען, וואָס די זאַכן אין שלמהס שטיבל. אַשטייגער: זיין קאַפּעלוש, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אַנטקעגן בעטל — פון אָט דעם קאַפּעלוש איז אַוועקגעגאַנגען אויף דער וואַנט אַ צווייטער העל־ליכטיקער

קאַפּעלוש... דאָס אויג האָט נישט אויסגעהאַלטן, געגעבן אַ ציטער — און דער גייענדיקער זונען־קאַפּעלוש איז פאַרשוווּנדן. אַזוי אויך דאָס בילד פון שטרענגן הרי"ף, רבינו משה בן מימון, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. עס האָט זיך געבילדעט דערפון אַ ליכטיק לעבעדיק געשטאַלט. דאָס געשטאַלט האָט גענומען גיין, נאָר דאָס אויג האָט נית אויסגעהאַלטן, געגעבן אַ ציטער — און דאָס געשטאַלט איז פאַרשוווּנדן.

— זיי דאַרפן באַלד קומען! — האָט שלמה זיך דערמאָנט. ער האָט זיך גיך אָנגעהויבן אָנטאָן, פריילעך פון דער זון־ליכטיקייט אין זיין ווייס־געקאַלכטן שטיבל, פריילעך פון דעם גרויסן פרימאָרגן־הימל, וואָס האָט געקוקט אין זיין פענסטער, און פון דעם, וואָס יצחק דאַרף באַלד קומען, זיין חבר, מיט וועמען ער האָט פאַרגענומען צו זוכן דעם וועג, וואָס פירט צו די לעצטע געהיימנישן. יאָ, יצחק, און ער, יחיאל, דער מעדיום...

ער האָט פאַרגלייכט דאָס בעטל צוגערוקט ביידע שטולן צום טישל און איז אַרויס, פאַרשליסנדיק נאָך זיך די טיר.

אין וואַלד האָט אָפּגעקלונגען מיט יונגע קולות און פון די זומער־הייזלעך האָבן זיך געצויגן פורלעך צום צענער־צוג. אויף דער סטאַציע איז שוין געווען לעבעדיק. טייל זיינען געזעסן אויף די בענק, לענג־אויס דער סטאַציע־געביידע, וואָס איז געווען אינגאַנצן אַרומגעפלאָכטן מיט בלעטער און צווייגן. טייל האָבן שפּאַצירט הין און צוריק, שאַרכנדיק מיט די טריט איבערן דראָבנעם אָנגעשאָטענעם שטיין. די צוויי שינעס האָבן זיך אַוועקגעשניטן אין דער ליכטיקייט מיט אַ ווייס־שטאַלענעם בלאַנק.

שלמה איז געגאַנגען הין און צוריק און האָט אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט דעם צוג. עס זיינען געגאַנגען פאַר אים עטלעכע יונגע לאַכעדיקע מיידלעך אין לייכט־העלע קליידלעך. ער האָט געוווּסט, אַז אָנפירן אַ מלחמה מיטן יצר־הרע איז נאָך ערגער. און דערפאַר האָט ער זיי נישט אויסגעמיטן, נאָר לייכט דורכגעשוועבט מיטן בליק איבער זיי, און בכיוון אָנגעהויבן טראַכטן פון עפּעס אַנדערש. אָבער זיין טראַכטן איז געווען מעכאַניש. ער איז געווען דאָ, בא די מיידלעך. זיין געדאַנק האָט געזען זייערע גלוסטיקע גלידער, זייערע ווייס־ליכטיקע לייבער. אַ היץ איז אים געקומען אין פּנים אַריין און ער איז שטיין געבליבן — וואָס האָט ער זיך פאַרגעסן? ווי שפּעט איז?

נאָך אַ האַלבע שעה צום צוג׳ ער וועט אַביסל אַראָפּגיין אין מיטן פעלד.

פון איין זייט ליניע האָט זיך געטונקלט דער וואַלד מיט די זומער־וויינונגען. פון דער צווייטער זייט האָט זיך געשפּרייט אַ גרויס פעלד. דאָרט האָט זיך געפאַלדעוועט גאָל־צייטיקע תבואה און ס׳האָט זיך געהערט דאָס שפּילנדיקע טשוויטשעריי פון פויגל אין דער שמעקעדיקער ליכטיקייט.

שלמה האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז. ער האָט געהאַט פאַר זיין בליק דאָס אומענדלעכע פעלד און די צוויי שינעס, וואָס האָבן אַוועקגעבלאַנקט אין דער ווייטקייט. פון דער זייט פון דער סטאַציע איז געגאַנגען אַ געררויש און אַ געמיש פון מענטשלעכע קולות. שלמה האָט געקלערט:

— ער איינער גייט קעגן זיי אַלע! נאָר צי איז ער געדעכט? די ערד האָט דאָך גוט באַשאַפן פאַרן מענטש!

— זיי זיינען שוין דאָ! — האָט ער אויסגעשריגן אין געדאַנק.

— זיי זיינען שוין געקומען, די מחשבות, פון בלוט און פלייש! ווען דער מענטש גייט נאָך זיינע פאַרלאַנגען, ווערט ער אַ געהאַרכזאַם פערדל, וואָס גייט אומעטום, וווּ דער נישט־גוטער לענקט מיט אים, ביז ער פאַלט באַרג־אַראָפּ.

דער ריטש פון לאָקאָמאָטיוו האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען. דער צוג איז שוין געווען נאָענט. שלמה האָט געאיילט צו דער סטאַציע. יצחק איז געקומען, אָבער אַליין.

— ווו איז יחיאל?! — האָט שלמה געפרעגט.

— יחיאל וועט קומען מיטן צוועלפער צוג.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געטאָן ווי איך האָב דיר געזאָגט?

— האָט זיך געבייזערט שלמה — האָסט געדאַרפט גיין צו אים גלייך אין דער פרי, נעמען אים און פאָרן!

— אַ מענטש איז ניט קיין זאַך, — האָט געענטפערט יצחק.

— איך בין געקומען צו אים אין דער פרי, האָט ער מיר געהייסן פאָרן, און ער — האָט ער געזאָגט — וועט קומען מיטן צוועלפער. איך האָב נישט געוואָלט שטאַרק צושטיין, ער זאָל נישט האָבן אַ חשד, אַז מיר ווילן אים דאָ היפּנאָטיזירן, וואָלט ער שוין אינגאַנצן נישט געקומען! זאָג נאָר, שלמה, דו ביסט נעכטן באַנאַכט געזעסן

באַם טישל, אויסגעשיט אַ פּודעלע זאַפּאַלקעס, איבערגעציילט און אויפגעשריבן „34״?

שלמה איז אויפגעשפּרונגען, האָט גענומען אַ ביכל און אַרויס־געשאָקלט פון דאָרט אַ פּאַפּיר. אויפן פּאַפּיר איז געשטאַנען געשריבן: „דינסטיק, 1 באַנאַכט. איך זיץ באַם טישל, שיט אויס אַ פּודעלע זאַפּאַלקעס און צייל איבער: 34!״

— אָבער פון וואַנען ווייסטו דאָס, יצחק, הא?

יצחק האָט סודותדיק געשמייכלט:

— יחיאל האָט נעכטן געטאָן ווי דו האָסט אים אָנגעזאָגט. ער האָט אויפן געלעגער אין זינען געהאַט, אַז ער וויל גיין צו דיר און דיך זען, ביז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן און ס׳האָט זיך אים גע־חלומט, אַז ער שטייט לעבן אַ טישל. אויפן טישל ברענט אַ לעמפּל. דו, שלמה, זיצסט באַם טישל, שיטסט אויס אַ פּודעלע זאַפּאַלקעס, ציילסט איבער און שרייבסט אויף: 34. ער, יחיאל, האָט געוואָלט גיין צוריק, איז ער געבליבן שטיין אין דער פינסטער, באַ אַ פּלויט. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער דאַרף גיין אַהיים, און ער וואָלט, זאָגט ער, אַזוי געשטאַנען אייביק, נאָר עמיצער האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט — און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— יאָ, און נאָך האָט מען אים אין חלום אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַזוינס מער ניט טאָן, ער קען שטאַרבן!

— זע, וואָס מיר האָבן היזק,— האָט שלמהן פאַרדראָסן, — וואָס דו ביסט נישט געקומען גלייך מיט אים! ער וואָלט דאָך געזען דאָס פּאַפּיר און וואָלט געגלויבט. איצט וועט ער זאָגן, אַז דו האָסט מיר פריער דערציילט, און איך האָב עס גלייך גענומען און אויפ־געשריבן!

— דאָס איז דאָך אַן אמתער אַרויסגאַנג פון אַסטראַל*)! — האָט יצחק געשטראַלט, און נאָך אַ מינוט נאָכדענקען האָט ער צוגעגעבן:

— דער וואָס דאַרף עס, האָט עס נישט, און דער וואָס דאַרף עס גאָר נישט, גלויבט נישט דערין, האָט עס יאָ!

---

*) אַסטראַל — דאָס אמתע אויסזען פונעם מענטש, געוועבט פון איידלסטער מאַטעריע, נישט זעבאַר פאַרן געוויינלעכן אויג.

די חברים זיינען געגאַנגען אַראָפּ, מיטן פּלאַנט. אין דער ליכטיקער ווייטקייט האָט זיך צום הימל געהויבן אַ ווייס פאַרע־וואָלקנדל. הינטער דעם האָט זיך געהויבן נאָך איינס און נאָך איינס.

— דער צוג!

מיט דעם דאָזיקן צוג איז געקומען יחיאל.

יחיאל האָט נישט אויפגעהערט צו באַוווּנדערן דעם ווייכן וואַלד־דיוואַן אונטער די פיס, די גרויסע שטילקייט, די זון־פלעקן צווישן די ביימער. שלמה און יצחק זיינען געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן דאָ יחיאלן, אַזאַ גוטן מעדיום.

איצט זיינען אַלע דריי געגאַנגען איבער דעם שטיקל פעלד, ווו דער גרינער נאָטש פון קאַרטאָפלעס האָט שוין געבליט מיט ווייסע בלומען־קעפּלעך און דער געל־צייטיקער קאָרן האָט זיך שוין געבויגן מיט די שווערע זאַנגען. זיי זיינען געגאַנגען צו שלמהס הייזל.

צוקומענדיק נאָענט צום שטיבל איז יחיאל געבליבן שטיין און פאַרטראַכט געקוקט צום פּלויט, זאָגנדיק מיט אַ האַלבן שמייכל:

— איך בין די נאַכט דאָ געשטאַנען!

שלמה מיט יצחקן האָבן זיך איבערגעוווּנקען. ווען יחיאל איז אַריינגעקומען אין שטיבל, איז ער געבליבן שטיין פאַרטראַכט, ווי אונטן באַם פּלויט, געקוקט צום טישל און צום קליינעם לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. ער האָט געפרעגט:

— שלמה, דו געדענקסט אַליז, וואָס דו האָסט באַנאַכט געטאָן?

שלמה האָט אים געוויזן דאָס אָנגעשריבענע אויפן פּאַפּיר.

— יצחק האָט שוין דיר דערציילט און דו האָסט עס היינט אויפגעשריבן!

— איך שווער דיר, אַז איך האָב דאָס נעכטן איינס באַנאַכט אויפגעשריבן! יצחק האָט קאַליע געמאַכט, וואָס ער איז געקומען פריער פון דיר! — איצט גלויבסטו נישט...

— איך גלויב... איך בין דאָ דאָס ערשטע מאָל. נאָר איך גלויב.

— און איצט, יחיאל, וועסטו שוין גלויבן, אַז אַ מענטש איז נישט בלויז דער קערפּער, נאָר ס׳איז אויך דאָ אין אים עפּעס העכערס, וואָס גייט אַרויס פון קערפּער, קען זיין אומעטום און זעט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן?!

יצחקס אויגן האבן געלויכטן מיט גלויבן. שלמה האט זיך געשטעלט פאר יחיאלן און האט גענומען רעדן מיט א ציטערדיק קול:

— הער, יחיאל, ווען מיט מיר וואלט אזעלכעס געשעען, וואלט איך געקומען אהער גאנץ פרי, נאך פאר יצחקן, און וואלט אלץ גוט חוקר ודורש געווען!

יחיאל שמייכלט לייכט:

— און וואס וואלסטו געהאט דערפון ?!

שלמה הויבט אן צו שפאנען צעטראגנערהייט איבערן שטיבל.

— איינער האט דעם לייטער, — קלערט ער, — האט ער נישט דעם ווילן. א צווייטער האט דעם ווילן, האט ער נישט דעם לייטער. און אזוי בלייבן מיר אלע אונטן, אין דער פינסטער!

— הער, שלמה, — רופט זיך דערווייל אן יחיאל, — פארדריי מיר ניט קיין קאפ! עסן האסטו ?

— כ'האב ברויט מיט מילך. פלייש עס איך נישט!

— גיב אהער! וואס ביסטו דא געווארן א נזיר ?!

יחיאל איז געזעסן באם טישל, מיט אפעטיט געגעסן דאס ברויט און נאכגעטרונקען קאלטע מילך. פון זיין ארבעט, אלס פשיסוועבויגער, האט ער יום געהאט אויף דורכצולעבן. ער איז געווען פון די אזוי־גערופענע באוווסטזיניקע ארבעטער, האט אביסל געלייענט און איז געקומען צום נישט־גלויבן.

אפגעגעסן, האט יחיאל זיך געשטעלט באם אפענעם פענסטער און ארויסגעקוקט אויפן פעלד.

— איר פאלאזאפן, — האט ער זיך אנגערופן, — ענטפערט מיר אויף דעם, ווי אזוי לאזט גאט צו אזא עולה אויף זיין וועלט, אז איינער זאל דא זיין א גאנצן זומער און עטעמען מיט פרישער לופט, און א צווייטער זאל מוזן א גאנצן זומער זיין אין דער רויכיקער פאבריק און איינעטעמען שעדלעכע גאזן ?!

שלמה האט אים אנגעקוקט.

— הער, יחיאל, איך קען נישט פארשטיין, ווי אזוי גאט האט באשאפן די וועלט, און איך קען אויך נישט פארשטיין, ווי אזוי גאט פירט די וועלט. ווען איך זאל קענען פארשטיין, וואלט איך קיין מענטש נישט געווען, נאר אויך א גאט!

יצחק איז געווען צופרידן מיט שלמהס ענטפער.

— עך, לאָזט מיך זיך בעסער אָנידערלייגן, — האָט יחיאל ביטולדיק א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, איז אָפּגעטראָטן פון פענסטער און זיך בהרחבה אויסגעצויגן אויפן בעטל אין זיין גאַנצער לענג.

שלמה האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן בעטל:

— יחיאל, דו קלערסט גאָר נישט אַריין אין דעם, וואָס מיט דיר איז פאָרגעקומען אין דער פאַריקער נאַכט?

—וואָס האָב איך אַריינצוקלערן? — האָט זיך יחיאל פויל געצויגן און גענענעצט.

— נישט מיט יעדן געשעט אַזעלכעס. דו פאַרמאָגסט דאָך ווונדערלעכע אייגנשאַפטן!

— א וווּנדער וואָלט געווען, ווען דאָס געשעט מיט מיר אויף דער וואָך! — האָט זיך יחיאל געוועדט.

— ווען דו וועסט אַרבעטן, וועסטו דאָס זעלבע קענען מאַכן אויף דער וואָך!

שלמה האָט, רעדנדיק אַזוי, זיך צוגעזעצט אויפן בעטל. ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע א שוואַרץ פאַלירט פילקעלע און אָנגעהויבן דרייען דערמיט פאַר יחיאלס אויגן.

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זיך יחיאל געבעטן.

שלמה האָט געדרייט מיטן פאַלירטן פילקעלע פאַר יחיאלס אויגן. יחיאלס אַפּלען זיינען קיילעכיק נאָכגעגאַנגען. די ברעמען זיינען עטלעכע מאָל צוגעפאַלן און האָבן זיך שוין מער נישט געעפנט. שלמה האָט אָוועקגעלייגט דאָס פילקעלע, אָנגעהויבן פירן מיט זיינע פינגער איבער יחיאלס שטערן און שטיל מאָנאָטאָן געברומט:

— שלאָף! שלאָף! שלאָף!

יחיאל האָט טיף אָפּגעאָטעמט. שלמה האָט זיך צו אים צוגעהערט:

— שלאָפסט?

יחיאל איז געלעגן, די אויגן צו, און אויף זיין לענגלעך פּנים האָט גערוט דער ערנסטער שאָטן פון אייביקייט. שלמה האָט זיך איבער אים אַריבערגעבויגן:

— יחיאל, ענטפער מיר!

ס'האט זיך געהערט אן אומפארשטענדלעכער מורמל.

— רעד דייטלעכער!

דער שלאפנדיקער האט געענטפערט שטיל:

— זיין טאטע איז שוין לאנג טויט! יצחק, עפעס הער איך נישט בא אים קיין אטעם!

יצחק האט זיך צוגעבויגן:

— ער עטעמט נישט. וועק אים גלייך אויף!

שלמה האט אנגעהויבן מאכן פאסן אין א פארקערטער ריכטונג, מורמלענדיק:

— כאפ דיך אויף!

אבער עס האט נישט געהאלפן. יחיאל איז געבליבן ליגן, דאס פנים אויסגעשפיצט, דער קערפער — קאלט און שטייף. דאן האט זיין היפנאטיזאר, שלמה, אים אנגעהויבן רופן הויך באן נאמען. יחיאל האט ארויסגעלאזט א טיפן זיפץ. ער האט געעפנט די אויגן און ווילד זיך ארומגעקוקט. ביידע חברים זיינען גיך אפגעגאנגען פון בעטל. יחיאל האט זיך אויפגעזעצט. ער האט געקוקט מיט א נישט־היגן בליק:

— וואס איז דא געווען מיט מיר? כ'בין געשלאפן . . . כ'האב געזען א שרעקלעכן חלום . . .

— וואס האט זיך דיר געחלומט?

— כ'בין געווען ערגעץ, כ'ווייס נישט ווו. דארט זיינען גע־שטאנען א סך יידן אין טליתים, צווישן זיי מיין טאטע. איך האב דערהערט א באקאנט קול רופט מיך, בין איך נאכגעגאנגען דאס קול.

ער האט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשריגן:

—דער קאפ טוט מיר ווי! שוין ווייטער היפנאטיזירט! איר פארדרייט מיר נאר דעם קאפ מיט אייערע נארישקייטן! ווי שפעט איז?

— דריי!

— ווען גייט אפ דער צוג?

— פינה.

— באַטש אַביסל זיין און וואַלד!

יחיאל איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— וואַרט, מיר גייען אויך! — האָבן זיי אים נאָכגערופן.

יחיאל האָט אַ קלאַפּ־צו געגעבן מיט דער טיר און איז כמעט ווי אַרויסגעלאָפן.

— ער איז אויף אונז בייז, — האָט שלמה געזאָגט מיט באַדויער.

— אַ וווּנדערלעכע זאַך, — איז יצחק נתפּעל געוואָרן. — אין איין מינוט חלומט ער שוין, זעט ייִדן אין טליתים, צווישן זיי זיין געשטאָרבענעם טאַטן. און ס׳איז דאָך נישט קיין געוויינלעכער שלאָף, אַז ער רעדט און ענטפערט פון שלאָף אַרויס אויף פראַגן! האָסט געהערט, ווי ער האָט גערעדט: „מיין טאַטע, מיין טאַטע!״

— געוויס איז דער היפּנאָטישער שלאָף אַ סוד! אָבער וואָס האָבן מיר דערפון — האָט שלמה געטענהט. מיר אַליין האָבן דאָך גאָרנישט דערגרייכט!

— שוין? דו ווילסט אַריינגיין אין דער אייביקייט מיט אַ זייגערל אין דער האַנט, וואָס קלאַפּט אָפּ סעקונדן?!

שלמה האָט געשפּרייזט הין און צוריק איבערן שטיבל.

— לאָמיר אים אויפזוכן, — האָט זיך יצחק אָנגערופן.

שלמה האָט בייז געענטפערט:

— ער, וואָס האָט אַזעלכע איבערלעבענישן, אויב מ׳דאַרף אים נאָכיאָגן און איינרעדן, טאָ זאָל ער גיין פאַרלוירן מיט אַלע איבעריקע!

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. פון פעלד איז געגאַנגען די ווירטין. זי האָט געטראָגן אַ לענגלעך־פלאַך קוישל מיט אויסגעגראָבענע קאַר־טאָפלעס און אויף די קאַרטאָפלעס איז געלעגן דער גראָב־אייזן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעשאָקלט מיט איר ברוין געפאַלדעוועט פּנים:

— אַזוי, כאָטש אַ מאַנספּאַרשוין, אָבי נישט אַליין! אַליין איז נישט גוט. פאַראַיאָרן האָט בא מיר אויך געוווינט אַ קאַוואַליער. זיינען צו אים שטענדיק געקומען פּאַניענקעס. און דער פּאַן — האָט זי אָנגעוויזן אויף שלמהן — איז גאָר אַליין און אַליין. ס׳איז נישט

גוט אליין. א מענטש דארף זיין מיט מענטשן.

זי איז פארבייגעגאנגען.

— זי רעדט צו מיר דאס זעלבע יעדן טאג! — האט שלמה געלאכט.

אויפן פעלד איז געלעגן א קו און האט דרעמלענדיק געמעלהי־נירהט. זיי זיינען וועיט געגאנגען איבערן פעלד, פיל געטרעדט און אויסגעגאסן זייערע דורשטיק-פארבענקטע הערצער איינס פארן אנ־דערן. יחיאלן האבן זיי געטראפן א בייזן, אן איבערגעשראקענעם. ביידע, יצחק און יחיאל, זיינען אוועקגעפארן מיטן פינפער צוג אין שטאט אריין. שלמהן האט זיך ניט געגלוסט צוריקגיין אין זיין שטיבל, איז ער געבליבן אויף דער סטאציע.

ער האט מלחמה געהאלטן מיט פרעמדע געדאנקען, צעטריבן און פאריאגט זיי פון מוח, נאר צום טייל האט ער זיך דאך צוגעהערט, איינטענהנדיק מיט זיך אליין:

— צו וואס אנטלויפן פון ערדישן לעבן, פון זינד? ווי דאס פייער לייטערט דאס גאלד, אזוי מאכט זינד גרעסער דעם מענטש! ווען אדם האט געזינדיקט, האט גאט געזאגט צו די מלאכים: „הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע!"

אלע פארנאכט הויבט אן די סטאציע צו אטעמען מיט לעבן פארלעך שפאצירן הין און צוריק, שארבענדיק מיט די טריט אויפן דראבנעם שטיין און עס קלינגען אפ אין דער ליכטיקייט יונג־מיידלישע קולות.

א גאנצן טאג באהאלט מען זיך פון דער היץ אין וואלד, אין שאטן פון די בוימער. מ'וויגט זיך אין געפלאכטענע האמאקעס, דרעמלענדיק אין דעם קרעפטיק־פעטן ריח פון די נאדל־בוימער.

די וואנט פון דער סטאציע-געביידע, ביז צו די פענסטער פון ערשטן שטאק, איז געדיכט פארפלאכטן מיט גרינוואקס. אויף די בענק לענג־אויס דער וואנט זיצן פארלעך, וואס זיינען מיד געווארן פון ארומשפאצירן.

די באן דארף באלד אנקומען. דאס ווייסט מען, ווייל מען זעט שוין לייבקען ארומדרייען זיך אויף דער סטאציע.

לייבקע איז א בהנמדיקער באן־משרת. ער טראגט אן אלט

היטל פונעם באן־נאטשאלניק מיט א רויטן קאנט ארום, וואס פאסט אים נישט צו זיין שמאל פנים מיטן שווארצן בערדל און מיט די שווארץ-יידישע אויגן. זיין אלט־גרויע קורטקע איז ארומגעבונדן אין דער טאליע מיט א דין שטריקל.

ער באדינט דעם נאטשאלניקס ווייב האקט האלץ, ברענגט וואסער. ער באדינט בחנם יעדן באן־באאמטן אויף דער סטאציע. און אלץ, ווייל מען זאגט אים צו, אז ער וועט ווערן נאטשאלניק.

אין ווייטן ליכטיקן מהלך, ווו די צוויי שטאל־שארפע שינעס פארלירן זיך, הויבט זיך אויף א קליין ווייס וואלקנדל. אונטער דעם באווייזט זיך א שווארץ פינטל, וואס האלט זיך אין איין פארגרעסערן און דערנעענטערן. לייבקע שטייט שוין באם גלאק, גלייך ווי א ווירע. און האלט דאס שטריקל אין האנט, גרייט צו געבן דעם ערשטן קלונג. דער נאטשאלניק קומט ארויס פון דער סטאציע־געביידע. א דיקער, א רויטער, אין ווייסן אנצוג, מיט די גאלדענע קנעפ און רויטן היטל.

לייבקע גיט איין קלונג. און באלד לויפט ער און יאגט אפ די שפאצירנדיקע פון די שינעס. ער גיט אלע מאל א קוק מיט די קינדיש-שיקלדיקע אויגן צום נאטשאלניק: „זעסט ווי איך ארבעט?!" נאר דער נאטשאלניק איז איצט שטארק פארנומען, און איז הארט און שטרענג.

די באן קומט אן מיט אן אייזערנעם גערויש און שטעלט זיך. פון די וואגאנען־פענסטערלעך קוקן ארויס זון־רויטע פנימער. לייבקע גיט צוויי קלינג, באלד דעם־נאך דריי. אין דער צוג רירט זיך. די וואגאנען ציען זיך אוועק. אין דער ווייט שלענגלט זיך נאך דער צוג.

שלמה זיצט אויף א באנק, ווי א שטומער עדות צום לעבעדיקן גערויש אויף דער סטאציע. אויף דער זעלבער באנק זיצט א מיידל. א געטאקטער פרויען־קערפער, א קינדיש בלייך פנים. אין שלמהס מוח שלאגן זיך געדאנקען:

— ער וועט זיך באקענען מיטן מיידל!

— וואס גייט ער טאן? ער גייט פארלאזן דאס גרויסע ,דאס אייביקע?!

— נארישקייטן, א מענטש דארף זיין גאנץ און מוז אלץ דורכ־ מאכן! א מענטש דארף זיין שטארק און נישט מורא האבן!

ער רופט הויך אויס:

— איך וועל זיין דרייסט. מ׳קען זיך באַקענען, פרײַלין?
דאָס מיידל שמייכלט:
— ביטע, מיין נאָמען איז ליזאַ בראָמבערג. מיר וווינען אין ראָזענס ווילע.
שלמה האָט זיך אויפגעשטעלט און דערלאַנגט די האַנט. צו דער באַנק זיינען דערווייל צוגעקומען אַ מיידל מיט צווי באַגלייטער. דאָס מיידל, פון אַ יאָר אַכצן, אַ ברונעטקע מיט קורץ־געשוירענע האָר, אין אַ ברוין גימנאַזיע־קליידל, האָט מיט אַ שמייכל און מיט חשד געקוקט, דאָ אויף איר פריינדין, דאָ אויף שלמהן. דער ייִנגערער באַגלייטער, אַ דאַרער, בלייכער, מיט אַ קיילעכיק שפּיציק גאָמבעלע, ווי בײַ אַ מיידל, און שוואַרצע, געדיכטע צוזאַמענגעוואַקסענע ברעמען, ענלעך צו דעם מיידל, וואָס האָט זיך מיט שלמהן באַקענט, — ווייזט אויס אַ ברודער. דער עלטערער, אַן אָפּגעטאָקט בחורל אין אַ געפּאַסטן אַנצוג, מיט אַ דין, שאַרף נעזל, וואָס באַוועגט זיך און פילט אַלץ, און אַ באַהאַלטן ביטערע שמייכעלע אין די אויגן, ענלעך צום מיידל אין גימנאַזיע־קליידל, — ווייזט אויס אַ ברודער. דער עלטערער האָט געלאָזן אַרויסגערעדט:
— אַלזאָ, מיר גייען!
ליזאַ האָט זיך אויפגעשטעלט.
— אַ שיינע! — האָט זיין געדאַנק אים ווידער איינגערוימט.
— אַ שיינער פּרויען־קערפּער, דאָס פּנים קינדיש און בלייד.
ליזאַ האָט זיך געטאָן אַ שטילן פאַרגוניג פאַר שלמהן און איר פּנים האָט זיך געוויגט אין אַ שמייכל. איר חברטע, דאָס מיידל אין גימנאַזיע־קליידל, האָט זיך איבערגעוווּנקען מיטן עלטערן פון די יונגע לייט. זי האָט אָנגענומען ליזאַס אָרעם און תאוויש הויך געלאַכט.
— ליזאַ בראָמבערג! ראָזענס ווילע! — חזרט שלמה אין געדאַנק.
— אָבער וואָס טוט ער?!
ער וויל נישט טראַכטן. דער גאָלדענער שטילער אָוונט האָט אים ווי צוגעשמידט צום אָרט און ווי אויסגעלײדיקט זיין מוח פון געדאַנקען. די זון פאַלט נידעריק אַראָפּ אין מערב־זייט, אַ שווערע, אַ לויטער־גאָלדענע. די פעלדער האָבן אָנגעהויבן לייכטן. און עס

האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער ווייט אויפֿדעקן שטילע, באַהאַלטענע פֿעלדער — פֿעלדער נישט־היגע.

אויף דער סטאַציע איז שוין שיטערער. די בענק זײַנען ליידיק. נאָר עטלעכע יונגע פֿאָרלעך גייען ווייט אַוועק מיט די שינעס. עס צעגיסט זיך ערגעץ אין שטילן גאָלדענעם פֿאַרנאַכט אַ בענקענדיק פֿרויען־געזאַנג.

לייבקע אײַלט פֿאַרבײַ. די פּיאות, דאָס בערדל גאָלדיק־באַלויכטן פֿון דער אונטערגייענדיקער זון.

אַלע נאַכט פֿלעגט שלמה גוט פֿאַרשטעלן מיט דער טיקטור דאָס פֿענסטער, לייגן די קישנס אַזוי, ער זאָל קענען ליגן האַלב־זיצנדיק, פֿאַריאָגן די טאָג־געדאַנקען און קוקן דורכן מוח צו יענע פֿאַרבאָרגענע וועלטן, וווּ קיין מענטשלעך אויג קען נישט קוקן. אין יענער נאַכט אָבער האָט ער זיך גלייך געלייגט. ער האָט כּסדר געזען דעם שיינעם געטאַקטן פֿרויען־קערפּער.

— ליזאַ בראַמבערג! ראָזענס ווילע! — האָט ער געחזרט אין געדאַנק און באַשלאָסן מאָרגן צו גיין אַהין. ער האָט אײַנגאַנצן געגליט, האָט לאַנג נישט געקענט אײַנשלאָפֿן, און איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אומרויקן שלאָף, בשעת וועלכן רוחות אין פֿרויען־געשטאַלט האָבן זיך באַוויזן פֿאַר אים, געקומען צו אים נאָענט, און ס'איז אים געוואָרן אַזוי שווער צו אָטעמען, אַזוי דריקנדיק שווער אויפֿן האַרץ אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף מיט טויט־שרעק. און ער איז ווייטער געשלאָפֿן, אַ זינדיקער, אַ מידער, ביז שפּעט אויפֿן טאָג.

אין ראָזענס ווילע שטייט אַ גרין־געפֿאַרבט הײַזל מיט אַ ווערענדע. די ווערענדע איז געדיכט פֿאַרטונקען אין טונקעלן גרינוואַרג.

שלמה איז נישט דרייסט אַרײַנצוגיין. שטייט ער אונטער דער ווערענדע און קוקט אַרויס דורך די בלעטער. עס איז אָפֿן אַ טיר. אַ גרויסע האַלב־טונקעלע שטוב. ליזאַ! ער דערקענט איר בלייך קינדיש געזיכט. זי פֿאַרעט זיך אַרום בלומען, וואָס שטייען אויפֿן טיש, פֿאַררייכט און מאַכט גלייך די בלעטלעך.

זי דערזעט שלמהן.

— אַך, אַ גאַסט! זיצן זי!

זי פאַרבעט אים אין שטוב אַריין.

עס קומט אַריין פון אַ צווייט שטיבל אַן עלטערע פרוי, מיט אַ לענגלעך טונקל איינגעשרומפּט פּנים. זי שמייכלט ליבלעך און גיט אַ שאָקל צו שלמהן מיטן קאָפּ.

— מאַמוניו, מיט דעם יונגנמאַן האָב איך מיך באַקענט נעכטן אויף דער סטאַציע. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל צו אונז אַריינקומען.

די אַלטע רעדט אוים אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער, גיט ווידער אַ ליבלעכן שאָקל מיטן קאָפּ צו שלמהן און גייט אַוועק אין צווייטן שטיבל, ווייזט אוים, די קיך.

— ווי געפעלט איך אונזער ווילִיע? אַלט־פרענקיש, ניין?!

— דערפאַר איז אָבער דאָ רויק. דאָס איז די גרעסטע מעלה פון ז״מער־וווינונג!

— איר ווילט אפשר גיין שפּאַצירן?

שלמה האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

— יאָ, אין אַזאַ שיינעם טאָג איז אַ שאָד אפילו אַ מינוט צו זיין אין שטוב.

זיי גייען ביידע אויפן וויכן וואַלד־געבעט, צווישן הויכע גלייכע באָדל־בוימער. ער זעט איר אַראָפּגעלאָזטע האַנט מיטן ביכל און זיין געדאַנק אַנטפּלעקט פאַר אים די קיילעכיקייט פון אירע גלידער, די ווייסע ליכטיקייט פון איר לייב.

די בוימער פון וואַלד הויבן זיך אָן צו שיטערן און עס זעט זיך שוין אַרוים דער גרויסער הימל. אויף אירע פראַגן ענטפערט ער איינצעלנע ווערטער. מיט גרינגע פּיס, ווי אַ שיכור, און מיט אַן אויפגעהאַלטענעם אָטעם פון דערוואַרטן, שפּרייזט ער בא איר זייט.

דער וואַלד איז שוין הינטער זיי. עס הויבן זיך אויף עטלעכע ווייסע זאַמד־בערגלעך און אַרום שפּרייטן זיך גרין־ליכטיקע שטילע פעלדער.

ליזאַ זיצט, אונטערגעשפּאַרט אַ האַנט. מיט דער צווייטער שיט זי דאָס קלאָרע זאַמד. די קערפּער איז מיידלש חנעוודיק אויסגעבויגן פון דער געטלעכער מנוחה און שטילקייט אַרום, פון דער געטלעכער

מנוחה און שטילקייט אין דעם מיידלשן קערפער — זיצט ער, ווי בארווישט. ער נעמט זי ארום.

אירע ליפן שטאמלען:

— מיר האבן זיך דאך ערשט נעכטן באקענט!

ער אטעמט אין זיך דורשטיק אריין דעם ריח פון איר ווייס לייב.

זיי זיינען אראפגעגאנגען פון די בערגלעך. צווישן די ביימער זעט זיך א מיידל מיט צוויי בחורים. ס׳איז די זעלבע וואס נעכטן.

דאס מיידל לויפט צו:

— ליזא, ווו ביסטו אזוי לאנג געווען?!

זי קוקט אויף שלמהן און לאכט תאוויש.

דאס מיידל, פאלע, איז געגאנגען אנגעטאן ווי נעכטן, אין ברוינעם גימנאזיע־קלייד, מיט א שטייף קעלנערל ארום האלז.

דער עלטערער פון די בחורים, פאלעס ברודער, האט געשנאפט מיט זיין שארף נעזל און דאס באהאלטענע ביטערע שמייכעלע אין זיינע אויגען האט זיך היינט בולטער ארויסגעוויזן. דער יינגערער, ליזאס ברודער, האט אויסגעשטרעקט שלמהן א האנט, האט דערביי צונויפגעצויגן זיינע גערינכטע ברעמען און טיף אין שלמהן אריינגעקוקט.

אלע האבן זיך צעזעצט אויף דער ווייך־געבעטעטער וואלדיקער ערד. מען האט געבעטן פאלען, זי זאל עפעס זינגען. פאלע האט געזונגען א רוסיש לידל. דער יינגערער איז געשטאנען, ארויסגעשטעלט די ברוסט און געריבן, געמענטשעלט זיך פאר פאלען. דער עלטערער איז געלעגן מיטן פנים ארויף, צום הימל צו, און געהערט מעשה מבין.

שלמה האט זיך אנגערופן:

— דאס פריילן זינגט, דאכט זיך, צו טרוקן.

פאלעס ברודער גיט א קוק אויף שלמהן מיט די גרינלעך־וואסערדיקע אויגן, ציטערט מיטן שארפן נעזל און זיין מויל צעקרימט זיך אין א בייז שמייכעלע:

— אזא מבין זיינט איר דאס אויף געזאנג?

— אויף זינגען דארף מען ניט זיין קיין מבין, — ענטפערט

שלמה. — מען דאַרף הערן מיט די אויערן פון האַרץ!

— מיט די אויערן פון האַרץ! — חזרט דער עלטערער איבער שפּאָטיש. פּאַלע, קענטיק אַן אויפגערעגטע פון שלמהס באַמערקונגען, זאָגט דעם ברודער, אַז זי וויל שוין גיין. שלמה בעט מ׳זאָל אים אַנטשולדיקן. דער ברודער קוקט אַוועק אין אַ זייט און זאָגט קאַלט אַרויס:

— איר טרעט נישט באַלד יענעם אַן אויפן פוס און בעט נישט קיין אַנטשולדיקונג.

פּאַלע בייזערט זיך בלומרשט אויפן ברודער:

— יעדער איז דאָך פריי אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג!

זיי האָבן זיך געזעגנט. ליזאַ שמייכלט צופרידן. אַז זיי זיינען אַוועק האָט זי זיך אָנגערופן:

— זייער גוט, רעכט אויף זיי. זיי ווייזן נאָר שטענדיק אַרויס זייער געלערנטקייט!

ווי זיינען אַריין אין שטוב.

אין דער שטוב איז אַריינגעקומען ליזאַס מוטער. זי האָט געהאַלטן אַ קלאָר האַנטיכל און געווישט זיך די הענט.

— בעט זיצן! — האָט די פרוי צוגעשמייכלט מיט איר טונקל געפּאַלדעוועט פּנים און אירע אויגן האָבן ווייך צוגעבליאַסקעט. זי איז אַליין געשטאַנען און געווישט זיך אַן ריינעם האַנטיכל די שוין לאַנג טרוקענע הענט.

ליזאַ האָט אַרומגעקוקט, אַרומגעשמעקט די בלומען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש, און אַרומגעטאַפּט זיי מיט צאַרטע פינגער, גלייך־מאַכנדיק יעדעס בלעטעלע. אויף איר געזיכט האָט געלויכטן צופרידנקייט, און אַ שטיל מיידליש פאַרגעניגן האָט רויט געמאַכט די לעפּלעך פון אירע אויערן.

די מוטער האָט פאַרן אַוועקגיין זיך אַנטשולדיקט:

— וואָס זאָלן מיר טאָן? קיין גבירים זיינען מיר נישט, מען מוז אַליין טאָן אַליין.

און זי איז אַריין אין צווייטן שטיבל.

אַהיים איז שלמה געקומען פאַר זון־אונטערגאַנג. ער איז גע-

בליבן אויפן הויף און נישט אריינגעגאנגען צו זיך, און האט זיך געזעצט אויפן קלאץ לעבן דער סטאדאלע. פודעל, דער הונט, וואס איז געווען אנגעבונדן אויף א קייט באם טויער פון דער סטאדאלע, האט זיך געריסן צו אים, מיינענדיק, אז מ׳גייט אים שוין אפבינדן. א גאנצן טאג איז ער געווען אנגעבונדן אויף דער קייט, אלע פארנאכט האט מען אים אפגעבונדן און באנאכט איז ער שוין ארומגעלאפן פריי.

פודעל איז געשפרונגען און האט זיך כסדר געריסן פון דער קייט. ער האט ארויסגעלאזט עטלעכע הויכע פארצוויפלטע בילן, אויסלאזנדיק מיט געוויין און א סקאוויטש, ווי איינער זאגט: „פאר־וואס בינדסטו מיך נישט שוין אפ? ווייניק א גאנצן טאג געלעגן אנגעבונדן אויף דער קייט?"

די קו האט מען שוין צוריקגעבראכט פון פעלד, — איז זי געשטאנען אין מיטן הויף איבער א גרויסן שאף געשמאלצענע פאמאיעס מיט קארטאפלע־שאלעכץ, און ווען זי האט אויפגעהויבן דעם קאפ, האבן פון איר פיסק אראפגערונען שליים־שנורן. אזא שאף האט זי אלע פארנאכט אויסגעזופט, איידער זי איז געגאנגען אין שטאל אויף נאכט־לעגער. בא א צווייטן שאף זיינען געשטאנען צוויי חזירים און געבלעפטשעט א געשמאלצענע פאמאיע.

אויף די שטאפלען פון לייטער זיינען געפליגן הינער ארויף צו זייער בוידעם־געלעגער. א קליין אויסגעפליגט הינדל, וואס איז געשפרונגען פון איין שטאפל אויפן צווייטן, האט פון לעצטן שטאפל באדארפט געבן א שפרונג און א פלי ארויף ביז אין אפענעם בוידעם־טירל אריין, האט עס אבער נישט געקאנט און ס׳איז צוריק געפאלן אויף דער ערד מיט א געשריי. א פאר פארשפעטיקטע הינער זיינען נאך ארומגעגאנגען איבער די ווינקלען פון הויף און געזוכט קערנדלעך.

שלמהס ווירטן, די פויערטע, קומט דערוויילן אן דורך דער פורטקע פון גערטנדל מיט א פולן פארטוך אנגעשניטענע גראזן. זי גייט צו צו דער קו און טרייבט זי אין שטאל אריין: „אלאשא! אלאשא!"

די קרומע שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון בלאנקען אפ מיט גינגאלד אויף די שייבלעך פון הייזל. עס קומט ארויס דער ווירט, א הויכער גוי, מיט א ברוין הארט פנים און א ברודיקע טשופרינע. ער שטייט און ווייסט נישט וואס צו טאן מיט זיך. ער גייט צו דער סטאדאלע. פודעל הויבט אן קענן אים צו שפרינגען און רייסן זיך פון דער קייט. ער בינדט אים אפ.

דער הונט שפרינגט ארויף אויף אים און גיט אים א פאר מאל א לעק אין פנים אריין אוים דאנקבארקייט. און, ווי ער האט אים נאר אפגעלאזט, איז ער אין איין רגע אויסגעוועזן און אוים-געשמעקט אלעווינקלען פון הויף.

דער פויער שטעלט זיך אפ פאר שלמהן.

— כ׳וויל, — זאגט ער, — דיך עפעס פרעגן. נישט דאס, וואס איך דארף עם וויסן, נאר — גלאט אזוי!

— פרעג!

— אט דאס וויל איך פרעגן, פאניע. איך וויל, פאניע קאכאני, דיך פרעגן, פארוואס, א שטייגער, פארשטעלסטו דיר אלע נאכט דאס פענסטער?

שלמה שמייכלט.

— פארטאג שיינט אריין די זון, און אז ס׳איז צו ליכטיק אין שטוב קען מען נישט שלאפן!

— טא ווער הייסט דיר שלאפן ביז אין גרויסן טאג אריין? ליג דיך, ווען ס׳ווערט נאכט, און הויב דיך אויף, ווען ס׳ווערט טאג. די שטאטישע — צעלאכט ער זיך — גייען מיט די קעפ אראפ און מיט די פיס ארויף. אט וואס, פאניע!

און ער לאזט זיך געזונט-לאכנדיק צו דער שטאל.

שוין עטלעכע וואכן, ווי שלמה וווינט דא, און דאס אלץ, וואס ער זעט דא איצט, איז אים ניי. גאנצע טעג איז ער געזעסן איבער אלטע ספרים און אקולטישע ביכער. גאנצע נעכט איז ער אויפגעזעסן איף זיין געלעגער און געקוקט אין פארבארגענע וועלטן אריין.

היינט, דעם ערשטן אוונט, האט ער געלעבט און געאטעמט מיטן דארף.

אויף צומארגנס איז די מוטער שלמהן אנטקעגן געקומען: ליזא איז אין וואלד!

שלמה איז נישט געווען דרייסט באלד ארויסצוגיין. די מוטער שמייכלט, לאזט אראפ די אויגן פארשעמט, ווי א מיידל, און רופט זיך אן:

— איך האב אייך עפעס געוואלט פרעגן. איר האט עלטערן?

ס'האט זיך געזעען, אז דא גרייט זיך עפעס א האנדל, נאר אין קול האט געציטערט אזוי פיל מוטערלעכע ליבע, אז שלמה האט געהאט אפשיי און האט אויף אלץ געענטפערט ריכטיק.

די אלטע האט זיך פארטראכט און געקוקט ווייט. עפעס גרויסעס האט אפגעגלאנצט אין די אויגן פון דער מוטער, וואס האט געוועבט א חלום פון א צוקונפט פאר איר קינד.

שלמה איז אראפ פון דער וועראנדע. ער איז געגאנגען אין וואלד אריין. ער איז פלוצלינג געבליבן שטיין און זיך געפרעגט: צי מיין איך טאקע ערנסט מיט איר טאכטער?!

ער האט אבער נישט קיין צייט צו טראכטן. דער הימל איז ברייט און הויך, די היץ אין וואלד שמעקט, דאס בלוט אין די אדערן לויפט גיך...

ליזא איז האלב געלעגן אויף דער וואלדיקער ערד און געלייענט א ביכל. שלמה האט אנגעוויזן מיט דער האנט אויף דער ערד, די בוימער, די גרעזער. אלץ לעבט און רעדט און ס'איז אלע מאל אזוי ניי, אזוי אינטערעסאנט! וואס דארף זי די אלטע טויטע ביכער?

אויף דער וועראנדע, צו דער וואנט צו, איז געשטאנען א קאנאפע. די אלטע בעלקעס, האט זיך גערדאכט, וואקסן מיט מיט דעם גרינס, וואס נעמט ארום דאס גאנצע הייזל. אין איין זייט איז דאס הייזל געשטאנען אביסל אראפגעזעצט. די ברעטער און קלעצער זיינען געווען גראב און ווייך, אינווייניק, אין די שטובן, האט געשוועבט א רויקע קילקייט.

אין טונקעלען ווינקל פון דער וועראנדע, אויף דער קאנאפע, איז געווען שלמהס ארט. עטלעכע וואכן כסדר איז ער דא האלב-געלעגן, געזעען און נישט געזען וואס ארום אים קומט פאר. ער האט נאר געזען זיין ליזאן, געאטעמט מיט איר ליבע און געפונען רו לעבן איר. געדאנקען האבן נישט געקאנט צו אים דערגרייכן אהער. עפעס מוטערלעכעס האט געאטעמט פון דעם מיידל.

זי האט לאנג געקוקט אויף אים מיט דער גרויסער שטילקייט פון אירע אויגן, און איר הארץ האט גערעדט נאר איין ווארט: „שלמה"!

ווען די מוטער פלעגט ארויסקומען אויף דער וועראנדע, האט ליזא זיך נישט געהיט, נאר שלמהן האט דאס הארץ געקלאפט, ווי ביי א גנב. די מוטער פלעגט שטיין איבער זיי פארטראכט, פון איר

טונקל געפאלדעוועט פנים האט ארויסגעשטראלט מוטערלעכע ליב־שאפט און די אויגן האבן געקוקט אין דער ווייט.

איינמאל איז געקומען פאלע מיט איר ברודער. ער איז געזעסן, האט געטעגהט מיט ליזאן, און שלמהס רייד האט ער מבטל געווען מיט זיין קוים געזעענעם, כיטרע־שטילן שמייכל. ליזא האט דאס באמערקט. אויף להכעיס האט זי זיך צוגערוקט נעענטער צו שלמהן, געגלעט מיט דער האנט די האר פון זיין קאפ און קעציש־רויק גע-ענטפערט פאלעס ברודער.

פאלע ווידער האט געהאלטן א בוך אונטערן ארעם, איז געזעסן שטייף אנגעצויגן און האט געשוויגן. אין איין מאמענט פון דעם שמועס האט פאלעס ברודער פאטעטיש אויסגערופן צו שלמהן:

—אייערע אויגן זיינען פארנעפלט, איר שלאפט אין מיטן העלן טאג!

—צווייערליי שלאפן זיינען פאראן, — האט שלמה געענטפערט.

— ווען א גראבער נפש שלאפט, ליגט ער, ווי א קלאץ, ער איז טויט! א העכערער מענטש דרעמלט לייכט, הערט אלץ און פילט אלץ, וואס ארום אים קומט פאר, ער לעבט! אזוי דרעמלען אויך די פעלדער אלע פארנאכט אונטערן ליכטיקן אטעם פון הימל.

פאלע מאכט זיך נישט הערן, בלעטערט פראפעסאריש דאס בוך און פארציט די דינע יינגלשע ליפלעך.

— פאעטיש! — שמייכלט פאלעס ברודער גיפטיק און שטעלט זיך אויף. פאלע גיט א הארט־מענלעכן שטרעק אויס די האנט צו ליזאן און ווינטשט איר, זי זאל זיך גוט ווײלן...

זיי זיינען אוועק. ליזא איז געזעסן לעבן שלמהן, און ער האט באלד אן אלץ פארגעסן.

דאס לעמפל אויפן טיש באלייכט דאס שטיבל מיט די ווייס־געקאלכטע ווענט. דאס פענצטער איז אויפגעפראלט. אט פליט אריין א זומער־פויגעלע, זשומעט, קלאפט זיך אן אינעם ברענענדיקן גלעזל און ווערט ערגעץ צוריק פארפאלן אין דער נאכט.

שלמה איז געזעסן באם טישל און אלערליי געדאנקען האבן זיך געטוישט אין זיין מוח. ער איז אראפגעפאלן, ער זינדיקט!

— ואם מעט לך, והוסיף לך כהנה וכהנה — דערמאָנט ער זיך.

— דוד האָט נאָר געזינדיקט, ווייל ער האָט גענומען אַן אשת־איש און האָט געהרגעט אַ מענטש!

— ולעת זקנת שלמה, — דערמאָנט ער זיך ווידער אַ פסוק — נשיו הטו את לבבו וילך אחרי הבעלים.

— און אים, שלמהן, האָט איין מיידל באַוויזן אָפּצונייגן פון זיין גרויסן וועג.

— נאַרישקייטן, — באַרויקט ער זיך. — ער האָט זיך נאָר אַביסל פאַרשפּילט, מער גאָרנישט!

ער האָט פאַרלאָשן דאָס לעמפּל, זיך געלייגט און באַלד איינגעשלאָפן.

ווען שלמה האָט געעפנט די אויגן, האָט דאָס גאַנצע שטיבל געברענט מיט ליכטיקייטן. ער ליגט, געלייגט פון פאַרוואונדערונג, גיט אַ קוק דורכן פענצטער אין בלויען הימל אַריין און צעלאַכט זיך אויפן קול.

— ס'איז דאָך שוין גרויסער טאָג!

אויף די ווייס־געקאַלכטע ווענט שפּילן פּאַסן זון, און אין דער קרום לייכט אַ גאָלדענער זונען־שטויב. ער גיט אַ שפּרונג אַראָפּ פון בעטל.

ווען ער איז אַרויס האָט די זומער־ליכטיקייט מיט אַמאָל אויף אים געגעבן אַזאַ זעץ, אַז ער האָט געמוזט פאַרמאַכן די אויגן. די זון, אַ קליינע, איז שוין געשטאַנען הויך אינמיטן הימל. אַלץ אַרום איז געשטאַנען און נישט געאָטעמט אין דער היץ. דאָס שטיק תבואה איז געווען אומבאַוועגלעך מיט די פיל ווייס־האָריקע קעפּלעך און האָט געשמעקט מיט געבאַקן ברויט.

די פיר שטיין שוין אויסגעשפּאַנט און ליידיק. ווייזט אויס, דער ווירט איז שוין געקומען פון שטאָט. אין שאָטן פון דער סטאָדאָלע ליגט פּודעל, דער הונט, מיט שכור־רויטע אויגן, צעריסן די מאָרדע און אַרויסגעשטעקט אַ ציטערדיקע, דין־רויטע צונג. די הינער זיצן, יעדע באַזונדער, אין אויסגעגראָבענע גריבלעך,פאַרגלייצט די אויגעלעך און דרימלען, ווייזט אויס, זיי האָבן זיך שוין גענוג אָנגעלאָפן און אָנגעפרעסן היינטיקן פרימאָרגן.

שלמה שטייט לאַנג אויף איין אָרט און קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון דעם שטיק רויקן דאָרפישקייט און פון דער שטילער היץ ארום. ער גייט פּאַמעלעך. די היץ שמעקט. דאָס פעלד איז ברייט און גרייך. ער וואַרפט זיך אַנידער אויפן גראָז.

ער ליגט אַזוי לאַנג, און פאַר זיינע אויגן גיסן אַראָפּ שטילע שטראָמען ליכטיקייט. ער שטעלט זיך אויף און גייט ווי א שכור. אָט איז ער שוין אין געסל, וואָס שניידט איבער און צעטיילט דעם וואַלד.

צווישן די הויכע שלאַנקע נאָדל־ביימער זעען זיך פּאַרביקע הייזלעך מיט אָפּענע פענצטער און וועראַנדעס. אין לאַנגן שמאָלן געסל זעט מען קיין מענטש נישט. דער ווייס־זאַמדיקער וועג ברענט אויף דער זון, אַלץ איז ווי אָפּגעשטאָרבן. עס קרייט בלויז אַרויס פון ערגעץ ווו א הענדל.

אָנגעהאָנגען צוויי קויבערס, איינעם פאָרנט, איינעם פון הינטן, גייט א יידל, אויפברענגענדיק א שטויב מיט זיינע ווייסע שטיוול.

א פּאָמעראַנעץ, א שאָקאָלאַדע, א גוט קיכל!

ביידע קויבערס זיינען צוזאַמענגעבונדן מיט א שטריקל, דאָס שטייפע שטריקל דריקט אַראָפּ דעם יידל איין אַקסל און בלאָזט אָן מיט אָדערן דעם האַלז. ער שטעלט זיך אָפּ, אַראָפּנעמענדיק ביידע קויבערס אויף דער ערד. עס זעט זיך א ברוין־פאַרברענט פּנים און האַרטע, אויסגעבליאַקירטע האָר פון שיטערן בערדל.

— א גוט פעקל שאָקאָלאַד! — בעט ער זיך מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. ער גלייבט זיך אויס און גיט זיך א וויש מיטן אַרבל דעם שווערן שווייס פון פּנים.

דאָס יידל גייט ווייטער און די צוויי קויבערס דריקן אים אַראָפּ דעם איינעם אַקסל. שלמה קוקט אים נאָך מיט באַדויער. אָבער דער טאָג איז צו גרויס און ליכטיק, ער זאָל לאַנג וועגן דעם קלערן.

ווען שלמה איז געקומען צו ראָזענס ווילע, האָט שוין די זון אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן צו מערב צו.

ליזאַ איז אים דאָס מאָל געקומען אַנטקעגן מיט עפּעס א געצוואונגען שמייכעלע און האָט קרומלעך פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ.

איר מוטער איז היינט געשטאַנען אויף דער וועראַנדע לענגער

ווי אַלע מאָל און געקוקט אויף שלמהן מיט מאָדנע טרויעריק־פאַרטראַכטע אויגן.

אין אָוונט פון יענעם טאָג האָט שלמה אַהיימקומענדיק זיך גלייך געוואָרפן אויפן בעטל, מיד און געפּייניקט פון צעריצטע געדאַנקען. פאַר זיינע אויגן שטייט ליזאַס בלייך געזיכט מיטן געגויסן שמייכעלע, מיט דער קרומלעך־פאַרביסענער אונטערשטער ליפּ, און איר מוטערס גלאַנציקע, טרויעריק־פאַרטראַכטע אויגן.

— צו וואָס האָט ער עס באַדאַרפט, דורך אים זאָל ליידן אַ מענטש? ער האָט דאָך זי נישט אָנגעהויבן ליב צו האָבן! ער האָט דאָך דאַמאָלסט, אויף דער סטאַנציע, נאָר ליב־געקראָגן איר פרויען־קערפּער!

ער איז איינגעשלאָפן. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער געזען אַרום זיך אַ געדיכטע פינצטערניש און געהערט אַ טיפע שטילקייט.

—ווו איז ער?

ער טאַפּט אָן מיט דער האַנט דאָס טישל, צינדט אָן דאָס לעמפּל. ער דערמאָנט זיך אָן אַלץ, און עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס אַלץ, מיט ליזאַן, איז פאָרגעקומען שוין זייער לאַנג. ער עפנט דאָס פענסטער.

אַ ליכטיקע נאַכט, אַ וואַרעמע. די ליכטיקייט פון לעמפּל זעט אים אויס עפּעס פרעמד. ער גייט אַרויס.

דאָס הייזל שטייט, פאַרטוליעט אין פינצטערניש, נאָר דאָס איינע פענצטער איז אָפן, היימלעך און ליכטיק אין דער נאַכט אַריין. ער זעצט זיך אויף דער באַנק, וואָס לעבן הייזל.

די לבנה שווימט רויק אין ברייטע, גרוילעך־טונקעלע הימלען. מאָדנע איז די נאַכט מיט איר שטילער ליכטיקייט און באַהאַלטענע קולות.

דאָס שטיק תבואה שטייט אומבאַוועגלעך, נאָר עפּעס אַ זילבער־דינער צסיק־צסאַק קלינגלט פון דאָרט אַרויס. פון וואַיטע, האַלב־טונקעלע פעלדער גרעגערט אַ קרעפּטיק ברילן פון אַלערליי משונהדיקע קולות. דאָס שרייען זיך איבער באַהאַלטענע פינצטערע וואַסערן אין דער ברייטער נאַכט אַריין.

אַ הונט, איינזאַם, און פון גאָר ווייט, בילט פאַרעקשנט, אָן

אויפהער. עס כאַפּן זיך אויף, פון דאָ, פון דאָרט, נאָך הינט. אַ גאַנצע סטאַיע הינט בילן און רייסן זיך. און עטלעכע וואָיען צו זיי, בילן צו עפּעס אַזוינס אין דער נאַכט, וואָס נאָר הינט זעען עס.

שלמה פּאַלט אַראָפּ אויף די קני: גאָט, דו ביסט גרויס אין אָפּענעם טאָג! דו ביסט נאָך גרעסער אין באַהאַלטענע פינצטערע נעכט!

ווען שלמה עפנט אויף צומאָרגנס די אויגן, איז זיין קליין שטיבל פאַרגאָסן מיט ליכטיקייט. ער פילט זיך עפּעס נישט גוט, ווי דער קאָפּ וואָלט אים ווײ געטאָן, נאָר ער גייט אַראָפּ פון בעטל און הויבט זיך אָן אָנטאָן.

ווען ער איז אַרויס אויפן הויף, איז דער ווירט, דער פּויער, געגאַנגען פון דער סטאָדאָלע, טראָגנדיק אין דער אָפּענער האַנט עטלעכע אייער, גלייך גענומען פון די הינער. ער איז שוין געקומען צוריק פון דער שטאָט. ער האָט צו שלמהן גוטמוטיק געשמייכלט און איז אַריין אין שטוב.

לעבן דער סטאָדאָלע זיינען עטלעכע הינער געשטאַנען און געפּויקט מיט די שנאָבלען אין בלעכענעם בעקן אַריין. ווייזט אויס, ס'איז געווען דאָרט פאַר זיי אָנגעשיט זאָמען. פּודעל, דער הונט, איז געווען אָפּגעלאָזט פון דער קייט, איז ער אַרומגעגאַנגען בא די זייטן הויף און געזוכט עפּעס מיט דער מאָרדע אויף דער ערד. ווען ער איז געקומען נאָענט צו די הינער, איז ער געבליבן שטיין און געקוקט אויף זיי, ווי זיי עסן גיך און געשמאַק.

די הינער זיינען מיט מורא אַוועקגעפלויגן. דער הונט האָט אַריינגעשטעקט די מאָרדע אין בעקן אַריין, געזוכט, געזוכט און אַוועקגעגאַנגען.

די הינער זיינען צוריק צו צום בעקן און ווידער אָנגעהויבן פּויקן מיט די שנאָבלען. פּודעל איז געבליבן שטיין, געקוקט צו זיי, און אָנגעהויבן צוצוגיין אַלץ נעענטער. די הינער זיינען ווידער אַוועקגעשפּרונגען, דער הונט האָט ווידער אַריינגעשטעקט די מאָרדע אין בעקן, געזוכט, געזוכט, ביז ער האָט פּלוצלינג געטאָן אַ ווילדן שפּרינג אָפּ אין דער ברייט און אַרויסגעלאָזט עטלעכע הוילע בילן אין דער לופט אַריין:

— איר באַשעפענישן מיט פעדערן, כ'וויים בשום אופן נישט, וואָס איר עסט דאָרט!

שלמה האָט אָנגעהויבן גיין מיטן פעלד, דעם זעלבן וועג, ווי אַלע טאָג, נאָר אָפּגייענדיק אַ פּאָר צענדליק טריט, איז ער געבליבן שטיין. גיין, ער וועט היינט נישט גיין אהין.

אויף דער סטאַציע איז קיינער נישט געווען. אַביסל ווייטער אויף דער ליניע האָבן עטלעכע אַרבעטער געשטופּט איין וואַגאָן צום צווייטן. די וואַגאָנען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. ס'האָט זיך געהערט אַ שווער געקלאַפּערײ און אַ געקלינגערײ פון אייזן.

שלמה האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק.

— ווי ליבטיק, — האָט ער געזאָגט צו זיך. — די צייט האָט זיך אָוועקגעשטעלט און ס'וועט שוין קיינמאָל נישט ווערן אַנדערש! ער איז איינער אַליין, לײַדיק, פריי, ווי די ליבטיקייט און די היץ, וואָס די זון צעגיסט איבערן גרויסן, ליבטיק-פּוסטן הימל!

פון דער סטאַציע-געבײַדע קומט אַרויס לייבקע. ער שטעלט זיך שטייף, ווי דער נאַטשאַלניק, און שרייט צו די אַרבעטער, וואָס שטייען באַם וואַגאָן זאַרגלאָז און רעדן צווישן זיך.

— ווילט עץ אַרבעטן, אַרבעטס! ווען נישט קריג איך אַנדערע אויף אייער אָרט!

ער רעדט עס אַרויס מיט אַ ווייך מויל, אָן צאָרן, און דאָס שוואַרצע פאַרפּלאָנטערטע בערדל טאַנצט אונטער. די אַרבייטער הילכן אַרויס מיט אַ געלעכטער, און איינער רופט זיך אָן:

— נאַטשאַלניק, אַ שווערע אַרבעט, מען מוז אַביסל אָפּרוען!

לייבקע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שמייכלט נאַכגיביק. די אַרבעטער קומען צו נעענטער. איינער רופט זיך אָן, ער וואָלט געווען אַ פיינער נאַטשאַלניק, אמת?

אַ צווייטער זאָגט: אַז דער נאַטשאַלניק וועט שטאַרבן, ווערט לייבקע גלייך נאַטשאַלניק!

לייבקע ענטפערט: דער נאַטשאַלניק וועט ווערן אַ גענעראַל, וועל איך ווערן נאַטשאַלניק.

די אַרבייטער לאַכן און שאָקלען צווישן זיך מיט די קעפּ: אַ גוטער איז ער, לייבקע, וויל נישט דער נאַטשאַלניק זאָל שטאַרבן!

לייבקע שטעלט זיך שטייף און רעדט באַפעלעריש: פּירטס אַראָפּ די וואַגאָנעס פון דער ליניע!

ווידער אַ געלעבטער צווישן חברה. איינער רופט זיך אָן:

— ליבקע, דיין מאַמע גייט!

— אוי-אוי! — קאָרטשעט זיך ליבקע איין און לויפט אַוועק הינטער די וואַגאָנען באַהאַלטן זיך. די אַרבעטער גייען צו די וואַגאָנען, שטייען דאָרט אַרום ליבקען און טשעפּען זיך מיט איר. איינער כאַפּט איר אָן באַם בערדל. ליבקע מאַכט אַ גוואַלד, רייסט זיך פון זיי אַרויס און לויפט צו דער סטאַציע-געביידע, שעלטנדיק און אויסשטעלנדיק די פויסטן.

די אַרבייטער שטופּן ביידע וואַגאָנען אַוועק אויף אַ צווייטער ליניע. שלמה שטעלט זיך אויף און גייט איבער דער סטאַציע.

— אין אַזאַ גרויסן זומער-טאָג דאַרף מען זיין אַליין, נישט צוגעבונדן צו קיין שום פּרוי און צו קיין שום זאַך!

ס'הערט זיך פון דער וויטנס אַ ריטמיש געקלאַפּעריי. אַ באַן קומט אָן.

ס'איז דאָך גאָר נישט די צייט פון באַן-אָנקומען. ס'מוז זיין אַ משא-צוג.

ס'זעט זיך שוין דער שוואַרצער קערפּער פון לאָקאָמאָטיוו און ס'הילכט אַרויס אַ ברייטער דעמפּיקער, לאַנג-צעצויגענער פייף. דער נאַטשאַלניק גייט אַרויס פון דער סטאַציע-געביידע און האַלט אין אייזערן וואַלעקל, אַ צייכן פאַרן מאַשיניסט פונעם משא-צוג. ער שטעלט זיך מיט דער גאַנצער גרייטקייט לעבן די שינעס. די באַן קומט אָן. דער מאַשיניסט שטעקט אַרויס פון לאָקאָמאָטיוו אַ האַנט און כאַפּט דאָס וואַלעקל פון נאַטשאַלניקס האַנט אַרויס. דער צוג איז זייער אַ לאַנגער. די וואַגאָנען גייען אַדורך, שווער-קלאַפּנדיק, אַזש די שינעס בויגן זיך אַראָפּ, פּישטשענדיק און קרעכצענדיק. די וואַגאָנען ציען פאַרביי, און ס'ווערט ווידער ליידיק אויף דער סטאַציע. דעם צוג זעט מען שוין אינגאַנצן נישט, נאָר דער ווינט ברענגט נאָך צו, פון צייט צו צייט, דאָס ריטמיש-שווערע געקלאַפּעריי.

שלמה גייט הין און צוריק, שאַרכנדיק מיט די טריט אויפן דראַבנעם אַנגעשיטן שטיין — וווהין זאָל ער גיין? וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט נישט וווּ צו גיין, ער האָט נישט וואָס צו טאָן. ליידיק, הפקר, הוים! ס'איז גוט אַזוי!

די זון גייט אַלץ מער אַראָפּ צו מערב צו און די היץ האָט

אָנגעהויבן אָטעמען מיט פאַרנאַכט־ווינט. פון דאָ און דאָרט ציען זיך שוין פּאָרלעך צו דער סטאַציע. א זומער־אָוונט קומט אָן פון די פעלדער. אויפן סטאַציע־זייגער איז האַלב אַכט. באַלד קומט אָן דער שפּאַציר־צוג פון וואַרשע. אָט גייט אַ יונג פּאָרל, כמעט נאָך קינדער. ער, אַ שילער, מיט שמאָל־געפּאַסטע הייזלעך. אַ היטל מיט אַ מעשל, אַ שמאָל פּנימל און שפּיציקע פּייער־אייגעלעך. זי — אין די זעלבע יאָרן, אַ שלאַנק פרויען־קערפּערל, וואָס וואַקסט אויפן אויג; אַ בלייך פּנימל מיט ווייכע חן־גריבעלעך און יונגע גרינלעכע אויגן, וואָס ברענען שוין מיט תאוה.

אויף דער סטאַציע ווערט לעבעדיק. ס'שפּאַצירן געאָרעמטע פּאָרלעך. מיט די שינעס, עס שפּאַרן זיך אַרויף וואָלקנדלעך, וואָס לייכטן אויף דער רויט־פאַרגייענדיקער זון. דער צוג פון וואַרשע קומט אָן. לייבקע קאָמאַנדעוועט, טרייבט אָפּ די שפּאַצירנדע פון די שינעס. דער נאַטשאַלניק, מיט די מעשענע קנעפּ, אין רויטן היטל, קומט אַרויס. לייבקע קוקט אים אין די אויגן אַריין, צי ער איז פון אים צופרידן, נאָר דער נאַטשאַלניק איז איצט שטייף און ערנסט.

ס'הילכט אויס אַ פייף, און דער צוג בלייבט שטיין מיט אַן אייזערנעם גערויש, שווער סאַפּענדיק. לייבקע גיט איין קלינג, ס'ווערט אַ שטופּעניש. פון די וואַגאָנען גייען אַראָפּ אויף דער סטאַציע פּריש־אָנגעקומענע. לייבקע גיט צוויי, באַלד דערנאָך דריי קלינג, און דער צוג רירט זיך ווייטער. די וואַגאָנען מיט די זון־רויטע פּנימער אין די אָפענע פענצטערלעך, ציען פאַרביי. דער צוג שלענגלט זיך אַוועק אין דער ווייט. די פּריש־אָנגעקומענע גייען אַוועק, און אויף דער סטאַציע ווערט שיטערער.

אַרום לייבקען שטייט אַ חברה. איינער רופט זיך אָן:

— לייבקע, ס'איז אמת? מ'זאָגט דו עסט חזיר!

— דו זאָלסט אַזוי לעבן! איך בין אַ ייד! זעסט? — און ער שלעפּט פון די הויזן די ציצית.

— אַלע אינדערפרי זאָגט ער דאָך מיט דער מאַמען ברכה!

— אַ ווויל יינגעלע!

— לייבקע, טאַנץ!

אַ מיידל גלעט אים איבערן אַרבל:

— טאַנץ, לייבקע, טאַנץ, וועסטו זיין מיין חתן!

ליבקע לאָזט אַראָפּ די אויגן פאַרשעמט און שמייכלט צופרידן.

— נו, טאַנץ זשע!

ליבקע נעמט ביידע הענט אויף די באָקעס, טאַנצט, שמייכלט פון גרויס נחת און קוקט שיקלדיק־קינדיש אויפן מיידל.

— ליבקע, דיין מאַמע גייט!

— אוי־אוי! — קאַרטשעט זיך ליבקע איין און לויפט אוועק. ס'יאָגט אים נאָך אַ געלעכטער.

שלמה ווערט מיד שפּאַצירנדיק און ער זעצט זיך צוריק אויף אַ באַנק. ער זעט, ווי מיטן יונגן מיידעלע שפּאַצירט שוין איצט אַ גאַנצע גרופּע יונגע שילער אין געפּאַסטע הייזלעך. און נישט אומזיסט — איר יונגע קערפּערל איז פול פרויען־דרייץ! שטאַרק איז איר כשוף, ווייל ס'איז נאָך דאָ אַזוי פיל קינדישעס אין איר.

די סטאַציע איז שוין אין גאַנצן ליידיק. די זון גייט אַלץ נידעריקער. זי איז שון צוויי מאָל אַזוי גרויס, און, אַ לויטער־גאָלדענע, קוקט זי שטיל אויף דער סטאַציע.

די גרופּע שילער מיטן יונגן מיידעלע גייען ווייט אוועק, און אַז זיי קערן זיך ניט אום צוריק אויף דער סטאַציע, הויבט זיך שלמה אויף און לאָזט זיך נאָך זיי.

— נאָך וואָס גייט ער נאָך? — פרעגט ער זיך פּלוצלינג. — גלאַט אַזוי... ער האָט ליב צו קוקן אויף אָט דעם יונגן קערפּערל!

ווידער האָט דאָס לעמפּל העל געברענט. דאָס פענצטער איז געווען אויפגעפּראַלט אין דער שטילער נאַכט אריין. שלמה איז ביז האַלבער נאַכט געזעסן באַם טישל, דעם קאָפּ צווישן ביידע פויסטן און צוריקגעקוקט צו די עטלעכע וואָכן, וו ער איז געזעסן דאָרט אויף דער קאַנאַפּע, לעבן ליזאַן, געבונדן אין תאווה־שכרות. די זעלבע תאווה האָט אים געיאָגט ווייטער, ביז ער איז נאָכגעגאַנגען נאָכן קליינעם מיידעלע היינטיקן אָוונט. אָט צו דעם פּירט עס!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און ווי צו עמיצן הויך אַרויס־גערעדט:

— נענונג, איך גיי צוריק!

נאָר שפּעטער, ווען ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן און זיין ווילן איז פון אים אוועק, איז ער אַראָפּ אין קעניגרייך פון טיווול. פרויען

אין די נידעריקסטע, ווילדע אויסגעלאסנסטע פאזעס, האבן געראַיעט ארום אים. ער האט זיך נאכגעיאגט זייערע נארישקייטן, אנטייל גענומען אין זייערע שפילערייען, ביז ער האט זיך באהאפטן מיט איינער פון זיי, און איבערגעלאזט א טייל פון זיין מענטשלעכן „איך" אין די הענט פון די קליפות.

ווען דער פרימארגן איז איבער אים געשטאנען, א פרישער, א גאלדענער, האט ער געעפנט די אויגן. ער האט זיך דערפילט שוואך און אפגענארט. ער האט זיך געשטארקט, אויפגעזעצט זיך, ווי עמיצן געוויזן א פויסט און אויסגעשריען:

„ווארט! מיר וועלן נאך זען!"

(„ווארשעווער שריפטן", 1927)

אליבע

(דערציילונג)

שוין דעם דריטן טאָג זעט מען טוביה'לען שטיין מיט דער פּליי־צע צו דער וואַנט און זיין פויגל־פּנים מיטן אַרויסגעשטאַרטן בערדל הערט אַרויף צו די פענסטער פון ערשטן שטאָק — דאָרט ליגט קראַנק דעם נגידס טעכטערל.

אַלע שטובן פון דעם הויף האָט טוביה'לע באַזאָרגט מיט וואַסער מיט צעהאַקט האָלץ און מיט אַנדערע שווערע אַרבעטן. ביים נגיד אין דער קיך איז ער געווען אַ שטענדיקער.

ער דערמאָנט זיך. זיינע אויגן ווערן איבערגעגאָסן מיט אַ בליאַסק און זיין האַרץ אָטעמט צו די פענסטער אַ געבעט — לאה'לע! —

ווי לאַנג איז דען, ווי ער פלעגט זי אָפּפירן אין דער שקאָלע אַריין. ער פלעגט טראָגן אירע ביכלעך און, מיט אַ נאַריש פאַרגעניגן־שמייכע־לע, פלעגט ער כסדר קוקן אויף דעם הויכן מיידעלע מיטן געדיכטן קאָפּ בלאָנד־זיידענע האָר און מיט די גרויסע בלויע ליכטיקע אויגן.

מיטאַמאָל האָט זי געגעבן אַ וואַקס אויף. ער האָט געקוקט און נישט פאַרשטאַנען דאָס וואונדער. ער האָט דערזען אַ גלוסטיק פרויען־קערפּערל. מער האָט ער זי שוין נישט געפירט אין שקאָלע אַריין.

איינמאָל האָט ער פון דער שטוב דערהערט לאה'לעס קלינגענדיק קולעכל — טוביה'לע, טוביה'לע קום נאָר!

ער איז אַריינגעגאַנגען. לאה'לע איז געשטאַנען האַלב־נאַקעט.

— קום נאָר, העקל מיר צו ביי דער פּלייצע!

ער האָט געזען די נאַקעט־ווייסע הענט, די קיילעכדיקייט און שלאַנקייט פון איר פרויען־קערפּער, און זיינע געדאַנקען זיינען געוואָרן צעטומלט. ער האָט צו איר געקוקט מיט האַלב־פאַרגלייזטע אויגן, און דאָס פּנים איז געווען נאַריש, פאַרגליווערט אין אַ שטום געבעט. ער

איז אנידערגעפאַלן, היים געקושט די פּאַדלאָגע, ווי זי איז געשטאַנען, און געאָטעמט — לאה׳לע, לאה׳לע, לאה׳לע.

זי איז אָפּגעשפּרונגען אין שרעק און ווּנדער — טוביה׳לע, אַרויס פון דאַנען!

ער איז צוריקגעגאַנגען אין דער קיך אַריין.

* * *

מ׳גייט שטיל און מ׳רעדט אויפן אויער. דאָקטוירים קומען, פאַר־שרייבן און גייען אַוועק. זייערע ערנסטע פּנימער זאָגן — ס׳האַלט שלעכט!

די נאַכט, ווען לאה׳לע איז פּלוצלונג אַוועקגעפאַלן, און די מענשן פון שטוב האָבן געמאַכט אַ געוואַלט, איז טוביה׳לע אַרויסגעלאָפן פון דער קיך. ער איז אַראָפּ אויפן הויף און געשטעלט זיך ביי דער קעגנ־איבערדיקער וואַנט אַרויפקוקן צו די פענסטער.

ווייבער גייען צו אים צו, בעטן זיך, ער זאָל זיי גיין עפּעס טון, זאָגן צו צו געבן טייערע מאכלים, נאָר ס׳העלפט גאָרנישט. ווי ער וואָלט אינגאַנצן נישט געהערט. זיין פּנים קוקט כסדר אַרויף צו די פענסטער. אַזוי שטייט ער שוין דאָ דריי טעג און נעכט.

די זון צעשפּיגלט אויף די שויבן מיט פאַרנאַכטיקן גאָלד. ס׳הויבט אָן ווערן טונקעלער. אויף טוביה׳לעס פּנים באַווייזט זיך אַ שמייכל און ער שרייט מיט פרייד אויס:

— לאה׳לע!

ווי ער וואָלט זי פּלוצלונג דערזען ביים פענסטער. און אָט דער־הערט זיך אַ געוואַלט, און אַ קוויטש האָט דורכגעשניטן די פאַרנאַכט־שטילקייט און דערגרייכט צו עק־וועלט.

אַ ייד איז פאַרבייגעלאָפן, און עמיצער פון אַן אָפן פענסטער האָט געפרעגט:

— שוין?

— געענדיקט!

— ברוך דיין אמת!

* * *

אויפן הויף און אויף דער גאַס זאַמלט זיך אַ גרויסער עולם. די

זון שטייט איבערן שטעטל. דווקא איז היינט דער טאָג אַ גאָלדענער, אַ שטילער.

יעקל דער בית־הקברות־ייד איז לעבעדיק. ער האָט היינט אַ גוטן „קונה".

יעקל, אַ געזונטער ייד, מיט אַ געל בערדל און ווייס־גרויסע ציין, און זיין שוואַרצער קאַסטען־וואָגן, און דאָס ריזיק־הויכע פערד, מיט די דיקע האָריק־באַוואַקסענע פיס וועקט אַ שרעק.

ווען די עגלה קומט אַריין אין גאַס, פאַרקלאַפּט מען די געוועלבער. דאָס ריזיק־הויכע פערד גייט גיך, און דער שוואַרצער וואָגן שאָקלט זיך נאָך. דער גביר גייט ביי דער סאַמער עגלה. די גבירטע האַלטן צוויי יידענעס אונטער די הענט. זי מאַכט שוין נישט קיין געוואַלטן, קיין געשרייען. זי איז שוין שטיל.

דאָס גאַנצע שטעטל גייט נאָך, שוואַרץ מיט מענטשן. קיינער רעדט נישט. ווען אַ מענטש גייט אַדורך אַ לעבן אויף דער ערד, דערציילט מען נאָך מעשיות, שבחים, נאָר דאָ — דאָס אומגליק איז צו גרויס, שווייגט מען. און אין דער שטילקייט הערט מען דאָס גיין פון פיל פיס. און אַ מורא נעמט אָן, — אַזוי גייט דער טויט.

די הייזער ענדיקן זיך. מ'גייט איבערן פעלד. פון ווייטנס זעט מען שוין דעם פּאַרקאַן און די גרויסע טונקעלע ביימער פון „גוטן אָרט".

מ'עפנט דאָס טויער און די עגלה פאָרט אַריין אין די שטילע טויטע שטאָט. די עגלה שטעלט זיך. מ'רוקט אַרויס דעם לאַנגן קאַסטן און מען טראָגט אַריין אין דעם הייזל, וואָס ביים טויער. טוביה'לע וויל אַריינגיין, נאָר אַ ייד שטופּט אים אָפּ. עטליכע ווילן לאַכן, נאָר קוקן זיך אום און שווייגן. ס'איז שווער צו לאַכן אין היכל פון טויט!

מ'טראָגט אַרויס פון הייזל דעם לאַנגן קאַסטן און מ'גייט אַוועק צווישן די ביימער. די מוטער גיט אַ הייזעריקן געשריי אַרויס און קלאַפּט זיך מיט די הענט אין קאָפּ. אַזוי שרייט נאָך און וואַרפט זיך אויף דער ברייטער ערד אַ געשחטענע גאַנדז.

דעם גאַנג הערט מען דאָ נישט. מען טרעט אין די געדיכטע גראָזן, צווישן די קברים, און אַמאָל זינקט מען מיט אַ פוס אין אַ ווייכן קבר, נאָר מען כאַפּט אים באַלד מיט שרעק אַרויס.

מ'איז צוגעקומען צום אָרט, און מ'האָט אַראָפּגעשטעלט די מטה.

א ייד האט שוין געעפנט די ערד. ער איז געשטאַנען אין טיפן גרוב און אַרויסגעוואָרפן שפּאַדלעס געל זאמד.

דער עולם האט זיך צעשפּרייט איבערן בית־החיים, לייענענדיק פון די מצבות נעמען, וואָס זיינען אמאָל געווען מענטשן. אין צוויי דריי ווערטער דערמאָנט מען דאָס לעבן פון מענטש, און מ'וואַרפט צו אַ גוט וואָרט — אַ תקון פאַר דער נשמה, און אַ זיפץ צו אויפן גאַנצן נאַרישן לעבן.

ס'איז שוין געווען זון־אונטערגאַנג. אויף די שפּיץ בוימער האָט נאָך געגרוט די שטילע גאָלד־ליכטיקייט. טוביה'לע איז געשטאַנען איינגעקורטשעט, צוגעקוועטשט צו אַ בוים, און זיינע אויגן האָבן געבליצט אהין, צום אָפענעם קבר. דער קברן האָט זיך געפּאָרעט אין טיפן גרוב, אַריינגעפּאַסט די ברעטער און אויסגעבעט דאָס געלעגער.

וואָס אַ מינוט איז געוואָרן טונקעלער. אויפן עק הימל האָט זיך באַוויזן די לבנה — אַ ברייט מעש־געל פּנים. און וויפל בית־החיים'ס, און וויפל אָפענע קברים און מטות מיט טויטע זעט דאָס פּרצוף אין דער רגע!

מ'לאָזט אַראָפּ דאָס ווייסע זעקל ביינער, און אַ לעצטער קוויטש פון דער מוטער הילכט אָפּ אין די טונקעלע הימלען. דער קברן פּאָרעט זיך נאָך דאָרט אינווייניק, באַלד שפּרינגט ער אַרויס און מ'הויבט אָן גיך פאַרשיטן דאָס גרוב. דער טאַטע זאָגט קדיש, שלינגט די טרערן און שטיקט זיך. די מאַמע וויל נישט אַוועקגיין. די ווייבער רייסן זי אָפּ.

* * *

פינסטער און שטיל. טוביה'לע לויפט צו צום פרישן בערגל. ער שאַרט אַוועק די ווייכע ערד, גראָבט און וואַרפט אַרויס. ער אַרבעט גיך און מיט אַ ווילדן כח, ברעכט די ברעטער, און אָט שלעפּט ער אַרויף דאָס ווייסע זעקל. אַ ריס פון לייוונט און דאָס גאַנצע בית־החיים האָט געגעבן אַ ציטער.

— לאה'לע! — גיט ער אַ געשריי אַרויס.

זי ליגט אַ נאַקעטע, פאַר דער בלוויליכער נאַכט־ליכטיקייט. ער קריכט אויף אַלע פיר אַרום איר קערפּער, אָטעמט הויך און קושט די ערד דערנעבן.

עס גייען אויף פון די קברים געשטאַלטן. זיי באָרגן ביי דער נאַכט אירע קולות:

— געשטערט די רו! צעבראָכן די אייביקייט.

— ווער איז דער! ווער איז דער!

געשטאַלטן שוועבן אין אַ צאַל, אַזש די נאַכט ווערט ליכטיק. עס וואַרפֿן זיך די ביימער. עס רוישן די בלעטער:

— זונדיקער, וואָס האָסטו געטון!

— מיר אַלע וואַרטן אויף דיר!

טוביה'לע קוקט זיך אום — ליכטיק. שטיל.

ער זעט דאָס גאַנצע גוטע אָרט, מיט אַלע שטיינערנע ווייסע מצבות, גרויסע און קליינע. ער זיצט איינגעקורטשעט — כ'האָב מורא! כ'האָב מורא!

ער דערזעט דעם נאַקעט-מיידלשן קערפּער, וואָס פֿלעגט צעטומלען זיינע געדאַנקען און אויפֿקאָכן זיין בלוט. ער גלעט מיט אַ ציטערדיקער האַנט איבערן קאַלטן לייב, רופֿט לאַנג — לאה'לע! לאה'לע! — און קושט דאָס טויטע פּנימל.

ער לאַכט ווילד.

— איצט וועסטו שוין נישט אַוועקגיין פֿון מיר! איצט וועסטו שוין נישט אַוועקגיין פֿון מיר!

און זיין געלעכטער שרעקט דאָס טויטע אָרט.

* * *

אַ ליכטיקייט אין עק הימל האָט אָנגעהויבן פֿאַריאָגן די נאַכט, און אָט איז אַרויפֿגעקומען אַ גרויסע גאָלדענע זון.

טוביה'לע זעט דאָס אַלץ נישט. ער ליגט זיך צו, נאָר קורטשעט זיך צוריק און רירט נישט און ברומט, פֿישטשעט און ווי אַ קוואַל שלאָגט אָן אויפֿהער זיין האַרץ — לאה'לע! לאה'לע!

דער קברן פֿירט פֿאַשען דאָס פֿערד נעבן פּאַרקן. דאָרט איז הויך גראָז און ס'איז נישטאָ קיין קברים. ער שטייט, קוקט צום פֿרישן קבר. ער נעמט אייליק אַריבערקריכן דעם פּאַרקן.

עס דערנענטערט זיך אַ גערויש און אַ געדעריי.

טוביה'לע זעט, ווי עס לויפֿן אַ סך יידן. ער שפּרינגט אויף און

באַפּט דעם טויטן קערפּער — מיין לאה'לע! מיין לאה'לע!

ער לויפט צו א בוים, נעמט אָן מיט דער האַנט א צווייג און ברעכט אָפּ מיט א ווילדן כח.

דער עולם איז געבליבן שטיין. טוביה'לע האַלט מיט איין האַנט דעם נאַקעטן מת אין דער העלפט, אין דער צווייטער האַנט — א גראָב שטיק צווייג. ער שטייט אַנגעבויגן, ווי א חיה פאַרן שפּרונג און בליצט מיט די אויגן — הרגענען! הרגענען!

עמיצער פון עולם רעדט:

— טוביה'לע מ'טאָר נישט! לאה'לע אין הימל שעמט זיך, עס טוט איר וויי! דו האָסט דאָך לאה'לען ליב געהאַט!

טוביה'לע וויינט...

— ניין, ניין!

ער לייגט אַראָפּ דעם מת אויף דער ערד און לויפט אַוועק.

* * *

אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן דערציילן מיט שרעק, אַז פון דער שול הערט מען וויינען. האָט מען אויסגעמיטן צו גיין דאָרט. די שול איז א גאַנצע וואָך פאַרמאַכט. ווער וועט אהין אריינגיין, אַז פּונקט האַלבע נאַכט קומען די טויטע דאַווענען. און נישט איינמאָל האָט מען שוין געזעען דורך די לאַנגע נאַכט-שפּיגלדיקע שויבן קיטלען מיט טליתים, און מ'האָט געהערט דייטליך אויפרופן צום ספר.

* * *

שבת אין דער פרי, ווען דער משמש איז אַרויפגעגאַנגען עפענען די ווייבער־שול, האָט ער דערזען טוביה'לען ליגן א טויטן אויפן באָרג שמות.

הערשעק

הערשעק האָט שוין אַ גרויסע באָרד מיט אַ קיילעכדיקער פּליצע, נאָר דאָס פּנים איז נאָך יינגליש, און די בלויע אויגן בלאַנקען מיט הימל.

ווינטער האָט ער אין זיין שטיבל ניט קיין אָטעם. דאָס ווייב, וואָס וואַקסט אין דער ברייט, שרייט און שעלט; די גרויסע טעכטער קווישען. ווען ער גייט אַרויס מיטן זעקל, אָטעמט ער אָפּ.

ער שרייט איבער די הויפן: „האַנדעל! האַנדעל!" און קוקט אַרויף צו די פאַרמאַכטע פענסטער, מ'זאָל אים רופן.

ער גייט מיטן ליידיקן זעקל איבער די גאַסן און טראַכט פאַנטאַזיעס. צווישן אַלטוואַרג קען ער אַמאָל עפּעס געפינען; צווישן אַלטע שטיקלעך מעש קען ער אַמאָל געפינען גאָלד.

פאַרנאַכט גייט ער אַהיים אַ מידער, מיטן שווערן זעקל אַלטוואַרג אויף אַן אַקסל.

זומער, די הימלען עפענען זיך, די וועלט ווערט ליכטיק און ברייטער, נעמט ער דאָס שטעקעלע, און לאָזט זיך אַוועק זוכן אַ גאָרטן.

ער גייט ניט גיך, ער איילט זיך ניט. דער טאָג איז גרויס און ליכטיק, און פון אַלע זייטן זיינען אָפן גרינע פעלדער, ווי ווייט דאָס אויג דערגרייכט.

ווען ער ווערט הונגעריק, רייסט ער אויס פון אַ פאַרזייטען פעלד עטליכע יונגע ציבעלעס. ער זעצט זיך אַוועק און עסט געשמאַק דאָס ברויט, וואָס ער האָט, מיט די זאַפטיקע ציבעלעס.

הערשעק ווייסט, אַז אַ פאַרזייעט פעלד געהערט צו אימיצען, און ווען יענער זאָל אים טרעפן רייסנדיק ציבעלעס, וואָלט ער אים אָנגענומען פאַר אַ גנב. ער שמייכלט: די ערד איז ברייט פאַר אַלעמען, דער הימל איז ליכטיק פאַר אַלעמען, און עס וואַקסט פאַר אַלעמען.

ער דינגט בײַם „בליעבין“, װען די בײמער זײַנען נאָך פֿאַרשנײט מיט װײַסע בלימעלעך. צוערשט איז ער אײנער אַלײן אין גאָרטן. שפּעטער קומען אַלע, דאָס װײַב מיט די טעכטער.

אונטער אַ ברײטן בױם, װוּ ער װעט אױפֿשטעלן די בודע, ליגט אַװעקגעלײגט אַ גראָבער פֿאַלטן (אָװערקאָוט), און ער זיצט דאָרטן. אױפֿן בױם, צװישן די צװײַגן, איז פֿאַרשטעקט אַ האַלב ברױטל.

אין אַ גרױסן, ליכטיקן טאָג, פֿון זון־אױפֿגאַנג ביז זון־אונטער־גאַנג, איז ער אַלײן צװישן פֿאַרביקע פֿרוכט־בײמער און גרינע פֿעלדער װײַט אַרום. ער איז אַן זאָרג, אָן אַן עול, און װען ער זיצט לאַנג אױף אַן אָרט, דאַכט זיך אים, אַז ער איז אױך אַ געװיקס, אַ בױם, װאָס װאַקסט אױף דער װאַרעמער ליכטיקײט.

אָדער ער האָט ליב צו ליגן אױסגעצױגן אין קילן גראָז, קוקן אַרױף אין טיף־בלױען שטילן הימל אַרײַן און הערן דאָס פֿױגל־געשװישטשערײַ און אַלערלײ שפּיל־קול'עכלעך, װי זילבער־שטראָמעלעך װאָלטן זיך געגאָסן דורך דער בלױ־רײנער לופֿט.

פּלוצלונג, אין מיטן העלן טאָג, באַװײַזט זיך זײַן אידענע. זי האַלט די הענט אױף די באָקעס, קוקט אױף די בײמער און שרײַט:

— שלימזל, װאָס װאַרטסטו? די פֿײגל עסן אױף דאָס ביסל קאַרשן!

װי אַ װאָלקן װאָלט זיך אַרױפֿגערוקט אױף דער זון, און די װעלט װאָלט געװאָרן טונקל!

אונטערן ברײטן בױם שטײט שױן די בודע — צװײ ברעטער־װענט, קרום געשטעלט אײנע אַנטקעגן דער אַנדערער. פֿאַר דער בודע, אױף אַן אױסגעשפּרײטער קאָלדרע, איז אױסגעשאָטן אַ בערגעלע קאַרשן. דאָס װײַב מיט די טעכטער זיצן אַרום און קלײַבן. פֿון עט־ליכע ציגל מיט אַ שװאַרץ טעפּל צעטראָגט זיך איבערן גאָרטן אַ גע־שמאַק רײכל.

דאָס װײַב רעדט:

— מ'האָט געװאַרט, ביז די פֿײגל האָבן אױפֿגעגעסן דאָס ביסל קאַרשן. נאָך גוט, װאָס איך בין אָנגעקומען, האָב איך דאָס אָפּגעראַטעװעט!

עטליכע בוימער ווייטער שטייט הערשעק אויפן לייטער, אין די בלויזע הויזן מיטן העמד. ער שטייט ביים סאמען שפיץ בוים, באקט זיך אויף דער שמעקעדיקער היץ, וואס גיסט גלייך אויף אים פון בלויען הימל, פון דער פלאקערדיקער זון, און ער האט הנאה, קוקנ־דיק איבער די גרינע בוימער־קעפ.

פון דער הויך זעט ער ניט די בודע מיט דער ווייב. זינגט ער זיך א חזנים שטיקל, נעמט אן ביים לאנגן שטענגעלע די שווער־רויטע קארשן, צווישן די גרינע בלעטעלעך, און ווארפט אריין אין קליינעם קוישעלע, וואס ער האלט אין דער הויך.

ער פארזוכט אן אפגעריסענע, שווארץ־פארטריקענטע קארש. זיין פנים שמעלצט זיך פון תענוג, און די הימל־אויגן בלאנקען. ער קנייטשט א ביטול־שמייכעלע אין דער בארד אריין:

נאראנים מענטשן! אזא קארש איז זיס ווי האניק! ס'איז א נאַ־טור־זאך. דער פויגל גיט א פיק מיטן שנאבל, און די זון באקט צו.

קארטאפל צום קאכן, ציבעלקעס נעמט ער פון די פעלדער ארום. הערשעק איז אין האנדל אן ערליכער מאן, נאר דאס טוט ער מיט א שמייכעלע און היט זיך, ווי א יינגל, וואס גנב'עט ביי זיך אין דער היים. ער רעדט דערביי:

— די ערד איז ברייט פאר אלעמען, דער הימל איז ליכטיק פאר אלעמען, און עס וואקסט פאר אלעמען ..

איינמאל, א פארטאג, ווען דאס ווייב מיט די טעכטער זיינען נאך געשלאפן אין דער בודע, האט הערשעק גענומען א ליידיק קוישל און איז אוועקגעגאנגען צו יענעם טונקעלן וואלד.

ווייט הויבט זיך אויף א גרויסע גאלדענע זון און ווארעמט דעם נאך־פייכטן, ליכטיק־פרישן פרימארגן. דאס גרינע פעלד בלישטשעט מיט קרישקעס בריליאנטן, און אויף זיינע נאסע שטיוול קלעבן אפ־געריסענע גרעזער. ער פארייסט די בארד, קוקט זיך ארום איבער די ליכטיקע פרימארגן ווינקלען און אטעמט אריין מיט דער פולער ברוסט די שמעקעדיקע לופט.

ער גייט שוין צווישן די פאדערשטע בוימער, טרעט אויף א ווייך־הוילער ערד מיט ברוין־אנגעשאטענע נאדלען. דא און דארט, אויפן ברוינעם באדן, שטייען ליכטיקע זון־פלעקן, נאר וואס טיפער אין וואלד אריין, איז אלץ שטילער און טונקעלער.

גיט גוטע שוואָמען וואַקסן אַ סך און אומעטום. זיי רופן חוצפה־דיק הויך מיט שיינע העל־פלאַמיקע פאַרבן. גוטע זיינען דאָ ווייניק און זיי פאַרשטעלן זיך מיט דער גרויער ערד.

אָט שפּרינגט אַ געל וועווערקעלע מיט אַ האַלב־קיילעכדיקן פּענזל־עק. עס שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך, קוקט צום מענטש מיטן קיילעכדיק־גלעזערנעם אויגעלע און גיט אַ שפּרונג אַרויף אויף אַ בוים. דאָרט שטעלט זיך עס ווידער אָפּ, קוקט מיטן קיילעכדיק־גלעזערנעם אויגעלע, און אַנטלויפט גאָר הויך, שרייענדיק מיט אַ טרו־קענעם וואַלד סווישטש.

הערשעק שטייט, קוקט אַרויף מיט אַ באַלויכט־פאַרשפּילטן פּנים און שרייט אויס:

— וואַלד־באַשעפענישל, ווי גוט דיר איז דאָ!

ווען ער איז געקומען פון וואַלד, איז שוין געווען שפּעט אויפן טאָג. אַלע שטייען אין עק גאָרטן. זיין ווייב איז באַוואָפנט מיט אַ שטעקן און געוואַלדעוועט:

— כ'האָב דאָך געמיינט אין דער פרי, אַז ער האָט געמאַכט אַ קויבער סחורה און איז אַוועקגעגאַנגען אין גאַס אַריין, איז ער גאָר געגאַנגען קלייבן שוואָמען!

ער האָט מורא פאַרן שטעקן, לאָזט ער שטיין דאָס קוישל מיטן ביסל שוואָמען, און אַליין לויפט ער, דורך אַ צווייטער זייט אַריין אין גאָרטן.

דער לייטער איז צוגעשטעלט צום בוים. הערשעק שטייט, קוקט אַרויף און קראַצט אין דער באָרד. דאָס ווייב קומט צו:

— וואָס שטייסטו און קראַצט דעם קאָלטן! מ'דאַרף מאַכן עט־ליכע קויבערס סחורה אויף מאָרגן!

— כ'האָב נישט קיין האַרץ אָפּצורייסן רויע סחורה!

— שלימזל, מ'קען איצט נעמען אַ גוטן פּרייז! דערנאָך וועט ווערן ביליק, בחצי חנם!

— די באַרנע איז אַ טייערע באַרנע, בלויז ווייז, ס'דאַרף נאָך וואַקסן — בעט ער זיך.

— מישוגענער! מישוגענער! — שרייט דאָס ווייב, און די טעכ־טער קומען אָן. ער גייט אַרויף אויפן לייטער.

הערשעק שטייט אויפן בוים, און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז אַרויף אויף אַ לעבעדיקן מענטשן און רייסט אָפּ פון אים די אברים.

ביינאַכט, ווען דאָס ווייב מיט די קינדער שלאָפן אין דער בודע, היט הערשעק דעם גאָרטן. ער דרייט זיך אַרום, אַנגעטאָן אין אַ שווערן פּאַלטן, מיטן גראָבן שטעקן אין דער האַנט, אַ שוואַרצער צווישן טונ־קעלע בוימער. אָבער די שקצים פון דאָרף ווייסן, אַז ביי הערשעק'ן קען מען זיך אונטער'גנב'ענען.

שפּעטער לייגט ער זיך אַוועק אין אַן עק גאָרטן, צו די אָפענע פעלדער, אין דער נאַכט אַריין.

עס הערט זיך אַ גרילצן פון אַלערליי באַהאַלטענע ווערים, און ווייטער איז די נאַכט סודות'דיק פאַרהאָנגען מיט בלויליך־פינסטערע פאָרהאַנגען. הינט בילן, ווייטע הינט העלפן פאַר'עקשנ'ט צו, נאָר אַ מענטש קען דאָ גאָרנישט וויסן.

ער קוקט צום הימל, פינסטערן הימל מיט די פינקעלדיקע שטערן. מ'זאָגט אַז יעדער שטערן איז אַ וועלט, נאָר דער מענטש קען דאָ גאָרנישט וויסן!

עס קומט דער ראש־חודש אלול. די בוימער ווערן ליידיק, די בלעטער פאַלן און הערשעק איז אַ פאַרענדערטער. דאָס פּנים איז געל און די באָרד צוגעקוועטשט. ער זוכט זיך ערטער צום שלאָפן.

28 אויגוסט, 1932, „פאָרווערטס“

יוחנן

ווען יוחנן איז נאָך געזעסן ביים שווער אויף קעסט, האָט ער אָנגעהויבן זיינע שטיק. ער איז דאָס ערשטע מאָל ארויסגעגאַנגען אויף דער בערזע, געקויפט אַן אַרטיקל און מען האָט אים אָפּגענאַרט. ער אַליין האָט ווייטער נישט געוואָלט נאַרן, נאָר געזאָגט דעם קונה, אַז די סחורה איז נישט קיין ראַיעלע, און האָט איבערגעפירט אַ האַלבן נדן.

דאָס ווייבל, אַ יידישער חן מיט ראָזשינקעס-אויגן, האָט געגעצט מיט טרערן. די שוויגער, אַן אויסגעטריקנטע יידענע, האָט שטענדיק געטאָן אין דער קיך און געערדט שלעכטס אויפן איידעם. איצט האָט זי געפּלאַקערט ווי אַ מכשפה אין גיהנום! דער שווער, אַ נידעריק-גע־זונטער יידל מיט גרינע אויגן און האַרט-אויסגעאַרבייטע הענט, האָט געשריגן: „אַז געלט איז ביי אים גאָרנישט! ער זאָגט, ער וויל נישט זיין קיין גנב. ער איז ערגער, ער איז אַ מערדער! ער האָט נישט קיין רחמנות אויף זיין ווייב און קינדער, ער האָט נישט קיין רחמנות אויף מיין שווער-אויסגעהאָרעוועטן גראָשן!"

יוחנן האָט מוחל געווען די קעסט און ארויסגעצויגן זיך פון שווער-און-שוויגער. ער האָט נישט געמאַכט קיין געשעפטן, און מען האָט געגעסן פון נדן. דאָס ווייבל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, און די ראָזשינקעס-אויגן האָבן געגלאַנצט מיט טרערן. איר פּנים האָט אויס־געזען, ווי אַ פאַרשטערטער יום־טוב.

יוחנן מיט אַ שותף האָבן געדונגען אַ גאָרטן. זיי זיינען געקומען מיט קינדער און פּעק און האָבן אויפגעשטעלט צווישן די ביימער אַ בודע פון ברעטער. יוחנן איז געווען אַ דאַרער יונגערמאַנטשיק מיט אַ שיטער בערדל און בלויע אויגן. זיין שותף, אברהמ'טשע, איז גע־ווען אַ געזונט פלינק יידל מיט לייזיקע באַקן, גראָבע פּאות און אַ פּענזל-בערדל. זיין ווייב איז געווען אַ וויבע, אַ בלאַסע, אַ שטיק טייג, און מיט אַ סך קליינוואַרג.

דער פויער האָט געהאַט אַרום גאָרטן ברייטע פעלדער מיט קאַר־טאָפל, אַלע נאַכט איז אברהמ׳טשע פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די פעל־דער און האָט געבראַכט אַ קויש קאַרטאָפל. יוחנן האָט עס נישט גע־וואָלט טאָן, נאָר ער האָט געקויפט ביים פויער אַ זעקל קאַרטאָפל. זיין זוייבל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט טרערן־גלאַנציקע אויגן, און שטיל געזיפצט. אברהמ׳טשעס יידענע האָט מיטן גרויסן הילצערנעם לעפל געריבן דעם טאָפּ קאַרטאָפל און גערעדט הויך: „דער פויער האָט געגנוג, ער וועט נישט אָרים ווערן. און יוחנן איז אַ נאַר, ער וואַרפט אַרויס געלט אומזיסט!״

דאָס מאַנדל מיט די גראָבע פאות און דעם פענזל־בערדל איז צו־געשפּרונגען און געגעבן דער ווייב ערגעץ אַ קניפּ: „שוויג, זאָג איך דיר! זאָל ער קויפן, וועט זיין פאַר מיר בעסער. דער פויער וועט זיך נישט כאַפּן, אַז מען נעמט!״

מען האָט אָנגעהויבן רייסן און מאַכן קויבערס סחורה צום פאַר־קויפן. אברהמ׳טשע האָט גענומען „שלייערן״, ליגן אונטן דאָס מיאוסערע, און אין אויבן דאָס שענערע. יוחנן האָט נישט געלאָזט: „מען דאַרף נישט אָפּנאַרן, די סחורה איז שיין!״

— אַלע שלייערן. פאַר געשלייערטע סחורה קריגט מען אַ בע־סערן פּרייז!

— מ׳וועט וויסן, אַז ביי אונדז קריגט מען ראַיעלע סחורה.

— פּאַרדריי מיר נישט קיין קאָפּ מיט דיינע משוגעת׳ן!

אברהמ׳טשעס ווייב האָט געשריגן: „אַ משוגענער! מענטשן האָבן אונדז געוואָרנט!״

אברהמ׳טשע איז צו איר צוגעשפּרונגען: „שוויג, זאָג איך דיר! ווער פאַרשטומט! גיי צו די קינדער!״

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו יוחנן מיט די ווערטער:

— הער, יוחנן, ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? לאָמיר זיך צעטיילן מיט דער סחורה און פאַרטיק! דו וועסט דיר אין מאַרק פאַר־קויפן דיין סחורה, איך מיינע און פאַרטיק!

דער טאָג איז געבאָרן געוואָרן, די זון איז אויפגעגאַנגען אַ יונג־גאָלדענע. פאַר דער שלאָפנדיקער שטאָט איז עס געווען האַלבע נאַכט, נאָר דער מאַרק האָט שוין געקאָכט מיט לעבן. יידן פון דער

פראווינץ, געזונטע, פוילע, מיט שטיוואַלעס און צוגעקוועטשטע בערד, מיט שטיקלעך שטרוי, זיינען געשטאַנען פאַר זייערע קויבערס אויבסט און געקוקט תמ׳עוואַטע. קורץ-געקליידעטע, מיט ברייטע פלייצעס און רויטע קערקער, האָבן זיי געוויגן די קוישן און געשריגן מיט גראָבע קולות, ווי די נאַכט וואָלט גאָר פאַר זיי נישט באַשאַפן געוואָרן.

אברהמ׳טשעס קויבערס זיינען שוין געשטאַנען ליידיקע, אריינ-געשטעלטע איינס אין אַנדערן אריין. יוחנן איז געשטאַנען ביי זיינע פולע קויבערס אויבסט.

— וויפל ווילסטו פאַר דעם בראַק?

— דאָס איז ראַיעלע סחורה, נישט געשלייערט!

דער דיקער פארשוין האָט אויסגעגלאָצט אויף יוחנ׳ען אַ פאָר גלעזער-אויגן און זיך צעוויגט אין אַ געלעכטער:

— דער מלמד וויל דאָך מיך אָפּנאַרן!

אברהמ׳טשע איז דערוויל געזעסן אין גאָרקיך, וואָס איז געווען פול מיט פאָרע, מיט אַ מענטשן-געשריי און אַ גערעדעריי. ער האָט שוין געגעסן אָנבייסן, אַ טעלער גריץ מיט בייגל, און איצט ציילט ער איבער דאָס געלט.

— זאָג נאָר, דיין שותף שטייט דאָך נאָך מיט דער גאַנצער סחורה! — רעדט מען צו אים פון אַ צווייטן טישל.

— ער איז אַן ערליכער מאַן, ער וויל נישט שלייערן די סחורה, טייל איך מיך מיטן אויבסט.

דער גאַנצער מאַרק האָט באַלד געוווּסט פון דער נייעס, און אַ חברה האָט זיך געזאַמלט אַרום יוחנן.

— וויפל ווילסטו פאַר דעם בראַק?

— עס איז ראַיעלע סחורה, נישט געשלייערט!

מען בויגט זיך, מען האַלט זיך ביי די בייכער. מיט בלוט פאַר-גאָסענע פנימער ווערן שיער צעפּלאַצט פון געלעכטער.

אַ געלעכטער שרייט אויס:

— דער צדיק באַווייזט וווּנדער!

אַלע העלפן אים צו:

— ער וווינט מיט א ווייב און האט קינדער!
— ער שווימט אין וואסער און קומט ארויס א נאסער!
— גיב אים!
עס פליט א פארפוילטער עפל אין יוחנן׳ס קאפ אריין.

מיט דעם ביסל געלט, וואס איז אים געבליבן פון גארטן, האט ער זיך געעפנט א געשעפטל. יוחנן האט נישט געשמייכלט צום קונה און נישט איינגערעדט אים. ער האט נישט געוויזן צוערשט דאס גע־מיינע, דער קונה זאל עס אננעמען פארן גוטן, נאר אנגעוויזן אויף אלע סארטן: דאס קאסט אזויפיל; דאס—אזויפיל; און דאס—אזויפיל.

א „גייער" וואס טראגט ארום סחורה אין די געוועלבער, פלעגט צו אים טענה׳ן: „דער שטעמפל איז פונקט נאכגעמאכט. דער קונה מיינט, אז דאס איז אמת׳ע, מען קען דערביי גוט פארדינען. אלע סוח־רים האלטן עס!"

יוחנן האט זיך פון דעם אפגעשאקלט. ווען עס האט זיך געטראפן א בראק, האט ער עס אוועקגעלייגט באזונדער. ער וועט היזק האבן, דער קונה באצאלט דאך פאר ראיעלע סחורה!

און א וואונדער, זיין אמת און ערליכקייט האבן גאר פארטריבן די קונים, און זיי האבן אויסגעמיטן צו אים אריינצוגיין.

אלע נאכט, ווען יוחנן איז געקומען אהיים, האט ער געטראפן דאס לעמפל אראפגעדרייט, און זיין ביסל עסן איז געשטאנען אויפן קאלטן קעכל. דאס ווייבל איז געלעגן אויפן בעט אין אנגעטועכץ, געזעסן און זיך געמאכט אז זי שלאפט. ביידע קינדער זיינען געלעגן און געשלאפן אין צווייטן בעט. ווען ער האט זיך געוואשן און זיך געזעצט צום ליכטיקן טישל, האט דער עלטערער גענומען זיך רודערן. דער פאטער האט געקוקט צום בעט: „משה׳לע, ביזט הונגעריק? קום אראפ, וועסטו עפעס עסן".

משה׳לע איז צוגעקומען, — א שמאל גופ׳ל, שטעקעלעך־הענטע־לעך, א בלייך פנימל און ליכטיקע אויגעלעך. דער פאטער האט אים אראפגעגעבן אביסל עסן אין א צווייטן טעלער אריין. ער האט אים נעהייסן נעמען דאס חומש׳ל. משה׳לע האט געהאט א גוט קעפל. ער האט אויך געפרעגט פראגן און געווארט מיט א פאר׳חלומ׳ט פנימ׳ל.

די פראַגן האָבן שטענדיק אָנגערירט אַנדערע העכערע וועלטן. יוחנן האָט אים נישט געקענט אויף אַלץ ענטפערן, נאָר זיין פּאַטערליך האַרץ האָט זיך געפרייט און געהאַט גרוים פאַרגעניגן.

דאָס ווייבל האָט זיך אויפגעזעצט מיט אַ ראָז־אויסגעשלאָפן פּנים, און די ראָזשינקעס־אויגן האָבן געבלאַנקט מיט שנאה. זי איז צוגעקומען און אַוועקגעשלעפּט דאָס יינגל פון הענטל: „גיי אַוועק פון אים, ער איז ניט דיין טאַטע, ער איז דיין מערדער!"

יוחנן איז געוואָרן צעטומלט פון דער צו־גרויסער לאַסט פון נאַ־רישקייט און שלעכטס, וואָס האָט זיך אויף אים אַרויפגעלייגט, און ער איז געבליבן זיצן אָן לשון. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געלייגט די האַנט אויף די אויגן: „אָכאָאָאָאָך!"

דער שווער האָט אים גערופן צו אַ דין־תורה. דער רב, אַ ברייט־געפּאַשעטער ייד מיט אַ ווייך בלאַס פּנים, אַ שוואַרץ־שיטערע באָרד און שוואַרצע שטילע אויגן, איז געזעסן ביים טיש און גערעדט רויק:

— ס'איז אמת, וואָס דיין שווער זאָגט, אַז דו גיסט נישט דער ווייב אויף פּרנסה?

— איך גיב איר אַוועק דעם גאַנצן פאַרדינסט.

— רבי! — שרייט אוים דאָס נידעריקע יידל, — ער האָט זיך גענומען צו מיין טאָכטער, און ער וויל זי פאַרפייניקן! ער האָט זיך אַריינגעהאַקט אין קאָפּ, אַז אַלע מענטשן זיינען גנבים! מיט זיין משוגעת האָט ער שוין אַ סך געלט איבערגעפירט!

דער רב גלעט זיך די באָרד און רעדט מיט אַ שמייכעלע:

— נו, זיינען אַלע מענטשן גנבים? ס'איז דאָך גלאַט נישט מעג־לעך. און וואָס גייסטו פאַרזאָרגן די וועלט? וואָס זעסטו גלייבער נישט צו געבן ווייב און קינדער פּרנסה.

— איך זאָרג וועגן פּרנסה, נאָר איך וויל נישט אַריין אין בלאָטע!

דער רב פאַרמאַכט די אויגן, קלערט, קנייטשט דאָס פּנים און מאַכט צוריק אויף די אויגן:

— דו געפעלסט מיר גאָרנישט, דיינע רייד געפעלן מיר נישט די אַלע, וואָס גייען אַראָפּ פון וועג, רעדן אַזוי. זיי ווערן צו־גוט און צו־פרום. די קאַראימער זיינען צו־פרום. עס שטייט „לא תבערו אש",

צינדן זיי אינגאַנצן נישט אָן קיין פּייער און זיצן שבת אין דער פֿינסטער!

— ווי קומט טפּשות, נאַרישקייט צו תורה, פאַרשטיי איך גאָרנישט.

— אַפּיקורס, אַרויס פון מיין שטוב! — האָט דער רב געגעבן אַ געשריי. זיין בלייך־פֿליישיק פּנים, מיט דער שיטער־שוואַרצער באָרד און מיט די גרויס־אויסגעגלאָצטע אויגן, האָט פּלוצלונג באַקומען דעם אויסזען פון אַ שרעקליכן גזלן.

דאָס נידעריק־געזונטע יידל שרייט: — רבי, איר האָט געזאָגט אמת, ער איז אַ גוי; ער פאַרליידט נישט קיין יידן! ער וויל אויך שבת זיצן אין דער פינסטער!

נאָך דער דין־תורה, ווען יוחנן איז אין אָן אָוונט געקומען פון געוועלב, האָט ער געטראָפן אַ קאַלט־ליידיקע שטוב. דאָס ווייב האָט אַלין צוגענומען און אויך ביידע קינדער! משה'לען, אַ שטיק פון זיין האַרץ, האָט זי פון אים אוועקגעריסן! ער איז געבליבן זיצן לער פון לעבן און האָט אָן אַ שום געדאַנק געקוקט אין שטילן פלאַם פון לעמפּל.

אַלע געוועלבער האָבן געלעבט, עס זיינען אַריין און אַרויס קונים, נאָר זיין געוועלבל איז געשטאַנען צוגעמאַכט, טונקל און שטיל. ער איז געזעסן הינטערן בופעט און האָט נאָר געקוקט מיטן דאַר־געלן פּנים און שיטערן בערדל.

אַמאָל האָט אַ יינגעלע אַריינגעקוקט דורך דער שויבן־טיר, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר יוחנן'ס געלן פּנים, האָט אַרויסגעבלעקט אַ לאַנגע צונג און איז אַנטלאָפן.

29 יאַנואַר, 1933, „פאָרווערטס"

בלימעלעך

א גאַנצע וואָך שטייט דאָס דאָרף שטיל און לידיק, מיט די עט־לעכע געפּאַרבטע קליינע הייזלעך, מיט די גרויסע סטאָדאָלעס, און מיט דער איינער ברייטער גאַס, וואָס פירט פון פעלד און פירט צום פעלד.

מיטוואָך איז אין נאָענטן שטעטל אַ מאַרק־טאָג, פאָרן פאַרביי פורלעך, און אויך דעם בלינדן מיטן ייִנגעלע זעט מען מיטוואָך פאַר־בייגיין דאָס דאָרף.

גאַנץ פרי, צום שטעטל, איילן זיי זיך. דאָס דאַרע ייִנגעלע, מיט די שוואַרץ־באָרפיסע פיסלעך, לויפט פאָרויס. דער בלינדער גייט נאָך מיטן שטעקן, שטרעקט אויס די האַנט און דערגרייכט קוים מיט די פינגער צום ייִנגלס אַקסל.

פאַרנאַכט פון שטעטל, גייען זיי פּאַמעלעך. איצט גייט דער בלינ־דער פאָרויס, פּרוּווט דעם וועג מיטן שטעקן און דאָס ייִנגעלע גייט נאָך.

אַמאָל פלעגט דאָס ייִנגעלע לאָזן דעם בלינדן אין מיטן וועג, אַוועקלויפן אויפן ווייך־גרינעם פעלד און אָפּרייסן אַ בלימעלע. דער בלינדער איז געשטאַנען, מיט אַן אַרויסגעשטאַרטע האַנט אין דער לופט, דעם קאָפּ פאַרריסן, און געוואַרט.

ווען דאָס ייִנגעלע איז אַזוי גיך ניט צוגעקומען, האָט ער גע־קלאַפּט מיטן שטעקן אַן דער ערד און געשריגן. אַ שרעק איז דאַמאָלסט געווען אויף אים צו קוקן — דער קאָפּ קרום פאַרריסן, די אויגן ווייס־אָפּן, אָן אַפּלען, און די עטלעכע קרום־האַרטע האָר פון דער נאָמבע האָבן געציטערט.

געדאַכט האָט זיך, אַז ווען דאָס ייִנגעלע זאָל איצט אַריינפאַלן אין זיינע הענט, צערייסט ער אים אויף שטיקער. נאָר דאָס ייִנגעלע איז צוגעקומען, געשפּילט זיך מיטן בלימעלע, מיט אַ ציטער־שמייכעלע, מיט מורא געקוקט אויפן בלינדן — נו, קום שוין!

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צום איינ־ציקן ייִד אין דאָרף.

— גוט־נאָוונט, יידישע קינדער! — האָט דער בלינדער אויס־געררופן.

ביי דער וואַנט האָט געדרויכערט אַ לעמפּל. די יידענע, אַ פעסטע פרוי, מיט אַ זון־אָפּגעברענט פּנים און גלאַנציק־גוטע אויגן, איז גע־שטאַנען ביי דער קיך און געקאָכט.

— גוט־נאָוונט, ר׳ אליה, גייט אַריין ווייטער!

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ פינסטערער שטוב. דער בלינדער האָט מיטן שטעקן אָנגעטאַפּט דעם טיש, די באַנק. דאָס יינגעלע האָט זיך צוריק שטיל אַריינגערוקט אין קיך, און איז אַרויס אויפן הויף.

די נעבנביידעס זיינען געשטאַנען אַרומגעהילט מיט אַ בלוי־פינ־סטערן נעפּל. דאָרט, ביי דער סטאַדאָלע, זעט ער פעלטע׳ן, דעם „יונג" וווּ איז לאה׳לע? ער גייט צו דער פורטקע.

אויף ביידע זייטן פון דער לייזיקער טונקעלער גאַס שלאָפן פינ־סטער־פאַרוואָקסענע הייזלעך. די דאָרפישע הינט בילן בייז. ער קריגט מורא, און ער גייט צוריק.

אין שטוב איז שוין ליכטיק. דער בעל הבית, אַ ייד, אין אַ כאַ־לאַטל, מיט בלויע אויגן און אַ גרויסע בלאָנדע באָרד רעדט צום בלינדן:

— קומט, ר׳ אליה, מ׳וועט זיך וואַשן!

דער ייד מיט דער גרויסער באָרד איז ניט אַלט קיין גאַנצע דריי־סיק יאָר. אַ ביסל יידישקייט געדענקט ער נאָך פון זיין יינגלשער היים. און אַז אַ ייד פאַרבלאָנדזשעט אין דאָרף, איז ער צופרידן, ווי עס וואָלט ווער געקומען פון זיין פאַמיליע.

לאה׳לע איז אַן איינציק טעכטערל — אַ קינדיש פּנימ׳ל מיט הימל־אויגן, און אַ רייפער פרויען־קערפּער.

דאָס יינגעלע איז געזעסן ביים טיש מיט אַלעמען, און געגעסן. נאָר ער האָט געקוקט צו דער מיידל מיט אָנגעצונדענע אייגעלעך. לאה׳לען האָט עס געברים. איינזאַם, אין שטילן דאָרף, האָט זי אַ גאַנצע וואָך געוואַרט אויף דעם טאָג — דאָס יינגעלע געפעלט איר; ער געפעלט איר מיט זיינע מאָדנע רייד און שיינע מעשיות, וואָס ער דערציילט איר.

פעלטע, דער יונג, איז אין אַ טונקעלן ווינקל געשטאַנען אויף

זיינע בלאָטיק־שוואַרצע פּיס, און זיין קיילעכדיק פּנים האָט כּסדר געקוקט צום יינגעלע.

— באַלבאָסטע, איר זאָלט לעבן און געזונט זיין, איר האָט מיך מחיה געווען! — האָט דער בלינדער געהאַלטן הויך דעם קאָפּ און גערעדט אויף דער שטוב אַרויס.

דאָס יידל מיט דער גרויסער באָרד רעדט צופרידן, און זיינע בלויע אויגען בלאַנקען — ר' אליה, איר וועט היינט האָבן הנאה פון שלאָף, עס ליגט פריש היי.

דער בלינדער שטעלט זיך אויף:

— קום, דוד, מ'וועט אַנידערוואַרפן דאָס זעקל ביינער!

פעלטע, פון טונקעלן ווינקל, האָט נאָכגעוויזן אַ פויסט.

דאָס היי האָט שאַרף געשמעקט אין דער סטאָדאָלע, און דער בלינדער האָט הויך געכראָפּעט. דאָס יינגעלע האָט אָפּגעשפּאַרט דאָס טויער, און איז אַרויס. ער איז צוגעקומען צום פאַרמאַכטן לאָדן.

— כ'האָב דיך געפּאַקט! — האָט פעלטע זיכער אַרויסגערעדט — כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען!

ער האָט אים געשלעפּט צוריק צו דער סטאָדאָלע, געעפנט און נעגעבן אים אַ וואָרף אַריין.

— גוואַלד, ווער איז עס? ! . . . — האָט דער בלינדער אין דער פינסטער אויסגעשריגן.

פעלטע, אין דרויסן האָט שטיל געלאַכט און פאַרשפּאַרט דעם טויער.

גאַנץ פרי האָט דאָס יינגעלע געהערט אַ גערויש. ער איז צו צו דער וואַנט און געקוקט דורך אַ שפּאַרונע. פעלטע האָט איינגעשפּאַנט אַ פערדל אין אַ פורל, און אויך דאָס יידל מיט דער באָרד האָט זיך גע־פּאָרעט.

דאָס פערדל איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ס'איז נאָך געשלאָפן אין שטילן פרימאָרגן, נאָר די צוויי מענטשן האָבן גע־רעדט הויך און גערוישט. זיי האָבן זיך אויפגעזעצט און זיינען אָוועק־געפאָרן, איבערלאָזנדיק רעדער־שניטן אין דער ווייך־גראָזיקער ערד.

דער הויף איז געבליבן ליידיק, אליין מיטן גרויסן, ליכטיקן פרימארגן.

אט הערט זיך פון ערגעץ א סיקען. אימיצער שרייט און שעלט די קו, פאר וואס זי לאזט זיך ניט מעלקען, און נעמט זי אויך איין מיט גוטע רייד. די יידענע גייט צו דער שטוב מיט א פולע קאן מילך. צוויי קי קומען ארויס אויפן הויף, ציען אויס די קעפ, שמעקן די פרימארגן־לופט, און לאזן ארויס א ברייט־הילכיקן גוט־מארגן.

דאס ייִנגעלע שטייט לאנג ביי דער וואנט און קוקט דורך דער שפארונע: ווען וועט שוין לאה'לע ארויסקומען? !...

דער בלינדער זיצט און קראצט זיך. דאס ייִנגעלע קראצט זיך מיט און זאגט א ליגן: ס'איז נאך אין מיטן דעם נאכט!

דער בלינדער ליגט זיך צוריק, און באלד כראפעט ער שוין ווי־דער. אט איז לאה'לע! זי גייט צום אפן־צעבראכענעם שטיקל פלויט, וואס פירט אויפן פעלד ארויס. ער שפארט שטיל אפ דאס טויער.

דער הימל איז בלוי און שטיל. די זון שטייט שוין הויך אין מיטן הימל. ער גייט לעבן איר, און זיין הארץ קלאפט שטארק. זיי האבן זיך געזעצט אינטערן סטויג היי.

— היינט וועל איך דיר דערציילן פון א גאלדענער פרינצעסין און פון א שווארצן קנעכט! — זאגט ער.

זי איז געזעסן און געהערט. איר קינדיש פנימ'ל מיטן העלן קאפ האר איז געווען ליכטיק־צעשטראלט, און אירע אויגן האבן געלויכטן. ארום האבן זיך צעשפרייט ליכטיקע פעלדער. ס'האט געשווינדלט פארן אויג מיט קלארע היץ, און געשמעקט מיט בלומען־ריחות.

— דער קנעכט האט דער פרינצעסין אזוי שטארק געליבט!

ער האט עס הויך אויסגעשריגן. זיין שמאל פנימ'ל האט גע־לויכטן מיט בענקשאפט און די אויגן האבן געבלאנקט מיט טרערן.

טאטע־מאמע און פעלטע האבן געשפרייזט איבערן פעלד.

— ער האט זי פארנארט אהער! — איז פעלטע'ס קול פריער אנגעקומען.

— וואס האט איר דא געטאן? — האט די מאמע געזוכט מיט פייערדיקע אויגן.

דער טאטע האט זי געגעבן א שטויס צו דער מוטער:

— נעם זי אהיים! און דו, יונגאטש איינער, זאלסט מער ניט קומען אויף מיין הויף!

פעלטע'ס קיילעכדיקער פנים האט געלאכט פון הנאה.

דער בלינדער מיטן יינגעלע זיינען געוועןן הינטערן דארף. די זון האט זיך שוין גאר נידעריק אראפגעלאזט איבער די ווייטע וואלד-שפיצן און א שטילן פורפור-פלאם צעגאסן. גאלדן־רויט האבן די ברייטע פעלדער געלויכטן, און די קליינע פענסטערלעך פון די פויערי-שע הייזלעך האבן מיט פלאמען אפגעשפיגלט.

שטיל איז געווען. ניט א שטילקייט פון א היץ. עפעס האט צווישן הימל און ערד גערוט און ווייך געאטעמט.

— ווי ביזטו?! — האט פלוצלונג א געשריי דורכגעריסן דעם גאלדענעם פארנאכט.

דער בלינדער איז געשטאנען אויסגעצויגן דעם קאפ אין דער לופט און געהערט. אויפן פעלד איז געזעסן דאס יינגעלע, אומעטיק-פארטראכט.

— ווי ביזטו?!

דאס יינגעלע האט זיך אויפגעשטעלט: — נו, קום שוין!

דער בלינדער האט אים פעסט געהאלטן און אויפגעהויבן דעם שטעקן. דאס יינגעלע האט אנגעכאפט דעם שטעקן און זיך נעבעטן. נאר דאס הארץ פון דעם בלינדן איז געווען קאלט ווי זיין ווייס אויג.

א ייד, א קצב, מיט א רויטער בארד, וואס האנדלט מיט די פויע-רים פון דארף איז געבליבן שטיין:

— פארוואס שלאגט איר אים?

דער בלינדער האט געגעבען א שלעפ דאס יינגל צו זיך. מיט א פארריסענעם קאפ איז ער געשטאנען און געדרייט מיט די בלינדע ווייסלען.

— אט-א, איך שלאג אים! — האט ער זיך אפגערופן, ווי ער וואלט ענדליך דערזען, וועד עס שטייט פאר אים און א טרייסל טוענ-דיק דאס יינגעלע האט ער אויפגעהויבן דעם שטעקן.

דער קצב האָט אים אָנגעכאַפּט:

— איך רוף צוזאַמען דאָס דאָרף! די פּויערים וועלן דיך דער־הרג׳נען!

דער בלינדער האָט געזען די רציחה, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן גוי׳אישן דאָרף. די ביינער פון זיין פּנים האָבן זיך גערודערט. מ׳האָט געזען, ווי שווער ס׳קומט אים אָן דעם כעס צו דערשטיקן.

ער האָט דעם קאָפּ בלינד געצויגן צום ייד און געזאָגט:

— איך קום דאָרט שטענדיק אַריין. איך קריג אַ נאַכטלעגער און עסן. היינט האָט מען מיך פון דאָרט אַרויסגעטריבן!

דער קול האָט זיך געהויבן צוזאַמען מיט זיין אויסגעשטאַרטשטן קאָפּ — דער לאָבוז האָט פאַרטשעפּעט דאָס מיידעלע!

ער האָט געוואַרט און געהערט. דאָס ייִנגעלע איז געשטאַנען פאַרגליווערט, דורך קלאָרע טרערן געקוקט צום דאָרף.

— קום! — האָט דער בלינדער אים געטאָן אַ שלעפּ.

דער קצב מיט דער רויטער באָרד, מיטן סוקעוואַטן שטעקן, איז לאַנג געשטאַנען און זיי נאָכגעקוקט.

„פאָרווערטס", 18 פעברואַר, 1934

א הוליע געטאן...

— א געיעג מיט באנדיטן! א שרעקליכע קאטאסטראפע! א רייזע צו דער לבנה!

אזוי האבן צוזאמען, אין באר, געשריגן צוויי יינגעלעך. דער על־טערער האט געהאלטן א פאק צייטונגען אונטער'ן ארעם. זיי זיינען געגאנגען לייכט אנגעטאן, האבן זיי זיך געקארטשעט פון קעלט, מיט רויט־געפרוירענע הענט און מיילער.

ס'איז נאך געווען ליכטיק. פארלעך האבן שפאצירט איבער די גאסן. די לאמטערנעס האבן שוין געברענט און זייערע קלארע פלעמ־לעך זיינען געשטאנען ווי פרעמדע אין קאלטן ליכטיק־טונקעלן אוונט.

פאר א גרויס ליכטיק פענסטער פון א פרוכטן־געוועלב זיינען זיי שטיין געבליבן. זיי זיינען געשטאנען און געשוויגן, צוגעקלעפט מיט די פנים'ער צו דער ליכטיקער שויב.

— מיט אזעלכע פלוימען קען מען זיך אנעסן, און אזעלכע גרוי־סע עפל און גוטע בארנעס!

זיי זיינען געשטאנען און געבלישטשעט מיט די אויגן איבער די פרוכטן און זיסווארג.

— אפשר וועט מען עפעס קויפן? — פרעגט דער גרעסערער. ער לייגט איבער פון איין קעשענע אין דער צווייטער, ציילט דאס געלט.

— די מאמע וועט נישט האבן מארגן אויף פרנסה! — זארגט דער קלענערער און קוקט ארויף מיט א פראגע צום ברודער. זיי גייען אוועק און זיפצן אפ בגנבה איינער פון צווייטן.

— א געיעג מיט באנדיטן! א שרעקליכע קאטאסטראפע! א רייזע צו דער לבנה!

— דער סוחר פונ'ם געוועלב האט אפשר מער פון הונדערט פונט

פּלוימען און עפּל און באַרנעס! ווען ער גיט אונז איין פונט, וואָלט איך גום געווען — ניין?

— אַ סוחר גיט נישט! ווייסטו וואָס, לאָמיר אַריינגיין אין געוועלב און שרייען, וועל איך הינטן־אַרום עפּעס נעמען.

— כ'וויל נישט. מ'קען נאָך כאַפּן און מען וועט אונז שלאָגן!

— שלאָגן איז גאָרנישט, מען קען אַרעסטירן!

— אַ געיעג מיט באַנדיטן! אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע! אַ רייזע צו דער לבנה!

— דו ווייסט וויפל דער היינטיקער טאָג וועט ברענגען פאַרדינסט? צוויי גילדן!

—וועט מען קאָכן אַ וועטשערע. די מאַמע וועט זיין פריילעך, און מאַמעלע וועט ליגן רויק און שפּילן זיך מיט די הענטעלעך און רעדן!

עס קומט צו אַ מאַן קויפן אַ ציַיטונג.

— גיט אַ בלאַט, חברה! און וואָס טוט דער טאַטע, די מאַמע?

— מיר האָבן שוין נישט קיין טאַטן, און די מאַמע מוז זיין אין דער היים, ביים קליינעם קינד!

דער עלטערער שטופּט אים אָפּ און שמייכלט. — אַ נאַר דאָס איז! — ער שטעלט זיך און ענטפערט — מיר פאַרדינען אויף דער פּרנסה!

דער מענטש קוקט אויף זיי און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ער נעמט אַרוים אַ מטבע, גיט עס זיי און גייט גיך אַוועק. זיי שטייען און קוקן איינער אויפן אַנדערן.

— ער האָט דאָך געגעבן אַ האַלבע זלאָטע און נישט גענומען קיין רעשט!

— איצט וועט מען קויפן פלוימען און באַרנעס! — איז דער קלענערער צוגעשפּרונגען אויף איין פוס.

— אַ געיעג מיט באַנדיטן! אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע! אַ רייזע צו דער לבנה!

— אָ, זע נאַר, אַ גזלן מיט אַ שרעקליך פּנים!

— זע נאָר דאָ, אַזוי פֿיל ווילדע מענטש, אויף פֿערד! און ווי זיי פֿליִען איבערן פֿעלד!

זיי זיינען געשטאַנען פאַר אַ קינאָ (מאַווי) מיט גרויסע פּלאַמיק־קאָלירטע פּלאַקאַטן און רווישיק־בלענדענדער ליכטיקייט. זיי זיינען געשטאַנען און געקוקט, פאַרטאָן אין יענע געהיימניספולע ערטער אויף די קאָלירטע פּאַפּירען.

זיי האָבן געזען יינגלעך, מיידלעך גייען אריין. פון אינעווייניק האָט אַרויסגעהויכט אַ ליכטיקע ווארעמקייט, זאַפטיקע טענער פון מוזיק.

— לאָמיר אַריינגיין, די גאַנצע רעשט פון האַלבן זלאָטע איז דאָך אונדזערס!

— און פון יענעם געלט וועט מען גאָרנישט נעמען! — האָט דער קלענערער געוואָרנט.

— מען וועט מוזן נעמען, ס'פעלט נאָך צו צוואַנציק גראָשן!

— אוי ווי, וואָס וועט מען טאָן?... — האָט דער קלענערער גע־קרימט אַ גרימאַסע.

— עס שאַדט נישט איין מאָל, אַנדערע יינגלעך גייען שטענדיק!

— מיר זיינען אויך קינדער, דאַרף מען אויך אַמאָל גיין, — האָט דער קלענערער אויפגעוויזן.

פאַר זייערע אויגן האָבן זיך אויפגעוויקלט לייזיקע וויסטענישן און ברוין־הויטיקע מענטשן מיט קרום־ווילדע פּנים'ער.

דער קליינער זעט דאָס אַלץ דאָס ערשטע מאָל, זיצט ער און קוקט אין איין אָטעם. דער גרעסערער ציט אים ביים אַרבל:

— זע נאָר ווי זיי ליבן זיך!

אין דער פינסטערער רייע פאַר זיי זיצט אַ פּאָרל צוזאַמענגע־פלאָכטן. דער קלענערער וויל נישט זען:

— לאָמיך אָפּ!

ווען דאָס בילד רייסט זיך איבער און עס ווערט מיטאַמאָל ליכ־טיק, אָטעמט ער אָפּ, ווי פון אַ שווער שטיקל אַרבעט. זיין פּנים איז דערהיצט. דער גרעסערער פרעגט אים:

— ס'איז געווען גוט?

— אַ פראַגע, — ענטפערט ער אין גאַאייל. ער האָט נישט קיין

צייט, ער האַלט אין איין אַרומקוקן זיך. אַ ליכטיקער נעפּל, אַ געטומל און אַ גערויש פון אַזוי פיל קעפּ, פאַר אים און הינטער אים.

איבער'ן לאַנגן דורכגאַנג גייט אַ יינגל און טראָגט אַ פולע טאַץ צוקערקעלעך און שאָקאָלאַדקעס, געוויקלטע אין גאָלד און זילבער־פּאַפּירלעך. דאָס יינגל מיט דער טאַץ קומט אַלע מאָל נענטער.

— אפשר וועט מען אַראָפּנעמען נאָך צען גראָשן?

— איך ווייס, ווי דו ווילסט!

— וועט דאָך שוין פעלן דרייסיק גראָשן! — איז דער גרעסערער אין אַ פאַרלעגנהייט. ביידענ'ס אויגן גלאַנצן און שוועבן דאָרט אַרום, אויף דער טאַץ.

— זאָרג ניט, ס'איז אַזוי אויך גוט! — טרייסט דער קלענערער, און ער גיט זיך אַ נערוועזן זעץ איבער. — ווען וועט שוין ווערן פינסטער?...

איצט איז געגאַנגען אַ צווייט בילד. פאַר זייערע אויגן האָבן זיך פאַרבייגעצויגן היימישע און פרעמדע זאַכן. — גערטנער, בלומען, ברייטע ליכטיקע צימערן, שיינע מענטשן.

— הערסט, זיי קושען זיך! — רוימט דער גרעסערער איין דעם קלענערן און ווייזט אָן אויפ'ן פּאָרל, וואָס זיצט אין דער פינסטערער רייע פאַר זיי. — זיי ליבן זיך!

נאָר דער יינגערער הערט דאָ גאָרנישט. ס'איז אים אַזוי גוט! ס'איז וואַרעם, ס'איז פינסטער — און מען שפּילט! ער גיט אַלעמאָל אַ וואָרף אַהינטן מיט אַ פוס פון צופיל פאַרגעניגן.

ווען זיי זיינען געקומען אַהיים איז דאָס לעמפּל געווען אַראָפּגע־דרייט. די מוטער איז געלעגן אויפן בעט אין די קליידער. דאָס קינד איז געלעגן לעבן איר.

— וואָס זענט עך געקומען אַזוי שפּעט? — האָט זי געקרעכצט און פויל געצויגן פון שלאָף אַרויס.

דער עלטערער האָט אַרויפגעדרייט דאָס לעמפּל און אַרויפגע־לייגט דאָס געלט אויפן טיש — מען האָט נישט געלייזט האָט מען גע־מוזט שטיין ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין!

די מוטער איז צוגעקומען צום טיש — א יונגע פרוי מיט א לענגליך־טונקל געזיכט און גרויסע שטילע אויגן. זי האָט געקוקט אויף אירע קינדער:

— ס'איז אייך קאַלט. א גאַנצן טאָג נישט געגעסן, וואָס וועל איך אייך איצט געבן?

— מאַמעשי, ס'איז אונז נישט קאַלט! — האָט פלוצלונג דער קלענערער אויסגערופן, שטייענדיק ביי א ווינקל פון טיש.

זינט זיי זיינען אריינגעקומען שטייט ער דאָ, קוקט זיך ארום איבערן שטיבל, אויף זיין מאַמען, און זיין יונג הערצל איז איינגע־קאָרטשעט — דאָרט האָט ער געזען די גרויסע ליכטיקע וועלט, דאָ זעט ער ענגשאַפט און צרות!

— מיינע טייערע קינדער! — האָט די מוטער פאַרשטיקט דעם געוויין. — דאָס געוועלבל איז שוין צו! — האָט זי פרעמד געקוקט אויפן געלט.

— מיר האָבן געגעסן אין גאַס! האָט דער עלטערער ארויסגע־וואָרפן א ליגן.

דער קלענערער האָט געקוקט צום קינד, וואָס איז געלעגן אויפן בעט און געשלאָפן. ער האָט געזען דאָס קיילעכיק־בלייכע פנים'ל, און געדאַכט האָט זיך אים, אז א שטילע טרער איז פאַרבליבן אויפן בעקל. ער איז נישט צוגעגאַנגען, ווי אַלעמאָל, ער האָט זיך היינט געפילט שולדיק פאַר זיין קליין ברודערל.

ביינאַכט האָט דאָס קינד געוויינט. די מוטער האָט עס געשאָלטן, גערעדט און געבעטן זיך ביי אימיצן אין דער פינסטער, אז דאָס הארץ טוט איר וויי.

די צוויי ברידערלעך האָבן זיך געדרייט אויפן געלעגער און נישט געקענט איינשלאָפן פון הונגער. זיי האָבן שטיל צווישן זיך גערעדט, צוגעזאָגט און זיך געשווירן, אז מער וועלן זיי אין קינאָ נישט גיין.

22־סטן יולי, 1934, „פאָרווערטס"

דוד׳ל דעם רב׳ס זון

די לאָמפּן זיינען היינט ניט אָנגעצונדן, נאָר עטלעכע ליכט ברע־נען אין עמוד. די טישן, די בענק זיינען אומגעלייגט און איינגעבוי־גענע אידען פּאָרען זיך, יעדער שטיל פּאַרטאָן, טרויעריק און פינסטער. ווער ס׳האַלט אַ פּאָר שיך אין דער האַנט, זוכט אַן אָרט ווו צו באַ־האַלטן זיי, און ווער ס׳זיצט שוין אויף אַ ברעג פון אַן אַוועקגעלייג־טער באַנק, האַלט גרייט די קינה און גיט דעם ערשטן זיפץ.

טונקל איז אין גרויסן בית־מדרש. אויף דער פּאָדלאָגע זיצן יידן מיט בערד. אויף טייל פּנים׳ער ווארפן זיך רויטע פלאַמען פון די ליכט, וואָס זיי האַלטן איבער די אויפגעמישטע קינות.

אויף אַ טרעפּל, פאַרן אָרון קודש, זיצט דער רב פון שטאָט — אַ ברייטער ייד, אַ ברייט רויק פּנים, אַ שוואַרץ־שיינע באָרד און גע־קרויזלטע פּאות ביז צו דער באָרד.

נידעריקער אין דער זייט זיצט דער שמש, אַ שמאָל יידל מיט אַראָפּגעפאַלענע אַקסלען און אַ לאַנג־גלאַטיק בערדל ווי אַ פּענדזל.

ער האַלט פאַרן רב די אויפגעמישטע קינה, זעצט זיך גלייך, הוסט דראָבנע און קוקט אַלע מאָל אַראָפּ אונטערן געזעס, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס דאָרט געשטערט.

אין דער צווייטער זייט זיצט דוד׳ל, דעם רב׳ס זון. אַ בחור׳ל מיט אַ בלייך פּנים, לאַנג־געקרייזלטע פּאות און גלאַנציק־גרויסע אויגן.

דער רב שאָקלט זיך. זיין פּנים איז שטיל־פאַרוואָלקנט. אַלע שווייגן. עס רוט אַ שטילקייט ווי אויף אַ בית־הקברות. ענדלעך כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ טיפן זיפץ, און דער שמש גיט מיט אַ דאַר־ציטער־דיקער האַנט אַ קלאַפּ אויף דער אויפגעמישטער קינה.

אַ לאַנגער ייד מיט אַ שוואַרץ־צעפלאָנטערטער באָרד, וואָס זיצט צעבראָכן אויף דער פּאָדלאָגע, הויבט אָן לייענען „איכה״ מיט אַ וויי־נענדיקער שטימע און מיט אַן אויפגעהאַלטענעם ציטער.

עס וואַרפֿן זיך שטיל און ווילד די רויטע ליכט־פֿלאַמען אויף משונה־צעקניטשטע פּנים׳ער. עס הויבען זיך אויף טיפע זיפצן און קרעכצן פון גרויסע יידן מיט בערד, וואָס זיצן צעבראָכענע אויף דער פּאָדלאָגע.

דוד׳ל קוקט אַריין אין דער קינה אויף די שוואַרצע בולט׳ע ווער־טער און די וויינענדיקע שטימע פון בעל־תפילה נאָגט אים דאָס האַרץ.

„די יידן זיינען פאַרטריבן אין דער פרעמד. די לעבעדיקפולע שטאָט זיצט וויסט ווי אַן אַלמנה. זי וויינט איינע אַליין אין מיטן דער נאַכט. איר טיפער קלאָג גייט אין אַלע וועלטן. טרערן גיסן אָן אויפ־הער אויף אירע באַקן און ס׳איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל איר טרייסטן!״

ער דערזעט ר׳ הירש׳ן, דעם גביר, אין זיין ברייט־ברוינעם שלאָפ־ראָק מיט די זיידענע בלומען, מיטן געפּרעסטן וויים־קלאָרן קאָלנער פון העמד, און ער ווערט אָפּגעקילט.

איז דען דאָס אומגליק אַזוי גרויס? נישט לאַנג איז ער געוועזן ביי ר׳ הירש׳ן. דער גביר וווינט זיך אין אַ סך גרויסע ליכטיקע צי־מערן. עס שטייט פּעסט־רייך מעבל און גרויסע שטילע שפּיגלען.

שיינע קינדער שפּרינגען אַרום אין די ליכטיקע צימערן, זינגען און קלינגען. עלטערע רוען אין געבעטע שטולן, ליגן אויף ווייך־פּלו־שענע קאַנאַפּעס.

און דער גביר אַליין, ער גייט זיך געמיטלעך אַרום אין זיין באַ־זונדער צימער אין אַ ברייטן שלאָפראָק, אין די ווייכע שטעק־לאַטשן, מיט דעם ביטער־שמעקעדיקן ציגאַר אין מויל. ער רויכערט און טראַכט זיינע גביר׳ישע מחשבות.

אויך די אַלע גביר׳ישע יידן, וואָס זיצן דאָ אויף דער מזרח־וואַנט. בעריש פּאָדריאַטשיק, לאָזער דער וואַלד־סוחר; דער גבאי, דער דאָזאָר. איז דען דאָס אומגליק אַזוי גרויס?

זיין בליק פאַלט ווידער אויפן גאַנצן בית־מדרש, אויף די אַלע פינסטערע יידן, אויף זייערע צעאַקערטע, משונה׳דיק־צעקנייטשטע פּנים׳ער, באַלויכטן פון די ציטערדיקע ליכט־פלאַמען, און זיין האַרץ ווערט אין אים צעגאַסן — דאָס זיינען אַלץ אָרעמע יידן, וואָס ער קען זיי גוט פון קינדהייט אָן. זיי מאַטערן זיך, זיי יאָגן זיך זייער גאַנצן לעבן נאָך אַ שטיקל טרוקן ברויט און זיי אַלע זיצן דאָ צעבראָכענע

אויף דער פּאָדלאָגע זיפּצן און קרעכצן. דאָס אומגליק איז גרויס, אָן א שיעור גרויס!

דער בעל תפילה האָט אויפגעהערט זאָגן. עס הערט זיך פון א זייט א טרוקענער אייליק-וואָכעדיקער קדיש. יידן שטופּן זיך איינגע־בויגענע, זוכן אויסגעטאָפּטע לאַטשן, שטיוול.

— גיי אַהיים, דוד'ל!

דער פאָטער שטייט איבער אים. זיינע אויגן זיינען איצט גרויס און קינדיש-קלאָר. דאָס פּנים רוט, באַלויכטן מיט א דורכזיכטיקער שטילקייט, ווי א הימל וואָס לייטערט זיך אויס נאָך א שטורעם.

— גיי אַהיים, לייג זיך. נאָר געדענק, למה"ש, געדענק, דוד'ל, אַז ס'איז תשעה באב, אַז דאָס בית-המקדש האָט געברענט היינט א גאַנצע נאַכט!

די לעצטע ווערטער האָט דער רב געשטאַמלט, אַרויסגערעדט מיט א פאַרשטיקט געוויין. ער האָט זיך אומבאַהאָלפן צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן שטיגל פאַרן אָרון קודש.

* * *

די פינסטער-קילע נאַכט האָט דוד'לען פּלוצלונג אָפּגעפרישט און ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט. דער הימל הענגט ברייט, פינסטער און טיף. עס שפּיגלען פון דאָרט אַראָפּ און בלאַנקען קלאָר גאָלד-רויטע, גרינע און בלוי-שטילע שטערנדלעך. עפּעס ברענען היינט די גאַסן־לאָמפּן אַזוי יום-טוב'דיק קלאָר!

די גאַסן זיינען ליכטיק און עס גייט אָן א געדיכטער שפּאַציר. אָט גייען צוויי מיידלעך. איינע רוימט דער צווייטער עפּעס איין אין אויער, און זיי קוקן צו אים מיט שטילע, שיינע בליקן. זיין האַרץ קלאַפּט הויך.

די שפּאַצירנדע קוקן אויף אים, אויפן ייִנגל מיט די פּיאות. עס זעען זיך ווייניק יידן, און ער דערמאָנט זיך — היינט איז תשעה באב!

וואָס גייט ער אין די גאַסן און שפּאַצירט? היינט איז דאָך תשעה באב! היינט איז געשען דאָס גרויסע אומגליק! היינט האָט דאָס בית המקדש געברענט א גאַנצע נאַכט!

ער דרייט זיך אַריין אין א פינסטער געסל און גייט גיך, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פון א געפאַר. אָט איז ער שוין פאַר זייער הייזל.

אין דער מיטל־שטוב איז קיינער נישטאָ. עס ציטערן שאָטנס אויפן סופיט און אויף די ווענט, ארום שוואכן שיין פון לעמפּל, וואָס שטייט אראָפּגעדרייט אויפן טיש.

ס'איז היינט דאָ אזא אומאָרדנונג, א בענקל ליגט אומגעלייגט. די גרויסע ברייטע קליידער־שאַנק שטייט אָפן, אויפגעפּראַלט ביידע טירן, און עס דאכט זיך ווי דאָרט וואָלט זיך איינגעגראָבן די פינסטערניש און דאָס אומגליק פון דער היינטיקער תשעה־באב נאכט!

ער עפנט די טיר אין קליינעם שטיבל אריין — א שטיל לבנה־פענסטער מיט פאָרהאַנגען לויכט אויף דער פּאָדלאָגע און אויף א שטיקל וואַנט. די מוטער ליגט אויפן בעט אין די קליידער.

— דוד'ל, ביזט שוין דאָ, גיי לייג זיך.

די ווערטער ציען זיך אזוי פויל און פרעמד. ער בויגט זיך צו צום בעט און בעט, ווי א זינדיקער, מיט א ציטער אין קול — מאַמעשי — כ'וועל באַלד גיין שלאָפן!

ער פאַרמאַכט צוריק די טיר און בלייבט אַליין אין דער האַלב־טונקעלער שטוב. ער וואַרפט זיך אויף דער קאַנאַפּע און קילט זיין הייסן קאָפּ אָן קאַלטע לעדער. ער קוועטשט שטאַרק צו די אויגן, נאָר ער זעט די צוויי מיידלעך, וואָס סוד'ען זיך און קוקן צו אים מיט שטילע, שיינע אויגן.

ער זעצט זיך אויף און קוקט אין דער שטילקייט — דאָס איז דאָך געשען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, טאָר ער היינט נישט ארום־גיין שפּאַצירן אין די גאַסן?

ער טוט אויס די שיך, בלייבט אין די זאָקן, און זעצט זיך אראָפּ אויפן אומגעלייגטן בענקל. ער רופט ארויס פאַר זיין געדאַנקען־בליק דאָס גרויסע, טונקעלע בית מדרש, מיט די אַלע יידן, וואָס זיצן, צע־בראָכענע, אויף דער פּאָדלאָגע. ער הערט זייערע זיפצן און קרעכצן.

ער שאָקלט זיך, זאָגט מיט א ציטער: „איכה ישבה בדד". די יידן זיצן פאַרטריבן אין גלות און וויינען אין מיטן דער נאכט. זייער געוויין גייט אין אַלע וועלטן, און ס'איז ניטאָ קיינער ווער ס'זאָל טרייסטן!

„פאָרווערטס", 19 אויגוסט, 1934

נפתלי, נעבעך

נפתלי איז דאַר און טרוקן. ער זיצט אַ גאַנצן טאָג אין זיין ני־דעריק שוסטער־בענקל, מיט אַ קיילעכדיק געבויגענער פּליִיצע, אַ לאַנגן האַלדז. דאָס קליינע היטעלע ליגט אויף אַ געדיכט־ברודיקע טשופּרינע און זיינע האָריק־מוסקולירטע הענט קלאַפּן פעסט מיט דעם האַמער אויף דער לעדער. דאָס פּנים איז פאַרוואַקסן מיט העל־האַרטע האָר, ווי אַ פאַרברענט גראָז, און גרינלעך־וואַסערדיקע אויגן.

רח'טשע, זיין יידענע, איז ברייט און ווייך. האַלב־נאַקעטע ברו־דיקע קינדער קריכן אַרום איבער דער פּאָדלאָגע און לאָזן איבער נאַסע פלעקן. דאָס שטיבל איז קליין און אָרים, נאָר אויף די ווענט הענגען רייכע, שאַרף־קאָלירטע בילדער.

דער שוואַרצער אָטעלאָ שטייט העלדיש און דערציילט וווּנדערלע־כע מעשיות. דער אַלטער פירשט זיצט זיך אויף דער שטול. דער גאַנ־צער קעניגליכער זאַל איז שטיל און הערט, נאָר די בלייך־שיינע דעס־דעמאָנע מיט די גרויסע הימל־אויגן הערט מער פון אַלעמען.

אויף דער צווייטער וואַנט הענגט דאָס בילד פון דעם קעניג שלמה, אַ בלייכער יונגערמאַנטשיק מיט אַ פּעך־שוואַרץ בערדל, זיצט אויף זיין הויכער קעניגלעכער שטול. נידעריקער זיצט דער סנהדרין — בלייכע יידן מיט קיילעכיק וואַטענע בערדלעך.

אַ ייד, אַ גזלן. די באָרד מיט זיין רויטן כאַלאַט ברייט־צעיאָגט פון גבורה און כעס, האַלט אַ נאַקעט קינד ביי אַ פיסל, גרייט מיט זיין שווערד איבערצוהאַקן עס אויף צווייען.

אַ יונגע פרוי שטייט שטייף, און, ווי זי וואָלט געזאָגט — צעשנייד!

אַ צווייטע יונגע פרוי פאַלט אים צו די פיס, און, ווי זי וואָלט געשריגן — האָב רחמנות, צעשנייד נישט!

נפתלי אַרבייט שווער. ער זיצט פון גאַנץ פרי ביז האַלבער נאַכט

און קלאַפּט. דעם לעצטן גראָשן גיט ער אויס אויף בילדער. ווען ער קוקט אויף אַזאַ בילד, האַלט ער אָפּן דאָס מויל און זיין האַריק פּנים שמייכלט מיט אַ שטומער פרייד.

ער קויפט אויך אַלע טאָג אַ בלאַט. ער האָט ליב צו הערן פון מלחמות, פון גרויסע געשעענישן אויף דער וועלט. ער אַליין לייענט נישט, ווייל ער האָט נישט קיין צייט, און עס נעמט אים באַלד שווינד־לען פאַר די אויגן. ווען אַ קונה זיצט אין די זאַקן און וואַרט אויף זיי־נע שיך, וויזט אים נפתלי מיט אַ פאַרסמאָלעטן פינגער: „דאָס שטיקל לייענט, איך בעט אייך".

דער קונה לייענט. נפתלי האַלט אָפן דאָס מויל, און הערט מיט אַ האַריק־צעצויגן פּנים. באַלד הויבט ער אָן פעסט קלאַפּן מיטן האַ־מער איבערן שטיק לעדער און זאָגט אַרויס זיין אייגענע מיינונג.

נפתלי שפּילט אויך אויף דער לאָטעריע. עס קומט צו אים אַריין אַ ייד מיט צעטעלעך. אַ טונקל־געקנייטשט פּנים, גרויסע טרויער־גלאַנ־ציקע אויגן און אַ צעוואַקסענע באָרד. אַ לאַנגער פּאַלטן, שווייסיקע קלאַפּעס און שטילע טריט.

נפתלי גיט אים עפּעס געלט. דער ייד פאַרשרייבט אין אַ קליין ביכעלע, ווינטשט מיטן גרויסן געווינס און גייט אַרויס. דאָס ווייב שרייט:

— ער וואָלט גלייכער עפּעס אין שטוב געקויפט!

ער קלאַפּט מיטן האַמער איבערן שטיק לעדער, און רעדט הויך:

— דו ביסט אַ יידענע, און דו האָסט נישט קיין קאָפּ צו דעם! אַז איך שפּיל לעב איך, און איך האָב אַ האָפענונג, דו פאַרשטייסט!

נפתלי איז פאַרקאָכט אין ארץ ישראל. ער האָט עס ליב צו הערן אַרויסלייענען פון דער צייטונג. ווען עס קומט אַריין אַ קונה וואָס נפתלי ווייסט אויף אים, אַז ער קען, גיט ער אים אַ פרעג:

— פון וואַנען ווייסט מען דאָס, אַז ארץ ישראל האָט טאַקע געהערט צו יידן?

— דאָס לאַנד אַליין איז אַן עדות. די איבערגעבליבענע וואַנט פון אונדזער בית המקדש, די קברים פון די אבות, פון אונדזער מו־טער רחל. די קברים פון יידישע קעניגן, נביאים און תנאים.

נפתלי הערט עס מיט פייכט־בלאַנקענדע אויגן. ער שרייט אויס:

— טאָ וואָס זיצן מיר דאָ, מען האָט דאָך אונדז אָפּגענעבן אונ־דזער לאַנד, דאַרף מען פאָרן...

ער קלאַפּט פּעסט מיטן האַמער איבערן שטיק לעדער. באַלד בלייבט ער שטיין מיטן האַמער אין דער לופטן:

— ענגלאַנד וועט נישט אַריינלאָזן?

ער לאָזט אַראָפּ דעם האַמער, זיצט פאַרטראַכט, און רוט מיט נאַקעט־האָריקע הענט. ער נעמט זיך צוריק צו דער אַרבייט:

— אַז מען וועט פאָרן אַלע צוזאַמען, מיט ווייבער און קינדער, וועט מען אַריינלאָזן!

נפתלי באַרימט זיך, אַז ער קומט אַרויס פון אַ שיינער משפחה. זיין טאַטע עליו השלום איז געווען אַ שטאַרקער לערנער, ער האָט גע־לערנט אין גרויסע גמרות. ער, נפתלי, האָט נישט געוואָלט, ער טויג אויף כפרות, נאָר דערפאַר האָט גאָט אים געשענקט אַ זון, משה'לע, מיט אַ קעפּל. ער וועט זיך צו אים פעסט נעמען. ער וועט אויך זיין אַזאַ שטאַרקער לערנער ווי זיין טאַטע עליו השלום איז געווען!

ווען משה'לע קומט פון חדר, קריכט ער אונטערן ווערקשטעל, העלפט דעם פאָטער. נפתלי טרייבט אים אַוועק:

— גיי, דאָ איז נישט דיין אָרט, נעם דאָס חומש'ל!

משה'לע שאָקלט זיך, פאַרטייטשט און זינגט מיטן ניגון פון חדר. נפתלי זיצט, אַוועקגעדרייט פון ווערקשטעל. זיינע נאַקעט־האָריקע הענט רוען, דאָס מויל אָפן, דאָס האָריק־שטומע פנים איז באַלויכטן פון אַ ווייטע בענקשאַפט. רח'טשע, זיין ווייב, שטייט, האַלט די הענט אויף ביידע באָקעס און רעדט:

— מיין צדיק, אַ קראַפּט אין זיינע ביינער אַריין! — זי כאַפּט אים אָן פאַר אַ הענטל און שלעפּט אים אַוועק — קום עסן, ער לאָזט אים צומאָל נישט אָפּעסן!

נפתלי גיט זיך אַ שטעל אויף מיט אַ קאָפּיטע אין דער האַנט. ער שטייט אַ בלאַסער. ער לאָזט אַראָפּ די קאָפּיטע און זעצט זיך צו־ריק אין זיין נידעריק בענקל. רח'טשע שרייט:

— אַ גוי, אַ גזלן איז ער, בראַנדיק זאָל ער ווערן!

נפתלי קלאַפּט מיטן האַמער איבערן לעדער און רעדט הויך:

— אין דער סאַמער מיט פּאָרט זי מיר אַריין! אַז כ׳וועל איר אַמאָל געבן מיט אַ קאַפּיטע אין דער זייט, וועט זי אַ מיתה משונה איינגעמען!

אַ גאַנצע וואָך גייט נפתלי אין לעדערנעם פאַרטוך, מיט נאַקעט-האָריקע הענט, און איז אַ שוסטער. שבת איז דער ווערקשטעל אַוועק-געשטעלט, פאַררוקט אין אַ ווינקל און איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. דער טיש שטייט אין מיטן שטוב, אַ טישטוך מיט פאַרביקע בלומען און ליכט ברענען אין גרויסע געזילבערטע לייכטער.

נפתלי זיצט אין זיין געהאַקט-טוכענע קאַפּאָטע, האַלט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש. פאַר אים ליגן צוויי חלות איבערגעדעקט מיט אַ טישטוכל און אויסגענייט מיט ראָז-זיידענע אותיות — „שבת״.

זיין בליק שוועבט אויף די זילבער-פינקלדיקע לייכטער, אויף די ליכטיקע פנימ׳לעך פון די געוואַשענע קינדער און אויף זיין קלאָר-קיילעכדיק ווייב, וואָס גייט אין ווייסן. ער זיצט און רוט, און פילט דעם שטיל-ליכטיקן תענוג פון שבת, נאָר ער איז אויך שטייף און שטרענג ווי אַ בעל הבית. די אויגן קלעבן זיך אים, מיד פון אַ גאַנצער וואָך אַרבייט, און ער שטעלט זיך אויף מאַכן קידוש.

נפתלי האָט פיינט צו גיין אין דער גרויסער שול, ווו עס דאַוונט דער פּראָסטער עולם. ער האָט ליב צו דאַווענען אין בית-מדרש, ווו חסידים שאָקלען זיך, און ס׳איז וואַרעם, ליכטיק מיט אַטלאַסענע פּלייצעס. ער האָט משה׳לען געקויפט אַ סאַמעטן היטעלע און זיך האָט ער געמאַכט אַ זיידענע קאַפּאָטע.

די קאַפּאָטע האָט אים געמאַכט זיינער אַ קאָלעגע, אַ דאַמסקי שניידערל. זי איז געלעגן אויף אים געפּאַסט, קיילעכדיק-געבעט, מיט אַ שמאָלער טאַליע און אַרויסגעזעצטע באָקעס. נפתלי האָט אויסגעזען ווי אַ געטאָקטע דאַמע.

דאָס גאַנצע בית-מדרש האָט אויף אים געקוקט. אַ ליץ איז צו-געקומען, באַוווּנדערט די קאַפּאָטע, געגלעט מיט די הענט די צוויי קיילעכדיקייטן, אַראָפּ צו דער שמאָלער טאַליע און איבער די אַרויס-געזעצטע באָקעס. ער האָט געטראַפן, אַז דאָס קלייד האָט געמאַכט אַ דאַמסקי שניידער. חברה האָט אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

נפתלי האָט שטיל געברענט, געוואָלט אַז דאָס דאַוונען זאָל זיך שוין ענדיקן, און ער זאָל קענען אַרויס אין פינסטערן דרויסן. נאָר דאָס דאַוונען האָט זייער לאַנג געדויערט.

און פון יענעם שבת אָן, ווען דאָס ווייב פּרעגט אים מיט אַ שמייכלדיק מינעלע, צו געבן אַ טשעפּ „דעם חסיד", פּאַרוואָס ער טוט ניט אָן די זיידענע קאַפּאָטע, ווערט ער אָנגעצונדן און שעלט זי מיט טויטע קללות.

נפתלי דאַוונט שוין איצט אין שול צווישן אייגענע. איינמאָל, אַ פרייטאָג־צונאַכטס, האָט ער זיך געוואָלט אַרויסרוקן פאַר אַ שיינעם בעל־הבית און גענומען אַהיים אַן אורח. דאָס איז געווען אַ נידעריק יידל, אַ קיילעכיגס, אַ פעטס, מיט גרוי־פאַרדרייטע פּאה'לעך, רויטע בעקעלעך אונטער די אויגן, מיט אַ פּוך באַוואַקסן און גרין־שאַרפע אייגלעך.

דאָס יידל האָט דערזען צו וועמען ער גייט עסן, האָט ער זיך גע־נומען אויפפירן ווי אַ שיינער ייד — ברייט און חוצפּה'דיק. ער גייט הין און צוריק איבערן ליכטיק־קליינעם צימערל און שרייט:

— שלום עליכם, אַי געוואַלד, מלאכי השלום! — און פּאַטשט שטאַרק מיט די הענט.

נפתלי זיצט ביים טיש, וואַרט און אָטעמט קוים, ווי אַ שווערע משא וואָלט אויף אים געלעגן.

דאָס יידל וואַרט נישט מען זאָל אים געבן. ער שניידט זיך אַליין חלה, גיסט אָן נאָך אַ גלעזל בראָנפן און ער זאָגט צום בעל־הבית דו.

נפתלי זיצט שטייף און קוקט אויף דעם יידל מיט אַ פרעמד־צעצויגן פּנים. רח'טשע שטייט ביים קעבל, שמייכלט און ווינקט אַהער צום מאַן. נפתלי גיט אַ שמייכל, נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַ בעל־הבית און ווערט שטרענגער, גיט אַ געשריי:

— משה'לע! — און שטופּט אים צום יידל — ער קען שוין אויך. גיי נאָר ברענג דאָס חומש'ל!

דאָס יידל שטופּט צוריק אָפּ דאָס יינגל, שאָקלט זיך און זינגט:

— דער קלוגער שלמה האָט אַזוי געזאָגט. יעדע זאַך האָט זיין

צייט: אַ צייט איז צום וויינען און אַ צייט איז צו פרייען זיך! אַ צייט איז צו עסן, און אַ צייט איז צו לערנען!

נפתלי איז געוואָרן ווייס, נאָר ער האָט זיך שטאַרק איינגעהאַלטן. ביי די פלוימען האָט דאָס יידל אויסגעקראַצט מיטן לעפל, און אויסגעזופט מיטן טעלערל. ער צעשאָקלט זיך, קנייטשט דאָס פנים און טראַכט — ווי מאַכט מען דאָ צו באַקומען נאָך אַ ביסל פלוימען?

ער האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה מיט אַ רבי'ן, און ביים סאַמע סוף איז ער געבליבן שטיין — דו וועסט באַלד עפּעס הערן וואָס זיי קענען, אַ וווּנדערלעכע זאַך, היים דיין ווייב געבן נאָך אַ ביסל פלוימען!

נפתלי האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף און געכאַפּט אַ שטול — אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין!

דאָס יידל איז פלינק אַרויס. נפתלי האָט אַראָפּגעכאַפּט פון משה'לען דאָס סאַמעטענע היטל, געוואָרפן צו דער ערד. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון שאַנק די ניי־זיידענע קאַפּאָטע און געוואָרפן צו דער ערד.

רח'טשע קוויטשעט מיט אַ ספּאַזמאַטיש געלעכטער.

„פאָרווערטס", 3־טן מערץ, 1935

מעכל

מעכל איז א פּליציקער ייד, מיט א גאַל־ווייס פּנים און עטלעכע שיטערע האָר ארום דער גאָמבע.

ער עלטערט זיך גאָרנישט. שוין עטלעכע צענדליק יאָר איז ער דער זעלבער, מיטן גרויסן פּאַק אריבערגעוואָרפן איבערן אקסל.

ער טראָגט, סיי זומער, סיי ווינטער, א כאַלאַטל. ווינטער איז עס אויף אים קיילעכדיק ארויפגעצויגן, א הויט אויף א גראָב־וואַטענעם שפּאַנצער. זומער איז עס ברייט און פאַלדיק. זיינע גרויסע גרויע שטיוול קלינגען צו מיט א לויז שטיקל פּאַדקאָווע.

גאַנץ פרי קומט ער מיטן פּאַק אין בית־מדרש אריין, און ער איז שוין איבער אַלע מנינים. אויפן טיש צעלייגט ער זיין סחורה: טלית־קטנ׳ס, ציצית, ספרים׳לעך, מעשה־ביכלעך.

ער זיצט אויף דער לאַנגער באַנק, ביי דער וואַנט, און שאָקלט זיך אין דער ברייט, הין און צוריק, ווי אַן אומרו פון א זייגער. די גאָמבע, מיט די עטלעכע שיטערע האָר, רודערט זיך — ער זאָגט „פון פּאָרנט״.

א יידל שטייט ביים טיש, האַלט א ניי ספר׳ל, בויגט אָפּ א בלעטל און קוקט אריין. מעכל רעדט צו אים:

— לייג אַוועק; ס׳איז דאָך נאָך נישט אויפגעשניטן!

דאָס יידל ענטפערט און קוקט ווייטער אין ספר׳ל אריין:

— ווער הייסט דיך נישט אויפשניידן?

לייג אַוועק, דו מאַכסט מיר א תל פון ספר׳ל!

איצט הויבט דאָס יידל אויף דעם קאָפּ און ענטפערט:

— און אפשר וויל איך עס קויפן, ווייל איך דאַרף צום ערשטן זען וואָס דאָס איז אזעלכעס!

— אויף דעם איז דאָ אַ פּאָדערבלאַט. דו ווילסט אדורכקוקן דאָס ספר׳ל. לעג שוין אוועק.

דאָס יידל לייגט אוועק דאָס ספר׳ל, גיט אַ שמייכל און אַ ווינק אויף מעכלען.

— אַ קלוגער!

אַ ייד, אַנגעטאָן אין טלית, נעמט אַ ספר׳ל, באַקוקט און וואַרפט צוריק אויפן טיש; נעמט אַ צווייטס, אַ דריטס, באַקוקט און וואַרפט צוריק.

— אַלץ באַקוקט, און קויפן וועט איר.

— ברענג עפּעס רעכטס, וועל איך ביי דיר קויפן.

— אַז מ׳וויל ניט קויפן, וואַרפט מען נישט יענעמ׳ס סחורה!

— זעט׳ס נאָר דעם יחסן, ער לאָזט גאָרנישט באַקוקן קיין ספר!

— קוקן מעג מען, נאָר נעמען און וואַרפן — נישט. איר פאַרשטייט?!

— אַ חוצפּה און העזה פון אַ גראָבן יונגאַטש. ער האָט שוין דאָ, אין שטעטל, אָנגעזאַמלט אַ מאַיאָנטעק. איך וועל אראָפּברענגען אַ ביסל ספרים און לייזן אונטערן קרן.

אַ בחור שטייט און לייענט אַ מעשה־ביכל. מעכל רעדט צו אים:

— און אפשר קען שוין זיין גענוג געלייענט?

דער בחור ווייזט אים אויף מיט אַ האַנט.

— וואָס האָסטו דאָ היזק?!

— איך האָב היזק, לייג אוועק.

— באַלד. איך וויל וויסן, וואָס ס׳איז דאָ געוואָרן דער סוף.

— קויף דאָס ביכל, וועסטו וויסן. הער נאָר, ער וויל וויסן דעם סוף. דאָס איז דאָך די קונץ פון אַ מעשה־ביכל!

ער שמעלט זיך אויף און שטרעקט אויס די האַנט נאָכן ביכל. דער בחור גיט זיך אַ רוק אָפּ, מאַכט גרויסע שפּרייזן אַרום טיש און לייענט. ער לויפט אים נאָך.

מעכל האָט אַ ווייב מיט קינדער. ווען די קינדער זיינען געווען

קליין, פלעגט ער נאָך צושטייער־געבן אויף פּרנסה. איצט גיט ער נישט, נאָר דאָס דירה־געלט, וואָס ער צאָלט.

דער בחור אַרבייט ביי סטאָלערײַ. די מיידלעך דינען אויף „שטעלן”, און דאָס ווייב גייט צו מענטשן וואַשן וועש.

ער קויפט פאַר זיך אַליין עסן, ווי אַ בחור. ער קויפט סמעטענע, קעז, רעטעכלעך, מישט אַלץ צוזאַמען אין אַ טעלער און עסט. ווען ער האָט צופיל, לאָזט ער איבער און זאָגט:

— נעם אַ ביסל, ס'איז גוט.

דאָס ווייב, אַ טונקעלע, דאַרע יידענע, נעמט צו דעם טעלער.

און אַזוי, שווייגענדיק, נעמט איינער ביים צווייטן, וואָס אים קומט. מ'לעבט צוזאַמען און מ'האָט קינדער. ווען דאָס קינד ווערט גרעסער, קריגט ער זיך מיטן ווייב.

— געגנוג געגעבן. וואָס עפּעס געבן. ווער גיט מיר. אַ קינד דאַרף מען אונטערהאַלטן. אַ מענטש דאַרף אַליין גיין אויף זיינע פיס.

אַ סך מאָל, אויף שבת, אויף אַ יום־טוב, לאָזט ער זיך אַוועק קיין וואַרשע, פּרייטיק, גאַנץ פרי, זעט מען אים גיין אויפן שאָסיי.

מיט דער באַן פאָרט ער נישט. מ'קוועטשט זיך אַריין אין אַן ענגעניש. מ'שוויצט, ס'טרייסלט, ס'קלאַפּט, און איידער מ'קוקט זיך אום, איז מען שוין אין וואַרשע. פון אַזאַ רייזע האָט מען נישט קיין הנאה, און ס'קאָסט צופיל געלט.

מעכל גייט צופוס. דער הימל איז הויך און בלוי. די זון ברענט פון דער סאָמער מיט אַראָפּ. דער שאָסיי איז ווייס און לײַדיק. איין מענטש גייט, מיט אַ שטיקל שאָטן ביי דער זייט.

עס פאָרט אָן אַ פּויעריש פורל. אפשר וועט ער זיך קענען אויפ־כאַפּן און פאָרן אַ שטיקל וועג. אויף אַ פורל, מיט אַ ביסל פריש היי, איז געשמאַק צו פאָרן. ער האָט נישט קיין מורא, ער האַלט אַ גראָבן סענקעוואַטן שטעקן.

אין מיטן וועג רוט ער זיך אָפּ. ער זעצט זיך, נעמט אַרויס ברויט מיט קעז און עסט. דערנאָך ציט ער זיך אויס אין ווייכן גראָז. ער האָט הנאה פון דער גרויסער לײַדיקער שטילקייט, וואָס גייט פון די ברייטע פעלדער.

זיין געראַנג קוקט צום שטעטל, צו די יידעלעך דאָרט, וואָס איילן זיך און האָבן קיין מאָל נישט קיין צייט. ער שמייכלט — די ווייבער האַלטן די לייצן מיט דער בייטש און שמייסן די פערד.

— אמת׳ע פערד, — לאַכט ער, אַרויסוויייזנדיק זיינע גאַנצע וויי־סע ציין — ער דאַרף פאַר איר אַרבייטן, ווייל זי איז אים א ווייב. דאַרף זי דאָך פאַר דיר אַרבייטן, ווייל דו ביזט איר אַ מאַן.

קינדער. און דאָס איז אַ ליגן. פון קינדער ווערן מענטשן, און מענטשן זיינען דאָ אַ סך. איין מענטש זאָרגט נישט פאַרן צווייטן.

אין וואַרשע דאַוונט ער אין אַ שול, ווו עס קומען רייכע בעלי בתים, און מ׳נעמט אים מיט אַהיים, ווי אַן אורח.

דער טיש פינקלט מיט גלאָז און זילבער, און איז באַלויכטן מיט קלאָרע פנימ׳ער פון פרויען און קינדער. מעכל שלינגט די פרישע אייער־חלה און עסט מיט הנאה דאָס שטיק געפילטע פיש.

דער בעל הבית קוקט צו אים זייטיק. ער זעט ווי זיין אורח איז אויסגעהונגערט, דערלאַנגט ער אים מיטן גאָפל פון זיין טעלער נאָך אַ שטיק פיש און ריקט אים צו אַ האַלבע חלה.

דער בעל־הבית, מיט אַ קיילעכדיק־ווייס פנים און מיט אַ שפּאָר בייכל, אַן איבערגעזעטיקטער, וואָס פילט שוין נישט אין עסן קיין שום הנאה, איז צופרידן, וואָס ער קען פטור ווערן פון זיין פאַרציע.

די קינדער קוקן אויף דעם יידן, ווי אויף עפּעס אַ וווּנדערלעכע נייעס, אויף זיין ביינערדיק פּנים, וואָס ציטערט ביים עסן, און די נאַ־קעטע גאָמבע מיט די עטלעכע שיטערע האָר טאַנצט אונטער.

נאָכן עסן גייט ער נעכטיקן אין בית מדרש אַריין. די גרויסע שול איז טונקל, באַלויכטן פון נר־תמיד אויף דער וואַנט, נאָר דאָס בית־מדרש׳ל, ביי דער שול, איז אויסגעלאָשן און פינסטער.

מעכל טראָגט מיט זיך אַ פלאַש קוואַס. ער האָט אין געוועלבל באַצאָלט פאַר צוויי פלעשער. אויף היינט, נאָכן עסן, און אויף מאָרגן. ער קלאַפּט אָן, און בערעלע, דער אונטער־שמש, רינגלט אויף.

די פענסטער לויכטן אַריין מיט דער שטילער טונקלקייט פון דער נאַכט, און מעכל הויבט אָן צו זען דעם שולחן, די בענק. ער רוקט צו

זאמען צוויי בענק, אויף א ברייט געלעגער. דאָס פינסטערע בית־מדרש אָטעמט און קרעכצט.

— וואָס איז דיר, בערעלע?

— ס'איז מיר שווער, נאָכן מאָלצייט.

מעכל טוט אויס דעם לעטניק, מאַכט א קנויל און לייגט צו־קאָפּנס. ער צעלייגט זיך.

— וואָס האָסטו אַלץ געגעסן? דערצייל.

— קידוש האָט מען געמאַכט איבער עכטן כרמל־וויין. שפּירטעס זעקס־און־ניינציקער. לעקעך און שטרודל. גוטע חלה, פיש, לאָקשן מיט יויך, הון, קאָמפּאָט, מערן־צימעס. ביר איז געווען גענוג.

— דו ביזט א שוואַך מענטשל, דו טאָרסט נישט אַזוי פיל עסן.

— א גאַנצע וואָך עס איך נישט. ס'קומט שבת, וויל איך עסן, און איך קען נישט.

עס הערט זיך א זשליאָקען. מעכל טרינקט פון דער פלאַש. ער אָטעמט אָפּ פון ווילטאָג.

— איך וועל דיר געבן אַן עצה. פון יעדער פּאָרציע עס עפּעס. דאָס איבריקע לייג אַראָפּ אין דער קעשענע.

— האָסט א פלאַש קוואַס גיב מיר אביסל צו טרינקען.

— דו ביזט א מערדער. דו האָסט גאָרנישט קיין רחמנות אויף קיין מענטשן. אויף א גאַנצע נאַכט האָב איך נישט מער ווי דאָס איי־נע פלעשל.

— קוואַס האָט גאַז. עס וואָלט מיך אויפגעלייזט און עס וואָלט מיר געוואָרן גרינגער.

— איך וועל דיר נישט געבן. איך האָב דאָס איינע פלעשל. פרעס נישט אַזוי פיל. מאָרגן זאָלסטו פון יעדער פּאָרציע אַראָפּלייגן אין די קעשענעס און ברענגען אהער — דו הערסט?

א פנימ'ל, מיט אַן אַרויסגעשטאַרט בערדל, שמייכלט אין דער פינסטער.

— מאָרגן וועסטו ווערן דערוואָרגן. וועסט אַרומלויפן און קוויטשן, ווי אַן אָפּגעבריט חזיר.

— איך האָב אויך היינט געהאַט אַ גוטע סעודה, דאָפּלטע פּאָר־ציעס.

ס'הערט זיך אַ כליאָקען, אַ טרינקען פון דער פלאַש. ער אָטעמט אָפּ, פון ווילטאָג.

די פענסטער לויכטן אַריין טונקל און שטיל. מעבל ליגט צעלעגט אויףביידע בענק און כראָפּעט. אַ שמאָל מענטשעלע, מיט אַן אַרויס־שטאַרט בערדל, שטייט אויף די קניען און בויגט זיך אַריבער איבערן שלאָפנדיקן.

דאָס מענטשעלע רודערט זיך און באַוועגט זיך שטיל. ער האַלט שוין דעם אָנגעפּאַקטן בייטל. מ'דאַרף איבערשניידן דאָס שטריקל. מעבל כאַפּט אים אָן די האַנט און גיט זיך אַ זעץ־אויף.

— דו האָסט מיך געוואָלט באַ'גנב'ענען!

— עס איז מיר נישט גוט געוואָרן, בין איך געקומען דיך אויפּ־וועקן. דריק מיר נישט די האַנט, עס טוט דאָך מיר שטאַרק וויי!

— איך וועל דיך נישט איבערגעבן צו פּאָליציי און איך וועל ניט מאַכן קיין גערודער, נאָר איך וויל, דו זאָלסט געדענקן.

— לאָז אָפּ! אוי, עס טוט מיר שרעקלעך וויי! איך קען נישט מיט דער האַנט רירן!

— איצט גיב דאָס נעזל. אָט אַזוי. איך וועל עס דיר איינפּלעטשן.

— געוואַלד!

— דו וועסט קיינעם נישט באַ'גנב'ענען?

— ניין!

— וואָס, ניין?

— איך וועל קיינעם נישט באַ'גנב'ענען!

— איצט, קום נאָר צו מיר. איך וועל דיר דאָרט קוועטשן.

— דאָ נישט! איך וועל חלש'ן!

— וועסטו מיך פאָלגן?

— איך וועל פאָלגן!

— מאָרגן, פון דער סעודה זאָלסטו מיר ברענגען האַלבע פאַר־
ציעס!

— איך וועל ברענגען!

— און איצט קום, דו וועסט ליגן אין הויז. שטענדיק, ווען איך
וועל דאָ נעכטיקן, וועסטו ליגן אין הויז.

ער מאַכט אויף, שטופּט אים אַרויס, פאַרמאַכט צוריק די טיר
און פאַרריגלט. ער לייגט זיך אויף זיין געלעגער.

— דער שד וואָלט מיך באַ׳גנב׳עט, ווען איך כאַפּ זיך נישט אויף.
פון הויז טראָגט זיך איבערן פינסטערן בית־מדרש בערעלע׳ס
קרעכצן און זיין געוויין.

„פאָרווערטס", 5־טן נאָוועמבער, 1939

אריה׳לע

ער פלעגט זיצן ביים אויוון, די הענט ארונטער, אויף דיווארעמע קאכלעס, דעם קאפ ארויפגעלאזט און די אויגן צו.

דאס פנים האט מען ווייניק־וואס געזען — אנ׳אלט בארנקאווע היטל, א שטיקל ארויסגעשטעקט בערדל, ברודיק־גלאנציקע קלאפעס פון א באלאטל, וואס איז קיילעכדיק־נעט אנגעצויגן אויף אלעם און מיט א שטריקל ארומגעבונדן אויף די לענדן.

מער פון אלעם האט מען געזען די גרויסע הארטע שטיוול, וואס עס האט זיך געדאכט, אז זיי שטייען גלאט־אזוי אוועקגעשטעלט ביים אויוון מיט די ברייט־קרומע כאלעוועס.

ווי קען מען איצט שלאפן, אז דאס בית־המדרש איז פול מיט אידן. דער בעל־התפילה שטייט ביים „ברעטל" און זינגט הויך פסוקים תהלים, און דער עולם ענטפערט, ווי א גערויש פון א ברייטן טייך.

אריה׳לע שלאפט נישט. זיינע ליפן רודערן זיך. ער זאגט שטיל מיט דעם תהלים און פון צייט צו צייט הויבט ער אויף דעם קאפ און שרייט אויס מיטן גאנצן עולם:

— אלי, אלי, למה עזבתני! —

מען זעט דאן א געל צעקנייטשט פנים, ארומגעזוימט מיט א שיטער־בלאנד בערדל. ער גענעצט מיט א ליידיק מויל. ערגעץ־ווו א קרום־געלער צאן, א שטיקל שווארץ־פארפוילטער פיען.

און ווידער לאזט ער אראפ דעם קאפ און פארמאכט די אויגן.

אריה׳לע איז די צווייטע האנט פון שמש. ער קערט אויס און הייצט דעם אויוון. ראש־חודש אדער א יארצייט, ווען א בעל־הבית גיט עפעס דעם שמש, פארגעסט ער אויך נישט אריה׳לען איבערצולאזן א פאר גראשן:

וואָס דאַרף ער דען מער — אויף אַ שטיקל ברויט מיט אַ ביסל הייס וואַסער איינצוטונקען. עפּעס אַנדערש קען ער נישט פאַרדייען.

עס טרעפט אַמאָל אַז אַריה׳לע איז צעררודערט און בייז אויף מענטשן. דאַמאָלס האַלט ער אָפן די אויגן, און דאָס שמייכעלע ביים ווינקל־מויל איז גאַליק־פאַרקנייטשט.

ער קוקט איבערן בית־המדרש, רעדט עפּעס אומפאַרשטענדליכעס מיט זיין ווייך־איינגעפאַלן מויל:

— אָ, ער פאַרמאָגט אַ שטיינערן הויז... די זין, די איידעמס בעלי־בית׳עווען, און ער האָט דאָ צייט צו גרעגערן, אַ גוט פוטערל, אַ פלושן קאַפּעלושל, אַ וויים בערדל מיט רויטע בעקעלעך. ער האָט נאָך ליב אַ זים צימעסל. דער פעטער וואָרעם!...

אַ יונגערמאַן, וואָס ליגט צו אַ האַנט צו אַ הייסער קאַכלע פרענט:

— וואָס פּאָנפעסטו, אַריה׳לע? —

אַריה׳לע הויבט אויף אַ לאַכעדיק פּנים און ענטפערט הויך:

— אַ פעטער וואָרעם האָט ליב אַ זים צימעסל.

— כ׳פאַרשטיי נישט, דו רעדסט שטות.

דער יונגערמאַן גייט אַוועק.

— הע־הע, דו ביסט אַ דראָנג, פאַרשטייסטו נישט! — לאַכט אַריה׳לע נאָך מיט אַ קיצעלדיק געלעכטערל.

ער קוקט איבערן בית־המדרש און רעדט ווייטער:

— אָ, דאָס געפּאַסטע יונגערמאַנטשיקל! בלויע איינגעלעך, זאַפּ־טיקע ליפּעלעך און אַ געשניצט בערדעלע... אין דער היים האָט ער אַ מלוכה מיט ווייבער, און דאָ אַהער קומט ער!... ער מיינט, ער וועט גאָט אויך אַזוי גנב׳ענען, ווי ער גנב׳עט לייט!...

— אָ, דער ייד מיטן בייכל קרעכצט און זיפצט נור... הבלי־עולם, חיי־שעה, כצל עובר... און ער פאַרמיידט נישט קיין ברית און קיין התונה!...

— אָ, דאָס אַדמיניסטראַטאָרל, מיט די געפּוצטע שטיוועלעך. אַ ברייט־פאַרקעמטע באָרד מיט קלאָרע ברילן, אַ גנב!...

עס קומט צו אַ ייד, וואָס זאָגט „קרבנות” און ווישט דערביי

ביידע נאָסע הענט אויף די הייסע קאַכלעס, אַנ׳אַרט האַנטוך. דער ייד בויגט אָן דעם קאָפּ צו אריה׳לען:

— וואָס זאָגסטו, כ׳הער נישט.

— הע־הע, ער איז באַוואַקסן, ווי אַ בער, אין די אויערן האָר, וויל ער הערן! בער! בער! — צעשיט זיך אריה׳לע אין אַ קיצעלדיק געלעכטערל.

ער זיצט ביים אויוון, קוקט אויף די מענטשן און זעט זייערע פּלעקן. עס העלפט נישט זייער זאָגן און דאָס פאַרהיקלן זיך מיט טליתים.

ער קוקט מיט זיין געל הורבה־פּנים און גאַליק־פאַרקנייטשטן שמייכעלע, רעדט, רעדט מיט זיין איינגעפאַלן מויל און צעשיט זיך אין אַ קיצעלדיק געלעכטערל.

מענטשן זעען דאָס און טראַכטן: אַ נאַר, אריה׳לע.

עס וואַקסט אין אים אַ שטורם, און ער האַלט נישט אויס. ער שטעלט זיך אויף, גייט צו צום שולחן און גיט אַ קלאַפּ. ער ווערט פּלוצלונג הויך און שרייט:

— אין גאַטס הויז קריכן אַרום ווערים! מען זעט זייער מיאוס־קייט און מען פילט זייער מיסט!

יידן קומען צו. זייערע ליפּן מורמלען „קרבנות", און די טונקעלע פּנים׳ער לויכטען אויף מיט אַ נייגיר־שמייכעלע.

— אריה רעדט אמת׳ע רייד — מאַכט איינער אַנ׳ערנסט פּנים.

— איך רעד אמת, נאָר דו רעדסט ליגן! — רופט זיך אָפּ אריהלע.

— אַריה׳לע, מאַך דיר אַריין ציין, מען פאַרשטייט נישט קיין וואָרט!

אַ בעל־הבית גייט פאַרביי:

— אריה איז שוין אַרויס פון די האַלאַבליעס, ער רעדט שוין על ד׳ ועל משיחו. לאָז זאָגן „קרבנות", מען גייט דאַווענען מנחה!

אריה׳לע גיט אַ קלאַפּ אויפן שולחן:

— טס׳זאָגט שוין אַזוי צוויי טויזנט יאָר! ס׳קען נישט אַרויף, אייער מיסט שווערט אַראָפּ!

— טס׳הערט, ער הייסט נישט זאָגן, ער הייסט נישט דאַווענען!

— אַנ׳אַפּיקורס!

— מ׳דאַרף אים מאַכן אַ משכנתא!

— אַ שברי־כלי. רירט׳ס אים נישט, ער וועט צעפאַלן!

— איך אַלע וועט צעפאַלן! איך נישט! איך נישט!

אריה׳לע גייט צוריק צום אויוון. דער עולם דאַווענט מנחה. בעת׳ן דאַוונען קומען אַן אָרימע יידן, מיט שוואַרץ־צעקנייטשטע פּנים׳ער און בליציק־הונגעריקע אויגן. זיי קומען אייליק מיט זעקלעך, מיט פּעקלעך, אַריינכאַפּן אַ מנחה — אריה׳לע דערזעט זיי — קריגט ער חרטה אויף זיינע פריערדיקע רייד.

און, ווען קיינער איז נישטאָ אין בית־המדרש, פאַלט ער צו צום ארון־קודש און וויינט אַריין:

— גאָט, זיי מיר מוחל, איך האָב גערעדט שלעכטס אויף דיינע אָרימע יידן, זיי מיר מוחל! איך בין אַ שלעכטער מענטש, כ׳בין ער־גער פון אַלע!

— — — —

ביינאַכט, ווען דער לעצטער ייד גייט אַרויס, פאַרמאַכט אריה׳לע די טיר פון אינעווייניק, אויפן קייטל. ער נעמט אַרויס דאָס באַליבסטע ספר זיינס, דעם זוהר.

זיין פּנים לויכט. ער שוועבט איצט אַרום אין גרויסע ברייטע וועלטן, אין אַ שיעור ליכטיקע היכלות, און עס ברענען אותיות, ווי גאָלדענע זונען! ער זעט מלאכים, שרעקליך־גרויסע. ווי וועלטן... שטראַלענדע פּנים׳ער פון צדיקים... און גאָט איז העכער פון אַלע, און באַהאַלטן... קיין שום אויג, און קיין שום ליכטיקייט קען אים נישט זען!

ווען ער פאַרמאַכט דאָס ספר, שפּאַנט ער נאָך לאַנג, אַהין און צוריק, איבערן שטיל־ליכטיקן בית־המדרש.

עס איז נישט מער דאָס צעבראָכענע אריה׳לע, וואָס זיצט ביים אויוון. זיין גוף איז אויסגעגלייכט, די גלידער מיט כוח אָנגעגאָסן, דאָס פּנים לויכט און ער שרייט אַלע מאָל אויס:

— גאָט איז גרויס! גאָט איז גרויס!

ער שליסט אויף דעם שולחן, נעמט אַרויס אַנ׳אַלטע קאַפּאָטע,

אין בעט זיך זיין געלעגער אויף דער באַנק, נעבן אויוון.

דער שלאָף וואָס מאַכט פאַרגעסן זאָרג און פרייד, נעמט אריה'לען אַרונטער אונטער זיינע טונקעלע פליגל. נאָר עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ שטראַל פון זכרון פאַלט אויך אַראָפּ אין טאָל פון שלאָף, און אריה'לע לעבט נאָכאַמאָל איבער שטיקער פון זיין לעבן.

ער איז אַ מעקלער. אַ גאַנצן טאָג לויפט ער אַרום צווישן סוחרים, רעדט איין, זאָגט ליגן, ביז עס געלינגט אים עמיצן צו פאַנגען...

ער גיט זיך אַמאָל אָפּ רעכנונג — דער ליגן דריקט אויף אים, ווי אַ שווערע משא...

אָבער דעם שכר האָט ער, ווען ער קומט אַהיים — די שטוב בלאַנקט ריין-אויפגעפוצט. אַ געליבט ווייבעלע, צוויי שיינע קינדערלעך.

און אָט איינמאָל, ווען ער קומט אַהיים, געפינט ער פּלוצלונג אַ בריוו — זיין ווייב נאַרט אים פון אַנהויב אָן!

אַנ'איבערקערעניש! אין זיין שטוב ברענט דאָס פייער פון גהינום! דאָס ווייב — אַ מכשפה! און די קינדערלעך — וועמענס זיינען זיי?!

דאָס שטאַרקע הויבן זיך פון האַרץ און זיין ביטער געשריי וועקט אים אויף.

ער קען מער נישט איינשלאָפן, ער קרעכצט און וואַרפט זיך אַהין און אַהער אויף זיין האַרט געלעגער.

ער זעצט זיך אויף און בלייבט זיצן אין שטיל-פינסטערן בית-המדרש, ווי אַ שוואַרץ-אויסגעברענטע גלאָווניע אין אַ פאַרלאָשענעם אויוון.

ער שרייט אויס מיט אַ ציטערדיק קול:

— איך האָב צעבראָכן מיין לעבן, נאָר איך בין ריין פון זינד! איך דאַנק דיר, גאָט! גיב מיר כוח! גיב מיר כוח!

ער מאַכט ליכטיק, וואַשט זיך ביים האַנד-פאַס און ווישנדיק זיך דאָס פנים מיטן קהל'שען האַנטוך, גייט ער אַהין און צוריק איבערן ליכטיק-שטילן בית-המדרש.

קיין שום געדאַנק רוישט נישט אין זיין מוח. ער איז איצט, ווי דאָס בית-המדרש — ליידיק, ליכטיק און שטיל.

ער פאַרעט זיך ביים אויוון און מאַכט פייער — יידן קומען דאָך פאַרטאָג לערנען און דאַווענען.

ער זיצט פאַרן אָפענעם טירל. זיין פנים איז באַלויכטן מיטן פלאַם, רויק און שטיל — ער איז שוין איבערגעקומען דעם פינסטערן שטורם, די ערד!

זיינע אויגן שטייען אומבאַוועגליך, זעען גאָרנישט און זעען אַלץ — אין אַזעלכע מינוטן פון פאַרגעסונג באַהעפט ער זיך מיט דער אייביקייט!

א גאַלדענער פּאַרדינער

— געוואַלד! —

— דו נישטול, דו וועסט מיר מיין מאַן צונעמען, איך וועל דיר די אויגן אויסדראַפּען! —

דאָס איז געשען אין א זומער־פּרימאָרגן, אין א גרויסן האַלב־טונקעלן קעלער.

פון די צעבראָכענע אייזערנע בעטלעך, פון די געלעגערס אויף דער פּאָדלאָגע ווי קברים־בערגלעך, איבערגעדעקט מיט לאַכעס, האָבן זיך אָנגעהויבן אויפזעצן האַלב־נאַקעטע, צעפּליקטע און צעשויבערטע מענטשן.

די צוויי ווייבער זיינען געשפּרונגען, איינע קעגן דער אַנדערער, און אַריינגעפּאַרן מיט די הענט איינע אין דער צווייטערס קאָפּ־האָר, און ס'איז געוואָרן פון ביידע איין משונה'דיק באַשעפעניש, וואָס האָט געקוויטשעט און געוואָרפן זיך אין אַלע זייטן.

דער ערשטער איז צוגעלאָפן דער הויכער רחמיאל. ער האָט גע־שלעפּט אויף זיך די הויזן, געדרייט מיט די בלינדע ווייסלען און הויך געשריגן — ווער, ווער איז עס?! —

דער בעל־דבר אליין, וואָס וועגן אים האָבן זיך דאָס די צוויי ווײַ־בער געכאַפּט פאַר די קעפּ, איז געזעסן אויף א בעטל מיט זיין דאַר גופ'ל און זיין גרויסער אָקסענער קאָפּ האָט געלאַכט מיט א דיק קול.

עס זיינען צוגעלאָפן נאָך פּאַרשוינען: דער קריכער — א ייד מיט פּלייצעס, א שוואַרצע באָרד און גרויס־אַרויסגעזעצטע אויגן. אויף דער נאָס איז ער א קאַליקע, קריכט אויפ'ן הינטן און העלפט זיך צו מיט די הענט.

די קישקע — א ייד מיט א שיטער בערדל, א שופר־נאָז און אָנ'־אַראָפּהענגענדער ליפּ. ער האָט א קישקע, און ווו ער קומט, בעט ער אחוץ א נדבה, — א ביסל עסן.

דער בדחן — א יונגערמאן מיט א ציגן־בערדל און לעגגליבע אויגן. ער גייט אויף די הייף, זינגט גראם, מאכט א געוואלד, און אויב דאם העלפט נישט, לאזט ער אראפ די הויזן און טאנצט.

מ׳האט זיי פונאנדערגעריסן. דעם קליינעמ׳ס ווייב — א יידענע מיט אן אפגעבלאזן פנים, בלוי ווי א מילץ און מיט צוויי לאנגע רויע הענט, ווי בוראקעס, און דעם קאזאק — א דאר ווייבל מיט א געל צע־שויבערטן קאפ האר, קעצישע אויגן און א שפיציקער גאמבע.

דער קאזאק האט אבער נישט אויפגעהערט צו שרייען — נבלה, ס׳שטינקט פון דיר! דיין מאן וויל אויף דיר נישט קוקן! —

דער קליינער איז שוין געשטאנען אן אנגעטוענער. אויף זיין גופל איז געווען געפאסט א קינדער־מארינארקע, און אויף זיין אקסן־קאפ — א גרוים היטל מיט א שנאבל־דאשיק.

ער איז צוגעגאנגען צו זיין ווייב, וואס איז איצט געשטאנען ביי דער וואנט און נישט אראפגענומען פון אים קיין אויג.

ס׳איז געווארן שטיל. אלע האבן געקוקט אהער. מ׳האט געוואוסט, אז דער קליינער איז שטארק ווי א פערד.

— עפען דיר די בלוזקע! —

— וואס ווילסטו? —

— כ׳וויל אויסבייסן א שטיק פלייש! —

— איך וועל מאכן א געוואלט, אז דער גאנצער הויף וועט זיך צונויפקומען! —

— א צווייט מאל —

ער גייט אוועק צו זיין בעטל, נעמט דעם סענקעוואטן שטעקן, וואס איז העכער פון אים, און גייט ארוים. איינער נאכן אנדערן האבן זיי אנגעהויבן ארויסצוקריכן פון קעלער.

דער קאזאק איז געשטאנען מיט א נידעריק יידל, א בלייך־שרע־קעדיק פנים מיט א מאט־שווארץ בערדל, ווי פוטער.

זי האט גע׳טענה׳עט אויפ׳ן קול: ער דארף נאך מיר צוצאלן! כ׳נעם זיי צו אויף א גאנצן טאג, און ער ווערט א פרייער פויגל! —

— זי פארדינט מיט זיי געלט — רעדט דאס יידל.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו אַ בעטל, וווּ אַ קינד איז געזעסן, און אַ יינגעלע איז דערביי געשטאַנען. דאָס קינד האָט זיך פּלוצלונג שטאַרק צעוויינט...

דאָס בלייך־שרעקעדיקע פּנים מיט׳ן שוואַרץ־פּוטערנעם בערדל שמייכלט: דו קנייפּסט עס, כ׳האָב אַליין געזען צייכנס —

דער קאָזאַק האַלט שוין דאָס קינד אויף דער האַנט און טאַנצט דערמיט — אַ נאַס געזעסל; האָט זיך עס אָפּגעריבן; אַ בייזע פליג האָט עס אַ ביס געגעבן —

זי האָט אַ שלעפּ געטאָן דאָס יינגעלע פאַר׳ן הענטל און איז אַרויס פון קעלער.

ווען זי איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס און דערזען ווי דאָס קליינע גייט שפּאַצירן הין און צוריק מיט זיין גרויסן שטעקן, האָט זי צופרידן געשמייכלט — ער וואַרט אויף מיר —

זיי האָבן געוווינט הינטער דער שטאָט, האָבן זיי באַדאַרפט פאַר־בייגיין ליידיקע פּלעצער און פּלויטן, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו די ערשטע הויכע קאַמעניצעס.

ס׳איז געווען אַ ברייטער ליכטיקער פרימאָרגן. אַ ווינטל איז גע־קומען פון די אָפענע פעלדער, געבריינגט פרישקייט אין לעבן.

זי איז געגאַנגען מיט׳ן קינד אויף דער האַנט און געשיט פעך און שוועבל אויף זיין ווייב. ער האָט ברייט געשפּרייזט מיט׳ן שטעקן, פאַרריסן דעם קאָפּ און אָפּגעענטפערט — איך וועל זי אָנלערנען! —

— גט זי! —

— איך קען דען נישט, וואָס איך וויל, אַזוי?! —

— ער וויל דאָך, אַזוי! ליליפּוטל, אָקסענער קאָפּ! — האָט זי גע־שריגן — אַזוי לאַנג קאָנסטו קרענקען: וואָס מיינסטו, איך בין אַ שטשערקע! ביי דיין נבלה וואָלט מען אַלץ געפּועלט! —

ער האָט געלאַכט, אַרויסווייזענדיק גרויסע געזונטע ציין.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו די הויכע קאַמעניצעס, האָט זי אַרויסגענומען די ברוסט און געגעבן דעם קינד אין מויל אַריין. דעם יינגעלע האָט זי געהייסן, ער זאָל זיך אָנהאַלטן ביי איר פאַרטוך.

זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין מיט הויף, און ער האָט אָנגע־הויבן זינגען אַ ליד.

זיין דיק קול האָט ניט געהאַט קיין ווייכקייט, נאָר ווי אַ שטאַרק ריטשען אַליין פאַרטויבט און אָפּגעקלונגען אויף די שויבן.

פענסטער האָבן זיך גענומען עפענען. די קינדער האָבן געקוקט אויף אים מיט וווּנדער און מיט שרעק.

זי האָט אים אויך אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט. ער האָט פאַרגלייזט די אויגן אַרויף און געקוקט מיט בלינדע ווייסלען. מענטשן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אויף דער אומגליקליכער פרוי, און מ׳האָט איר געגעבן.

פאַרנאַכט־צו איז זי מיט אים אַריינגעגאַנגען אין אַ קיך פון אַ רעסטאָראַציע. ביי דער טיר האָט זי פרום אויסגעזונגען — ליבע מענטשן, שענקטס אַביסל עסן פאַר הונגעריקע קינדער! —

פון דער ריזיק־ברענענדיקער קיך, אָנגעשטעלט מיט קעסלען און קעסעלעך, האָט זיך צו זיי אומגעדרייט אַ יידענע, ווי אַ פאַס, אין אַ ווייס פאַרטוך, מיט צוויי באַקן, ווי אַראָפּגעהאָנגענע טאַרבעס.

זי האָט גערעדט אויף אַ פעט־קוויטשיק קול׳עכל: דאָס ווייבל מיט די קינדער, און ווער איז דער פאַרשויין? —

ס׳איז צוגעקומען אַ הויכער, אַ דיקער, אויך אין אַ ווייס פאַרטוך, מיט אַ געגאָלטן קאָפּ און פּנים, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי מעש.

ער האָט גערעדט: דער אמת׳ער פאַרשוין. אין צירק, אויף בילעטן וואָלט ער געקאָנט אַרויסטרעטן —

אַ יידענע מיט אַ געקנייטשט געל פּנים, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל און געוואַשן כלים, האָט צוגעבראַנגט אַ קעסעלע מיט עסן און אַ קיישל מיט שטיקלעך זעמל און ברויט. זיי זיינען דערמיט אַרויסגע־גאַנגען אין הויז, און זיך צעזעצט אויף דער ערד, אויף די שטיגן.

ער שלעפּט פון קעסלע אַרויס שטיקער פלייש און שלינגט. זי זופּט דאָס שיטערע.

אויפ׳ן וועג אַ היים, איז זי אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויס פּרוכטן־געוועלב, און איז באַלד אַרויסגעקומען מיט אַ פּאַקונעק.

די הויבע קאָמעניצעס זיינען שוין געווען הינטער זיי. דאָ, דאָרט

האָט שפּאַצירט אַ פּאָרל. דער פאַרנאַכט איז געווען אַ גרויסער, אַ ליכ־טיקער, אַ שטילער.

זיי זיינען אַרויף אויף אַ ליידיקן פּלאַץ און געזעצט זיך אויפ׳ן גראָז.

דאָס יינגעלע איז געגאַנגען איבער׳ן פעלד און געריסן בלימעלעך. דאָס קינד איז גיך געקראָכן אויפ׳ן געזעסל, צוהעלפענדיק זיך מיט׳ן הענטל, אהין צום ברודער׳ל.

זי האָט געעפענט דעם פּאַקונעק און אַרויסגעשיט שאָקאָלאַדקעס. זיי האָבן געפּאַקט פולע מיילער און געפרעסן ווי קרויט.

— דער בעסטער סאָרט, ס׳הייסט בריליאַנט —

ער איז געלעגן אויפ׳ן בויך, אונטערגעשפּאַרט מיטביידע עלענ־בויגענס. געקוקט צו איר, און געשמייכלט — כ׳האָב פון דיר הנאה —

— גט זי, וועסטו נאָך מער הנאה האָבן —

ער רוקט זיך צו און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויף דער דיקקייט פון אירע פיס. זי גיט אַ גשריי און צעוואָרפט זיך אין אַ היסטעריש גע־לעכטער.

די זון פאַלט אַראָפּ פון הימל, ווי אַ שווערע צייטיקע פרוכט. זי איז שוין נאָענט דאָרט ביי דער ערד, ווי אַ גרויסער קיילעכדיקער פלאַם.

דער הימל איז שוין טונקל, די ערד איז נאָך באַלויכטן.

דאָס יינגעלע גראָבט דאָרט אויס מערן פון דערבייאיקן פעלד. זיין ברודערל זיצט דערנעבן און עסט. זיין קאָפּ ליגט אויף אירע פיס. זי זיצט און קוקט אויף אים: אַ גאָלדענער פאַרדינער.

ר׳ אליה

ר׳ אילה, א ייד מיט א שטיל־בליך פּנים און מיט א שווארצער באָרד, איז א גביר, וואָס לעבט פון פּראָצענט און דערצו א למדן און א טייערער ייד.

ער איז אינגאנצן אויסגעטאָן פון הבלי־עולם, טראכט גאנצע טעג אריין אין צער פון דער וועלט און קרעכצט, און זיפצט אויף גלות השכינה, נאָר מיינט נישט, אז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עולם הזה, עסט נישט, טרינקט נישט, פּייניגט זיך. ר׳ אליה איז א קלוגער ייד. ער האָט נאָר דאָס קליינגעלד און די שליסעלעך פון אלע גוטע זאכן אָפּגעגעבן דעם ווייב, א יידענע טויג זיך בעסער אויס.

איז זי טאקי פּארנומען גאנצע טעג, קלינגט מיט די שליסעלעך, באַרעכנט השבונות, ארבייט מעשים מיט דער דינסט אין דער קיך און זעט, אז ר׳ אליה׳ן זאָל גאָרנישט פעלן.

באַלד אין דער פרי, ווי ער וואשט זיך נאָר אָפּ דאָס פּנים, דער־לאַנגט זי אים א גלאָז טיי מיט א קיכל. ר׳ אליה האלט זיך פאר א חלוש און לערנט דעם פּשט, אז ער מעג עפּעס טועם זיין פאַרן דאַווענען. ער טינקט איין דאָס קיכל, ס׳זאָל זיין ווייכער צום עסן, עסט און זיפצט, און סמאקעוועט, און קרעכצט צו. ער שטעלט זיך אויף.

— מ׳וועט גיין דאַווענען.

— עס צוערשט עפּעס אָפּ, דו וועסט זיך אַנידערשטעלן דאַווענען אויף דריי שעה! — זאָגט דאָס ווייב און גייט אריין אין קיך.

ער שטייט ביים פענסטער, קוקט אַרויף צום בלויען פרימאָרגן־הימל און זינגט הויך „אדון עולם״, און האָט הנאה פון די אלע שיינע שטאַרקע ווערטער וועגן גאָט, וועלט און תכלית פון לעבן.

דערווייל ברענגט דאָס ווייב אריין צוויי לויז־אויפגעבריטע אייער און שמירט זעמעלעך מיט פּוטער, און די קעכין טראָגט אונטער א גלעזל קאַקאָאָ.

— גיי צו, עס עפּעס אָפּ, וועסטו אריינגיין דאַווענען.

ר׳ אליה זיצט ביים טיש, קראַצט זיך אין קאָפּ און קרומט דאָס פּנים — כ׳וויים נישט וואָס דו ווילסט פון מיר, כ׳וואָלט צוערשט גע־דאַוונט.

— אַ שוואַכער מעג. דער תנא פון דער גמרא האָט געגעסן פאַרן דאַווענען אַ שטיק געבראָטן פלייש.

ער האָט עס איר דערציילט, און זי דערמאָנט עס אים יעדן טאָג. ר׳ אליה עסט אַ זעמעלע מיט פּוטער, זופּט אויס די אייער און טרינקט אויס דעם קאַקאַאָ. דערנאָך שאָקלט ער זיך אָביסל, גיט עטליכע קרעכץ אויפן צער פון דער וועלט און שטעלט זיך אויף.

אין דעם ליכטיקן סאַלאָן, ווו עס שטייען ברייטע שענק מיט ספרים, שטייט ר׳ אליה, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, און זינגט — שירו לו, זמרו לו, שחו בכל נפלאתיו.

זיין פּנים איז הייליק פאַרפלאַמט. ער האָט הנאה פון זינגען דאָס דאַווענען נאָך מער, ווי פון עסן און טרינקען.

דוואָשע אין דער פאָדערשטוב, הערענדיק דאָס שיינע דאַווענען פון איר מאַן, נעמט זי דעם גראָבן סידור, טוט אָן די ברילן און זאָגט אויך. דערנאָך נעמט זי די דינסט מיט אַ קוישל און גייט אַוועק איינ־קויפן, פאַרשליסענדיק די שטוב מיט ר׳ אליה׳ן.

זי קומט צוריק, פאַרעט זיך אַ צייט מיט דער דינסט אין דער קיך, און ר׳ אליה גייט נאָך אָנגעטאָן אין טלית און תפילין. ער שפּאַצירט אַרום אין דעם ליכטיקן סאַלאָן און זינגט, און קלינגט, און צעקאָלערט זיך, און פאַרגייט אין הויכע עולמות.

ס׳קומט אַריין אַ שטענדיקער מענטש — אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ שוואַרץ צעשראָקן־בלייך פּנים מיט גרויס־בליציקע אויגן. ער וואַל־גערט זיך אַרום אין ווארשע, גיט העברעאישע לעקציעס, שיקט אַוועק דאָס פאַרדינסט דעם וויב מיט די קינדער, און אַליין הונגערט ער צו.

דוואָשע בעט אים זיצן. ער הערט פון דער צווייטער שטוב, ווי ר׳ אליה דאַוונט, חידושט ער זיך — שוין באַלד צוועלף אַזייגער, און ר׳ אליה האָט נאָך נישט געגעסן?!

— אַלע טאָג אַזוי, גייט ער עסן צוועלעווע — שאָקלט זי צום יונגענמאַן אַ טרויעריק פּנים. ר׳ אליה קומט אַריין, גיט „שלום" אַ

ווייבע האַנט און זעצט זיך. ער זיצט אַ צייט שטיל, אַ פאַרמאַטערטער פון דער עבודה.

— ר׳ אליה, איר פאַסט דאָך האַלבע טעג! — שרייט דער יונגער־מאַן מיט ביטערניש, ווי ער וואָלט געשריגן אויף זיך אַליין.

ר׳ אליה פאַרזשמורעט אַן אויג, קוקט קלאָר מיטן צווייטן אויג און פאָרשט דעם יונגנמאַנס פּנים, צי ער ווייסט טאַקי נישט, אַז ער האָט שוין געגעסן. דוואָשע מאַכט אַ תמ׳עוואַט פּנים:

— איר וועט בלייבן ביים רעדן, און ער וועט טאָן דאָס זייניקע!

ר׳ אליה שמייכלט — זי האָט עס קלוג געמאַכט.

— אפשר וועסטו שוין גיין עסן, ס׳איז שוין צייט!

— אַ גלעזל טיי וואָלט איך געטרינקען.

זי שליסט אויף דעם קרעדענס, נעמט אַרויס צוויי גלעזערנע צו־קערניצעס און שטעלט אויפן טיש. די דינסט — אַ מויד, אַ טייג מיט אַ גרויסן צעשויבערטן קאָפּ האָר, ברענגט טיי. דוואָשע עפנט אַ צו־קערניצע און רוקט צו צום יונגענמאַן. פון דער צווייטער צוקערניצע, פול אָנגעשיט מיט קרישטאַל, נעמט זי עטליכע גאָרע לעפעלעך און צו־קערט אָן דעם מאַנס גלאָז טיי און אירס.

דער יונגערמאַן נעמט אַ פּיצעלע צוקער פון די עטליכע קליינטשי־קע שטיקעלעך, וואָס ליגן אין דער ליידיקער צוקערניצע. דאָס האַרץ איז אים טרוקן. ער וואָלט נויטיק, מיטן לעבן, געדאַרפט איצט אויס־טרינקען אַ זיס־אָנגעצוקערט גלעזל טיי.

ר׳ אליה טרינקט זיין זיס גלעזל טיי און רעדט באַגייסטערט וועגן עפּעס אַ ניי ספר. דער יונגערמאַן זופּט זיין ביטערע טיי, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און קוקט מיט גלאַנציקע אויגן צו דער פולער צוקערניצע. דוואָשע פילט עפּעס אַ געפאַר, פאַרכאַפּט זי און ווייזט אים אָן אויף דער ליידיקער:

— נעמט צוקער, טרינקט!

און, כדי צו ווייזן דעם גאַסט, אַז זי מיינט מיטן גאַנצן האַרץ, און אויך צו באַוואָרענען, ער זאָל נישט קריכן צום קרישטאַל, נעמט זי אַרויס פון דעם קרעדענס אַ ביישל מיט צוקער און אַ קליין צווענגעלע

זי נעמט ארויס עטליכע קאָסטקעס, צעבייסט מיטן צוועגגעלע אויף שטיקלעך, די שטיקלעך אויף פּיצינקעלעך, און וואַרפט אַריין אין דער ליידיקער צוקערניצע. די דינסט ברענגט אַ צעשניטענעם הערינג.

— גיי שוין, וואַש דיך!

ר׳ אליה קראַצט זיך אין קאָפּ, קרעכצט און קרימט דאָס פּנים — אַז זי שטייט צו, מוז מען זיך שוין גיין וואַשן.

ר׳ אליה זיצט אויבן־אָן, און דוואָשע ביי זיין זייט. די פרישע זעמעלעך קנאַקן, און דער הערינג גלאַנצט. די קעכין קומט אַריין מיט צוויי וואַזעלעך גריץ, וואָס צעטראָגט אַ געשמאַק פון פלייש. דעם יונ־געגמאַנס אויגן בליצן פון הונגער, דאָס מויל וואַסערט און דער קאָפּ טוט וויי.

— ברענג אַריין נאָך אַ גלעזל טיי! — שרייט זי צו דער דינסט. ר׳ אליה קרעכצט און בראָקט אַריין זעמל אין דער גריץ.

דער יונגערמאַן קען זיך נישט איינהאַלטן פון אַ הפקר־געלעכ־טערל — ער וועט זיך גוט אָנצוקערן, זאָלן זיי פּלאַצן!

ער וויל שוין אויפהויבן דאָס לעפעלע, נאָר דוואָשע גיט, צו דער רעכטער צייט, אַ רוק אַוועק דעם קרישטאַל און רוקט צו אים צו די ליידיקע צוקערניצע:

— נעמט צוקער, טרינקט!

ר׳ אליה האָט שוין אָפּגעגעסן, זיצט ער אויסגעלייגט אויפן שטול, אַ פולער, אַ זאַטער. ער רוט, פאַרזשמורעט אַן׳אויג, קוקט מיטן צווייטן אויג קלאָר אויפן יונגעגמאַן און באַטראַכט אים — אַ נאַר, זיין ווייב איז קלוגער פון אים!

ס׳טוט אים הנאה, וואָס זיין ווייב איז אַ קלוגע, און ער קאָן זיך אויף איר מיט אַלץ פאַרלאָזן... באַלד וואַרפט ער אָפּ די אַלע נאַרישע געדאַנקען און צעשאָקלט זיך פרום. ער בענטשט, צעקלינגט זיך, און צע־קאָלערט זיך, און פאַרגייט אין עולמות.

דוואָשע רוימט אַראָפּ פון טיש, און אירע ליפּן רודערן זיך. זי זאָגט שטיל נאָך יעדעס וואָרט. ר׳ אליה שטעלט זיך אויף מיט אַ ביטול־קרעכץ, וואָס מאַכט צונישט דאָס עסן און אַלע ערדישע תענוגים ער גייט אַריין אין סאַלאָן, און דער יונגערמאַן גייט אים נאָך.

ר׳ אליה ציט זיך אויס אויף דער וייך־פלושענער קאַנאַפּע און בעט דעם יונגענמאַן, ער זאָל אַרויסנעמען פון דער שאַנק אַ געוויס ספר. ליגענדיק אַזוי אויף דער קאַנאַפּע, דער יונגערמאַן זיצט דערנעבן אויף אַ שטול, האַלט ר׳ אליה אָפן דאָס ספר און לערנט אויפן קול. ר׳ אליה האָט זייער ליב צו לערנען מיט אַ ניגון פון אַ מגיד.

— וואָס טוט מען, ר׳ אליה — הויבט דער יונגערמאַן אָן מיט אַ טונקל פּנים — כ׳בין שוין שולדיק פּאָר צוויי חדשים, לאָזט מען מיך נישט אַריין. כ׳בין איבערגעזעסן די נאַכט אין הויז...

ר׳ אליה זעצט זיך אויף, קראַצט זיך אין קאָפּ און קרומט דאָס פּנים. דער יונגערמאַן טראַכט — אַ ייד, אַ גביר, שפּילט ביי אים אַ ראָלע עטליכע זלאָטעס, ער וועט אים נאָר זאָגן.

— ווען עמיצער באָרגט מיר אַ צענער־זלאָטע, וואָלט ער זיך גע־קויפט עולם הבא! כ׳וואָלט עפּעס געגעבן, וואָלט איך ווייטער געהאַט, ווו דעם קאָפּ אָנידערצולייגן.

ר׳ אליה הערט נישט אויף צו קראַצן זיך אין קאָפּ, קרומען דאָס פּנים און פאַרזשמורעט שטאַרק ביידע אויגן. ער טראַכט — אַ צענער־זלאָטע, ס׳איז געלט! אַ פּענטאַק, פון וועלכע געשעפטן וועט ער דאָס האָבן אָפּצוגעבן?!

ער שטעלט זיך אויף, גייט איבער דעם סאַלאָן, קרעכצט און זינגט—אוי־ווי, אוי־ווי, רבונו של עולם, עמך ישראל צריכין פּרנסה!

דער יונגערמאַן שטעלט זיך אויף.

— וואָס איילט איר אייך?

— כ׳מוז שוין גיין!

אויף די שטיגן שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט אויף דער טיר פון ר׳ אליה׳ן און שרייט אַרויס אַ שאַרפע קללה.

שטילמאַן

אַ שלאַנקער יונגערמאַן, אַ גלאַט־ראַזירט פּנים מיט אַ געל־לויכ־טענדער הויט און גרויסע שוואַרצע אויגן מיט אַ שטילן בלאַנק.

שטילמאַן האַלט זיך פאַר אַ פרייען מענטש, וואָס וויל נישט זיין געבונדן מיט „זאַבאַבאָנעס" און פאַרזשאַווערטע קייטן, נאָר ער האָט מורא פאַר מענטשן פאַנאַטיקער, מאַכט ער עס שטיל און באַרעכנט.

שטילמאַן וווינט אין אַ צימערל ביי יענעם, אויף אַלעם גרייטן. האָט שוין אפילו אַ ווייב, נאָר זיי וואוינען נישט צוזאַמען, נישט וויל זיי זיינען צעקריגט, נאָר וויל אויף אַזאַ תנאי האָט ער חתונה געהאַט, און דאָס איז אויך פאַרשריבן אין קאָנטראַקט — זיי דאַרפן נישט וואוינען אין איין דירה, נאָר איינער האָט דאָס רעכט אַרויסצופאָדערן דעם צווייטן, ווען ער וויל.

זיין ווייבל, אַ שוואַרץ־באַ'חנ'ט ליטוואַטשקעלע, מיט אַ שמייכע־לע, וואָס זאָגט — איך פרעס און נאַש, איך בין מיר אַ גלאַטיק מענ־טשעלע.

זי איז אַ דענטיסטקע, באַזיצט אַ גוטן דענטיסטישן קאַבינעט און האַלט צו זיך אַ געהילף — אַ געטאָקטן יונג מיט פּלייצעס, און מיט אַ שיינעם קאָפּ גלייך־געקעמטע שוואַרץ־בלאַנקענדע האָר.

שטילמאַן וואוינט שוין לאַנג אין דעם קאַוואַלערסקען צימערל. דער בעל־הבית פון דער דירה איז אַ בלוט־קרעפטיג יידל מיט אַ ברייט־צעקעמטער באָרד. אין זיין פאַמיליע איז ער איין מאַנספערשוין צווישן נקבות. ער טראָגט לענגליך־שוואַרצע מלבושים מיט אַ האַרטן קאַפּע־לוש און געפּוצטע קאַמאַשן — אַ מעקלער צווישן סוחרים, אין גאַס.

די בעל־הבית'טע, אַ'ן עלטערע פרוי, מיט נאָך אַ געשמאַקער קיי־לעכדיגקייט. אַ לענגליך ברוין פּנים מיט גרויס־גלאַנציגע אויגן. זי גייט ציכטיג אָנגעטון, און אין די שטובן בלאַנקט פון ריינקייט.

דאָס עלטסטע פריילין איז אַ הויכע, אַ פולע מיט גלעזער־אויגן. די

מיטלסטע — א ווייך פרויען־קערפּערל מיט א רונד־ווייס פּנים׳ל און אויגן איבערגעגאָסן מיט א פּאַר׳הלומ׳טן גלאַנץ. די יונגסטע איז א הויך מיידעלע מיט א בלאָנד־געקרייזלטן קאָפּ האָר און גרויסע הימל־בלויע אויגן. פון דעם קינד רייסט זיך שוין אַרויס די פרוי.

מיט יאָרן צוריק, ווען שטילמאַן האָט געדונגען די וווינונג, האָט ער דערזען, ווי עס שפּראָצט און עס וואַקסט דאָ מיט שפע דער ווייבע־רישער מין.

דאָס עלטסטע פרײלין פלעגט צו אים אַריינגיין און פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע שעה׳ן, נאָר זינט ער האָט חתונה געהאַט איז זי געוואָרן ברוגז. ער קוקט צו איר זייט מיט א שטיל־ערנסטן בליק, און אין זיך לאַכט ער פון איר מיידלשער נאַאיוויקייט. דערפאַר קומט צו אים אַריין די יונגערע. שטילמאַן ווייסט די לאַגע אין שטוב, אַז עס איז ענג מיט פּרנסה, און ער פילט זיך דאָ גוט און זיכער.

די עלטסטע ברענט מיט כעס. די מוטער שמייכלט — צוליב נאַ־רישקייטן וועט זי נישט אָפּזאָגן א גוטן לאָקאַטאָר, און די יונגערע שוועסטער הערט זי נישט. זי וועט עס נישט איבערהאַלטן! זי וועט אַליין אַריינגיין און אים זאָגן, און אים וואָרענען.

זי קלאַפּט אָן.

— ביטע! —

ער איז געזעסן ביי זיין טישל און געקוקט אויף איר מיט גרויס־געעפענטע אויגן. זי איז געשטאַנען ביי דער טיר, געציטערט און גע־אַליין אַריינגיין און אים זאָגן, און אים וואָרענען.

— הער שטילמאַן, איך בעט אייך, איר זאָלט נישט אַריננעמען מיין שוועסטערל! —

ער האָט געשוויגן. זי איז געוואָרן דרייסטער און אויסגעשריגן — ווי קאָנט איר אַזעלכעס, זי איז נאָך א קינד! —

ער האָט זיך געגעבן א שטעל אויף, גרייט זי אַרויסצוואַרפן, נאָר זיין בליק האָט אָפּגעמאָסטן איר שלאַנקע פיגור. זיין פּנים האָט אויפ־געלויכטן מיט א ביטערע שמייכעלע, און די גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן ווייך־קאָטעריש געבלאַנקט — צי וואָס זאָל ער מאַכן א גערודער און היזק האָבן, אַז ער קען עס מאַכן שטיל, וועט ער נאָך פאַרדינען!

ער איז צוגעגאַנגען.

— פאַר וואָס זייט איר אויף מיר בייז? —
איר זאָלט נישט טשעפּען מיט מיין שוועסטערל! —
— איר זייט אויף מיר בייז, און איך האָב אייך ליב. —
— איר האָט דאָך אַ ווייב! —
— פון אַ ווייב צו אַ שיין מיידל איז זייער ווייט, ווי פון דער ערד צום הימל! —
זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און איר כעס איז צערונען.

שטילמאַנ'ס ווייבל האָט זיך אויך גוט איינגעאָרדנט. איר שלאָף־צימער האָט געהאַט צוויי איינגענג. אַ טיר איז אַרויסגעגאַנגען אין הויז אַריין. די צווייטע קעגנעאיבערדיגע טיר האָט אַריינגעפירט אין קאַבינעט. פון קאַבינעט, דורכ'ן פּאַראַדנע איינגאַנג, אַראָפּ אין טויער. דער מאַן האָט געהאַט איין שליסל, דער געהילף — דעם צווייטן.

שטילמאַן האָט עס פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט אָפּצוּוואַרפן די אַלע קליינליכע גערדאַנקען. ער וועט דאָך נישט זיין קיין ווילדער דעספּאָט — אויב ער וויל אַליין זיין פריי, נישט געבונדן פון קיינעם, וועט ער אויך נישט בינדן אַ צווייטן מענטש!

און כדי צו ווייזן, אַז ער שטייט טאַקע אויף דער הויך פון ערליכקייט און אינטעליגענץ, פלעגט ער ביים געהילף נעמען אַ פּאַפּיראָס און עפּליך מיט אים שמועסן.

איינמאָל, אַן אָוונט. דער געהילף איז געגאַנגען הין און צוריק, און געגלאַנצט מיט'ן שיינעם שוואַרצן קאָפּ גלייך־געקעמטע האָר. ער האָט איצט נישט געטראָגן די מאַרינאַרקע, נאָר בלויז דאָס דורכזיכטיג־געשטריקטע קאָשולקעלע אויפ'ן לייב, מיט'ן ברייט־לעדערנעם פּאַסעק אויף די הויזן, און געריכערט אַ פּאַפּיראָס.

פרוי שטילמאַן איז געזעסן ביים טיש, אַריינגעקוקט אין אַ בוך, געמאַכט זיך לייענען, און זייטיק צו אים געקוקט. זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָנגעזעטיקט מיט זיין געזונטער מענערישקייט, מיט זיין וואַלד־האָריק האַרץ.

דער טעלעפאָן האָט גענומען קלינגען. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט און איז באַלד צוריקגעקומען.

— דיין מאַן רופֿט דיך צום טעלעפֿאָן —

— קום —

— וואָס ווילסטו פֿון מיר, ס'איז דאָך דיין מאַן, גיי רעד מיט אים — האָט ער איר אָפּגעענטפֿערט מיט אַ געזעטיקט שמייכעלע.

— קום, וועט מען אַ ביסל לאַכן — האָט זי אים געשלעפּט ביי דער האַנט.

זי האָט געהאַלטן דעם אַפּאַראַט און גערעדט — גוטנ'אָוונט, מיין מאַן, איך הער. דו האָסט היינט נישט געטראָפֿן. איך פֿיל זיך נישט גוט, דער קאָפּ טוט מיר וויי. דו דערמאָנסט מיך אָן מיינע פֿליכטן? דו האָסט פֿולע רעכט דערויף. דו האָסט עס אָנגעשריבן, שוואַרץ אויף וויס, און דו קאָנסט צו מיר קומען מיט אַ זשאַנדאַרם אויך, נאָר דו ביזט דאָך נישט קיין אַזױאַט! וואָס מיר איז? כ'ווייס אַליין נישט. כ'האָב שטאַרק געבראָכן. האַלאָ! האַלאָ!

מ'ענטפֿערט נישט. ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל און קומט באַלד געוויס אַרויף. ער וויל וויזן, אַז ער האָט מיך ליב, כאָטש עס הויבט זיך נישט אָן —

— נו, אויב אַזוי, גיי איך —

— כ'וויל נישט! — האָט זי אַרויסגעזאָגט אין אַ ברוגז־פּיעש־טשענדיקן טאָן — הער, איך וועל מיר אַרומבינדן דעם קאָפּ און מאַכן אַזאַ פֿוילע גרימאַסע, אַז ער וועט באַלד פֿון מיר אַנטלויפֿן. דו וועסט שטיין אין קעגנאיבערדיקן טויער. ער וועט אַוועקגיין, און דו וועסט צוריק אַרויפֿקומען. דו וועסט נישט אַוועקגיין? גערענק, מאַקס, כ'וועל זיין מיט דיר ברוגז! —

ווען דער מאַן איז אַריינגעקומען, איז זי האַלב־געלעגן אויפ'ן בעט מיט אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ.

— וואָס איז דיר?! — האָט ער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און געמאַכט אַ דערשראָקענע מינע.

— כ'בין נישט געזונט —

— כ'גיי באַשטעלן אַ דאָקטאָר! —

— מ'דאַרף נישט —

ער האָט זיך געזעצט נעבן איר אויפ׳ן בעט.

— איך וועל דאָ מיט דיר נעכטיקן —

זי האָט זיך אויפגעזעצט און צוגעטוליעט צו אים.

— דאָס בעסטע וועט זיין, אַז דו וועסט אַהיים גיין, וועל איך רויק איבערשלאָפן די נאַכט, און ס׳וועט מיר בעסער ווערן —

— אָבער, טייערע, איך וועל דאָך נישט זיין רויק! — האָט ער האַרציק-פאַלש אויסגעשריגן.

זי האָט אָנגעבויגן די באַק — מאַנעלע, גיב אַ קוש און גיי אַהיים. מאָרגן וועסטו האָבן אַ פריש, געזונט ווייבעלע —

דער מאַן איז אַרויסגעגאַנגען, און דער געהילף איז אַריינגעקומען. זיי האָבן פאַרלאָשן דאָס ליכט. אין קאַבינעט האָט געקלונגען דער טעלעפאָן.

— דאָס קלינגט ער — האָט זי געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

זי איז געשטאַנען אין בלויזן העמד און גערעדט — כ׳בין שוין באַלד איינגעשלאָפן, האָסטו מיך איבערגעוועקט! גוט-גוט, מאַנעלע, ס׳וועט מיר שוין בעסער ווערן. שלאָף רויק און האָב זיסע חלומות —

זי איז גיך אַריין צו אים אין בעט און, אַ הייסע, אַ צאַפּלדיקע, האָט זי אין דער פינצטער ווילד געלאַכט.

אין פייער

יאָסל ליגט, צוזאַמען מיט נאָך זעלנער, אין דער אָקאָפּע. זיינע אויערן זיינען שוין געוואוינט צום שווערן קאָלערן זיך פון די האַרמאַטן - דונערן און צום טרוקענעם קנאַקעריי פון די ביקסן. ער ליגט אויף דער קאַלטער ערד, פון דער הויך יאָגן אריין ווינטן. ווען ער רירט אָן זיין ליב, פילט ער גאָרנישט, פונקט ווי ער וואָלט, אַשטייגער, אָנגערירט זיין האַרטן שינעל. אַמאָל דערמאָנט ער זיך אָן אַ וואַרעמער שטוב. ער הויבט פּלוצלינג אָן שטאַרק ציטערן, מיטן גאַנצן ליב, און די אויגן גייען אים איבער מיט טרערן. נאָר עס דויערט ניט לאַנג. דאָס שווערע קלאַפּן, און די ווייסע גראַטשען-וואָלקנדלעך אין הימל, שרעקן אים שוין ניט. פאַרקערט, ווען עס ווערט פּלוצלינג שטיל, כאַפּט אים אָן אן אומבאַגרייפלעכער פּחד, אַז אָט־אָט וואַקסט אויס לעבן אים דער טויט.

יאָסל האָט פון ביידע זייטן צוויי חברים. איינער — אַ רויטער, מיט געל-האַרטע וואָנסן און גרינע אויגן. ער שעלט אָן אויפהער דעם ניט־געזעענעם שונא, און שיסט געדיכט. דער צווייטער — אַ הויכער, דאַר־ביינוקער גוי, מיט אַ ווייסן פלאַקסענעם קאָפּ האָר. זיין בלייך פאַרמעט פּנים איז פאַרצויגן מיט אַ שרעק, און זיינע הילצערנע אויגן פרעגן: נאָך וואָס איז דאָס אַלץ? די געדאַנקען גייען ניט אין דער ענגער אָקאָפּע, און עס נודיעט ביז צום שטאַרבן.

איינמאָל — דער הימל אין דער הויך איז געווען בלוי און שטיל. קיין איבערשיסונג איז ניט געווען. פיל זעלנער זיינען אַרויס־געשפּרונגען פון דער אָקאָפּע. יאָסל איז אויך אַרויס פון גרוב און טיף אַריינגעאָטעמט אין זיך די פרייע לופט. אין דער הויך איז די ערד געווען ברייט און באַדעקט מיט גראָז. די זון האָט געברענט אין מיטן הימל און אויף דער גאַנצער וועלט איז געווען שטיל און ליכטיק, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געשען.

עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פרייד און אַ בענקעניש צום לעבן. ער איז מיט גרינגע שפּרייזן אַוועק איבערן פעלד. דאָס דאָרף

איז געשטאַנען שטיל, און פון עטלעכע ערטער האָט זיך פּאַמעלעך געררויכערט. פאַר אַ טונקל קרשאַקל האָט ער זיך דערשראָקן און זיך געגעבן אַ כאַפּ צו דער ביקס. אין מיטן דער ליכטיקער גאַס ליגט אַ פויער, צעשפּרייט ביידע שטיוול און מיטן פּנים אַראָפּ צו דער ערד, ווי פאַרזונקען אין שלאָף. דאָרט, איבער אַ געלעכערטן דאַך פון אַ סטאָדעלע, קוקט אַרויס אַ קאָפּ פון אַ פערד מיט גרויסע בלויע אויגן אין דער ווייטקייט אַריין.

יאָסל קוקט זיך אַרום. ער איז איין מענטש אין ליכטיק-שטילן דאָרף. ער דערפילט אַ פרייד מיט אַ שרעק צוזאַמען. אין מיטן דער גאַס גייט אַרום אַ הינדל. עס גייט אַרום רואיק און זוכט זיך עסן, און ברענגט אויף מיט די פיסלעך אַ הפקר־שטויב אויף דער זון. יאָסל וויל עס כאַפּן. דאָס קליינע הינדל לויפט גיך און פליט. ער כאַפּט זיך ביי פאַר דער ביקס, נאָר שיסן האָט ער מורא. אָט גיט ער אַ שפּרינג־צו צו אַ טונקל פאַרמאַכט פענסטערל. פון יענער זייט איז געשטאַנען שטיל אַ טאָפּ סמעטענע. ער האָט מיט דער ביקס אַרויסגעקלאַפּט דאָס שייבל. אינעם מויער האָט ער פּלוצלינג דערזען רויטע שטיקלעך ציגל, טיף־געלעכערטע פון די ביקסן-קוילן. עס האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ שרעקלעכע מורא דאָ צו בלייבן, נאָר באַלד איז עס אַריבער.

יאָסל איז געשטאַנען רואיק אין זיין האַרטן שינעל און געגעסן די סמעטענע, און אין זיין האַנט געהאַלטן די ביקס. מיטן איבעריקן איז ער אַוועקגעלאָפן צו זיינע חברים. זיי זיינען אַ גרויע קופּקע געשטאַנען אַרום אים. אין דער ליכטיקער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַ שאָס. אַלע זיינען אַריינגעשפּרונגען אין דער אָקאָפּע, נאָר איינער איז געבליבן אויפן פעלד. ער איז געלעגן אויף אַ זייט. זיין פּנים האָט גערוט אין אַ שמייכל און די פאַרמאַכטע ליפּן האָבן צוגעפּרעסט אַ וויים שנירעלע סמעטענע.

דער באַפעל האָט זיך שנעל צעטראָגן איבער דער גאַנצער לענג פון די אָקאָפּעס. גרינג פון פּחד זיינען אַלע אַרויסגעשפּרונגען, און אין דער הויך האָט די שטילע ליכטיקייט אין זיך באַהאַלטן אַן אומגעהויערע שרעק. זיי זיינען געלאָפן מיט די שטיקעס אין די הענט אַ לאַנגע שורה זעלנער. ווייט אויפן ברייטן פעלד איז געלאָפן אַנטקעגן זיי אויך אַזאַ שורה, נאָר עפּעס אַ פרעמדע, פון אַן אַנדער קאָליר. עס איז געוועזן שיין צו זען און עס האָט זיך געדאַכט ווי אַ שפּיל פון קינדער. זיי האָבן זיך אויסגעמישט.

ארום יאָסלען האָט געקלונגען, גערוישט, און אָט האָט ער

דערפילט, ווי אַ פּוס איז אים געוואָרן גרינגער. ער האָט זיך געוואָלט פּעסט שטעלן, נאָר ער האָט ניט געהאַט אויף וואָס, און ער איז אומ־געפאַלן, פון דער ערד האָט ער געזען, ווי ווייט זיינע חברים לויפן אוועק ווייט־ווייט איבערן פעלד.

די געדאַנקען האָבן אים אָנגעהויבן ווערן קלאָרער און ער האָט דערפילט אונטן אין פוס אַ שטאַרקן ווייטיק. יאָסל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז געפאַלן, און די שרעקלעכע אַנגסט ער זאָל דאָ ניט שטאַרבן אויפן שטילן פעלד האָט אים געגעבן כוח און ער האָט זיך אויפגע־זעצט. לעבן אים איז אָפּגערונען אויף דער ערד אַ קאַליוזשע בלוט. דאָס גאַנצע פעלד איז אָנגעוואָרפן מיט ליגנדע זעלנער. דער קאָפּ טוט אים שטאַרק ווײ, פאַר די אויגן שווינדלט, און ער איז צוריק אומגע־פאַלן. אין מויל פילט ער אַ היץ און אַ דורשט צו טרינקען קאַלט וואַסער . . . אָט זעט ער פיל אַטלעסענע קאַפּאָטעס און באַקאַנטע פנימ׳ער מיט בערד. עס ברענען ליכט פאַרן עמוד און מען זינגט „לכה דודי״. — ער, יאָסל, איז געקומען אהיים אויף אורלויב, און ער דרייט זיך אַרום איבערן בית המדרש און האַלט זיך שטייף אין זיין פרישן נייעם שינעל. זיין טאַטע, אַ קליין יידל, שטייט דאָרט אין אַ ווינקל און איז שטאַרק פאַרנומען מיטן דאַווענען. ער לאַכט צו אים פון ווייטנס און פרייט זיך. „גוט שבת! גוט שבת!״ עס גייען צו די חשובסטע באַלעבאַטים צו זיין קליינעם אָרעמען טאַטן. „נו, וואָס ווילט איר, אַ גאַנצער אָפיצער אייער זון געוואָרן!״ דער פאָטער זאָגט, צוויילנדיק דאָס דאַווענען: „געלויבט צו גאָט, געלויבט צו גאָט!״ און ער פרייט זיך שטאַרק, ווי אַ ייִנגל. אָט זיצן זיי שוין ביי דעם שבתדיקן טיש. דאָס קליינע שטיבל איז העל באַלויכטן. זיין ווייסע מאַמע גייט שטיל אַרום איבער דער שטוב. איר פּנים איז אויך העל און ליכטיק. זי דערלאַנגט צום טיש. זי בלייבט שטיין און פאַרקוקט זיך אויף אים און אויפן פאָטער, ווי זיי זינגען ביידע זמירות, און אירע אויגן טרערן פון פרייד.

ער וויל טרינקען. ער דערפילט אויפן פּנים אַ קיל ווינטל און ער דערזעט דורך די האַלב־אָפענע אויגן אַ קיילעכדיק־גאָלדענע זון. ער קאָן נישט פאַרשטיין —ווו איז ער? ווו ליגט ער? דורך די האַלב־אָפענע אויגן זעט ער דאָס ליכטיקע, שטילע פעלד, און די גרויסע גאָלדענע זון דאָרט אין עק הימל. ער זעט דאָס אַלץ ווי אין חלום. ער ליגט לאַנג אַזוי, פאַרגעסן פון זיין ווייטיק און פון דער ערד.

ער האָט דערהערט איבער זיך אַ שווער קלאַפּן און פיל טונקעלע

שאטנס האבן פלוצלינג פארשטעלט דעם ראנד הימל. ער האט זיך דערמאנט ווו ער ליגט און האט זיך אויפגעזעצט מיט א כוח פון אן אומבאשטימטער שרעק. גרויסע שווארצע פויגל זיינען געפלויגן נידעריק ארום די ליגנדע זעלנער און קאלט געשריען. יאסל האט פון אנהויב נים געוווסט וואס דא קומט פאר. ערשט ווען ער האט געזען ווי די פויגל גייען איבער די לאנגע אויסגעצויגענע קערפערס, האט ער פארשטאנען. ער האט זיך א ריס געטאן פון ארט און געוואלט אנטלויפן פון דאנען, נאר ער האט דערפילט דעם שרעקלעכן בראנדיקן ווייטיג אין פוס און ער איז געבליבן זיצן, ארויסגעשטארצט די אויגן פון שרעק.

אויף די קערפערס פון די זעלנער זיינען געשטאנען די שווארצע פויגל און ווי געוויגט זיך, און פארן אפשיין פון שטילן רויטלעכן ראנד הימל האט זיך געזען, ווי זייערע שנאבלען זיינען איינגעריכט אין בלוט. פון דער ערד האבן זיך אנגעהויבן אויפהויבן אויסגייענדיקע אטעמס און קרעכצן. די שווארצע פויגל זיינען געשטאנען איבער די קערפערס אנשרעקנדיקע און שווערע און געוויגט זיך אין רויט־טונקעלן אפשיין פון בין השמשות. פלוצלינג האט זיך אויפגעהויבן א מענטשלעך געשריי איבערן טויטן פעלד. פון יענעם ארט האבן זיך עטלעכע פויגל אויפגעהויבן אין דער הויך און אפגעענטפערט מיט זייער קאלטן געשריי. זיי האבן זיך צוריק אראפגעלאזט, און עס האט זיך ווידער דערהערט דאס מענטשלעכע געשריי, וואס האט צעטראגן ווייט איבערן שטילן געגנט אן אומגעהויערע שרעק. די פויגל אויף יענעם ארט האבן זיך ווידער אויפגעהויבן אין דער הויך און אפגעענטפערט מיט זייער קאלט געשריי; און אזוי פיל מאל, אז עס האט זיך געדאכט, ווי דער מענטש דארט און די פויגל פרווון זיך אין שרייען. עס איז מיטאמאל שטיל געווארן.

יאסל האט זיך געראנגלט מיט די הענט. איין פויגל איז נים אפגעטראטן, אויסגעצויגן דעם שנאבל מיטן קערפער און גלייך געקוקט צו אים מיט צוויי דורכזיכטיקע גלעזערנע אויגן. ער איז געזעסן אן אטעם, פארשטארט פון שרעק און זיינע הענט האבן זיך לאנג געווארפן, ווי די העלצער.. .

יאסל האט אויפגעריסן די אויגן און ארומגעקוקט זיך. איבערן פעלד איז געהאנגען אן אויסמיש פון שווערער רויטלעכער פינסטער־ניש. דארט ווייט איז שוין דער רויטלעכער אפשיין פון הימל געווען פארמישט מיט דער נאכט, און אין דער זייט הימל איז געשטאנען א גרויסע געלע לבנה. דא, דארט, אויף די טונקעלע קופעס באוועגן

זיך די פוינל, און דאָס גרויסע מעש־געלע פנים שטייט אויף אַן אָרט און קוקט גלייך אַהער. יאָסלען כאַפּט אַרום אַן אומגעהויערע שרעק. ווו, אויף וואָס פאַר אַ שרעקלעך אָרט געפינט ער זיך? עס איז אים שווער צו אָטעמען, ווי דאָס גרויסע מעשענע פנים מיטן פאַרגליווערטן בליק וואָלט אים געהייסן שטאַרבן.

יאָסל האָט געעפנט די אויגן. עס זיינען געשטאַנען פיל ווייסע בעטלעך. אַ גרויסע סאַליע מיט גרויסע ליכטיקע פענסטער. ער האָט זיך מיט וואונדער אַרומגעקוקט. אַ מיידל אין ווייסן איז געשטאַנען איבער אים אַריבערגעבויגן און גערעדט צו אים שטיל און בארויקט אים, אַז ער זאָל זיך נישט רודערן, אַז ער וועט זיין געזונט, ער וועט לעבן. ער האָט זיך גענומען באַטראַכטן. איין פּוס האָט ביי אים אינגאַנצן געפעלט — און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער שרעקלעכער נאַכט.

דורך דעם גרויסן ליכטיקן פענסטער האָט ער דערזען דעם בלויען הימל און די שטילע ליכטיקייט פון טאָג. עס איז אים געקומען אַ טרער אין די אויגן אַריין — נאָך וואָס לעבט ער?

און ער האָט זיך צעוויינט...

די חברטעס

א פינסטערניש. מ'פילט ערד און ציגל. ס'הערן זיך אומרואיקע אטעמס. פאר א שוואכן שטראל פון עפעס א שפארע גיט א בליאסק א דערשראקן אויג — מיידלעך און מוטערס ליגן דא צוזאמענגעפרעסט אין א קעלער. איין שרעק האט זיי אלע ארומגעהילט. עס הערט זיך א פארשטיקט קרעכצן.

— וואס הערט זיך דארט בא זיי, בא די מאנסלייט?

— ששש... מען וועט דערהערן... גרויסער גאט!

עס הערן זיך ווייטע טריט. מען רעדט שטיל בא דער פינסטער־פארמאכטער טיר. עס הויבט זיך אויף א שטיל געוויין.

— ששש...

די טריט דערווייטערן זיך. עס בלאזן שרעקעדיקע אטעמס. די פינסטערניש ציט זיך, ווי יארן. עס הערן זיך ווידער טריט. מען שושקעט זיך לאנג בא דער פינסטערער טיר. עס ברעכן זיך הענט. ס'ציטערן און קלאפן ציין, און א יידענע, ערגעץ אין א ווינקל, זאגט מיט א ניגון:

— ער וויל דאך מען זאל אים ארויסגעבן די שענסטע מיידלעך, און אז ניט וועט ער זיי אלע הענגען!...

פערעלע ליגט אויף דער ווייכער שוים פון איר מוטער. שטילע, ווארעמע טרערן גיסן אראפ אן אויפהער. אין מוח שפרינגען ארום שרעקעדיקע געדאנקען:

„מ'וועט זיי אלע אויפהענגען אויף הויכע סלופעס, אויף בוימער."

די פינסטערניש שרייט אין פערעלעס אויערן:

„דיך מיינט מען, דיך! גאט אין הימל! זיי ווילן דאך אויפהענגען איר טאטעשי, איר טייערן טאטעשי! עס ווענדט זיך אלץ אין איר: אז זי וועט וועלן, וועט מען איר טאטעשי ניט אויפהענגען." און עס שטעלן זיך איר פאר פיל רויטע פנימער, גרינע, רויטע אויגן און הארטע שינעלן.

זי גיט אַ ציטער. פּערעלע שטאַרקט זיך צו טראַכטן:

„זיי ווילן זיך טוישן — זי זאָל גיין פאַר איר טאַטעשי. איר טאַטעשי ווילן זיי אויפהענגען, אָבער זי וועלן זיי ניט אויפהענגען. וואָס דען? זיי וועלן זי אַרומנעמען, און קושן. זי איז דאָך אַ שיינע. זאָלן זיי זי קושן! זי האָט לאַנגע צעפּ, טאָ זאָלן זיי נעמען די צעפּ! איר שיינעם קערפּער...״

זי זעט צעהיצטע רויטע פּנימער, גרינע אויגן. זי איז איינע צווישן זיי, איינע...

זי קוועטשט שטאַרק צו די אויגן, נאָר אין איר טיפער שטילקייט זעט זי קלאָר איר טאַטעשי מיט דער גרוילעכער באָרד, וואָס רעדט צו איר שטענדיק אַזוי ווייך: — „פּערעלע״ — און גלעט זי לייכט מיט דער האַנט אויפן קאָפּ. איר טאַטעשי. דער קאָפּ טוט איר שטאַרק וויי. זי קאַרטשעט זיך צוזאַמען אין בלייבט ליגן אַ ווײַלע אָן געדאַנ־קען, פאַרמאַטערט.

אַרום הערט זיך אָן אויפהער דאָס שטילע געוויין. איר מוטער דריקט זי פעסט צו זיך. די געדאַנקען גייען:

„זיי זיינען די שענסטע מיידלעך פון שטעטל, זי און אירע צוויי חברטאָרינס. זיי ליגן אויך אין דעם קעלער. זיי פּלעגן שטענדיק גיין צוזאַמען. זיי וועלן היינט אויך גיין צוזאַמען...״

די מוטער דריקט זי צו זיך. „גוט, גוט! זי, פּערעלע וועט דאָ ליגן לאַנג. דערנאָך וועט זי אַרויסגיין פון דאַנען. קיין איין האָר וועט ניט פעלן פון אירע צעפּ, איר שיינער קערפּער וועט זיין ווי פריער. און איר טאַטעשי וואו וועט דאַמאָלסט זיין? — זי, פּערעלע, וועט נאָר אַרומגיין און ווייזן איר קערפּער. כאַ־כאַ־כאַ — זיי ווילן די שענסטע מיידלעך פון שטאָט... חנהלע, שרהלע, מיר זיינען דאָך די שענסטע מיידלעך פון שטאָט... זיי ליגן דאָרט שטיל באַגראָבן אין דער מאַמעס שוים. איך וועל זיי זאָגן, איך וועל זיי געבן צו פאַרשטיין...״

פּערעלע קוקט זיך גוט איין אין דער פינסטערניש. זי זעט נאָר די שפּאַרע, דעם שוואַכן שיין פון טאָג זעט מען ניט. עס איז שוין אוודאי נאַכט. ווי אַזוי רופט מען זיי אהער?

זי קלערט לאַנג וועגן דעם. עפּעס קאָן זי זיך נאָר נישט רירן. עס איז איר נוט אַזוי צו ליגן, און עס איז אנגענעם צו הערן די אָטעמס

ארום איר און דאָס שטילע געוויין... עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק שלאָפן.

זי האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט. זי קוקט זיך ארום. דורך א שפּאַרע שיינט אַריין אַ דינע, קאַלטע בלייכקייט — זי געפינט זיך אין קעלער... צווישן דער קופּע מיידלעך און ווייבלעך. זי אָטעמט שווער אָפּ. ס׳האָט זיך איר עפּעס געפּלעטשעט אין שלאָף. זי האָט געזען איר טאַטעשי. זי טיילט זיך שטיל אָפּ פון דער מוטער. די מוטער גיט אַ זיפץ, נאָר זי שלאָפט ווייטער. מיט אַן אויפגעהאַלטענעם אָטעם שפּרייזט זי צווישן די שווער־שלאָפנדיקע. ווען פּערעלע האָט זיי נאָר אָנגערירט, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן שוין געווען לאַנג גרייט. עס האָבן זיך געהערט קולות מיט שרעק:

— פּערעלע! שרהלע!

זיי האָבן זיך פעסט געהאַלטן בא די הענט און צוריקגעשריען:

מיר גייען זיי אויסלייזן!

דער פינסטערער הימל איז געווען רויטלעך פאַרוואָלקנט, און ער האָט געאָטעמט אַראָפּ מיט אַ דעמפּיקער היץ. היימלעך־טרוקן האָבן געקנאַלט די ביקסן־שאָסן און ברייט ארום האָבן אָפּגעקלאַפּט די האַרמאַטן.

די גאַסן זיינען געשטאַנען ליידיק, אַלע טירן פאַרקלאַפּט. דער פינסטערער הימל האָט געלויכטן ווי אַ קופּער־וואָלקן און צעגאָסן איבערן שטעטל, איבער די ליידיקע גאַסן אַן אומהיימלעכע ליכטיקייט. גרויע מחנות זעלנער זיינען אָן אויפהער געגאַנגען, טויב געקלאַפּט מיט זייערע שטיוול און פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין דער פינסטער.

פּערעלע האַלט מיט ביידע הענט אירע צוויי חברטאָרינס. זיי ריידן שטיל און קאַלט:

וואו גייען מיר? מיר האָבן שוין ניט קיין היים! מיר האָבן שוין ניט קיין עלטערן...

פּערעלע רייסט זיי פּאָראויס אין בית־עולם געסל אַריין:

— כאַ־כאַ־כאַ, מיר האָבן דאָך אַ היים, אַזאַ טייערע היים! דאָרט איז די ערד אַלעמאָל ווייך און פריש... אַזעלכע גרויסע גרעזער, און טונקעלע ביימער...

— — — — — — — —

אין א פינסטערע נאכט

1

דער אַלטער רב גייט הין און צוריק איבער זיין שטיל, טונקל צימער. ער שטעלט זיך אָפּ באַם פענסטער. פון דאַנען זעט ער דעם גאַנצן מארק — דאָס האַרץ פון שטעטל. ער זעט ווי דאָס שטעטל רוישט מיט זעלנער. זעלנער אין זייערע גרויע שינעלן ראַיען, ווי די מוראַשקעס, אריין און ארויס פון די געוועלבער, און אונטער די אָרעמס — געקויפטע סחורה.

עס געדויערט שוין אַזוי עטלעכע טעג. עפּעס שרעקט זיך דער אַלטער רב דערפאַר... נאָר ער גלעט זיך די ווייכע גרויע באָרד. די זעלנער גייען דורך, דאַרפן זיי דאָך כּלערליי זאַכן, הן פאַר זיך, הן פאַר די פערד, הן פאַר די וועגן...

באַלד שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט זיך: „און וואָס איז אָרום און אָרום? יידישע שטעטלעך, יידישע קהילות ווערן חרוב, ווערן איינגאַנצן אויסגעריסן פון זייערע ערטער — און דאָ פּלוצלינג איז אַזוי גוט! יידן לייזן געלט!.. גרויסער באַשעפער, היט אָפּ דיין פאָלק ישראל!

עס הערט זיך פון דער קיך בערעלעס ווייכע ריידן און זיין שוואַך גרילציק צוהוסטן. ער עפנט אויף די טיר.

לעבן פענסטער זיצט די רביצן. אַ קיילעכיק פּנים, פול קנייטשן, נאָר די גרויסע שוואַרצע אויגן בלישטשען קלאָר און קלוג.

ר' בערעלע שטייט אין מיטן דער שטוב. אַ שמאָל יידעלע, ווי אַ יינגל מיט אַ קליין בערדעלע.

— וואָס דערציילסטו עפּעס, בערל?

— הערסט, ישראל, די זעלנער גיבן גוט צו פאַרדינען, — שאָקלט די רביצן צו מיטן קאָפּ.

— בע-בע, יידעלעך פאַרדינען, יידעלעך פאַרדינען... — גייט בערעלע מיט קליינע טריטלעך נאָכן רב אַריין אין צימער.

— נו, בערל, וואָס הערט זיך אין שטעטל?

דער רב זעצט זיך אין זיין פאָטער־שטול. דערנעבן אויף א שטיקל שטול זעצט זיך ר' בערעלע. ער הוסט צו און רעדט:

— גאָר גוט, רבי! גאָר פיין! יידעלעך גלייכן זיך אויס די ביינער. די געוועלבלעך לייזן א סך פון די זעלנער. שוסטערס און שניידערס האָבן צו טאָן. די זעלנער דינגען זיך גאָר נישט. נאָר זיי לאָזן ניט ארויס פון מויל דאָס וואָרט „זשיד"... בע־כע, יידעלעך נעמען צו די פאָר גראָשן...

דער רב שאָקלט זיך און רעדט:

— ס'איז נישט גוט, בערל! ס'איז נישט גוט!

די טיר מאַכט זיך אויף און עס קומען אריין הערש־גדליה, דער וואלד־סוחר, און נתן מאָנטשאַרש.

— גוט מאָרגן, רבי!

נתן מאָנטשאַר שזעצט זיך גלייך באַם טיש. ער איז איינגאַנצן פארמעלט. ער גייט א קאַפּל פון הינטן און א היטל פון פאָרנט, די אויגן צו, א צוויי־שפּיציקע באָרד. אויפן פּנים און אין די אויערן וואַקסן פיל האָר.

הערש־גדליה גייט אין א שיין־געפּאַסט פאַלטנדל, מיט אויסגעפּוצטע שטיוועלעך. ער דרייט זיך אַרום הין און צוריק איבער דער שטוב. נתן שאָקלט זיך אין דער ברייט און רעדט מיט זיין רווישיקער שטימע:

— ברויט פאַרקויפט זיך גאָר נישקשהדיק, נאָר דאָס זעקל מעל איז שווער צו קריגן.

הערש-גדליה בלייבט שטיין.

— די מלחמה רוקט זיך נעענטער, רבי. מ'ברענט די וועלדער. כ'בין געפאָרן אויף מיין וואַלאַנטשיק צום ליפּינער וואַלד צו, האָב איך מיך געמוזט אומקערן. עס דונערט און דער הימל איז רויט...

בערעלע וווּנדערט זיך שטאַרק און שרעקט זיך. דער רב שאָקלט זיך, פאַרזונקען אין געדאַנקען. ער כאַפּט זיך אויף:

— יאָ, קינדערלעך, עס רוקט זיך אָן די צייט...

2

שפעט באַנאַכט. עס הערט זיך אַ ווייט טויב דונערן. דער רב שאָקלט זיך איבער אַן אָפן ספר. זיין פּנים איז צעקנייטשט אין אַ שטאַרק נאָכדענקען.

— וואָס איז דאָס ?! אַלע האָבן זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט מיט פייער און שווערד ! מען ווייסט גאָר נישט פון קיין רחמנות ?! צי איז עס ניט אַמאָל דער לעצטער צאַפּל פון שלעכטס, דער לעצטער כוח פון דער קליפּה ?! אויב אַזוי, וועט דאָך באַלד אויפשיינען אויף דער וועלט דיין גרויסער נאָמען, גאָט !

דער רב פאַרשטעלט מיט ביידע הענט זיין פּנים און ברומט אָן אויפהער :

— גרויסער גאָט !

און עס הערט זיך אין דעם אַ געבעט און אַ שטום רייסן זיך פון אַ האַרץ.

ער איז אַ צייט געזעסן, ווי אָן געדאַנקען, דאָס פּנים בלייך און די קינדיש־קלאָרע אויגן האָבן געקוקט ווייט, אין דער העלער ליכטיקייט פון לאָמפּ.

— ישראל ! — די רביצן איז געשטאַנען אין דער טיר מיט אַ ליכט אין דער האַנט. — כ'האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט שוין, צום סוף זיצסטו אויף... ביזט אַן אכזר אויף זיך, ישראל. אין דער תורה שטייט געשריבן, אַז מען דאַרף אָפּהיטן דעם נפש...

— היינט דאַרף מען בעטן גאָט. עס איז אַן עת צרה אויף יידן... — שאָקלט זיך דער רב.

— ניין, ישראל, ביזט נישט גערעכט, — שאָקלט די רביצן מיט די סטענגעס פון איר קופּקע און מיטן ליכט אין דער האַנט.

פון יענער זייט פאַרמאַכטע לאָדנס שטייט דאָס שטעטעלע, שטיל פאַרזונקען אין דער נאַכט. פון צייט צו צייט הערט זיך אַ טויב דונערן. דער רב שטעלט זיך אויף.

— איך זאָל בעטן אויף מיין שטעטל ? איך קאָן נישט, ווען אַ גאַנצע וועלט ווערט חרוב. גרויסער גאָט ! דיינע נביאים האָבן געזאָגט : — עס וועט קומען אַ טאָג, ער וועט ברענען ווי אַן אויוון־בראַנד און פאַרלענדן דאָס שלעכטס ! דער טאָג קומט ! ער קומט !

3

גרויסע מחנות זעלנער גייען איבערן שטעטל אַן אויפהער. זיי גייען האַרט און גיך פאַראויס, און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט הויבן אַלע אָן שטאַרק צו לויפן... עטלעכע רייסן זיך אָפּ, לויפן אַריין אין אַ געוועלבל קויפן עפּעס און לויפן צוריק.

דאָס שטעטעלע שרעקט זיך. יידן האַלטן אָפּן די געוועלבער, די זעלנער זאָלן האָבן וווּ צו קויפן. זיי גיבן די סחורה, נעמען צו געלט, און רוקן זיך אָפּ. אין אויג בלישטשעט אַ שרעק־גלאַנץ.

אויפן טיש ליגן פאַנאַנדערגעוואָרפן פיל אָפענע ספרים. דער רבֿ קוקט און זוכט אין זיי. ער גייט איבער דער שטוב און רעדט הויך:

— עס קאָן אַנדערש ניט זיין. היינט, היינט איז די צייט. ווייל ווער זיין דעם, וואָס וועט דערלעבן צו זען די גרויסע ליכטיקייט! נאָך ווער וועט קאָנען בלייבן שטיין אין דעם פייערדיקן שטורעם, וואָס וועט אַדורכגיין לייטערן די וועלט?!

ר' בערעלע קומט אַריין און נאָך אים די רביצן. ער ציטערט מיט דער דאַרער האַנט און האַלט זיך באַם בערדעלע.

— וואָס רעדן, אַלע זאָגן אַזוי! זיי וועלן קומען אין שטעטל אַריין! האַ, וווּ באַהאַלט מען זיך?!

דער רבֿ בלייבט שטיין און קוקט אויף אים:

— האָב נישט קיין מורא, בערל, און באַהאַלט זיך ניט. גאָט איז אומעטום!

די רביצן שאָקלט מיט דער קופּקע:

— ביזט נישט גערעכט, ישראל. אַ מענטש דאַרף אַנטלויפן פון פייער.

— פון פייער קאָן מען אַנטלויפן, אָבער פון גאָט?..

בערעלעס דאַרע האַנט ציטערט שטאַרק:

— האַ, וווּ באַהאַלט מען זיך?

די רביצן ברעכט די הענט:

— טאַטע אין הימל, היט אָפּ דיין פאָלק ישראל!

4

זיי זיצן ביידע אין דער פינסטער. די לאדנס זיינען פעסט פארמאכט. אויף דער וואנט ליגט זיך אפ א בלייבער לבנה-שטראל פון עפעס א שפארע. עס בלייכט זיך אין דער פינסטער די ווייסע באָרד און דער טלית. עס ציטערט א שוואך קול: „ישראל, לאמיר גיין אראפ אין קעלער. לאמיר זיך באהאלטן." און א מאן ענטפערט: „איך וועל נישט אוועקגיין פון מיינע ספרים. איך וועל ניט קריכן מיטן טלית אונטער דער ערד. גיי באהאלט דו זיך." דאס שוואכע קול ציטערט: „גאט איז מיט אונז. כ'וועל זיין נעבן דיר און נעבן דער הייליקער תורה..."

א פינסטערניש און א שטילקייט, אן אן אנהויב און אן א סוף; נאר די הערצער, וואס זיינען פארשטעקט ערגעץ, קלאפן הויך, רעדן צווישן זיך. קיין לעבעדיקער הערט ניט זייערע רייד...

פלוצלינג, א מענער־קול צעקאלערט זיך שרעקלעך־הויך אין דער נאכט, און עס ווערט מיטאמאל איבערגעריסן. די רביצן ציטערט אין דער שטיל: „ווי איז צו אונזערע אויערן!.."
אין לבנה־שיין גיט א בליאסק די עטרה פון טלית, און א מאן רעדט הויך: „גרויסער גאט, א ייד איז געפאלן, אומשולדיק און פאר גארנישט..."

די פינסטערע מינוטן ציען זיך אזוי שווער. ס'א מורא צו אטעמען... און ווידער, א פרויען-געשריי שניידט אין דער נאכט אריין: „געוואלט, ראטעוועטס, יידן, בני רחמנים!" דאס געשריי הערט ניט אויף. איין פרויען־געשריי אין דער פינסטערער נאכט, איין פרויעז־קוויטש, וואס מאכט פרירן דאס בלוט און שטייפט די האר אין דיווארצלען.

עס ווערט פארשטיקט, און עס קאלערט זיך נאך א רוי, גראב געלעכטער. עס רייסט זיך אין דער נאכט נאך א פרויען־געשריי, און נאך א געשריי, ווי דער גיהנום וואלט זיך פלוצלינג געעפנט און עס הערט זיך ארויס דאס אנגסט-געשריי פון הימלישע נשמות — און דערנאך קאלערט זיך דאס ערדישע גראבע לאכן פון טייוול.

די רביצן ברומט פארשטיקט. זי האלט דאס פנים און די אויגן פעסט פארשטעקט מיט די הענט, ווי זי וואלט עס דא לעבן זיך געזען.

דער רב שמעלט זיך האסטיק אויף:

— ווי לאַנג וועסטו באַהאַלטן דעם פּנים פון אונז, גאָט?
דאָס שוואַכע קול רופט מיט מורא:
— ישׂראל, ישׂראל! וואָס גייסטו טאָן?!

נאָר עס איז שוין שפּעט. דער אייזערן גיט אַ קלאַפּ און דער לאָדן מאַכט זיך אויף. דער גאַנצער הימל איז רויט און ציטערט פון די נאָענטע שׂריפות, און דאָס פינסטערע שטעטל, און דער מאַרק מיט די פיל פערד און זעלנער ציטערט און וואַרפט זיך ווי אַ גיהנום־טאַנץ אין דער משונהדיקער רויטער ליכטיקייט. איבערן מאַרק שטייען פינסטערע קופּקעס זעלנער, קרום די ביקסן אויף די פּלייצעס, און אויך דורך די אָפענע פענסטער־לעכער, ווען דער רויטער שיין גיט אַ ציטער, זעט מען אין די שטובן פיל זעלנער. אַט שפּרינגט אַ פרוי אַרויס דורך אַ פענסטער. די זעלנער לויפן, פאַרשטעלן איר דעם וועג, נאָר זי שפּרינגט און מיידט זיי אויס. אירע לאַנגע האָר זיינען צעוואָרפן.

די פערד הירזשען, קלאַפּן מיט די פיס אין דער ערד. איינס שטעלט זיך הויך־אויפגעריסן קעגן רויטן ציטערדיקן הימל — און אַט רייסט זיך עס אָפּ און אַנטלויפט ווייט־ווייט פון מענטשן אין דער פינסטערער נאַכט אַריין...

דער רב שטייט גלייך אין פענסטער און זיין קול ברומט האַרט:
— ווי לאַנג וועסטו באַהאַלטן דיין פּנים פון אונז? גרויסער גאָט, קוק אַראָפּ און זע!

הינטער אים שטייט די רביצן און ציטערט:
— אַ בראָך איז מיר... ער ווערט דאָך באַלויכטן! זיין ווייסע באָרד... זיי וועלן אים דערזען!

דאָס דונערן פון ערגעץ הערט זיך הויך און שטאַרק. אַט גיט אַ דעמפּיקער זעץ. עס ווערט מיטאַמאָל אַ מהומה, אַן אויסמישעניש צווישן זעלנער און פערד. עס קלאַפּן טויב די קאָפּיטעס און עס שפּרינגען אַוועק ווייט־ווייט שוואַרצע לאַנגע שאָטנס אין דער רויט־משונהדיקער נאַכט אַריין.

5

קיין איין זעלנער איז שוין נישטאָ אויף דעם גאַנצן מאַרק. נאָר דאָ און דאָרט אויף דער ערד רודערן זיך טונקעלע פרויען־

געשטאַלטן. טייל זיצן און רייסן זיך די האָר פֿון קאָפּ. טייל שטייען און וואַקלען זיך ווי די נאַכט־שאָטנס... און שטיל איז, און עס ציטערט און טאַנצט מיטן פֿינסטערן טויטן שטעטל דער רויטער הימל, און עס קלאַפּן אָפּ פֿון ערגעץ אַזוי שווער די דונערן.

דער רבי שטייט אין פֿענסטער און גיט זיך ניט קיין ריר — ווי ער וואָלט געוואָלט באַהאַלטן און פֿאַראייביקן אין זיין אויג דאָס שרעקלעכע בילד. און די רביצן הינטער אים, ווי זיינס אַ שאָטן, פֿליסטערט שטיל.

די זון איז אַרויסגעגאַנגען פֿריש און גאָלדיק. אַ גרופּע זעלנער האָט אַריינגעמאַרשירט אין שטעטל, און זייער קרעפֿטיק געזאַנג קאָלערט זיך הויך אין פֿרישן פֿרימאָרגן.

דער רב שטייט, אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין זיין גאַנצער הויך, און רעדט אַרויס:

— מיינע אויגן זען נאָר די שרעקלעכע נאַכט! מיינע אויערן הערן נאָר יענע געשרייען... צי איז שוין נישט גענוג?!

נאָר ווי עמיצער וואָלט פּלוצלינג אויסגעשריען פֿאַר זיין אויער: „ווי קומסטו נאָכצוקלערן מיינע וועגן?!

ער זיצט אין אַ ווינקל פֿון זיין שטוב און וויינט לאַנג.

פארוואגלטע

איך עפן די טיר. א גרויס צימער, און א סך ליכטיקע פענסטער. רייען בעטלעך, קישנס און פארבונדענע פעק. א דעמפיקע ווארעמ־קייט, א גערודעריי און א גערויש.

עס זיצן יידן אין שפאנצערס, פארדרייטע היטלען און פאר־קורזשעטע בערד, ווייבער אין פארבונדענע פאטשיילעס מיט געלע פנים׳ער.

עס שפרינגט מיר אנטקעגן א דארע יידענע מיט א קופקע. זי האלט די הענט אויף די זייטן און גיט זיך פאר מיר א נויג:

— ס׳איז דא אלץ פיין, ריין, הער לעבן. ווען וועט מען שוין צוריק אהיים?

זי רעדט גיך, אירע דארע באקן ברענען און די גלאנציקע שווארצאפלען לויפן נישט־היימלעך. עס שטופן זיך ארום איר קינדער. שמאלע פנים׳ער קוקן ארויף צו מיר נייגעריק און דורשטיק עס קומט פאמעלעך און שטיל צו א נידעריק יידל אין א ווייכן שפאנצער, מיט רויט־בלוטיקע אויגן, און ברעמען ער שמייכלט צו מיר מיט זיינע רויטע אויגן

א יונג ווייבל רייסט אוועק די קינדער — ס׳איז דאך גלאט א חרפה פאר א מענטשן. אויף איר טונקל, דאר פנים צעשפילט זיך א רויטקייט. אויפן ערשטן בעטל זיצט א יידענע, שאקלט זיך אין דער ברייט, הויבט די אויגן ארויף צום סופיט. זי זינגט שטיל, און אויפהער: „די גאב פון דיר, גרויסער גאט! די גאב פון דיר, גרויסער גאט!

אויפן צווייטן בעטל. עס זיצט א פאר פאלק. זי מיט שווארצע צעפלאסענע האר און א פלאמיק געזיכט. זי בויגט זיך צו אים, מאכט שטארק מיט דער האנט און רעדט הויך:

פארשטייסט, זעלנער גייען. אז מען הייסט זיי שיסן, שיסן זיי, — פיף־פאף! קאזאקן לויפן אויף די פערד. אז דאס קינד האט זיך

פּאַרקילט, איז דאָס געגאַנגען אין דער ערד אַריין. אין דער היים האָט יעדער געהאַט זיין בידע, און דאָ זיינען אַלע הינט צוזאַמען.

אויפֿן דריטן בעטל. עס ליגט אַ מויד מיטן צעשויבערטן קאָפּ אין ברודיקן קישן אַריין. זי הויבט אויף דעם קאָפּ. איר פּנים איז בלייך און ווי דערשראָקן. זי קוקט מיט אַ שטאַר־פֿרעגנדיקן בליק צום שכנות'דיקן בעטל. דאָרט ליגט אַ יונג אין אַ שווערן פֿאַלטן, מיט די שטיוול, און שלאָפֿט האַרט...

אויפֿן פֿערטן בעטל. עס זיצט אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ שיטערער באָרד. דאָס פּנים געל, ווי וואַקס, און שוואַרצע, גרויסע איינגעגראָבענע אויגן. ער זיצט אין אַ לאַנגן ווייך־פֿלאַקסענעם שפּאַנצער און רעדט אויף אַ טרוקן קול:

— אין דער היים בין איך געווען חרוב; און דאָ קיין איין הוסט ניט. אפשר בין איך שוין געזונט?

עס שטייט אַן אַלט יידל, געבויגן אונטער אַ שווערער בורקע. און דערנעבן שטייט זיין אַלטיטשקע און האַלט מיט ביידע הענט אַרום פֿעסט אַ ליידיק טעפּעלע. זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ מיט דער גרויסער קופּקע:

— מענדל, הערסט, כ'וועל גיין וועגן אַביסל היים וואַסער.

ער שטייט געבויגן אונטער דער בורקע און ענטפֿערט הויך:

— אין דער בורקע איז וואַרעם, נאָר עס איז שווער, אַ משא.

עס שפּאַצירט אַרום אַ יונג מיידל. זי זינגט שטיל, זוכט און ווינקט מיט פֿינקלדיקע אויגן און וויקלט קיילעכדיק אויס דעם בוזים, ווי אַ פֿרוי... דאָרט לעבן בעטל שטייט אַ גרויס מיידל. זי ציט פֿון זיך אַראָפּ די בלוזקע צו פֿאַרריכטן און ווייזט אַן שאַנד אירע נאַקעט־קיילעכדיקע הענט און דאָס לייב אָפֿן פֿאַר אַלע.

עס זיצט אַ קינד מיט אַ רונדיק בלייך פּנים'ל. אין די אויגן שטייט נאָך אפֿילו אַ קלאָרע טרער. עס גיט אַלע ווײַלע אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּערל און עס זיפֿצט אָפּ ווי אַן עלטערער מענטש... פֿאַר דעם שטייט דער פֿאָטער אָנגעבויגן, מיט אָפֿן־צעשפּרייטע הענט און אָפֿענע פּאַלעס:

— די מאַמע ליגט אין דער ערד, און איך ווייס גאָר נישט וואָס צו טאָן.

דערנעבן זיצט אַ יידל, פֿעסט אַראָפּגערוקט דאָס סאַמעטענע

היטל און אין דער דאַרע האַנט אָפן אַ תהילימ'ל. ער שאָקלט זיך מיט פאַרגלייזטע אויגן. די שוואַרצאַפּלען שווימען אַהין און אַהער און ער זינגט הויך און האַרציק פסוקים תהילים.

איך פאַרהאַק מיט דער טיר. די פיס פּלאָנטערן זיך מיר גרינג און די געדאַנקען זיינען ווי פאַרגליווערט. איך רייס מיך פאַראויס, די זון שיינט, עס רוישט, מענטשן לויפן אַהין, אַהער. די גאַס קוקט באַ מיר אוים ווי ניי און פרעמד... און דער לעבעדיקער גערוויש פאַלט ווי אַ בלייענער רעגן אויף מיין קראַנקן מוח. איך הויב אָן גיין גיך, ווי אַלע מענטשן, נאָר אין מיר איז אַזאַ שטילע חורבה...

דער קאַלטער אייזן פון מיין בעטל קילט מיר דעם מוח. עס פּלאָנטערן זיך בילדער. די דאַרע יידענע, וואָס נויגט זיך פלינק; די הענט אויף די זייטן; די רויט־בלוטיקע אויגן אָן ברעמען, וואָס שמייכלען צו מיר ווייך; דאָס בלייכע קיילעכדיקע פּנימ'ל פון קינד און די פולע קלאָרע טרער. די געדאַנקען שטייען. פאַר די אויגן שווינדלט עס. עס טראָגט זיך אַ לויב־געזאַנג. דאָס יידל שאָקלט זיך מיטן אָפענעם תהילימ'ל. דאָס פּנים ווי אַ שטיין, קיין ציטער. די שוואַרצאַפּלען שווימען אַהין און אַהער: „גדול ד' ומהלל מאוד ולגדולתו אין חקר".

איך שוועב מיט אים... אַ בלויער הימל־ים, אַ גאָלדענע זון... דער קאָפּ שווינדלט מיר און איך כאַפּ מיך אָן אָן קאַלטן אייזן פון מיין בעטל.

דראמאטישע
סצענעס

סימעלע מאַרכאַן — אַ מתנה

שבתי מוח

(אַ סצענע)

פערזאנען

שבתי מוח,

אַ חברה יינגלעך און

יידן־פאַרבייגייער.

די סצענע שטעלט פאָר אַ ווינקל פון אַ פּראָווינץ שטעטל. רעכטס: עטלעכע שטיגלעך, וואָס פירן אַרויף אין אַ געוועלב. די שויבן־טירן פאַרמאַכט. אויף דער דרויסן־טיר, אָנשטאָט אַ שילד, איז צוגעקלאַפּט אַן אַלט שטיקל לעדער. פאָרנט אַ מאַרק־פּלאַץ. אַרום פּלאַץ — אַ קייט מיט אַלטע הילצערנע הייזלעך.

שבתי מוח — אַ הויכער דאַרער ייד: אַ לענגלעך־בלייך פּנים און אַ שוואַרץ פאַרפּלאָנטערט בערדל. ער זיצט אויף די שטיגלעך, האַלב־צעלייגט און ליידיק. דאָס היטל צע־קנייטשט און פאַרדרייט אָן אַ זייט. בײַ די שטיגלעך שטייט חברה יינגלעך. דער עלטסטער טרייבט זיי אָפּ, און אַליין קוקט ער מיט צופרידענער נייגעריקייט אויף שבתי מוחן. אויפן פּלאַץ גייט אַ יידל.

שבתי מוח. יאָסל! (דאָס יידל קומט צו. אַ יונגערמאַנטשיק אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, ביז צום טריט; אַ פליישיק־פאַרשלעפּערט פּנים, פול באַוואַקסן מיט באָרד און פאות.)

שבתי מוח. שאַדט ניט, דו מעגסט צוגיין צו שבתי מוחן. פריער גאָט, דערנאָך שבתי, — האָסטו צוריק אַ ווייב. וואָס מאַכט זי?

דאָס יידל (שטייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי פאַרשעמט). ז'איז שוין אַראָפּגעגאַנגען פון בעט.

שבתי מוח. פון טויט לעבעדיק! איך קום אַריין, זע איך, זי ליגט פאַרשטאַרט און שוואַרץ ווי אַ קויל, און ער, דער בטלן, שטייט און קראַצט זיך: — ס'איז שבת, וואָס טוט מען?

ווען דו קראַצסט נאָך אַביסל, וואָלסטו שוין ניט געהאַט וואָס צו קראַצן! שבתי פאַרלירט ניט קיין צייט. ער כאַפּט די האַק און צעהאַקט האָלץ, און מאַכט אַ פייער, און וואַרעמט אָן שפּירטעס, און צערייבט איר מיט אַ באַרשט דאָס גאַנצע לייב, אַזש ז'האָט אָנגעהויבן קריגן קאָלאָרן! טאָ וואָס שטייסטו מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און דו שעמסט זיך? שבתי האָט געזען דאָס לייב פון דיין אישה! אַ גרויסער ייד מיט באָרד און פאות, און נאָך אַ ייִנגל!

הער! זי, דיין אישה, דאַרף האָבן לופט. דו זאָלסט עפענען באַ דיר אַ פענסטער. איך וועל שפּעטער צו דיר אַריינקומען. אַז עס וועט ניט זיין אָפן קיין פענסטער, וועט דיר, בטלן, ניט פעלן קיין צרות! (דאָס יידל שמייכלט און גייט פאַרביי. עס גייט אַ יידל, מיט אַ באַלאָן סאָדע־וואַסער אויפן אַקסל).

שבתי מוח. הערשל! (דאָס יידל מיטן באַלאָן אויפן אַקסל קומט צו. אַ יונגערמאַנטשיק אין אַן אויסגעוואַקסן רעקל: אַ קייַלעכדיק, שמייכלענדיק געזיכט, מיט אַ רעט־בערדל און קינדיש־קלאָרע אויגן).

שבתי מוח. טאָ וואָס שטייסטו מיטן באַלאָן אויפן אַקסל! דו קאָנסט דאָך דיר פאַרגינען אַראָפּצונעמען אויף דער ערד! (הערשל נעמט אַראָפּ דעם באַלאָן אויף דער ערד.)

שבתי. וואָס מאַכסטו?

הערשל (ציט זיך). עפּעס פיל איך מיך... איך ווייס נישט ווי אַזוי אָנצורופן.

שבתי דאָס בעסטע איז, דו זאָלסט דיך אויסשמירן און אויסרייבן איינגאַנצן מיט הייסן שפּירטעס!

הערשל (ציט זיך). צו וואָס קאַליע מאַכן שפּירטעס?

שבתי. עס איז אים עפּעס, ער ווייסט נישט ווי אַזוי עס אָנ־צורופן. און צו וואָס קאַליע מאַכן שפּירטעס? ביסט אַ לעקיש!

הער, איך וואָלט דיר געקאָנט געבן. וואָס בײַ שבתין געפינט זיך אין בוזעם־קעשענע, איז ניטאָ בײַ אַ גביר אין דער שאַנק. נאָר מ׳דאַרף אַרויסרײַסן פון אַ חזיר אַ שטשעטשענע. גיי צו דיין באַלע־באָס און זאָג אים אַזוי: דיין פערדל איז געפאַלן אונטער דער משא, איז געקומען אַ דאָקטאָר און פאַרשריבן אַ רעצעפּט. גיב אויף דער רעצעפּט, וועסטו צוריק האָבן אַ פערדל! (הערשל קראַצט זיך אין קאָרק און שמייכלט)

שבתי. איך ווייס, אַז דו דערזעסט דיין באַלעבאָס, זלמן דעם גביר, מיטן קוילעכיק־געשווירן בערדל און מיט דער גאָלדענער קייט אויף דער רייכער וועסט, ווערסטו אַ דערציטערטער! אָרעמע, נידער־געשלאָגענע הינט! (ער בלייבט זיצן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער האַנט. ער כאַפּט זיך אויף) נישט געזאָרגט, ברודער!(ער נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ פלאַש בראָנפן מיט אַ גלעזל, גיסט אָן און דערלאַנגט הערשלען).

הערשל. מ׳דאַרף נישט! מ׳דאַרף נישט!

שבתי. נו, שעם דיך ניט פאַרן גלעזל!

הערשל. (נעמט, דרייט איבער און גיט צוריק דאָס גלעזל) שטאַרק! שטאַרק!

שבתי (גיסט אָן אַ גלעזל און טרינקט אויס) שטאַרק! שטאַרק! אַרבעטן פאַר יענעם קאָן ער מער נישט! (ער גיסט אָן נאָך איינס) „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב” — וואָס מער מען ווייסט, מער דאַרף מען טרינקען! (ער טרינקט).

צווישן דער חברה. שבתי, נאָך איינס! נאָך איינס! (די שויבן־טיר מאַכט זיך אויף און עס באַווייזט זיך אָשר־לייב, אַ ייִד אין אַ שלאָף־ראָק, מיט אַ רויק פּנים און ברייטער באָרד. הערשל נעמט דעם באַלאָן און גייט גיך אָפּ).

אָשר־לייב. זע, שבתי, מאַך ניט קיין אוואַנטורעס! קום גלייַ־כער אַריין. איך וועל דיר צוהעלפן און מ׳וועט צושניידן אַביסל לע־דער. און ווו איז דיין שכל, האַ? דו ווילסט דיר אַליין אויסברעננגען אַ טאָג?!

שבתי (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ גאַרשט קופּערנע מט־בעות, ווייזט צו דער גאַס און זינגט אויף אַ ניגון פון תהילים). זעט ער האָט מיך גענאַרט, דער גביר! (אָשר־לייב רוקט זיך אַריין און פאַרמאַכט די שויבן־טיר. סיקומען צו עטלעכע יידלעך, די הענט אויף הינטן און לייכט שמייכלענדיק).

שבתי (ווייזט דעם גאַרשט קופּערנע מטבעות און זינגט מיט אַ ניגון פון תהילים). זעט, יידעלעך, ער האָט מיך גענאַרט, דער גביר! אָפּגעהאַרעוועט באַ אים אַ גאַנצע וואָך, האָט ער געמאַכט אַ פרומען חשבון, איז מיר געבליבן אַ קרענק אין די ביינער! אוי, איז דאָס אַ גנב, ר' אָשר־לייב, דער גביר, מיט דער ברייטער באָרד! אַ האַל־בען טאָג דאַוונט ער פון פאָרנט. און גנבעט פון הינטן! ער גייט אַרום אין ווייכע לאַטשן און רעדט פרום. אכזר, באַריים ניט אַ ייד! פושע, באַגנבע ניט אַ ייד! און דער סוף איז: ער האָט מיך באַריםן! ער האָט מיך באַגנבעט!

אַ דראָבנע יונגערמאַנטשיקל (מיט אַ שוואַרץ קמץ־בערדעלע און שוואַרץ־בלישטשענדיקע אויגעלעך, שפּרינגט צו און רעדט גיך). דער גביר האָט דיך שוין ווייטער גענאַרט?! דער גביר האָט דיך שוין ווייטער גענאַרט?!

שבתי (נאָכמאַכנדיק און רעדנדיק גיך). דו קענסט ניט די הלאכה! דו קענסט ניט די מלאכה. עופעלע, האָסט זיך נאַר וואָס אויס־געפּיקט פון איי, און דו שפּריצסט שוין מיט זאַמד! (מיטן ניגון פון תהילים) אוי, ברודערקע! ס'איז נאָך גוט וואָס דו ביסט אַ קבצן! וואַ־רים ווען אַ חזיר זאָל האָבן הערנער, און דו, קמץ־בערדעלע, זאָלסט האָבן געלט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט! (דאָס יונגער־מאַנטשיקל פאַרמישט זיך צווישן די איבעריקע)

איינער. ער האָט אים גיך אָפּגעפּאַרטיקט!

אַ צווייטער. שפּילסט זיך מיט שבתין!

אַ דריטער (אין אַ געהאַקט קאַפּאָטקעלע, מיט אַ פאַרקעמט בערדעלע און אַ שטילן בליק). מיט שבתין טענהן, דאַרף מען האָבן שכל!

שבתי. דו האָסט שוין שכל!

דער יונגערמאַן. איז שלעכט?

שבתי. וואָס פאַר איינעם איז אַ רפואה, איז פאַר אַ צווייטן סם. (מיטן ניגון פון תהילים) ברודערקע! ווען איך זאָל דיך אויפ־דעקן, וואָלט מען שטאַרק געפילט! און מען וואָלט נישט געקאָנט שטיין אין דיינע ד' אמות! האָסט אַ שטילן ממזרישן בליק, וואָס פאַנגט קאָזעלעך. דו זוכסט זיי, ווי אַן אכזר! דו האָסט דאָך גאָרנישט קיין האַרץ! נאָר די מענטשן זיינען בלינדע און דו ביסט אַ גלאַטיק יונגערמאַנטשיקל מיט אַ פאַרקעמט בערדל און מיט געפוצטע שטי־ווועלעך! האָסט אַ ווייבעלע, מיט אַ נאַריש סטענגעלע! מיט אַ בענדע־לע! און זי מאַכט דיר אַ שמייכעלע! זי איז אַזוי פאַלש צו דיר, ווי דו צו איר! איז דער אויסלאָז — ס'וועט ווערן קינדערלעך — גלאַ־טיקע מענטשעלעך, געמיינע פאַלשע ברואימלעך!

די חברה (מיטן ניגון פון תהילים). איז דער אויסלאָז — ס'וועט ווערן קינדערלעך, גלאַטיקע מענטשעלעך, געמיינע פאַלשע ברואימלעך!

איין יינגעלע (הויך). אַלע יידן האָבן ווייבער, און שבתי האָט נישט! (אַ געלעכטער)

שבתי. כאַ־כאַ! הער זשע, יינגעלע! איך האָב אַמאָל געהייסן שעבסעלע, און געהאַט אַ ווייבעלע, מיט אַ קינדעלע. איך האָב אויך געהאַט אַן איינגן בערגל מיסט, און געשלעפט אַלץ צו זיך. עס איז מיר שוין אויסגעוואַקסן שאַרפע ציינדלעך און שפּיציקע נעגעלעך, און איך האָב מיך געפילט וואַזשנע הינטיש. איז מיר געוואָרן שווער די מיסט־לופט און איך בין אַנטלאָפן אין דער וועלט אַריין!

דער יונגערמאַנטשיק (צו אַלע). ער איז גוט פאַרדרייט. קיין איין גלייך וואָרט נישט!

שבתי. דו, גנב, ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיינע ווערטער זיינען יאָ גלייכע! הער, וואָס כאַפּסטו זיך צום ברעטל, בעטן פאַרן עולם, פאַרגלייזט אַרויף די אויגן און מאַכט אַ ווייַנענדיק קולכל?! די בלינ־דע סטאַדע ווייסט גאָרנישט! ווי קומסטו אַנידערצושטעלן זיך פאַר גאָט, און בעטן פאַרן עולם?! זאָלסט דיך נישט שטעלן פאַרן ברעטל, געדענק! (שבתי מאַכט אַ פויסט. דער יונגערמאַן גייט אַוועק.)

איינער. כאַ־כאַ, ער האָט נישט אויסגעהאַלטן.

אַ צווייטער. האָט ער אים געדעקט!

אַ יונג (מיט אַ רעקל, מיט שמאַלץ־גלאַנציקע קלאַפּעס, אַן

אונטערגעגאָלטער קאַרק און גרויסע פלייציקע הענט) האָסט אים גענומען אויפן קלאַץ און אויף כשר צעטרייבערט! נאַ דיר אַ האַנט! (ער שטרעקט שבתין אויס אַ האַנט)

שבתי. דו גיסט מיר אַ גאַנצע יאַטקע! (אַ געלעכטער. עס קומט צו אַ ייד מיט ברייטע פלייצעס און אַ צוויי־שפּיציקער שיטע־רער באָרד. ער האַלט די הענט אויף הינטן. דאָס מעלאַנשענע כאַראַ־טעל איז אָפן און עס זעט זיך די ברייטע זיידענע וועסט מיטן בויך.)

שבתי (מיט אַ געלעכטער, רייצט דעם צוגעקומענעם). בע־ריש, דו האָסט אַ הון!?

בעריש (צו אַלע). ער טוט דאָס אָן צרות! ער האָט מיר יע־נע וואָך צוגענומען אַ גוטע הון!

שבתי (צו אַלע). איך גיי מיר אַזוי פאַרביטערט, און אויפן מאַרק זע איך אַרומגיין אַ פעטע הון, דער הינטן איז אַזש געל פון פעטקייט. טראַכט איך מיר, וועמענס קאָן דען זיין אַזאַ פעטע הון, אז נישט בערישעס, וואָס די באָרד איז בא אים שיטער פון פעטקייט?!

די הון האָט באַלד פאַרשטאַנען צו וואָס איך דאַרף זי, איז זי דערשראָקן געפלויגן און אַריבערגעשפרונגען פון אָרט צו אָרט, אַרויס־געלאָזט אַ געשריי, ווי גאַר נישט קיין הון. איך האָב זי געהאַלטן אויף דער האַנט, דאָס וואַרעמע בייכל האָט גיך געקלאַפּט, מיד־פאַרגלייזנ־דיק די אויגלעך און אָפן די צוויי האַלבע שנאָבלען.

זאָג איך: — הינדעלע, טייער גאָטס באַשעפענישל! הער מיך אויס! — איך גיי איצט פון אַזאַ אָרעמער געווינערן, וואָס ליגט אין בעט, ווי אַ סקעלעט, און לעבן איר דאָס פיצל, וואָס רייסט זיך, און וויל זויגן, און האָט נישט, און ציט די ליידיקע דאַרע ברוסט, וואָרים די גאַנצע חיונה פון דער מוטער איז נישט מער ווי אַביסל רומיא־ניק!

זאָג אַליין, וואָס איז גלייכער, צי דו זאָלסט פאַרפאַלן ווערן אין אַ פינסטערן קעלער, אין אַ נגידס בויך, צי דו זאָלסט דערהאַלטן באַם לעבן צוויי נפשות?!

כ'האָב גענעבן אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט און אַוועקגעטראָגן צום שוחט! (צו בערישן) הער, בעריש, ווען דו וואָלסט געזען, ווי די געווינערן איז געזעסן אין בעט און געזופּט די יוך, און דאָס

גאַנצע טרוקענע האַרץ באַ איר האָט געטרונקען, וואָלט דיין פּעטע באַק נישט געציטערט און דיין אויג וואָלט נישט געטרערט!

אַ נידעריק יידל (מיט אַ היטעלע, אַראָפּגערוקט צו די אויגן, קראַצט זיך אין קאָפּ). ער האָט דאָס אַ קאָפּ צו דעם אַלעם!

אַ צווייט יידל. אַז די וועלט זאָגט שבתי מוח, זאָלסטו גלויבען!

אַ דריטער. וואָס מער מען טענהט מיט אים איז ערגער!

בעריש. געשעדיקט זאָל ער ווערן! (ער גייט אַוועק, שמייכלענדיק, די הענט אויף הינטן. סיגייט פאַרביי אַ דאַר יידל מיט אַראָפּגעפאַלענע אַקסלען, אַ לענגלעך פּנים, מיט אַ לענגלעך־שיטערער באָרד. ער טראָגט אונטערן אָרעם אַ גרויסן אָנגעפּאַקעוועטן טלית־זאַק. ער גייט מיט שטילע טריט, אויסשטרעקנדיק דעם קאָפּ פאָראויס און צומאַכנדיק צום טאַקט פון זיינע טריט. שטעלט זיך אָפּ.)

— ס'איז דאָך גלייכער איר זאָלט גיין אין בית־המדרש אריין, נאָכזאָגן אַ „ברוך הוא וברוך שמו אָמן", וועט איר דאָך האָבן אַ מצוה! און דו, שבתי, וואָס דו פאַרהאַלסט זיי, וועסטו דאָך האָבן אַן עבירה! (ער גייט ווייטער, שטיל, אָנבויגנדיק פאָראויס דעם קאָפּ און צומאַכנדיק צום טאַקט פון זיינע טריט. אַ געלעכטער צווישן דער חברה.)

איינער (ווינקט). שבתי!

אַ צווייטער. שבתי, נעם אים!

עטלעכע. נעם אים! נעם אים!

שבתי (מיטן ניגון פון תהילים). ער טוט קיינמאָל ניט קיין עבירות! און זיין גופל איז געוואָרן ריין און טרוקן, ווי אַ שטרוי! ער קלויבט שטענדיק מצוות, ווי אַ הון האָבער! ער וועט אַרויפקומען אויף יענעם עולם, און מ'וועט אים אָפּוועגן און אָפּמעסטן זיינע מצוות און מ'וועט אים דערפאַר באַצאָלן מיט גן־עדן! מען וועט אים זעצן אויף אַ גאָלדענער שטול, און ער וועט עסן גאָלדענע פּירות, און ער וועט טרינקען פון גאָלדענעם טייך, און ער וועט אַליין ווערן אַ שטיק לויטער גאָלד, און ער וועט אינגאַנצן פאַרגעסן אַז לעבן, אַן דער ערד! אַ שרעקלעכער גן־עדן־טויט!

שבתי וויל גלייכער זיין אין גיהנום! און איר, יידעלעך, גייט!

אין בית המדרש אריין, ווי אַלע מאָל! דער חזן וועט לויפן פאָראויס מיט אַ געשריי, און איר אַלע וועט נאָכלויפן מיט אַ געברומעריי פון קולות, ווי אַ נארישע סטאַדע!

אָבער גאָט זאָגט צו שבתין אַזוי: — איך האָב באַשאַפן טויזנט אָקסן, טויזנט שעפּסן, טויזנט קעלבער מיט איין פּנים, און יעדן מענטש באַזונדער האָב איך געגעבן זיין פּנים, זיין האַרץ, זיין נשמה! איר לאַכט?! (ער נעמט אַרויס די פלאַש בראָנפן און טרינקט.)

צווישן דער חברה. שבתי, נאָך אַמאָל!

איינער. הפך בה והפך בה, דכולא בה! (אַ געלעכטער)

שבתי (הייבט אויף אַ האַנט). גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך באַשאַפן צווישן בהמות, פאַרוואָס?! (ער וויינט שיכור־ווייך. ער ווינקט צו אַ יונגמאַנטשיקל, וואָס זעט אויס ווי אַ בחורל, מיט אַ קלאָרן העמד־קאָלנער און אויסגעבונדן אַ שוואַרץ שטיקל, מיט אַ שפּראָצל אויף דער גאָמבע און זאַפּטיקע ליפּעלעך.) הער, דודל, דו ביסט אַ פרעס־קעלבל! דו פרעסט און זויפסט באַ דיין רייכן שווער און שוויגער, און האָסט זייער איינציק טעכטערל פאַר אַ ווייב. דיר פעלט דאָך קיין שום זאַך נישט. דו לעבסט אין אַ גן־עדן. טאַ וואָס גייט דיר אַזוי אין לעבן, ווען שבתי נעמט מעשר פאַר אָרעמע און פאַר הונגעריקע?!

דאָס יונגערמאַנטשיקל. דו, שבתי, ביסט געוואָרן אַ צו־אָפּ־טער גאַסט באַ אונז!

שבתי. פאַרוואָס זאָל איך דען זשאַלעווען דיין רייכן שווער! אַז איך קום אַריין צו אייך אין קיך אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, קאָכט מען און מען באַקט און מען בראָט, אַזש עס קיצלט אין דער נאָז און ס׳קומט אָן אַ וואַסער אין מויל! און די ברייטע לייבושאָווע איז צע־היצט, ווי אַ מזיק! זי שטייט אַליין אַרום דער גאַנצער קיך, און דאָס רוקט זי צו, און יענץ רוקט זי אָפּ, און מאַכט־אויף דעם בראָט־אויוון, באַקוקט דאָס ברוינע גענזל!

און דאָס אַלץ איז ניט מער, ווי פאַר פיר פאַרשוין. פאַר לייבושן, וואָס גייט אַרום אין די שטובן אין די ווייכע שטעק־לאַטשן מיטן גרויסן טלית־קטן אויפן בויך, פאַר דער ברייטער לייבושאָווען, און פאַרן פרעס־קעלבל מיט דער קעלבעלעכע!

און אַז שבתי קומט אַריין נעמען מעשר־עני, גיט די ברייטע ליבו־שאָווע אַ געשריי מיט אַ געזונט מענער־קול: — ער גייט שוין, דער גזלן — און ליבושעס באָרד ציטערט: — שבתי, מאַך מיך ניט בדיל־הדל! שבתי, נעם מיט יאַהנדעס!

נאָר שבתי נעמט טאַקע דעם שענסטן קוכן און דאָס בעסטע שטיק פלייש!

דאָס יונגערמאַנטשיקל. אַז עברה אַריינצולאָזן אים אין אַ יידיש הויז אַריין! (ער גייט אַוועק)

שבתי (שרייט אים נאָך). איידימל! פרעס־קעלבל! די אָרעמע, אויסגעמאָגערטע שוועלבעלעך ציטערן און צאַפּלען, ווען זיי דערזען דאָס! זייערע אויגעלעך לויכטן אויף! זייערע בלייכע שנעבעלעך קנאַקן! שבתי לויפט אַוועק. ער וויינט און פרעגט — פאַרוואָס?! פאַרוואָס?!

נאָר דאָס שטעטל לאַכט: — שבתי איז משוגע! שבתי האָט צו טאָן מיט די שדים! (אַ הויך געשריי צו אַלעמען) שבתי האָט צו טאָן מיט אָקסן! (ער רעדט צו אַ ייד אין אַ פאַרמעלטן כאַלאַט מיט אַ ברייט טוכן היטל) זאָג מיר, מענדל, פאַרוואָס האָסטו נישט צוגעמאַכט דאָס געוועלב באַ וועפּטשעס שניידערס לוויה, נאָר דו האָסט צוגעלענט אַ טיר און באַלד צוריק געעפנט? וואָלסט היזק געהאַט לייזעכץ? אַ פונט זאַלץ פאַר אַ דרייער און פאַר אַ צווייער סמאַרעווידלע?! און אויף דיר האָבן זיך פאַרקוקט נאָך אַזעלכע אָרעמע נשמות! און קיינער האָט ניט געוואָלט מיטגיין מיטן וואָגן אויפן בית־הקברות! שבתי האָט געמוזט מאַכן אַ גוואַלד איבערן שטעטל: — אַ טייערער ייד איז געשטאָרבן! און געשלעפט מענטשן. (אַ שטילשווייגן. מיטן ניגון פון תהילים).

אַ שטעטל מיט קעלבער, וואָס מען מוז זיי אונטערשטופן! אַ שטעטל מיט הינט, וואָס חנפענען און לעקן דעם העכערן, און אייגענע בייסן זיי!

פאַרוואָס איז דער רב נישט אַרויסגעגאַנגען צו דער לוויה?! ער האָט דאָך געהאַט אַ האַרבע שאלה! ער איז געזעסן אויף דער ווייבער רבנישער שטול און אָנגעבויגן זיך, און שטאַרק אַריינגעקוקט אין הינטן פון אַ הון, און געפרעגט באַ דער יידענע: — איר האָט דאָך אוודאי געטראָגן די הון צום שוחט, צי געדענקט איר נישט, ווען איר זיינט געגאַנגען כאַפּן די הון, איז זי נישט אַמאָל אַנטלאָפן?

און אַז איר האָט זי געכאַפּט, האָט זי זיך נישט אַמאָל איינ־געריכט פון מידקייט ממש אויף אייער האַנט, האַ? אויב אַזוי איז זי כשר! (מיטן ניגון פון תהילים).

און דערווייל איז אויף אייביק אַוועקגעגאַנגען דער בעסטער מענטש פון שטעטל! אַ צדיק! אַן אמתער צדיק! ער האָט דאָך אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט און געהונגערט, און זיין ווייב און קינדער האָבן מיט אים מיטגעהונגערט. קיינער האָט גאָרנישט געוואוסט! ער איז דאָך געווען אַזאַ שטילער ייד און יעדן פריער געזאָגט אַ גוט־מאָרגן און אין בית־המדרש איז געווען זיין שטענדיק אָרט — באַ דער טיר! (ער שטעלט זיך אויף) יידן, איך וויל זאָגן אַ קדיש, אַז גאָט וועט אים מוזן אַריינזעצן אין גן־עדן! און איך וועל זען ווער ס'וועט דאָ נישט נאָכזאָגן קיין אָמן! (שבתי זאָגט הויך קדיש. ער שרייט און צעוויינט זיך.) — יתגדל ויתקדש שמה רבא! (ביזן סוף. דאָס רעדל מענטשן וואַקסט אַלעמאָל מער. שבתי שטייט און רעדט אַרויף.)

גאָט, דער אָרעמער וועפּטשע האָט אויף דער וועלט געהונגערט און געהאַט דאָס גיהנום! אַצינד זעץ אים אַריין אין גן־עדן און גיב אים אַוועק דריי הונדערט און צען וועלטן און צען־טויזנט מלאכים־משרתים! זאָל מען אים באָדן אין שמעקנדיקע טייכן בוימל, און זאָל מען אים געבן אַ גוט שטיקעלע פיש און אַ גוט שטיקעלע פלייש! עס קומט אים! (ער נעמט אַרויס די פלאַש) אַז וועפּטשע איז שוין אין גן־עדן, וועט מען מאַכן אַ כוסע! (ער טרינקט).

אַז גאָט וועט העלפן, דער מלאך־המות וועט זיך נעמען צו די גבירים, וועט שוין דער רב אַרויסגיין, זאָגן אַ הספד! און שבתי וועט זאָגן אַ הספד: — דער בלויער הימל איז הויך און טיף! די זון שיט גאָלד איבערן שטעטל! און דעם פּריצס גאָרטן רייסט מיט אַלערליי פרישע ריחות!

מזל־טוב, יידן, אַ נגיד איז געשטאָרבן! דער מלאך־המות האָט זיך מישב געווען — איידער אַן אָרעמאַן מיט זיינע דאַרע ביינער, איז גלייכער אַ נגיד, אַ פעטער בּיסן!

מיט אַ נגיד ווייניקער, פאַרן שטעטל איז געזינטער! ער גייט, ער גייט, דער הייליקער אָקס!

(ער ווייזט צו דער ריי הייזלעך. פון דאָרט גייט דער רב. אָנגע־טאָן אין אַ שטריימל, אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיט אַ גאַרטל.

אַ ייִד גייט אים אַנטקעגן. ער שטעלט זיך אָפּ און שמועסט מיטן ייִדן, ווייט פון דער סצענע.)

שבתי (ווייזט צום רב). זעט, ייִדן! זיינע באַקעס זיינען פול, און דער הינטן איז אַזוי ברייט, אַז דער גאַרטל נעמט אים נישט אַרום!

דער הייליקער אָקס גייט אַרום אויף דער קהלשער לאַנקע. ער פּאַשעט זיך אויף אַ פעטער פּאַשע. פולע באַקעס, די הויט ווי אַט־לעס, און פאַרכטיק־געדרייטע הערנער!

זיינע אויגן זיינען פאַרגאָסן מיט אַ פרומען גלאַנץ, און מיט די לאַנגע ברעמען פאַרשטעלט ער די גנבה!

איינער. שבתי, דעם רב זאָלסטו נישט טשעפּען!

אַ צווייטער. לאָז אָפּ, ער רעדט אמת!

אַ דריטער. דער אמת שאַנעוועט נישט קיינעם!

שבתי (ווייזט צום רב). ווייסט'ס, ייִדעלעך, וואָס ער טוט! אַז אַ נגיד מאַכט אַ ברית, פעדערט ער זיך!

ער קומט און זעצט זיך אויבן־אָן, און פאַרנעמט אַ געזעס פון צווי פאַרשוין!

ער וואַשט זיך ברייט און הייבט אויף די הענט אין דער הויך.

ער שאָקלט זיך, פאַרגלאָצט די אויגן, פאַרזשמורעט אַ ברעם, קוקט און קוקט נישט אויף דער פּאַרציע, וואָס מען דערלאַנגט אים!

ער זיפצט, סטענקעט, מאַכט פרומע העוויות, און עס בלייבט נישט מער ווי קרישקעס אוןביינדלעך!

נאָר אַז דעם ברית מאַכט אַן אָרעמאַן, וואָס פאַרזעצט אַ קישן, ווייל ער וויל זיין מיט לייטן גלייך, און פאַרבעט דעם רב, גייט ער נישט, נאָר ער שיקט דעם שמש מיטן שטעקן! און דער אָרעמאַן בלייבט פאַרשעמט!

ווייסט'ס, ייִדעלעך, וואָס ער טוט!

אַז אַ גביר מיט אַן אָרעמאַן האָבן בײַ אים אַ דין־תורה, שטייט ער פאַרן גביר און גלעט זיך אויף דער באָרד:

— האַ, ר׳ זרח, אפשר וועט איר איינגיין אויף מיין עצה? ווי מיינט איר, האַ, ר׳ זרח?

און צום אָרעמאַן זאָגט ער: — דו! — מעג עס זיין אַן אַלטער מאַן.

— לייבל, דו מוזט אויף דעםביישטיין! דו רעדסט אַנטקעגן, האַ?

— ביסט אַן עזות־מחוצף! ביסט אַ שגץ!

ער איז דאָך דער רב פון שטאָט! ער גייט דאָך אַרויף אַלע שבת אויפן בעלעמער אין זיין פּאַרכטיק־הייליקן אויסזען, מיט פעל און הערנער, און האַלט אַ דרשה, און ווייזט אַרויס גרויס חריפות און בקיאות:

אַז מ׳טאָר נישט גיין שבת אויפן גראָז, ווייל מען צעקוועטשט דאָס גראָז;

אַז מ׳טאָר נישט שטיין פאַר אַ ווינטראָק אום שבת, ווייל דער אוויר, וואָס גייט אַרויס פון מויל און נאָז, מישט זיך אום מיטן ווינט און העלפט דרייען די פליגל.

און ער רעדט אויף אַ שוואַך שטימעלע: — יידן זיינען זינ־דיק! — און ער ביטערט אויפן לאַנגן גלות, און ער צעוויינט זיך אויפן קול. (צו אַלע) און איר זיינט אַ נאַרישע, בלינדע סטאַדע! קיינער וועט זיך ניט אָננעמען פאַרן אָרעמאַן! קיינער וועט זיך נישט אָננעמען פאַר אָרעמאַן! (ער וויינט פלוצלינג מיט אַ הויך קול) איי, נקמה! (ער ווינקט צו אַלע און ווייזט מיט אַ פינגער צום מויל, זיי זאָלן שווייגן. ער גייט אַהין און צוריק און ברעכט זיך די הענט. דער רב קומט אים אַנטקעגן.)

דער רב. האַ, שבתי, וואָס איז?

שבתי. אָשר־לייב גוססט, און מען מאַכט זיך גאָר נישט וויסן, און מען רייסט נישט איין וועלטן!

דער רב. (פאַרוואונדערט) אָשר־לייב?!

שבתי. אָשר־לייב! דער גביר! דער פאַר פון שטעטל! (דער רב גייט צו די שטיגלעך).

שבתי. (לויפט פאַר אים אָנגעבויגן) אזוי! אזוי! זאָל דאָס שטעטל וויסן! אַ קלייניקייט, אָשר־לייב?! דער רבי! דער רבי אליין

גייט צו זיין יציאת־נשמה! (שבתי מאַכט אונטערטעניק אויף די שויבן טיר און דער רב גייט אריין. שבתי. פאַרקלאַפּט די אויסן־טירן און פאַר־מאַכט אויפן קייטל. הויך צו אַלע.) כאַ־כאַ, כ'האָב זיי בײדע געפּאַקט! צוויי גנבים! צוויי קעץ אין איין זאַק!

איינער. ניין, ס'איז שוין צופיל!

אַ צווייטער. הא, ווו איז כבוד־התורה?!

אַ קול. מען דאַרף עס נישט צולאָזן! (עס שפּרינגט אַרויס אַ יידל, אין אַ געפּאַטשט קאַפּאָטקעלע, אין אַ קליין טוכן היטעלע אויף אַ געדיכטן קאָפּ האָר.) דו זאָלסט שוין עפּענען, הערסט שבתי! בלוט וועט דאָ פאַרגאָסן ווערן!

שבתי. (גיט אַ פּאַטש אין די הענט) כ'האָב געוווסט, אַז דאָס דאַמסקע שניידערל וועט זיך שטעלן שטאָל און אייזן פאַרן רבין! (מיטן ניגון פון תהילים) אַ שניידערל פאַרריכט אַ פּאָר הויזן, ליגט אַ לאַטע אויפן הינטן און זינגט: — הא, האַ־הא, האַ־הא, המלך! — און דער גנזעלן קלאַפּט צו מיטן אייזן און העלפט אונטער: — יו־הי־שוב!

דאָס יידל. ווער געהרגעט! (ער גייט זיך אָפּ).

די חברה. הורא! (שבתי ווינקט צו אַלע און ווייזט מיטן פינגער צום מויל, זיי זאָלן שווייגן. הויך) איצט וועל איך אונטער־צינדן דאָס הייזל! (פון אינווייניק הערט זיך אַ קלאַפּן) שבתי, מאַך אויף! מאַך אויף!

שבתי. (הויך) עס קומט איך ביידן שרפה! דיר, אשר־ליב, ווייל דו האָסט באַגנבעט גאָט און לייט! און דעם צדיק, ווייל ער האָט געחנפעט דעם גביר און נישט אָנגענומען זיך פאַרן אָרעמאַן! (אַ שטאַרק קלאַפּן פון אינווייניק. שבתי ווענדט זיך צו אַלע) איר זעט עפּעס אַ צאַפּלען?! (הויך) צדיקים! וואָס האָט עס אַזוי מורא? דאָס לעבן איז דאָך קורץ און נאַריש! און דער קערפּער איז דאָך אַ שטוי־בעלע! אַן עפר ואפר! אייערע נשמות זיינען דאָך אַזוי לויטער־ריין! עס וועט דאָך גיין גלייך אין גן־עדן אריין! (ער ווינקט צו אַלע און ווייזט מיטן פינגער צום מויל. ער צינדט אָן אַ זאַפּאַלקע. פון אינ־ווייניק הערט זיך אַ שטאַרק געטופּעריי און אַ גוואַלד).

אַלע. הורא!

(ס ו ף)

משיח׳ס טריט

דראַמע אין דריי אַקטן

(פּראָלאָג)

(אַ גרויס בית־המדרש. אין פאָדער־וואַנט דאָס ארון־קודש און דער עמוד. אין מיטן בית-המדרש דער בעלמער, אויף עטלעכע שטיגלעך אַרויפצוגיין, אַרום מיט שטאַכעטן. אין ווינקל פון פאָרנט ביז צו דער לינקער וואַנט, אַ לאַנגער טיש מיט בענק, אין מיטן פון דער לינקער וואַנט אַ ברייטער קעכעלער אויוון. אין דער רעכטער וואַנט דריי פענצטער. אין ווינקל, צו דער סצענע צו, די טיר. נאָך מעריב־צייט. ס׳ברענט דער הענג־לאָמפּ איבערן טיש. אויבן־אָן זיצט דער רב, אַ גרויער ווייכער ייִד, מיט עטלעכע בחורים און יונגעלייט. ער לערנט מיט זיי דעם שיעור. דער רב קוקט אַריין פאַרטיפט אין ספרים. די יונגעלייט זיצן פאַר די אָפענע גמרות. איינער דרייט אָן זיין גאָלדן זייגערל. אַ צווייטער באַטראַכט זיין קליין ניי מעסערל. אַרום אויוון שטייען און וואַרעמען זיך ייִדן אין אַלט־צעריסענע מלבו־שים. זיי זיצן אויך אויף דער באַנק, וואָס שטייט באם אויוון צום ווינקל, צו דער סצענע. באם ווינקל־טיש, צום אויוון צו, זיצט פאַר אַן אָפן ספר אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, אַ קורץ־געקליידעטער; אַ לענגלעך בלייך געזיכט. ער הערט זיך צו צום שמועס באם אויוון. די גאַנצע ליכטיקייט איז באם טיש, וווּ מען לערנט. איבערן בית־המדרש איז האַלב-טונקל.)

אַ ייִד (באַם אויוון, גראָב אָנגעטאָן, מיט אַ דין כאַלאַטל, אָנגעצויגן אויף אַלעם. זיין היטל און די באָרד צעקנייטשט און פאַרפעדערט. ער שויבערט זיך): ס׳אַ ווונדער, אַז מ׳ליגט אַלע אין איינעם, אויף איין פּאָדלאָגע!

אַ ייִד (אַ בלייך־דערשראָקן פּנים, מיט אַ שוואַרצער באָרד). אויף איין סאַלע אַזוי פיל פאַמיליעס, מיט פּעק און מיט קינדער! אַ געוויש, אַ דעמפּיקייט! ס׳איז נישט מעגלעך דאָרט צו זיין! ווי לאַנג קאָנען עס מענטשן אויסהאַלטן?!

אַ ייִד (שאָקלט צו פון דער זייט מיט אַ שפּיץ באָרד): און אַ שטאָט! סאַמע גבירים!

אַ קליין גרוי יידל (מיט גערייכט־בייזע ברעמען): ס'דאַרף נאָך ערגער זיין אויף דער וועלט! (עס קומט אַריין אין בית-המדרש אַ יונגערמאַן. ער קומט צו צום אויוון. אַ הויכער אַ צעפּליקטער, מיועט אַרויס גאָלע שטיקער פּיס. אַ געשוואָלן געל פּנים, אַרום מיט אַ שוואַרץ בערדל. ער וואַרעמט זיך באַם אויוון, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ שטיק ברוקווע און עסט).

אַ ייד: אַמאָל האָט מען דערמיט געפּאַשעט חזירים, קי; היינט עסן עס מענטשן!

דער צעפּליקטער: אַבי מ'לעבט! אָפּגעלעגן אַכט וואָכן אויף אַ טיפוס. ערשט יענע וואָך אַרויס פון שפּיטאָל. פּריער, איך גיי פאַרביי אַ קוילן-האַנדל, רופט מיך אַ מאַדאַם — כ'זאָל איר אוועקטראָגן אַ קויבער קוילן — ס'איז נישטאָ קיין כוח, נאָר לאַנג קלערן טאָר מען נישט, אַנישט איז באַלד דאָ אַ צווייטער! ווי אַזוי כ'האָב דעם קויבער קוילן אַרויפגעטראָגן אויפן דריטן שטאָק, ווייסט איין גאָט!

אַ ייד: הנותן ליעף כוח!

דער צעפּליקטער: אמת. הערט ווייטער. קומט אַריין אין דער קיך דער באַלעבאָס, אַן אָנגעפּרעסענער, מיט אַ רויטן קאַרק. ער קוקט מיך אָן, פּרוווט אויפהויבן דעם קויבער, און קאָן אים קוים רירן! (דער אומבאַקאַנטער בלייבער יונגערמאַן אין קאַפּעלוש שטעלט זיך אויף, גייט איבערן בית־המדרש, בלייבט שטיין באַם אָרון־קודש. אין בית-המדרש קומט אַריין שמולעק, אין אַן אַלט־אָפּגעריבע־נעם זעלנערישן מונדיר. אַ שמאָל פויגל־פּנים מיט אַ שוואַרץ ראָס־בערדל. און הייס בלישטשענדע אויגן. ער קומט צו צום אויוון).

שמולעק (ווייזט צום אָרון־קודש, רעדט שטיל און שטייף): גאָט רעדט צו אים! קיינער ווייסט נישט, איך ווייס, ער זיצט אויף אַ גאַנצע נאַכט, און וויינט, און גאָט ענטפערט אים! קיינער ווייסט נישט, איך ווייס! ער דערציילט מיר אַלץ, און איך טאָר נישט אויס־זאָגן, אַנישט וועל איך שטאַרבן!

דער רב (פּלוצלינג הויך): איצט איז שוין אוים קשיה, און דער מהרש"א איז פאַרענטפערט! (די בחורים צעשאָקלען זיך פאַר די אָפענע גמרות.)

דער אומבאַקאַנטער (קומט צו צום טיש. ער ווייזט צום אויוון): רבי, איר זעט דאָרט?

דער רב: וואָס איז דאָרט?!

דער אומבאַקאַנטער: אַ הקדש! בעטלעך מיט קראַנקע! מ׳קרעכצט! מ׳גוססט! און איר זיצט אין דער מיט, און איר טרינקט דעם ווייַן פון דער תורה!

דער רב: איך פאַרשטיי נישט — וואָס ווילסטו, וואָס ביסטו מבטל פון לערנען?!

צווישן די בחורים: אַ חוצפה! אַ חוצפה!

דער אומבאַקאַנטער: ווי טיף איז דער גלות־שלאָף, אַז דאָס אומגליק פון אַ גאַנצער וועלט קאָן זיי נישט אויפוועקן! (ער גייט איבערן בית־המדרש. ער בלייבט שטיין באַם אָרון־קודש).

דער רב: ווער איז ער?

צווישן די בחורים: אַ דייטשל, קוקט אין קבלה־ספרים! עפּעס אַ שוטה! אַ משוגענער! (יידן פון אויוון קומען צו).

שמולעק: ער ווייסט אַלץ! גאָט זאָגט אים! — ס׳איז אַ מלחמה! (ער קאָרטשעט זיך איין. פון זיינע טיפע פינצטערע אויגן קוקט אַ שרעק) מ׳שיסט פון הימל! מ׳שיסט פון דער ערד! מ׳שיסט פון אַלע זייטן! זעלנער פאַלן! אַלע זעלנער ליגן שוין טויטע און שווייגן! אויף אַלע פעלדער! (ער הערט זיך איין) ס׳איז אַזוי שטיל! ס׳איז אַזוי שטיל!

דער אומבאַקאַנטער (קומט צו. רעדט הויך, אין עקסטאַז): יידן, עס קומט די גרויסע צייט, וואָס אונזערע נביאים האָבן געזען! דער נביא האָט געפרעגט: גאָט, ווי לאַנג וועלן מענטשן זיין בלינד און טויב?! און גאָט האָט געענטפערט: ביז די וועלט וועט ווערן חרוב און די שטעט וועלן בלייבן ליידיק! — ווי אַ גאָרטן מיט פירות, וואָס איז געוואָרן שטאַרק ווערימדיק, צעטרייסלט דער גערטנער די בוימער, און אַלץ וואָס איז פויל פאַלט אָפּ. אַזוי וועט גאָט צעטרייסלען זיין וועלט, און וואָס איז פויל וועט אָפּפאַלן! — און נאָך דעם שטורעם וועט אויפשטיין גאָטס ליכט און באַלויכטן אַלע הערצער און אַלע וועלטן!

צווישן די יידן: ווער וועט בלייבן?! ווער וועט בלייבן?!

— אחד בעיר, ושנים ממשפחה!

— אוי! אוי! אוי!

— חבלי־משיח! חבלי־משיח!..

(פאָרהאַנג)

(ערשטער אַקט)

(אַ פריש־געקאַלכט צימער. אין דער מיט אַ טישל. אַ טינטער, אַ פעדער און גלייך־געשניטענע פאַפיר. בא דער וואַנט אַ ברייטע שאַנק, מיט גלעזערנע ווענט און טירן. אינווייניק ווייס־שטאַלענע כלים — העקלעך, מעסערס, זעגלעך, און דאָס גלייכן. אָן אַ זייט אַ וואַש־טישל, אַ ווייסע שיסל און אַ קרוג. אין דער פאָדער־וואַנט איז האַלב־אָפן אַ טיר, עס זעט זיך אַ גרויסער ליכטיקער זאַל. אַ שרענגע בעטלעך מיט ווייס־קלאָרע וועש, און געלע מענטשלעכע פנימער. פון דאָרט הערט זיך אַ שטילקייט, וואָס ווערט איבערגעריסן מיטן שאָרך פון די מענטשן אין ווייסע פאַרטיכער, וואָס גייען אינווייניק אַרום. אין דער לינקער וואַנט אַ טיר, פירט אין דרויסן אַרויס. פון זאַל קומען אַריין צוויי דאָקטוירים אָנגעטאָן אין ווייסע פאַרטיכער. עס קומט מיט זיי אַריין דער אומבאַקאַנטער, זעלנעריש געקליידט. זיי וואַשן זיך באַם וואַש־טישל. דער אומבאַקאַנטער גיסט פון דעם קרוג אויף זייערע פאַרבלוטיקטע הענט).

דער נידעריקער: די יסורים זיינען שטאַרקער פון כלאָראָפאָרם.

דער העכערער: אַ קאָמעדיע! ער מאַכט אויף די אויגן און זעט, ווי מען שניידט אים, געפעלט עס אים נישט, רייסט ער זיך אָפּ און לויפט, און שרייט, ווי אַ געשאָכטענער אָקס!

דער נידעריקער: די פעלדשער האָבן אים אָבער גוט צו־געהאַלטן, און די אָפּעראַציע איז געלונגען!

דער העכערער: זאָל ער נאָך אַמאָל שלאָפן, אַז מען גיט אים איין כלאָראָפאָרם! דער העכערער טוט זיך אויס די שפּיטאָל־קליידער. ער געזעגט זיך און גייט אַרויס).

דער אומבאַקאַנטער: צוקוקנדיק אַזעלכעס, דאַרף דאָס האַרץ זיך אָפּשטעלן, און די אויגן דאַרפן אַרויסקריכן! וואָס ווערט דאָ פון מענטשן?! מען גיט זיי מעסערס, העק, מען שטופּט זיי אַריין אין גיהנום, און עס ווערט פון מענטשן טייוואָלים!

דער דאָקטאָר (ווייזט צום זאַל): אויף זייערע בעטלעך, אין זייערע שרעקלעכע יסורים, וואַרפן זיי צום יידישן חבר זידל־ווערטער! (אַ שטיל־שווייגן) איך בין שטענדיק געשטאַנען ווייט פון מיינע

ברידער. איך פלעג זיי דארט נאר זען, איינגעבויגענע, צעבראכענע, און איך האב אויך ניט פארשטאנען זייערע טיף-פינצטערע פנימער! דא האב איך זיי דערזען נעענטער, און זייערע לידן זיינען געווארן מיינע טיפסטע לידן! (ער גייט איבערן צימער. ער בלייבט שטיין) איך קאן אייך גאר נישט פארשטיין — איר זיינט דאך געקומען אהער אלס פרייוויליקער?!

דער אומבאקאנטער: איך האב נישט געקאנט שטיין פון דער ווייטנס, ווען אלע לידן!

דער דאקטאר: וואס קאנט איר העלפן?!

דער אומבאקאנטער: וואס קאן מען העלפן, ווען די זינד פון א גאנצער וועלט, און פון דורות, האבן זיך אנגעזאמלט?!

(פון זאל קומען אריין צוויי יידישע זעלנער, איינער אן א האנט).

דער דאקטאר (זעצט זיך צום טישל, שרייבט):

ראזענטאל (קוקט זיך ארום): בלויז אייגענע. מער ווי דער מום מאטערט מיך דער געדאנק — צוליב וואס האב איך דא פארלוירן מיין האנט?!

דער דאקטאר: איר זיינט א גליקלעכער, איר פארט אהיים. אן א האנט קאן מען לעבן!

ראזענטאל: הערט מיך אויס! — נאך א יינגל אין חדר פלעג איך בענקען צום פעלד. איך פלעג פארלאזן דאס שטעטל און וועקבלאנדזשען איבער די פרייע, ליכטיקע פעלדער. אונטער טיף־בלויע הימלען האב איך געזען דאס שטילע דארף. איך האב דארט געזען א נייעם מענטש. זיין הארטער קערפער, זיין ברוין-געפאלדעוועטע הויט, מיט די גלייכע פלאקסענע האר אויפן קאפ, ווי א בוים פון דער ערד! בלוי־קינדישע אויגן, גאנצע ווייסע ציין! ער שטייט אויף איין ארט, און קוקט רויק, ווי דאס דארף אליין. ער אטעמט מיטן פעלד, און לעבט מיט יעדן בלעטל און גרעזל. ער שטייט אנגעבויגן אויף זיין פעלד און ארבעט. די ליכטיק-שמעקעדיקע היץ באגיסט אים מיט שוויים, און עס איז אים ליב — ער קריגט זיין ברויט גלייך פון גאטס האנט! נאך דער ארבעט זעצט ער זיך פאר זיין הויז רויק, ער שניצט פון א פריש צווייגל א פייפל. אין זיינע גלייכע טענער גיסט ער אוים זיין הארץ, זיין ליבע צום דארף, צו די באקאנטע פעלדער, בערג און טאלן! איבער די שטילע גאלד־פעלדער פון פארנאכט ציט זיך זיין ליד ארויף צו גאט! זיי שלאגן זיך פאר

זייער ערד, פאר דעם שיינעם לעבן! מיר, יידן, פאר וואס שלאגן מיר זיך ?! (א לאנג שווער שטיל־שווייגן).

דער דאקטאר (צו בערעקן): איר גייט צוריק אויף דער פאזיציע. פארוואס די טרעגער האבן אייך געבראכט אהער, פארשטיי איך נים.

בערעק: מיין פארטל האט מיך געבראכט אהער!

דער דאקטאר: וואס הייסט ?

בערעק: ווען איך האב מיך אנגעטראפן מיטן ערשטן זעלנער פון שונא, האב איך מיט מיין שטיק געשטורכעט אין דער קופּ, האט ער אויך געשטורכעט אין דער לופט. דערנאך האבן מיר זיך ביידע אנגעקוקט און געלאכט. ווען א סך האבן אנגעהויבן צו לויפן אויף מיר, ווי צעווילדעוועטע אקסן, בין איך אנידערגעפאלן — ניטא בערעק! — און איך ליג און קוק דורכן לעכל פון שינעל, ווי זיי שטעכן זיך!

דער דאקטאר (שטרענג): איר האט דאך געשווארן צו דינען טריי ?!

בערעק: יעדערער האט געשווארן און יעדערער האט זיין פליכט. אין דער שטאט דרייען זיך ארום א סך זעלנער, אויסגערוטע, מיט געפוצטע שטיוועלעך. זיי אלע זיינען שרייבערס. א מלחמה דארף האבן שיסערס, שטעכערס — דאס איז א געלעכטער... (פון זאל קומט ארויס א זעלנער מיט א האנטוך איבערן אקסל).

דער זעלנער: מען בעט אייך צום בעטל נומער 15. (ראזענטאל און בערעש גייען ארויס דורך דער דרויסן־טיר. דער דאקטאר און דער אומבאקאנטער גייען ארויס אין זאל. אין צימער בלייבט דער זעלנער מיטן האנטוך איבערן אקסל).

דער זעלנער (שטייט גלייך, די אויגן פארגלאצט ארויף. ער רעדט שטיל): דער פון בעטל נומער 15 וועט באלד שטארבן. ב׳זע שוין אפטיילן זיך זיין ליכטיקן מענטש. דאס וועט באלד אין גאנצן פון אים אוועק! (די דרויסן־טיר מאכט זיך אויף. עס קומט אריין שמולעק. ער קוקט זיך ארום).

שמולעק: ער איז דא, דא ?!

דער זעלנער (ווייזט צום זאל): ש־ש־ש!

שמולעק (מיט שרעק): וואס איז דארט ?!

דער זעלנער (בויגט זיך צו. זיין פנים איז בלייך און די אויגן בלאנקען. ער רעדט שטיל): דו ווייסט נישט?! באטאג, ווען די ליכטיקייט שווימט אריין דורך די גרויסע פענצטער פון דער סאליע, ליגן זיי אלע מיט בלייכע פנימער, אן אטעם. א טייל שלאפן שוין אזוי איין, ווי קינדער בא א מאמען. כ׳האב זיי ליב!

שמולעק (מיט שרעק): ווער איז א מאמע?!

דער זעלנער (רוימט איין): דער טויט!

שמולעק (קארטשעט זיך): כ׳האב מורא!

דער זעלנער: באנאכט קריגן זיי היץ. זיי רעדן און שרייען!

שמולעק: האב איך נישט קיין מורא!

דער זעלנער: באנאכט, אין דער סאליע, איז גוט ליכטיק. לאנגע רייען בעטלעך. אויף יעדן בעטל ליגט איינער, אין ווייס־קלארע וועש. זייערע געל־געשוואלענע פנימער גלאנצן און פלאמען. זיי קוקן אלע אויף דיר מיט ארויסגעזעצטע אויגן און זיי רעדן אומפארשטענדלעכע רייד. טייל שרייען, און דו ביסט איינער צווישן זיי אלע!

שמולעק: זיי לעבן דאך!

דער זעלנער (צוזינגענדיק): מען ברענגט זיי צוטראגן פון פעלד. מען לייגט זיי ארויף אויף א לאנגן טיש. דער דאקטאר נעמט ארויס פון דארטן (ער ווייזט צו דער שויבן־שאנק) א מעסער, א העקעלע, א זעגל. אלץ פון שטאל. אלץ בלאנק ריין, שיין. דער דאקטאר גייט אין גאנצן אין ווייסן. ער איז פלינק, און שטארק. נאך דער אפעראציע לייגט מען אים אויף א בעטל, און ער איז שוין א קינט, (רוימט איין) און ער ליגט לעבן דער מאמען!

שמולעק (קוקט אין זאל, מיט שרעק): ווו איז ער?!

דער זעלנער: דער דאקטאר גייט (שמולעק לויפט ארויס).

דער זעלנער: כא-כא! (שמולעק קומט צוריק אריין, איינגעבויגן).

שמולעק (מיט א וויינענדיק קול): ווו איז ער?! ווו איז ער?!

דער זעלנער (גייט צו, רעדט שטיל): מ׳האט אים אויסגעטאן נאקעט, מ׳האט אים אויסגעצויגן אויף א לאנגן טיש. דער

דאָקטאָר איז צו געגאַנגען, אין ווייסן, מיט אַ בלאַנקענדיק מעסער. און צעשניטן אין גאַנצן, אין גאַנצן. איצט ליגט ער אויף אַ בעטל. ער איז שוין אַ קינד!

שמולעק (גלייכט זיך אויס): איך וועל אים צונעמען! איך בין גוט שטאַרק!

דער זעלנער: דער דאָקטאָר איז שטאַרקער! ער גייט אין גאַנצן אין ווייסן! ער האַלט אַ גרויס בלאַנקענדיק מעסער! (ער ווייזט צום זאַל) אָ, ער גייט! ער גייט! (שמולעק לויפט אַרויס).

דער זעלנער: כאַ־כאַ! (פון זאַל קומט אַריין דער אומבאַקאַנטער. זיינע אויגן קוקן אין דער הויך, און ווי ער וואָלט קיינעם ניט געזען).

דער אומבאַקאַנטער (בלייבט שטיין אין מיטן צימער און רעדט שטיל מיטן אָטעם פון זיין האַרץ): געשאַכטענע! אומבאַהאָלפענע אונטער זייערע גרויסע יסורים! בערגער געשוואָלן מענטשן־פלייש! און עס קוקן אַרויס אויגן! אין יעדן אויג אַ גאַנצע וועלט פיין און בענקשאַפט! גאָט, דיין שטראָף איז אַזוי שרעקלעך, אַזוי גרויס! מיר זיינען דאָך נאָר קליינע, שוואַכע מענטשן! האָב רחמנות, האָב רחמנות! (פון זיינע גרויס־געעפנטע אויגן גיסן אַראָפ טרערן).

דער זעלנער: (מיטן האַנטוך אויפן אַקסל, שטייט גלייך, די אויגן פאַרגלאָצט אַרויף): אַרום זיין קאָפּ איז אַזאַ שיינע ליכטיקייט! ער וויל אויך קוקן אַהין, נאָר ער קאָן נישט! איך קאָן! ב׳זע פינצטערע, מוראדיקע געשטאַלטן! און אַזעלכע ליכטיקע, שיינע! ס׳איז אַזוי גוט צו קוקן, ס׳איז אַזאַ מורא! (די דרויסן־טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין שמולעק).

דער אומבאַקאַנטער (פאַרוווּנדערט): שמולעק?!

שמולעק: כ׳האָב דיך געזוכט אומעטום, ביז איך האָב דיך געפונען!

דער אומבאַקאַנטער (גלעט אים אויפן אַקסל): מיין טייערער שמולעק — מירביידע פאַרשטייען זיך גוט. בלייב דאָ, מיט מיר!

דער זעלנער (מיטן האַנטוך אויפן אַקסל, בויגט זיך צו, רוימט איין שמולעקן): בלייב! דאָ איז גוט! לעבן דער מאַמען!

שמולעק (מיט שרעק): ניין! (ער גיט אַ כאַפּ אַרום דעם

אומבאַקאַנטן און טראָגט אים צו דער טיר).

דער זעלנער (הויך): דער דאָקטאָר! מיט אַ גרויס בלאַנקענדיק מעסער!

(פאָרהאַנג פאַלט גיך)

(צווייטער אַקט)

(אַ לבנה-נאַכט. אַ גרויס פעלד, אָנגעוואָרפן מיט זעלנער־קערפּערס, פון דער ערד הויבן זיך אויף שווערע קרעכצן, ווייטיק־לעכע זיפצן. פון צייט צו צייט הערט זיך אַ שרעק ־ געשריי, וואָס שניידט איבער ווי אַ בליץ די נאַכט. אַ זעלנער גייט פון פעלד, ער טראָגט אויף זיך אַ קערפּער. ער לייגט דעם קערפּער אַראָפּ אויף דער ערד.)

דער קערפּער (הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אויפן זעלנער): כ'בין באַם שונא?!

דער זעלנער: לעבן דיר איז אַ ייד! איך האָב דיך געשטאָכן, איך האָב ניט געוווסט! דיין געשריי — שמע ישראל — האָט מיך אויפגעוועקט! איך האָב דיך געבראַכט אויף אונזער זייט, און איך וועל דיך ראַטעווען.

דער קערפּער: דאָס בלוט גיסט זיך אויס פון מיר! הער מיינע לעצטע ווערטער! מיר האָבן געהערט, מען מאַכט אויף אייך פּאָגראָמען, זיינען מיר אריין, פרייוויליקע, אין דער אַרמיי. מיר ווילן אייך באַפרייען, מיר זיינען — — — איך שטאַרב! (ער בלייבט ליגן שטיל).

דער זעלנער: דו ביסט געקומען מיך באַפרייען. אין מיין האַרץ בלייבט אַן אייביקע ווונד! (ער גייט בלאָנדזשענדיק אַוועק איבערן פעלד. עס גייען צוויי זעלנער מיט אַ טראָג־בעטל און ווישן זיך דעם שווייס פון שטערן. זיי בויגן אויס קרום דאָס בעטל און דער קערפּער קייקלט זיך אַראָפּ אויף דער ערד. זיי זעצן זיך אויפן בעטל אָפּרוען. פון ווייטן הערט זיך אַ קול.)

דאָס קול: קומט אהער, נעמט מיך! (זיי ענטפערן נישט).

דאָס קול: נעמט מיך! כ'קאָן דאָך נאָך לעבן!

ערשטער (צום צווייטן): וואָס זאָגסטו, זאָל מען צוגיין?

צווייטער (ווייזט אויפן קערפּער): ער האָט אויך אַזוי געערדט!

דאָס קול (בעט זיך): ברידער, לאָזט מיך נישט דאָ איבער! לאָזט מיך נישט דאָ איבער!

ערשטער (צום צווייטן): וואָס זאָגסטו?

צווייטער: וואַרף גורל!

ערשטער (נעמט אַרויס אַ מטבע): קאָפּ געווינט! (ער וואַרפט די מטבע אין דער הויך.)

ביידע (קוקן): פאַרשפּילט! (זיי נעמען דאָס בעטל און גייען אַוועק.)

דאָס קול (שרייט): זיי גייען אַוועק! זיי גייען אַוועק! טייוואָלים! (די טריט פון די זעלנער דערווייטערן זיך. דאָס קול וויינט. סיווערט שטיל. עס קומען אָן צוויי זעלנער מיט שפּאַדלעס. זיי זעצן זיך.)

ערשטער: זע נאַר, ווי עס איז היינט אָנגעשיט!

צווייטער (פאַרוויקלט אַ פּאַפּיראָס).

ערשטער: מען וואַרפט זיי אַריין, מען פאַרשיט, מען גייט אַוועק, און פון אונטער דער ערד הערן זיך נאָך קולות.

צווייטער (רויכערנדיק): מיר גראָבן כסדר ברידער־קברים, גרויסע, פיר־קאַנטיקע גריבער. בא די לעבעדיקע מוז שוין זיין שיטער.

ערשטער (ענטפערט נישט, רויכערט).

ערשטער (רעדט שטיל און איבערגעגעבן): ווען מען עפנט אַ גרוב, גייט אַרויס אַ שטילקייט. די שטילקייט מאָנט: גיב! גיב! — און די אָפענע גרוב ווינקט. ווען מען וואַרפט אַריין און מען פאַרשיט, הערט עס אויף!

צווייטער (רויק, מיט אַ דומפּיק קול): באַלד, באַלד, און די ערד וועט זיך אַליין עפענען! און די טויטע וועלן זיך אַליין אַריינקוליען!

ערשטער (פאַרשטעקט זיך די אויערן און פאַרמאַכט די אויגן).

צווייטער (ווען דער ערשטער עפנט די אויגן): פעלדער

און קערפּערס! פעלדער און קערפּערס! פעלדער און קערפּערס! פעלדער און קערפּערס! (ער שטעלט זיך אויף, מאַכט זיך קליין און צעקנייטשט דאָס פּנים אין אַ שטיל געלעכטער).

(ערשטער אַנטלויפט. צווייטער גייט אים, קליין נאָך. עס קומט אַרויף אויף דער סצענע דער אומבאַקאַנטער. ער בלייבט שטיין. פון ווייטן זעט זיך שמולעקס טונקל־איינגעבויגענע פיגור.)

דער אומבאַקאַנטער: ווערטער פון טרייסט זיינען דאָ אַ לעסטערונג. דאָס האַרץ מוז ווערן אַ שטיין. (ער וואַרפט זיך צו אַ קערפּער.)

דער אומבאַקאַנטער (קוקט מיט שרעק): ער האָט נישט קיין הענט און נישט קיין פּנים!

דער קערפּער (שרייט צו אים): דערהרגע מיך אין גאַנצן, וועט מיר ווערן גרינגער!

דער אומבאַקאַנטער (ציטערט): כ׳קאָן נישט!

דער קערפּער: ווען איך זאָל איצט האָבן הענט, וואָלט איך דיך דערשטיקט! (דער קערפּער וואַרפט זיך עטלעכע מאָל אויף דער ערד און בלייבט ליגן שטיל).

דער אומבאַקאַנטער: (פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד): ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך דיר מיין לעבן אָפּגעגעבן! ווען איך וואָלט געקאָנט פאַר אייך אַלע זיין אַ כפּרה! (אין אַ פאַרשטיקט געוויין) איר געשאָכטענע! איר אַלע איבערגעהאַקטע לעבנס! איר הויבט אויף אייערע הערצער און שרייט די לעצטע געשרייען, און איר גייט אויס באַ דער קאַלטער פינצטערער ערד. איך קאָן אייך גאָרנישט העלפן! (ער וויינט) גאָט אַליין קאָן אייך נישט העלפן! ווען עס זאַמלען זיך די נעפּלען, מוז אַראָפּפאַלן דער רעגן! ווען עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אייערע שלעכטע מעשים, האָט געמוזט קומען די שטראָף (ער שטעלט זיך אויף, מיט אַ הויך קול) איר איבער־געבליבענע! איר ראַיעט נאָך דאָרט ווייטער, ווי פליגן אין אומריינ־קייט, ווי ווערים אין פוילקייט. וואָס וועט זיין דער סוף?! (ער גייט אַוועק, מיטאויפגעהויבענע הענט צום הימל, מיט אַ שטאַרק וויינענדיק קול) ה׳ ה׳ אל רחום וחנון, ארך אפּים! (שמולעק קומט אַרויף אויף דער סצענע, איינגעבויגן און ציטערנדיק).

שמולעק: וואָס גייט ער דאָ!? אַלע זעלנער שוין טויטע

אויף אַלע פעלדער, און ס'איז אַזוי שטיל. און ער זיצט, איין לעבעדיקער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט! און ער וויינט הויך! ס'איז אַזאַ מורא, ס'איז אַזאַ מורא! (ער גייט איינגעבויגן, אין דער זייט, וווּ דער אומבאַקאַנטער איז געגאַנגען. עס קומט אַרויף אויף דער סצענע אַ שוואַרצע, דיקע קו, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צופּנדיק גראָז. בערעק גייט נאָך פון הינטן און האַלט אַ וויטקע. ער בלייבט שטיין).

בערעק: די טויטע אַרן מיך נישט. זיי ליגן ווי נאַרישע קלעצער. און פאַר די לעבעדיקע האָב איך אַ גוט פּאַרטל. ווער זיינען זיי, וואָס גייען דאָרט? (ער לייגט זיך אַרויף די הענט אויפן האַרץ) דאָס האַרץ וואַרפט זיך מיר, כאָטש איך וויל נישט און איך שטיי גלייך. און דאָס פּנים איז אַוודאי בלאָס־דערשראָקן. זיי וועלן מיך כאַפּן און זיי וועלן מיך שיסן! אַ קאָזע־באָרד! אַז מען זעט אַזאַ קו גיין, דערנאָך אַ פאַרקוזשעטן זעלנער מיט אַ וויטקע, ווייסט מען באַלד, אַז דאָס געהער צום אָבאָז. אַן אָפיצער, אַ גענעראַל קוקן גאָר נים אויף אַזעלכן מיט אַ קו. און ווען זיי וועלן יאָ קוקן? אַמאָל שטייט דאָך אַ מענטש גלאַט און קוקט אויף אַלץ — אַ פליג, אַ שטרוי, אַ קו, אַ בערעק. אויף דעם האָב איך אַ פּאַרטל. מען האָט מיך געהאַט אָפּגעלאָזט אין שטאָט אַריין, האָט מיר דער שרייבער געגעבן אַ קוויטל מיט אַ חתימה. איך האָב דעם קוויטל גוט אָפּגעריבן, מען זאָל נישט דערקאָנען וואָס עס שטייט דערויף געשריבן, נאָר די התימה אונטן האָב איך איבערגעלאָזט. אַן אַלט, אָפּגעריבן שטיקל פּאַפּיר, פון אונטן אַ חתימה, איז אויף אַלץ גוט. ווען עמיצער וועט מיך אָפּשטעלן, וועל איך אים דאָס געבן און אונטערזאָגן: בערעק דינט דעם אָבאָז. דערנאָך וועל איך אַ סך אָנדערציילן. דער שונא האָט אָנגעהויבן שיסן, זיינען אַלע אומגעפאַלן. ווען איך האָב מיך אויפגעהויבן, איז שוין קיינער נים געווען, נאָר איך און די קו. און אָט גייען מיר און זוכן דעם אָבאָז. גיי דערוויס דיך! אַז מען האַלט אין איין שיסן, און אַנטלויפן. און זעלנער גייען אַהין, און זעלנער גייען אַהער! און דער שרייבער, וואָס האָט דאָס אָנגעשריבן, איז שוין צעשאָסן. און בערעק איז אַ זעלנער, אַ נאָו! ער ווייסט נישט ווי אַזוי אַ קוויטל צו האַלטן גאַנץ! אַ קאָזע־באָרד! בערעק פירט אַרום אַ קו איבער אַלע שטעטלעך, איבער אַלע דערפער. אומעטום דערציילט ער שרעקלעכע, נים־געשטויגענע, נים־געפלויגענע מעשיות. מען גיט אַ שטיק ברויט, אַ בינטל היי. און ביידן איז גוט, בערעקן מיט דער קו. דעם אמת ווייסט נאָר איך און די קו — ווען מען האָט אָנגעהויבן אין איילעניש אָפּטרעטן און עס איז געוואָרן אַ טומל,

און מען האָט דעריאָגט דעם אָבאָז, האָט בערעק אוועקגעוואָרפן זיין ביקס, און גענומען גלייכער א קו, דו קאָנסט דערציילן אויף דיין מעלה־גירה לשון — קוואַטש! קוואַטש! ער נעמט אַרויס אַ וועג־בלעכל, זעצט זיך אַראָפּ צום מעלקן) שטיי! וואָס וויל דען בערעק, נאָר א קליין ביסל מילך צו דערנערן זיך! וואָס קוקסטו אויף אים אזוי בייז, מיט א חיהש שפיגלדיק אויג ?! דו וואָלסט שוין לאַנג געוואָרן אויפגעפרעסן, איז געקומען בערעק, און דו לעבסט מיט זיין פאַרטל! (ער זעצט זיך אַראָפּ, מעלקט אויס אַ בלעכל, און טרינקט) עפּעס אזוי פעט און רויטלעך! (ער שפּרינגט אָפּ אין שרעק) טיילמאָל קוקסטו גאָר נישט אויס ווי א קו, נאָר ווי א גרויסע פינצטערע חיה, וואָס גייט א־ום אויף די מלחמה־פעלדער און פרעסט טויטע מענטשן ! (ער גיט אַ שמיץ די קו מיט דער ויטקע) גיי! (ער גייט אַוועק מיט דער קו. א טיול־פאַרהאַנג. פינצטער אויף דער בינע)

(צ ווי י ט ע ס ב י ל ד)

(נאַכט, אַ פעלד, פון א זייט זעט זיך אַ שטעטל ווי אַ פינצטערע קופּע, ווייטע האַרמאַטן־דונערן, אויפן הימל מישן זיך רויטלעך־קופּערנע וואָלקנס, די שטילע אָפּשיינען, וואָס ציטערן איבערן פעלד, דעקן אויף די געביידעס פון שטעטל, עס הערן זיך פרויען - קוויטשען, פון פעלד קומען צוויי אָפּיצערן: איינער אַ הויכער, דער צווייטער אַ נידעריקער)

דער נידעריקער: (בלייבט שטיין): עס ווילט זיך מיר היינט נישט !

דער הויכער: דו ביסט א באבע !

דער נידעריקער: בא די יידישע פרויען איז דאָס ערנער פון דעם טויט.

דער הויכער: מיר גייען צום טויט !

דער נידעריקער: זיי זיינען אומשולדיקע !

דער הויכער: און וואָס זיינען מיר שולדיק?! מאָרגן גייען מיר שטאַרבן, לאָמיר נאָך היינט געבן א לעב !

דער נידעריקער: עס ווילט זיך מיר היינט נישט !

דער הויכער: א פלאַמיק פנימל, גרויסע, שיינע אויגן, צעוואָרפענע האָר!

דער נידעריקער: און די שטראָף אויף יענער וועלט?!

דער הויכער: באָבעס גלויבן!

דער נידעריקער: הער, עפּעס קומט מיט מיר פאָר! אויף מיין געלעגער, איידער איך ווער אַנטשלאָפן, זע איך פינצטערע פּרויען־געשטאַלטן. זיי קומען צו מיר, און ס'ווערט מיר אַזוי שווער אויפן האַרצן, ווי דער טויט וואָלט מיך געדריקט, און איך כאַפּ מיך אויף מיט שרעק! און פון מיין טיפן שלאָף, אַז איך רייס מיך אויף, פיל איך, אַז דאָרט איז געשען מיט מיר נישט קיין גוטס!

דער הויכער: ווען דו כאַפּסט זיך אויף זעסטו, אַז דאָס איז גאָרנישט, און דאָס אַלץ איז ליגנס!

דער נידעריקער: (פאַרטראַכט): היינט כאַפּ איך מיך אויף, אָבער ווען עס וועט קומען דער אייביקער שלאָף?!

דער הויכער: דאַמאָלסט האָסטו נישט קיין האַרץ, און נישט קיין שרעק, גאָרנישט! דאָס גאָרנישט, ברודער, איז ערגער פון אַלץ! (הויך) א פלאַמיק פנימל, גרויסע, שיינע אויגן, צעוואָרפענע האָר! דו יאָגסט, דו פאַנגסט, א קלאָרער קוויטש, און דו האָסט עס אין גאַנצן. קום! (זיי גייען צום שטעטל. עס קומען פון פעלד אַ גרופּע אידישע זעלנער. פאַר זיי גייט דער דאָקטאָר.)

דער דאָקטאָר: ברידער, ווי לאַנג מיר שטייען, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זיפצן, זיינען מיר אין גלות. ווען מיר וועלן זיך אוועקשטעלן, ווי מענער, און זאָגן — גענוג! — איז אויס גלות! זיי קומען אַהער, פינצטערע, שרעקעדיקע. איר זייט שטאַרק!

קולות: מיר האָבן געווער! מיר זיינען שטאַרק! נישטאָ קיין גלות! מיר וועלן זיי יאָגן, ווי די הינט! (זיי גייען אָפּ צום שטעטל. עס הערן זיך פרוין-קוויטשען. עס קומט אָן דער אומבאַקאַנטער.)

דער אומבאַקאַנטער: מען באַהאַלט זיך אין די קעלערס, אין פינצטערע לעכער. (הויך) ווען זיי זאָלן אַלע אַרויסגיין, אָנגעטאָן אין טליתים און תפילין, שטילע, הייליקע גבורים! און זיי זאָלן אויסשטרעקן זייערע הערצער צום שפּיז, מיטן גרויסן געשריי „שמע ישראל"! מען וואָלט זיך אין די הימלען פאַרשעמט! איך וועל זיי

רופן! (ער גייט אַפּ צום שטעטל. בערעק קומט אַן מיט דער קו.)

בערעק: דאָס קוויטשען יידישע מיידלעך! (ער קראַצט זיך אין קאָפּ) אי, אי, אי, אַ קאָזע־באָרד! כ׳האָב געמיינט, אַז איך וועל מיך שוין אַביסל דאָ קענען אָפּרוען. איך וועל אריינקומען אין שטעטל אריין, וועל איך אריינגיין צו אַ באַלעבאָס און כ׳וועל דערציילן, אַז אַלע האָבן זיך אויסגעשאָסן און אויסגעשטאָכן, און איך איינער בין געבליבן מיט דער קו. רויקע שכנים וועלן אַריינקומען, און בא אַ ליכטיקער לאָמפּ וועל איך זיי אָנדערציילן שרעקלעכע מעשיות פון דער מלחמה. זיי וועלן צושאָקלען מיט די קעפּ, און זיפצן, דערוויי־ל וועט מען מיר געבן אַ וועטשערע, מיין קו וועט מען אריינפירן אין שטאַל אריין, מכבד זיין מיט אַ בינטל היי. איך וועל מיך אַ גאַנצע נאַכט אויסרוען אויף אַ ווארעם געלעגער. מאָרגן וועל איך אַרויספירן מיין קו, פּאַשען אויף די רויטע לאָנקעס. און אויף דער צווייטער נאַכט וועל איך אריינקומען אין שטעטל אריין פון אַן אנדער זייט. אין אַ גרויס שטעטל קום איך אַזוי אריין עטלעכע נעכט, פון עטלעכע זייטן. פּלוצלינג האָסטו דיר! דאָס קוויטשען דאָך מיינע שוועסטער, שוועסטערס, שוועסטערס שוועסטערס! (ער רעדט אַן אַ זייט, ווי צו עמיצן) דו רוימסט מיר איין, אַז איך וועל פאַלן?! דאָרט וויל איך נישט, און איך קאָן נישט אין אַ פרעמדן שטעכן! דאָ וויל איך, און איך קאָן יאָ! (ער קלערט אַ ווײַלע) אַ גוט פּאָרטל! (ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ דאָס אָנגעטועכץ, טוט זיך אָן דאָס ווייסע העמד איבער אַלעס, זעצט זיך אַרויף אויף דער קו רייטן.) דו ביסט שוואַרץ, איך בין ווייס. איך וועל אויף דיר רייטן, וועט אַלע אַרומכאַפּן אַן אומרו, און זיי וועלן אַנטלויפן. (ער רייט אַוועק צום שטעטל.)

(פּ אָ ר ה אַ נ ג)

(ד ר י ט ע ר   אַ ק ט)

(אַ פעלד. טאָג. עס קומען אַרויף דער אומבאַקאַנטער, בערעק **און שמולעק.)**

דער אומבאַקאַנטער: דער דאָקטאָר און די אַלע, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַליין העלפן, זיינען געפאַלן! אם ה׳ לא ישמר עיר שוא שקד שומר!

בערעק: און מיין קו איז געפאַלן! ס'איז געקומען די צייט. זי איז שוין געווען אַזוי גרויס און פינצטער!

שמולעק: ס'איז שוין נאָך דער מלחמה, און אויף דער גאַנצער וועלט איז אַזוי שטיל!

(עס הערט זיך אַ גערויש. עס קומען אַרויף אויף דער סצענע יידן מיט פעק אויף די פּלייצעס, און ווייבער מיט קינדער אויף די הענט. פאַר זיי גייט דער אַלטער רב. און עטלעכע יידן טראָגן ספר־תורות, פאַרוויקלטע אין טליתים. אויף טראָג־בעטלעך טראָגט מען נאָך מתים.)

דער רב (שטעלט זיך אָפּ): אפשר וועט מען זיך שוין אָפּרוען?

עטלעכע יידן: מ'קאָן זיך שוין דאָ אָפּרוען! - מ'קאָן זיך שוין דאָ אָפּרוען!

איין ייד: לאָמיר נאָך גיין אַביסל ווייטער!

אַ צווייטער ייד: זיי האָבן געטריבן ביז אַ שטיק נאָכן שטעטל, און איצט זעט מען שוין אין גאַנצן ניט דאָס שטעטל.

עטלעכע יידן: מ'קאָן זיך שוין דאָ אָפּרוען! מ'קאָן זיך שוין דאָ אָפּרוען!

(אַלע לייגן אַראָפּ די פעק. די מתים טראָגט מען אַוועק אין דער טיף פון דער סצענע. טייל יידן זיצן אויף דער ערד, טייל אויף די פעק. אַלע רוען. אַ טיף שווייגן. בא די מטות ציט זיך אַ שטיל געוויין.)

אַ מיידל (וואָס שטייט לעבן די מטות, קלאַפּט זיך אין קאָפּ מיט ביידע פויסטן, זאָגט מיט אַ ניגון): מיין טייערער טאַטע! מיין טייערער טאַטע! דער קאַלטער שטאָל איז אריין אין דיין האַרץ, און דיין הייס בלוט האָט זיך צעגאָסן אויף דער קאַלטער ערד! ווי אַזוי קאָן איך שוין לעבן?!

אַ יידענע: מיין טייערער מאַן, פאַרוואָס איז דיר געקומען אַזאַ שרעקלעכער סוף?!

אַ הויכע יידענע (שאָקלט זיך, זאָגט מיט אַ ניגון): הייליקער

ר׳ נחום לייב! דו ביסט דאָך געזעסן טאָג און נאַכט איבער דער תורה! דיין אָרט איז נאָר געווען אין בית־מדרש! דו האָסט דאָך צו יעדן גערעדט אזוי הארציק, און יעדן געטרייסט! פאַרוואָס איז דיר געקומען אזא שרעקלעכער סוף?!

עטלעכע ווייבער: הייליקער ר׳ נחום לייב! הארציקער ר׳ נחום לייב! פאַרוואָס איז דיר געקומען אזא ביטערער, אזא שרעקלעכער סוף?!

איין ייד (לעבן רב): מען דאַרף אָפּקלערן ווהין מיר זאָלן גיין און מיט וועלכן וועג מיר זאָלן גיין.

עטלעכע יידן: מ׳דאַרף אָפּקלערן! מ׳דאַרף אָפּקלערן! (זיי יידן צווישן זיך שטיל.)

איין ייד: דער וועג איז פאַרנומען מיט זעלנער.

אַ צווייטער ייד: אפשר מיטן וואַלד? (זיי ריידן צווישן זיך שטיל.)

די הויכע יידענע: אָן אַ וועג, אָן אַ שטעג! הפקר, ווי די חיות אין וואַלד! טאַטע אין הימל, דערבאַרעם דיך איבער אונז!

די יידענעס (מיט אַ געוויין): טאַטע אין הימל, דערבאַרעם דיך איבער אונז, דערבאַרעם דיך איבער אונזערע קליינע קינדער!

(פון דער זייט לויפט נעענטער צו דער סצענע אַ מיידל, מיט לאַנגע צעוואָרפענע האָר. אַ בחור שטעלט זיך אויף און וויל איר נאָכלויפן, נאָר ער גיט אַ מאַך אָוועק מיט דער האַנט און זעצט זיך צוריק אַראָפּ אויף זיין אָרט. דאָס מיידל האַלט ביידע הענט הינטן צוזאַמענגעשלאָסן. אירע בלייכע באַקן ברענען און די טיפע אויגן קוקן מיט אַ פינצטערן פייער.)

דאָס מיידל (וואַרפט צוריק מיטן קאָפּ): שווייג! ווייל איך נישט שווייגן! דו ביסט אַ ברודער, מוז איך דיך פאָלגן?! כאַ-כאַ, דו אויך?! אַ קרענק! דו טאָרסט נישט! דו ביסט אַ ברודער! **דווקא! כ׳וועל דערציילן! כ׳וועל אַלץ דערציילן! זעלנערלעך,** פלינקע! איך בין אַרויס דורכן פענצטער, און זיי, האָפּ נאָך מיר! איך האָב מיר אויפגעהויבן דאָס קלייד און בין געלאָפן אזוי גיך! וואָס איז?! זאָל איך אזוי לעבן, ווי ס׳האָט קיינער נישט געזען! ס׳איז דאָך געווען גוט פינצטער, אין מיטן דער נאַכט! זיי וואָלטן מיך נישט געכאַפּט, אַ קרענק! נאָר כ׳בין אומגעפאַלן! זיי האָבן מיך פעסט צוגעהאַלטן, אזעלכע שטאַרקע! אַ טויט אויף זיי! דערנאָך

בין איך געזעסן, איינע אליין אויפן פעלד. עס איז שוין געווען טאג. און דער הימל איז געווען אזוי הייס, און עס איז מיר געווען אזוי קאלט! איצט קנייפט מיך דער ברודער, איך זאל נישט דערציילן! זעט אליין די צייכנס אויף מיין לייב! (זי שארט ארויף דעם ארבל און ווייזט די נאקעטע האנט) פארוואס קנייפט ער מיך?! פארוואס?! פארוואס?! (זי וויינט. עס קומט צו לויפן פון דער זייט א נידעריקע יידענע. דאס שייטל אויף איר קאפ איז פארדרייט, און דאס גרין־אויסזעענדיקע פנים איז פארפלאמט. זי בויגט זיך שטארק און מאכט מיט די הענט).

די יידענע: שאטס, זאל זיין שטיל! זאל זיין שטיל! איך בין אן עדות און גאט אליין הערט! ווייסע מלאכים שטייען אזוי פיל! און ארום א לאנגן טיש זיצן יידן, מיט ווייסע בערד, און פייערדיקע פנימער. און אויבן זיצט גאט, נאר קיינער זעט אים נישט! צווייי עדות זיינען מיר: איך און מיין מאן. מיין מאן קאן דאך נישט ריידן, ווייל דער האלז איז אים צוגעדריקט מיטן גארטל. קוקט ער אויף מיר, און איך מוז אלץ דערציילן! זאל זיין שטיל! אונזער טעכטערל, פערעלע, איז געלעגן אין בעט! זי איז געלעגן קראנק, איז זי געווען אזוי שיין! דאס פנים, ווי א בלום! גרויסע קלוגע אויגן, און א קאפ זיידענע האר! (ווי די וואלט זי געזען) מ׳האט זי געבראכט, מ׳האט זי געבראכט צום משפט! כ׳טאר נישט צוגיין! מיין שיין פערעלע! מיין שיין פערעלע! (זי קושט הייס אין דער לופט) און כ׳טאר נישט וויינען! גאט אליין זיצט דא! זאל זיין שטיל! ס׳האט געמוזט זיין פינצטער! שטיי איך מיט מיין מאן באם בעט, און איך בעט שטיל — גאט, האב רחמנות אויף אונזער קראנק קינד! גאט, האב רחמנות אויף אונזער קראנק קינד! מ׳קלאפט שטארק! די טיר גיט זיך א רים אויף, און עס קומען אריין גרויסע קאלטע זעלנער מיט ביקסן! מיך און מיין מאן גיבן זיי א רים אוועק פון בעט! זיי האבן אונז אריינגעווארפן אין דער צווייטער שטוב און פארשלאסן! באלד האבן אנגעהויבן קומען צו אונז די קוויטשן! זיי זיינען געקומען פון אומעטום! אדורך די ווענט, דורכן סופיט, דורך דער פאדלאגע! איך האב שטארק געקלאפט מיטן קאפ אין דער וואנט. פלוצלינג איז געווארן שטיל, אזוי גוט שטיל! איך האב זיך אומגע־דרייט, איז ער געהאנגען אויפן הענג־לייכטער מיט זיין גארטל, דעם קאפ פארדרייט, ווי א געשאכטענע קאטשקע, און געקוקט גלייך אויף

מיר! איך האָב אַזוי מורא געקראָגן, האָב איך געטאָן אַ ריס אויף די טיר! די זעלנער זיינען שוין נישט געווען, און איך האָב געגעבן אַ כאַפּ אַרויס פון בעט מיין פּערעלען! (ווי זי וואָלט זי דערזען) זי לעבט! זי לעבט! און זי איז נאָך פיל שענער פון פריער! כ'טאָר נישט צוגיין! ששש! אַלע ווייסע מלאכים רוישן אַזוי מיט די פליגלען! און די יידן מיט די ווייסע בערד שאָקלען זיך, און זייערע פייערדיקע פּנימער ברענען אַזוי מוראדיק! זאָל זיין שטיל! גאָט אַליין האָט געפּסקנט! (מיט אַ פרייד געשריי) אָבער איר הערט?! אָבער איר הערט?! פאַר מיין פּערעלען וועט מען אויסשעכטן אַלע מענטשן! און מען וועט פאַרברענען די גאַנצע וועלט! פאַר מיין פּערעלען! פריי דיך און טאַנץ! פריי דיך און טאַנץ! (זי טאַנצט אַוועק).

אַ מיידל (וואָס זיצט אויף דער ערד און שאָקלט זיך): ווייז איז מיר! ווי איז מיר! כ'האָב געשריגן צו מיינע עלטערן, און זיי האָבן זיך באַהאַלט ן! כ'האָב געשריגן צו גאָט, און גאָט האָט זיך אויך באַהאַלטן! (אַ ייד לאַכט מיט אַ הויכן דראָבנעם געלעכטער, ווי אַ גיבעטש פון אַ ציג) הו הו הו הו הו! הי הי הי יה הי!

איין ייד (לעבן רב): אַלץ קליינע שטעטלעך, און פול מיט היימלאָזע!

אַ צווייטער ייד: מ'האָט נישט קיין ברירה.

די הויכע יידענע: ס'איז גאָר נישטאָ וווּ אַהינצוטאָן זיך, כאָטש צו בלייבן אין מיטן פעלד, אונטערן פרייען הימל! ווייז איז אונז!

די יידענעס: מיט אַזעלכע פּיצעלעך קינדער! מיט אַזעלכע שוואַלבן! ווי איז אונז! (אַ הויך שטאַרק געוויין צווישן די ווייבער און קינדער. דאָס געוויין שטילט זיך.)

דער אומבאַקאַנטער (קערט זיך אַוועק פון דער מחנה. מיט אַ קול, ווי אַן אורטייל): גראָבע וועלט! דו האָסט געטויט דיין הארץ, און דו האָסט פאַרלאָרן דיין מענטשלעך געשטאַלט! און דו וועסט פאַרלאָרן גיין צוזאַמען מיט דיין שלעכטס! ער קערט זיך אום צו דער מחנה, מיט אַ הויך קול) יידן! אַזוי ווי עס איז מקוים געוואָרן דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס די נביאים האָבן אויף אייך געזען, אַזוי וועט אויך מקוים ווערן דאָס גאַנצע גוטס, וואָס זיי האָבן אויף אייך געזען! איר גייט פון אָנהויב פון אַלע דורות! איר זייט דורכגעגאַנגען

אלע פייערן, און איר לעבט! אייערע טריט ציען זיך פון דער אייביקייט און גייען אין דער אייביקייט!

(אַ יונגערמאַן אין דער מחנה פאַלט אויף דער ערד. זיין קערפער בויגט זיך און קאָרטשעט זיך אין קראַמפּן, מיט פאַרגלאָזטע אויגן. ער מרוטשעט אומפאַרשטענדלעכע קולות ער ווערט רויק, די אויגן עפענען זיך אים גרויס, ווי פאַר עפּעס אַ וווּנדער. ער רעדט שוואַך און קלאָר.)

דער יונגערמאַן: אויף אַ הויכן באַרג די גאָלדענע שטאָט ציון. אַרום אַ רויט-פייערדיקער מויער. אין הימל פיל ליכטיקער פון דער זון, גאָטס נאָמען!

דער אומבאַקאַנטער (הויבט אויף ביידע הענט, זאָגט הויך, אין אַ הייליקן עקסטאַז): ועל כן נקוה לך ה' אלהינו לראות מהרה בתפארת עוזך, להעביר גלולים מן הארץ, והאלילים כרות יכרתון, לתקן עולם במלכות שדי, יכירו וידעו כל יושבי תבל, ויקבלו כולם את עול מלכתך. כי המלכות שלך היא. והיה ה' למלך על כל הארץ. ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד!

(די הויכע פיגור פון אומבאַקאַנטן איז באַלויכטן פון אַ שטאַרקער ווונדערלעכער ליכטיקייט. אַלע יידן, אַראָפּגעבויגן די קעפּ, אין אַ הייליקער פורכט, זאָגן שטיל נאָך די פסוקים. עס הערט זיך אַ ווייט מלאכים־געזאַנג.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

(„צוקונפט", דעצעמבער, 1922)

אַ מתנה מיין ברודער פנחס גילבערט.

דער קעלער

(קאָמעדיע אין דריי אַקטן)

אַ גרויסע קעלער־שטוב. נאָענט צו דער סצענע, אונטערן הויכן קליינעם פענסטערל — אַ טיש, אַ באַנק, און אַלטע קאַנאַפּע. אין דער צווייטער העלפט די קיך און די טיר. אין אַ פיר־עקעכדיקן ווינקל ליגט שטרוי צום שלאָפן און פעקלעך, קעסטלעך. נאַכט. אויף דער וואַנט, איבערן טיש, ברענט אַ לעמפל. דוד, אַ בחור פון אַ יאָר דרייסיק, אַ לענגלעך בלייך געזיכט, טראָגט לאַנגע האָר און אַ ברייטן שוואַרצן קאַפּעלוש. ער זיצט אין אַ ווינקל אויף אַ נידעריק געזעס, רייניקט אַ פּאַליטרע און פּענזלקעס. לאהלע, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, שטייט לעבן אים.

דוד. איך האָב היינט געמאָלט הינטער דער שטאָט. אָרום ברייטע, פרייע פעלדער. קומט אַמאָל מיט!

לאהלע. איך מוז דאָך גיין צו דער אַרבעט!

דוד. שטענדיק אין פאַבריק. לעבט איין טאָג אויף דער פריי!

לאהלע. און וואָס וועלן מיינע עלטערן רעדן?

דוד. אַלץ דאַרפט איר דערציילן די עלטערן? איר זיינט דאָך שוין ניט קיין קינד! (מיהערט אַראָפּגיין פון די שטיגן. לאהלע מאַכט זיך, אַז זי ראַמט. רחטשע, די באַלעבאָסטע, קומט אַריין — אַ יידענע מיט אַ געל שווייגנדיק פּנים).

רחטשע. ער איז נאָך נישטאָ?... (זי נעמט פון לעבן דער קיך אַ קוישעלע קאַרטאָפּלעס, ברענגט צו דער קאַנאַפּע, זעצט זיך און הייבט אָן שיילן. צו לאהלען). ברענג אַריין וואַסער און מאַך

פּייער! (לאהלע נעמט דעם קובעל, גייט אַרויס. אַ שטילשווייגן. רחטשע שיילט די קאַרטאָפלעס. די טיר עפנט זיך. עס קומען אַריין לאהלע מיט אַ קובעל וואַסער און בעריש מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. בעריש, אַ ייד מיט ברייטע פּלייצעס, גרויסע שוואַרצע אויגן און אַן אָדלער־נאָז. ער טראָגט אַ קורץ רעקל און אַ היטל מיט אַ לעדער־גלאַנציקן דאַשעק. רחטשע קומט צו). אַ האַלבער זאַק. דאָס איז אינגאַנצן?

בעריש. דאָס האָב איך אַראָפּגענומען פון שפּייז. הינטן אַרום איז געווען אָפּגעלייִדיקט.

לאַהלע. ס'איז דאָך געווען אַזאַ גרויסער בוים יענגאַלקעס!

בעריש. דיין מאַמע האָט מיך נישט געלאָזט אָפּרייסן דעם בוים יענגאַלקעס, ווען מ'איז אַרויס.

רחטשע. ווען מ'איז אַרויס פון גאָרטן זיינען זיי נאָך געווען זייער דראָבנע.

בעריש. און איצט האָסטו גאָרנישט. (ער גייט צוריק אַרויס).

רחטשע. (קוקט אַריין אין זאַק). ס'גאַנצע באַרנעס. ס'האָט געקענט זיין עטלעכע זעק! (בעריש קומט אַריין מיט אַ צווייטן זאַק. ער שטעלט אַראָפּ) קאַרטאָפלעס גאָר?! (בעריש זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע, רוט. רחטשע זעצט זיך אויך אויף דער קאַנאַפּע, שיילט) די קאַרטאָפלעס האָט דיר דער פּריץ געגעבן?

בעריש. אַ שטייף פּריצל, מיט קלאָרע ברילן, גיט נישט! ס'איז געלעגן אָנגעשאָטענע אַ באַרג קאַרטאָפלעס, האָב איך געהייסן דעם פורמאַן ער זאָל זיך פאָרען באַם פערד, צוקעמען די גריווע, פאַרבינדן דעם עק, און איך האָב מיר דערווייל געפּאָרעט באַ די קאַרטאָפלעס. (די טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין אַ בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַ ברייט־פּלייציקער. ער טראָגט אַ קורץ רעקל מיט אַ קליין טוכן היטעלע אויף אַ טשופּרינע. ער גייט צום בעט, זעצט זיך).

רחטשע. וואָס צעלייגסטו זיך שוין?

מענדל. אַז מ'אַרבעט אַ גאַנצן טאָג, איז מען מיד.

בעריש. מע ברענגט אַ פרישן בוים פון וואַלד. מע ציט פון אים אַראָפּ די קאָרע, מע זעגט, מע הובלעוועט, עס שמעקט!

מענדל. (האַלב־ליגנדיק אויפן בעט). איך ווייס נישט פון קיין קונצן.

בעריש. אַ יונגער יונג דאַרף אַרבעטן! ער עסט מיט אַפּעטיט און שלאָפט געשמאַק!

רחטשע. און ער אַליין וויל נישט אַרבעטן!

בעריש. איך האָב שוין אָפּגעאַרבעט. זומער האַלטן אַ גאָרטן איז פאַר מיר געווען!

רחטשע. אַ פּרנסה!

בעריש. ס'איז ליכטיק, ס'איז וואַרעם אויף דער וועלט, און ס'הענגען איבערן קאָפּ קאַרשן, עפּל, באַרנעס! דו האָסט עס אויך נישט פיינט. אַ הונט בילט און רוישט, און אַ קאַץ גייט שטיל און איז מער מזיק. (רחטשע גייט מיטן טאָפּ אָנגעשיילטע קאַרטאָפּלעס צו דער קיך. בעריש שטעלט זיך אויף, גייט צום ווינקל). ווייז, וואָס מאָלעוועסטו? (דוד ווייזט אים אַ פּריש־געמאָלעוועט בילדל. קוקט דערויף). כע־כע, דו ווילסט, הייסט עס, באַשאַפן אַ הימל! הער, יינגעלע, זומער, ווען כ'בין אין גאָרטן, און אַז איך גיב אַ קוק אַרויף, איז דער הימל אַזוי גרויס, אַז איך פאַרגעס, אַז איך שטיי אויף דער ערד!

דוד. איך זאָל קענען אויסמאָלן אַזאַ הימל, וואָלט שוין גוט געווען.

בעריש. אַז דו קענסט נישט, איז אַ שאָד די צייט. (ער נעמט אַרויס פון דער קעשענע אַ פּאַטשיילע, בינדט זיך אַרום, גייט צו דער טיר, וואַשט די הענט און הייבט אָן דאַווענען מעריב, גייענדיק איבערן קעלער. בעריש קומט צום ווינקל, זינגט צו דודן). בורא יום ולילה, גולל אור מפני חושך, וחשך מפני אור! ומעביר יום, ומביא לילה, ומבדיל בין יום ובין לילה, ד' צבאות שמו!

דוד. (מיטן זעלבן ניגון). ער בייט די צייטן און צעשטעלט די שטערן אין הימל! ער באַשאַפט דעם ליכטיקן טאָג, און די פינס־טערע נאַכט! ער וויקלט איין די ליכטיקייט פאַר דער פינסטערניש, און די פינסטערניש פאַר דער ליכטיקייט! ער פירט פאַרביי דעם טאָג און ברענגט די נאַכט! דאָס אַלץ טוט ד' צבאות!

בעריש. (שאָקלט צו מיטן קאָפּ). טוב, טוב! (ער דאַווענט ווייטער, גייענדיק איבערן קעלער. ער שטעלט זיך שמונה־עשרה.

רחטשע פאָרעט זיך בײַ דער קיך. סיהערט זיך דאָס כראָפּען פון מענדלען. דוד זיצט אויף זײַן אָרט, צייכנט בעריש).

לאהלע. (שטייט, קוקט זיך צו). דער טאַטע, מ'דערקענט באַלד!

דוד. אז איר וועט וועלן, וועל איך אײַך לערנען! (בעריש „גייט אויס" שמונה־עשרה. לאהלע מאַכט זיך, אַז זי ראַמט. בעריש ענדיקט דאָס דאַווענען, קומט צום ווינקל).

בעריש. (צו דודן). אַז דו פאַרשטייסט, דאַרפסטו דאָך אוודאי דאַווענען!

דוד. מ'דאַרף בעסער טאָן!

בעריש. און דו טוסט! וואָס טוסטו?

דוד. איך זוך גאָט אין זײַנע ווערק!

בעריש: דו רעדסט דאָך ווי אַ צדיק!

רחטשע. (פון דער קיך). ס'איז נישטאָ קיין לעק וואַסער און ער שטייט דאָרט! (בעריש אײַלט צו דער קיך, נעמט דעם קובעל, גייט אַרויס. ער קומט באַלד אַרײַן, שטעלט אַוועק דעם קובעל וואַסער. זינגט). ס'האָט זיך מיר געחלומט — כ'בין אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ, און מײַן אויג זעטיקט זיך מיט די שיינקייטן אַרום. פּלוצלינג שטעקט מײַן ווײַב אַרײַן דעם קאָפּ דורכן פענסטער און זוכט מיך — בעריש, וווּ ביסטו, בעריש? — דער פּאַלאַץ און אַלץ ווערט פאַרשוואונדן. כ'שטיי אויף דער גאַס און עס רעגנט. בררררר!... (צו לאהלען) שטעל די כלים צום טיש! (לאהלע טוט עס, רחטשע גייט צום טיש מיט אַ פּאַרענדיקן טאָפּ, גיט אויף. אַלע זיצן בײַם טיש און עסן. רחטשע קומט ווידער צום טיש מיטן פּאַרענדיקן טאָפּ, גיסט יעדן צו. לאהלע לייגט אַוועק די לעפל). גיב איר יאַכעלעך! (גייט מיטן טאָפּ צו דער קיך).

בעריש. געוווין דיך, טאָכטער, צום אָרעמען פּראָסטן עסן, וועסטו זײַן זאַט און געזונט! פון די רייכע מאכלים ווערט מען נאָר פאַרדאָרבן און קראַנק!

דוד. (פון ווינקל). די רייכע גלוסטן צום גן־עדן עפּעלע. דאָס עפּעלע האָט אין זיך סם און טויט!

בעריש. אמת, ייִנגעלע! (עס קומט אַרײַן אַן אַלט ייִדל, אַן

אָרעמאַן, מיט אַ שטעקן אין האַנט. ער גייט צום ווינקל זייער פּאַמע־לעך און קרעכצט. רחטשע דערלאַנגט אים אין ווינקל אַריין אַ שיסע־לע עסן).

דער אַלטער. (זיצט אויף אַ נידעריק קעסטל, נעמט צו). איי, באַלעבאַסטעשע, באַלעבאַסטעשע, איר זאָלט לעבן און געזונט זיין! איר זאָלט לעבן און געזונט זיין!

בעריש. וואָס מאַכט איר, ר׳ ישראל?

דער אַלטער. איי, נישט גוט, נישט גוט! אָנגעקראָכן זיך אַ גאַנצן טאָג בחנם, און קוים דערשלעפּט מיינע קראַנקע ביינער!

רחטשע. (זיצט אויף דער קאַנאַפּע, עסט). דער אַלטער ציילט, און קוקט אַלע מאָל אהער, צום טיש, צי מ׳זעט נישט!

בעריש. די מלאכה! — אַ שניידערל רייסט זיך צו זאָגן אַ דעה אין שטעטל, אַ שוסטערל צינדט זיך גיך אָן, אַ בעטלער זאַמלט און באַהאַלט —

מענדל. (שטעלט זיך אויף, ציט זיך). טאַטע, דו ביסט גע־וואָרן אויף דער עלטער אַ בעל־דרשער! (ער גייט צום בעט).

רחטשע. דיין זון לאַכט פון דיר!

בעריש. הערסטו, רחטשע, דער ווירט האָט מיך אויפן הויף אָנגעכאַפּט — ס׳קומען צו מיר מענטשן נעכטיקן! — אַז אַ ייד נעכ־טיקט איבער אויף מיין פּאָדלאָגע, וואָס אַרט דאָס אייך? — דרייט ער מיטן קאָפּ און סמאַקעוועט — אויב אַזוי, איז עס דאָך אַן אַכ־סניה, אַ געשעפט! — דער פרומער האָט געוויזן ציין און נעגל, און איך האָב געמאַכט אַ גוואַלד — אַ וואָלף, אַ וואָלף!

רחטשע. ער וועט דיך אַרויסוואַרפן פון דער דירה!

בעריש. ער קאָן נישט, איך צאָל אים!

רחטשע. דאָס יידל ליגט שטענדיק אין די סאָנדעס! (די טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין עמיצער. דאָס אָנגעטועכץ אויף אים איז צעפליקט. מ׳זעט אַרויס הוילע שטיקער לייב).

דער אָפּגעריסענער. (באַ דער טיר). כ׳וועל קאָנען דאָ אי־בערנעכטיקן?

בעריש. קומט נעענטער! (דער אָפּגעריסענער גייט צו צום טיש).

רחטשע. אַ נייע פּלאָג!

בעריש. וואָס ביסטו אַזוי אַרומגעריסן? אַ יונג מיט פּלייצעס, קאָנסט דיר נישט פאַרדינען? (ער ענטפערט נישט).

לאהלע. ער שעמט זיך.

דוד. אַן אידיאָט!

דער אָפּגעריסענער. (אויף דודן). פאַררייזלעצטער!

בעריש. וואָס?!

דער אָפּגעריסענער: די בלאַסע פּנימער, מיט די לאַנגע האָר זיינען פאַררייזלעצטע הערינג!

דוד. לאַטעק!

דער אָפּגעריסענער. פאַררייזלעצטער!

בעריש. (לאַכט). אַ חברה־מאַן! ער צערייסט אויף זיך אַליין, עס טויג אים צום געשעפט!

דער אָפּגעריסענער. (בויגט זיך איין, שטרעקט אויס אַ האַנט מיט אַ וויינענדיק פּנים). כ'בין הונגעריק! ס'איז מיר קאַלט! הי־הי־הי! הי־הי!

בעריש. די מיאוסט זיך נישט צו גראַבלען רחמנות בא מענטשן?!

דער אָפּגעריסענער. כ'נאַר זיי!

דער אַלטער ישראל. כ'האָב געברענגט עפּעס פאַר לאהלען, פאַר לאהלען!

לאהלע. (קומט צו). ווייזט נאָר!

דער אַלטער. אַ בראָשעלע, הע־הע, אויפן הערצעלע, אויפן הערצעלע!

דער אָפּגעריסענער. אַלטע כאַליעווע!

בעריש. ווי לאַנג די אויגן זיינען אָפן, זינדיקט מען!

רחטשע. אַן אַלטער נאַר!

לאהלע. (לאכט). אַ שטיקל בלעך, ר׳האָט עס געפונען אויפן מיסט!

דער אָפּגעריסענער. אָבער איך וועל ברענגען אמת גאָלד און אמתע בריליאַנטן!

בעריש. ווו וועסטו נעמען?

דער אָפּגעריסענער. כ׳זע גיין אַ רייכע מאַדאַם, גיי איך מיט און שטרעק אויס אַ האַנט — כ׳האָב שוין דריי טאָג נישט געגעסן, כ׳גיי אָן אַ העמד, טייערע מאַדאַם, גאָלדענע מאַדאַם! — זי מיאוסט זיך, איז שטאַרק אין כעס, נאָר איך גיי מיט איר מיט, ביז כ׳צי עפּעס אַראָפּ! (די טיר עפנט זיך, עס קומט אַריין אַ דאַר יידל, מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. אין דער טאַליע איז ער אַרומגעבונדן מיט אַ דין שטריקל. אַ שיטער, געל־אויסגעבליאַקירט בערדל, אַ גאָרביקע נאָז און לענגלעכע אויגן. ער גייט מיט קליינע שאַרענדיקע טריטעלעך).

דאָס יידל. (בלייבט שטיין אין מיטן קעלער און זינגט אויס בדחניש). אין דרויסן איז פינסטער, גליטשיק און קאַלט! — אין דער שטוב איז ליכטיק און אין אויוון ברענט אַ וואַלד! — און עס איז געגרייט צום טיש, לעקעך מיט בראָנפן, און חלה מיט פיש! (ער גייט ווייטער מיט זיינע שאַרענדיקע טריטעלעך צום ווינקל).

דאָס יידל. (צום אָפּגעריסענעם). הינט האָבען דיך געביסן? וואָס ביסטו אַזוי אַרומגעריסן?!

דער אָפּגעריסענער. (אויפן יידל). גרויער ברודער!

פייוועלע. הער נאָר, דו חכם, פאַרוואָס עפּעס גרוי, און נישט שוואַרץ, און נישט ווייס, און נישט בלוי?

דער אָפּגעריסענער. (מיטן זעלבן ניגון). האָסט נישט קיין ווייב, האָסט נישט קיין קינד, לעבסט ווי אַ הונט, ביסטו אַ גרויער ברודער!

פייוועלע. נאַ דיר אַ האַנט, כאָטש ס׳איז אַ שאַנד, ר׳ פייוועלע, סאַמע זייד, זאָל זיך באַקאָנען מיט פאַרשיווע לייט!

דער אָפּגעריסענער. האָפּ־האָפּ, אַ רוח אין דיין קאָפּ! (די טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין לייבעלע. אַ בלייך, שמאָל פויגל־פּנים, אַ שוואַרץ רעם־בערדל און הייס־בלישטשענדיקע אויגן).

לייבעלע. (צו רחטשען). גיב מיר עסן!

רחטשע. משוגענער, וויפיל שעפּלעך האָסטו היינט אַרויסגע־גאָסן, אַזוי פיל שיסעלעך עסן האָסטו אַריינגעכאַפּט!

פייוועלע. ס'איז אַלעמען באַוווּסט, ער אַרבעט באַ פּאָמאָיעס און מיסט!

לייבעלע. (צו רחטשען). גיב מיר עסן! (רחטשע קומט צו מיט אַ שיסעלע עסן. לייבעלע עסט שטייענדיקערהייט. אין מיטן וואַרפט ער אַוועק דעם לעפל אויף דער פּאָדלאָגע און זופּט אויס מיטן גאַנצן שיסעלע).

רחטשע. אַ משוגענער אַפּעטיט!

בעריש. דאָס עסן ווערט אין זיי פאַרברענט!

דער אָפּגעריסענער. (צו לייבעלען). פּרעס־יאַשטשערקע!

לייבעלע. גיי אין דער ערד אַריין! (ער פאַלט אַראָפּ פאַר לאהלען). פּערעלע! פּערעלע!

לאהלע. איך הייס דאָך נישט פּערעלע!

לייבעלע. (ריטשעט מיט געוויין און געבעט). פּערעלע! פּע־רעלע! פּערעלע!

רחטשע. דרייסט איבער אַ שוך!

פייוועלע. (פון ווינקל). אַלע אין דער פרי דאַרף אַ מיידעלע בעטן — זאָל זיין דער ווילן פאַר דיר, גאָט, זאָלסט מיך מציל זיין פון אַ פּגע־רע, פון אַן עין־הרע, פון אַ משוגענער ליבשאַפט! (ער פאָרעט זיך מיט זיין זעקל אַלטוואַרג). ר' בעריש, האָב איך היינט געברענגט זאַכן, מ'קאָן אַ באַשרייבונג מאַכן. (ער קומט צו מיטן זעקל צו דער קאַנאַפּע, נעמט אַרויס אַ פּאָר קאַמאַשן, מיט גרויסע שפּיצן־טשוועקעס פון די אָפּצאַסן און פון די פּאָדעשוועס).

אַלע. וואָס איז דאָס?

פייוועלע. איך האָב דאָס געקויפט באַ זייער אַ רייכן. ער האָט געזאָגט, ווען ער איז געפאָרן אין די בערג, איז ער געגאַנגען אין די קאַמאַשן.

דוד. אין די ווייטע לענדער זיינען פאַראַן הויכע בערג. פון

דער הויך זעען זיי די גוואַלדיק־שיינע זון־אונטערגאַנגען!

לאהלע. וואָס זעען זיי?

דער אָפּגעריסענער. דער פאַררייַלעצטער רעדט טערקיש.

בעריש. די רייכע קריכן אויף די הויכע בערג.

רחטשע. משוגע, צו וואָס קריכן אויף די הויכע בערג?!

בעריש זיי זוכן פאַרגעניגנס!

פּייוועלע. (נעמט אַרויס פון זעקל אַ ברייטן, ווייך־שטרויע־נעם הוט). דאָס איז אויך פון אים — אין די וואַרעם־לענדער גייען זיי אַזעלכע קאַפּעלאַנדרעס, צו פאַרהיטן זיך פון דער זון!

דוד. דאָרט איז דער הימל אייביק בלוי, אייביק ברענט די זון! — דאָס לאַנד פון זון און פאַרבן!

לאהלע. ווען איך האָב אַ סך געלט, וואָלט איך אהין געפאָרן.

דער אָפּגעריסענער. איך וועל באַגנבענען אַ גביר!

דוד. אַזאַ לאַטעק קאָן גנבענען אַ ברויט, מער נישט!

דער אָפּגעריסענער. יאָט, גיי צו מיר אויף דער לער!

לאהלע. די רייכע פאָרן אַרום איבער דער וועלט!

בעריש. אַ שייינדזיכטיקער פאָר אַרום איבער דער וועלט זוכן לופט. און די רייכע פאָרן אַרום איבער דער וועלט זוכן פאַר־געניגנס!

פּייוועלע. אמת!

לייבעלע. (זיצט אין אַ ווינקל, אויף אַ נידעריק געזעס, און זינגט דעם כל־נדרי ניגון. באַ יעדן אויסלאָז ריטשעט ער אַרויס מיט אַ געוויין און געבעט). פּערעלע!

דער אַלטער. (גראָזעט אים מיטן שטעקן). שוייג! שוויַיג! (די טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד. אַ שוואַרצע קאַפּאָטע ביז צום טריט, געפּוצטע שטי־וועלעך, און אַ ניי טוכן היטל. ער זוכט מיט דער האַנט די מזוזה און קושט).

בעריש. (איילט צו דער טיר). וואָס דאַרפט איר?

דער ווירט. (נעמט אָן בערישן פאַרן האַנט, גייט מיט אים צום טיש, רעדט שטיל אויפן אויער). כ׳דאַרף מיט אייך עפּעס ריידען!... (אַלע צעגייען זיך אויף זייערע ערטער).

דער ווירט. (זעצט זיך). פאַרשטייט איר מיך, די פּאַדאַטקעס, די הוצאותן אויפן הויז זיינען אַזוי גרויס, אַז איך ווער פּשוט בדיל הדל!

בעריש. האָט מען נישט קיין הויז!

דער ווירט. גנעלאַסן, גנעלאַסן, וועט מען צו אַלעם צוקומען! — איז דער שכל הישר, אַז יעדערן לאַקאַטאָר דאַרף עפּעס קאָסטן!

בעריש. אַ הוספּהלעז?!

דער ווירט. טאַק־טאַקע, וואָס, ס׳קומט מיר נישט?!

בעריש. איך וועל נישט געבן!

דער ווירט. געלאַסן־געלאַסן, איר וועט טאַקע געבן מער פון אַן אַנדערן לאַקאַטאַר, ווייל איר האָט דאָך אַן אכסניה!

בעריש. ס׳קומען צו מיר אָרעמע לייט!

דער ווירט. (גלאָצט אויס אויף בערישן אַ פּאָר אויגן). טאָ וואָס בין איך שולדיק?!

בעריש. איר, איר זיינט שולדיק!

דער ווירט. (רוימט איין). ש־ש־ש, ר׳ ייד, אביסעלע שטילער! איר ווייסט נישט, אַן אכסניה, אַ האָטעל טאָר מען נישט האָבן אָן אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט!

בעריש. הייסט עס, ווילט איר מיך גיין מסרן?!

דער ווירט. און אַז איר ווילט מיך באַראַבעווען, בדיל־הדל שטעלן, איז הבא להרגך, השכם להרגו!

בעריש. ווילט איר אַ יידן גיין מסרן?!

דער ווירט. אָבער שטילער, ר׳ ייד, מ׳קאָן דאָך גיין געלאַסן! און באַלד מיט די געשרייען, און מיט היץ! מיר זיינען דאָך נישט קיין גוים!

בעריש. ס׳איז מיר ענג! ס׳שטיקט מיך! ס׳איז מיר נישט גוט!

(ער גיט אַ שפּרונג אַרויף אויפן טיש, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענסטערל און מאַכט אַ גוואַלד. ס׳הערט זיך אַ קלאַפּן מיט טירן און אַ לויפן פון שטיגן. עס קוקן דורכן פענסטער אַראָפּ אַ סך קעפּ.

בעריש. (שטייט אויפן טיש, שרייט אויף אַ ניגון). אַ ייד, אַ גלאַסענער, וואָס שטייט אין בית־המדרש אויבן־אָן, לעבן אָרון־קודש און דאַוונט מיט אַ קרעכצעלע און מיט אַ געוויין־קולעכל — איז דער סוף, ער איז אַ מסור, אַ קאַלטער גזלן! (רחטשע שטייט, די הענט אויף די באָקעס און לאַכט אַרויף צו די מענטשן).

מענדל. (האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ צעטומלטער). וואָס איז דאָס?!

בעריש. (ווייזט אָן אויפן ווירט). דער הייליקער אָקס וויל אונז פון דאַנען אַרויסשטויסן!

לייבעלע. (שטייט אין ווינקל, שטופּט זיך צו דער וואַנט). כ׳האָב מורא! כ׳האָב מורא!

מענדעל. גיטס מיר עפּעס, כ׳האַק אים די זייטן אונטער׳ (דער ווירט לויפט צו דער טיר. אַלע מאַכן אַ הוראַ.)

פ אָ ר ה אַ נ ג

(סוף ערשטער אַקט)

צווייטער אַקט

די זעלבע קעלער־שטוב. נאַכט. אויף דער וואַנט, איבערן טיש ברענט דאָס לעמפּל. בעריש און מענדל באַם טיש. מ׳האַלט שוין נאָכן עסן.

רחטשע. (נעמט אַראָפּ די כלים פון טיש). **כ׳ווייס נישט** וואָס ער האָט דערזעען אין אים.

מענדל. ער איז אַ לײדיקגייער, און מער גאָרנישט.

בעריש. אַ הויז אויסצושטעלן דאַרף מען האָבן מוליאַרעס, סטאָליאַרעס, סליעסאַרעס און מען דאַרף האָבן אַ בודאָווניטשער ער זאָל אויפריסעווען דעם פּלאַן פון הויז. דו וואָלסט דעם בודאָווני־

טשער אויך אָנגערופן — לײדיגײער!

מענדל. איך ווייס נישט מער, ער איז נישט קיין מענטש!

רחטשע. דיין זון איז קליגער פון דיר! (מענדל גייט צום בעט. בעריש זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע).

רחטשע. ס׳איז נישטאָ קיין שטיקל האָלץ אין דער קיך אַריין, און ער צעוואַליעט זיך שוין!

בעריש. מענדאַק! (מענדל שטעלט זיך אויף, ציט זיך, גייט צו דער קיך, נעמט די האַק און גייט אַרויס. דוד קומט אַריין. רחטשע נעמט דעם קובעל פון וואַסער, גייט אויך אַרויס).

בעריש. דוד, זעץ דיך! (דוד קומט צו, זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע) וואָס הערט זיך בא דיר?

דוד. איך גיי בארג־ארויף!

בעריש. ווו גייסטו?

דוד. בארג־ארויף איז שווער, נאָר אַז מ׳קומט שוין ארויף, איז אין דער הויך — ברייט, פריי, לוסטיק!

בעריש. דו גייסט אהין, ווו אַלע מענטשן גייען! פאָלג מיך, דוד, האָב חתונה!

דוד. איך מוז דאָס אָפּלייגן אויף שפּעטער!

בעריש. מ׳גיט דיר אַ שיינע מויד, באַלעמוטשע נישט!

דוד. מ׳וועט צום ערשט נעמען מיינע בילדער אויף דער אויס־שטעלונג, און איך וועל קריגן אַ סך געלט!

בעריש. הער מיך, אויף פּרנסה דאַרפסטו נישט זאָרגן! זו־מער האַלט מען אַ גאָרטן. אויפן ווינטער שיט מען אָן קאַרטאָפלעס. אַ שיין, געזונט ווייבל וועסטו האָבן; וואָס ווילסטו נאָך?! דו דער־ציילסט גליקן, און בלאָזט זיך אָן, ווי אַן אינדיק! נעם אַ בילד און שטעל קעגן אַ קינד. דאָס בילד איז גאָרנישט; און דאָס קינד לעבט און וואַקסט פון מינוט צו מינוט. ס׳וועט ווערן גרויס, און האָבן קינ־דערלעך, און אייניקלעך, און אור־אייניקלעך! (די טיר עפנט זיך. רחטשע קומט אַריין מיט אַ קובעל וואַסער, און לאהלע פון דער אַר־בעט. לאהלע טוט אויס דאָס היטל. רחטשע ברענגט צום טיש אַ שי־סעלע עסן. לאהלע זעצט זיך, עסט).

רחטשע. מענדל שטייט נישט, מ'דאַרף גיין אַריינברענגען דאָס האָלץ! (בעריש שטעלט זיך אויף, גייט צו דער טיר. רחטשע נעמט אַ קויבער. זיי גייען ביידע אַרויס. לאהלע זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע).

דוד. (קומט צו). לאהלע, כ'וועל דיך מאָלן!

לאהלע. כ'בין מיד!

דוד. דו וועסט אַביסל זיצן אין רוען!

לאהלע. זיי וועלן באַלד אַריינקומען!

דוד. איידער זיי וועלן אַריינקומען! (ער אָנטבלויזט איר די אַקסלען).

לאהלע. נו, דו קענסט שוין גיין מאָלן! וואָס זיצסטו און דו קוקסט אויף מיר?!

דוד. איך מוז צום ערשט אָנקוקן דיינע מיידלשע גלידער! איך מוז צום ערשט אָנזעטיקן מיין בליק מיט דיין ווייס לייב!

לאהלע. דו ביסט אַזאַ דורשטיקער!

דוד. דאָס לעבן זעטיקט זיך קיינמאָל נישט! (ער קושט זי) קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט!

לאהלע. משוגענער, לאָז מיך אָפּ! אָט מ'גייט! (דוד איילט זיך צום ווינקל. לאהלע טוט זיך גיך אָן, מאַכט זיך גלייך. די טיר עפנט זיך. עס קומען אַריין בעריש, מיט אַן אָרעם האָלץ, רחטשע מיט אַ קויבער האָלץ, מענדל, דער אָפּגעריסענער. ער גייט הינטער לייטישער אָנגעטאָן, און הייסט מנחם. ער האַלט עפּעס אונטער דער פּאָלע. פּייוועלע, מיט זיין זעקל אויף די פּלייצעס און מיטן שטעקן אין דער האַנט. מנחם זעצט זיך אין ווינקל אויף אַ נידעריקן גזעס, און רוט. בעריש זיצט אויף דער קאַנאַפּע. מענדל לייגט זיך, אין אָנגעטועכץ, אויפן בעט).

בעריש. (צו מנחמען). ס'איז דיר שווער די אַרבעט?

מנחם. ס'איז נישט שווער, ס'איז נודנע!

רחטשע. די גאַנצע טשערוווע איז פון דעם יונג אַראָפּ! (דוד אין ווינקל, ווייזט לאהלען אַ בילד).

מענדל. (פון בעס, צו דודן). זאג מיר, ווען טויג דאס?! איך, אז איך מאך א בעט, שלאפט מען דערויף. אז איך מאך א באנק, זיצט מען דערויף. אבער דאס צו וואס טויג?!

מנחם. מענדל, האסט אים געזונט גענומען!

בעריש. די רייכע קויפן אזעלכע בילדער, אויסצוצירן די שטובן!

פייוועלע. (פון ווינקל). דאס איז באוווסט נישט פון אצינ־דער, די רייכע האבן ליב שפילעכלעך, ווי קינדער! (מנחם האלט הויך אן אפגעפליקטע גאנדז).

פייוועלע. ער קען מאכן שווארץ־קינצלעריי — אין חלום זע איך לעבעדיקע פיש און גענדז!

מנחם. אן אמת גענדזל. יעדער קאן עס אנטאפן!

רחמשע. א פעט גענדזל. וויפיל קאסט עס דיך?

מנחם. אביסל הארץ־קלאפונג.

בעריש. צוריק צו דיין ערשטער פראפעסיע?!

מנחם. כ'גיי פארביי אן אפן פענסטער, און ס'ליגט א גאנדז!

פייוועלע. א בפירושער פסוק — אז א פענסטער איז אפן, מעג מען נעמען וויפיל די האנט דערגרייכט נאר!

בעריש. ווו האסטו געלקחנט, אין א כשר הויז, צי אין א טריפער?

מנחם. א כשר הויז, מיט טריפענע מענטשן!

דוד. דער וואס האט „לא תאכלו טריפה" געזאגט, האט אויך „לא תגנוב" געזאגט.

פייוועלע. ס'שטייט — כל ההולך על ארבע — א חזר, אויף פיר פיס, טאר מען נישט עסן. א חזיר אויף צוויי פיס מעג מען עסן.

בעריש. פייוועלע איז גערעכט!

מנחם. (גיט די גאנדז רחמשען). קאכט, בראט, און גיט צו פרעסן!

רחטשע. (נעמט צו) היינט גייט מען שלאָפן! (די טיר עפנט זיך. דער אַלטער ישראל קומט אַריין. ער גייט געבויגן אויף זיין שטעקן און קרעכצט. ער גייט צום ווינקל).

בעריש. וואָס מאַכט איר, ר' ישראל?

ישראל. אַי, נישט גוט, נישט גוט!

בעריש. ווי גייען די געשעפטן?

ישראל. געשעפטן, אויף מיינע שונאים געזאָגט, אויף מיינע שונאים! ס'לוינט גאָר נישט צו גיין, אָט גייט מען!

מנחם. פאַרוואָס לוינט נישט — אַ נדבה, אַ שטיק ברויט, גאַנצע טאָרבעס ברויט! מ'פאַרקויפט און געלט גיט מען אויף פראַ־צענט!

ישראל. דו זאָלסט אַזוי לעבן, דו זאָלסט אַזוי געזונט זיין, אַנישט זאָלסט אַ כאַפּ קריגן, דו לאָבוס־יונגע! אַלע טירן זיינען פאַר־האַקט, מ'לאָזט נישט אין ערגעץ אַריין! אוי, מיינע קראַנקע ביי־נער! (די טיר עפנט זיך, עס קומט אַריין אַ פּאָליציימאַן).

פּאָליציימאַן. (קומט צום טיש). ווער איז דער באַלעבאָס?

בעריש. איך! (דער פּאָליציימאַן זעצט זיך ברייט, נעמט אַרויס פון זיין טעקע פּאַפּירן).

בעריש. רחטשע, דערלאַנג דעם יין־שרף! (רחטשע ברענגט צו אַ פלעשל מיט אַ גלעזל. בעריש גיסט אָן).

פּאָליציימאַן. מאָשעניק. דו ווילסט מיך פאַרסמען?!

בעריש. אַלע האָבן איין פּנים! (ער טרינקט אויס).

פּאָליציימאַן. מ'דאַרף אויף אייך אַכטונג געבן! ווייז נאָר, וואָס שמעקט עפּעס אַזוי דיין בראָנפן?! (ער פאַרזוכט און דרייט איבער די כוסע). אַ וווילער שנאַפּס! דו מאַכסט אים אַליין?

בעריש. גאָט זאָל מיך היטן פון אַזאַ שרעקלעך פאַרברעכן! (ער גיסט אָן).

פּאָליציימאַן. ניין, מ'דאַרף עפּעס טאָן!

בעריש. הער נאַטשאַלניק, נאָך אַ קאַפּעלע!

פּאָליציימאַן. מאַשעניק! (ער דרייט איבער די כוסע). זאָג, וואָס טוען די אַלע באַ דיר?

בעריש. זיי נעכטיקן.

פּאָליציימאַן. (דרייט די וואָנצע, גיט אַ ווונק אויף לאהלען). און וואָס טוט דאָ דאָס פייגעלע?

בעריש. זי איז מיין טאָכטער.

פּאָליציימאַן. אַזוי, אַ טאָכטער איז עפּעס אַנדערש! וואָרט, און אַ טאָכטער קאָן זיין אַ נקבה! זי באַדינט די געסט, האָ?!

בעריש. זי גייט צו אַן אַרבעט.

פּאָליציימאַן. (שרייט). מאַשעניק, וואָס רעדסטו צו מיר זייטיקע זאַכן! וואָס טוען די אַלע דאָ באַ דיר?

בעריש. זיי נעכטיקן.

פּאָליציימאַן. דו וועסט שוין זאָגן דעם אמת!

בעריש. (מאַכט זיך ציטערן, רוימט איין). איינמאָל באַנאַכט, זיי האָבן געמיינט, מיר שלאָפן שוין, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אָפּוווישן די פאַרבלוטיקטע מעסערס. און זיי האָבן אָנגע־הויבן דערציילן שרעקלעכע מעשיות, אַז דאָס האָרץ איז שטיין גע־בליבן און דאָס בלוט איז די אָדערן איז פאַרקילט געוואָרן!

פּאָליציימאַן. (פאַרשרייבט). דו ביסט אַן עדות!

בעריש. איך ווייס נאָך עפּעס!

פּאָליציימאַן. דערצייל!

בעריש. זיי קאָנען נישט ליגן און שלאָפן, זיצן זיי און קראַצן זיך.

פּאָליציימאַן. (פאַרשרייבט). ס'איז דאָ, באַ דיר, אַ ברודיק אָרט! איך וועל דיין טאָכטער פאַרנעמען, און מ'וועט זי אונטערזוכן! (ער שטעלט זיך אויף).

רחשע. שטעק אים עפּעס אין דער יד אַריין! (בעריש גיט אים הינטן־אַרום געלט. ער נעמט צו).

פּאַליציימאַן. (צו בעריש). דו ביסט דער באַלעבאָס דאָרף־סטו זען ס'זאָל דאָ זיין ריין, אָרנטלעך, און אָן סקאַנדאַלן. (ער ווייזט אויפן ווינקל). דאָ דאַרף זיין אַ פּאַרהאַנגל, אָדער אַ שפּאַניש ווענטל. אַזוי איז חזיריש. (ער גלעט לאהלען אויפן אַקסל). איך וועל צו דיר אַראָפּקומען, נאָר ס'דאַרף זיין אַ פּאַרהאַנגל אָדער אַ שפּאַניש ווענטל. (ער ווייזט אויף מנחמען). וואָס לאַכט ער?

בעריש. ער האָט עפּעס געמוזט זען.

פּאַליציימאַן. מאַשעניקעס! (ער גייט אַרויס).

רחטשע. וואָס האָט ער זיך צו איר צוגעטשעפּעט?

בעריש. אַ חזיר קוקט מיט חזירישע אויגן!

פּייוועלע. אַ חזיר איז אַ חזיר, אַ הונט איז אַ הונט. און אַ מענטש איז אַמאָל אַ חזיר און אַ הונט אויך.

דוד. גאָט שיקט אַראָפּ נשמות פון אַלערליי מדרגות און וועלטן — פון נידעריקע וועלטן, בבחינת בהמות, חיות, בבחינת עבדים, קנעכט. פון העכערע וועלטן, בבחינת בנים, גאָטס זין. פון דער העכסטער וועלט, בבחינת אָדם דאַצילות, כביכול, גאָט אַליין!

מנחם. פון די העכסטע, מיינט ער זיך.

רחטשע. יעדער בעל־דרשן דרשנט פאַר זיך.

פּייוועלע. דער שטן איז פאַלש און געמיין, ער האַלט זיך פאַר גאָט אַליין.

בעריש. מיין דודל קאָן לערנען פיין, ס'האָט גאָר אַ טיפן מיין. (ער שטעלט זיך אויף און גייט צום בעט). אַ־אַ־אַ־אַך! מענדאַק! ווי ער האָט זיך צעליינט איבערן גאַנצן בעט! (ער הייבט זיך אָן אויסטאָן).

רחטשע. (שוין ליגנדיק אין בעט, וואָס לעבן דער טיר). לאהלע (לאהלע זיצט אויף דער קאַנאַפּע, האַלט אַ ביכל אין דער האַנט. מנחם, דוד, פּייוועלע, דער אַלטער ישראל בעטן זיך די געלעגערס אין ווינקל. מיהערט איבערן קעלער דאָס כראָפּען פון די, וואָס שלאָפן אין די בעטן).

ישראל. (ווייזט לאהלען אַ שאָקאָלאַדקע אין זילבער). אַ צוקערל, אַ שאָקאָלאַדקע, כע־כע!

מנחם. אַלטע באָלעווע, דו ביסט דאָך שוין אויסגעריבן!

לאהלע. (קומט צו, נעמט). וואָס אַרט מיך פון וועמען ס'איז, אַבי ס'איז זיס!

פייוועלע. ווי שעמסטו זיך ניט פאַר גאָט און לייט, דו ביסט שוין מער אויף יענער זייט!

ישראל. (קוקט צו לאהלען). כע־כע, א נאַש קאַץ! א נאַש קאַץ! (דוד זיצט אויף אַ פּעקל, צייכנט דעם אַלטן. דער אַלטער ישראל, פייוועלע ליגן זיך. דוד גייט שטיל צו דער קאַנאַפּע, זעצט זיך).

מנחם. (זעצט זיך אין ווינקל אויף אַ פּעקל). ווען זיי זיינען אויף געווען, איז עס געווען א צדיקל! איצט קריכט ער שטיל צו.

לאהלע. ניט אייער באָבעס דאגה! איר קענט אייך גיין ליגן!

מנחם. איך מוז היטן דעם פאַררייִלעצטן.

דוד. לאַטעק!

מנחם. פאַררייִלעצטער!

לאהלע. ענטפערט אים נישט! (די טיר עפנט זיך, הערשעק קומט אַריין, דודס אַ קאָלעגע. אַ שמאָל פיגעוואַט פּנים, מיט אַ טשופּרינע).

מנחם. ווען מענטשן ווערן אַנטשלאָפן, קומען צוקריכן וואַנצן! (הערשעק קומט שטיל צו דער קאַנאַפּע, זעצט זיך).

דוד. וואָס זעסטו אַזוי שלעכט אויס?

הערשעק. די מיידלעך מאַכן דעם טויט!

לאהלע. וואָס טוען אייך דען די מיידלעך?

דוד. ווייך־גלוסטיקע שלאַנגען, קוקן מיט פייער־אויגן און פאַרסמען דאָס בלוט!

הערשעק. אַ פּאָעט. ס'איז נישט קיין וווּנדער, אַז מ'זיצט לעבן אַזאַ מיידעלע, מיט אַזאַ קייִלעכדיק גאָמבעלע.

לאהלע. אָן די הענט!

מנחם. (פון ווינקל). האָן! (סיהערן זיך אַ לייכטע פּויקן מיט אַ פינגער אָן דער טיר).

הערשעק. שטרוים! (די טיר עפנט זיך. עס באַווייזט זיך אַ בחורל, רייך געקליידעט. ער קומט צו דער קאַנאַפּע, בויגט זיך. שטרוים, אַ בלייך געזיכט, מיט טיף־פּינסטערע אויגן. דאָס פּנים ווי יונג און אַלט צוזאַמען).

שטרוים. (נויגט זיך פאַר לאהלען). די פריילן פאַזירט?

הערשעק. אקטן!

דוד. הער שטרוים, איר זיינט באַקאַנט מיט די נייע שטרעמונגען?

שטרוים. איך בין מיט דער מיינונג, אַז נאָר די נייע שטרעמונגען אין דער קונסט קענען העלפן דער ליידנדער מענטשהייט. (דוד גייט צום ווינקל, ברענגט אַ בילדל).

הערשעק. אַ צו גרויסער קאָפּ — פילאָסאָפיע! אַ שמאָל הערצל, דאַרע, קרומע פיסלעך — עכטע אינטעליגענץ!

דוד. אָדם — נאָך די זינד!

שטרוים. וואונדערלעך! (דוד ברענגט אַ צווייטע בילדל).

הערשעק. ענלעך צו אַ בער, און ס'איז נישט קיין בער. ענלעך צו אַ הונט, און ס'איז נישט קיין הונט. ענלעך צו אַ קאַץ, און ס'איז נישט קיין קאַץ.

דוד. די חיה אין מענטש!

שטרוים. וואונדערלעך!

דוד. הער שטרוים, קויפט דיזע צוויי ווערק.

שטרוים. (נעמט אַרויס געלט, גיט דודן, צו לאהלען). קינסטלער זיינען דאָך אָרעמע, מען דאַרף זיי שטיצן! איך מאָל אויך. ווען די פריילן וויל קומען צו מיר פאַזירן, איך וועל גוט באַצאָלן.

מנחם. (פון ווינקל). וואָס טשעפּעסטו זיך צו מיין כלה?

שטרוים. ווער איז דער?

דוד. אַ באַוואוסטער באַנדיט.

שטרוים. ער וואוינט דאָ?

הערשעק. ער איז אַן אינטערעסאַנטער מאַן.

שטרוים. (גייט צום ווינקל, בויגט זיך פאַר מנחמען, שטרעקט אים אויס אַ האַנט). שטרוים! (מנחם מאַכט אַ קרומע מינע. שטרויס שפּרינגט אָפּ אין שרעק).

דוד. כ'וועל אים צורופן אהער!

שטרוים. אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט!

דוד. הער באַנדיט! (מנחם קומט צו).

שטרוים. (בויגט זיך פאַר אים). הער, אייער פּראָפעסיע איז זייער אינטערעסאַנט.

מנחם. רעד קלאָר!

הערשעק. הער באַנדיט, ווען איר גייט גנבענען און הרגע־נען מענטשן מוז זיין זייער אינטערעסאַנט!

מנחם. כ'ליג איינער אין וואַלד. ס'גייט אַ סוחר, קוקט אין אַלע זייטן און טאַפּט זיך באַם בוזעם. איך כאַפּ ארויס דאָס מעסער און שפּרינג צו — דאָס געלט גיב! — „כ'גיב! כ'גיב" און ער נעמט ארויס פון קעשענע אַ טייסטער מיט קליין־געלט. — דאָס געלט גיב! — „כ'האָב נישט מער! כ'האָב אַ ווייב מיט קליינע קינדער!" — דאָס געלט גיב! דו ליגסט אַ טויטער! און כ'הייב אויף דאָס מעסער. — „כ'גיב, כ'גיב!" ער נעמט ארויס דעם פּאַק פון בוזעם. — אַנטלויף! — ער אַנטלויפט.

שטרוים. זייער אינטערעסאַנט.

מנחם. באַנאַכט אויף אַן אָרט. אין אַ ווייס־קלאָר בעט ליגט אַ פרוי. אין צווייטן בעט ליגט דער מאַנספּאַרשוין. כ'הער מיך צו צום אָטעמען, אַ מחיה! פּלוצלינג — ער רעדט! איך שפּרינג צו. ער רעדט פון שלאָף, פון יענער וועלט. איך קריג שטאַרק מורא. איך האָב אים דערשטיקט!

שטרוים. וואָס איז ווייטער געשען?

מנחם. די נקבה! ווילסט האָבן הנאה, כאָלעריע! איך וויל מיך אריינקריגן אויף אַן אָרט. כ'נעם אַ זעקל אויף די פּלייצעס און קום אריין דורך דער קיך — אַלטוואַרג! קיינער איז נישטאָ. כ'קריך ארונ־טער אונטערן בעטל. באַנאַכט. שטאָק פינסטער. כ'קריך אדורך,

כ׳שפּאַציר אַרום אין פינסטערע הייזער. כ׳הער מיך צו צום אָטעמען. אַ מחיה! כ׳שמעל מיך הויך, כ׳מאַך מיך קליין, וואָס איך וויל קען איך טאָן. וויל איך, מאַך איך טויט; וויל איך, לאָז איך לעבן.

שטרוים. וואָס איז ווייטער געשען?

מנחם. כ׳האָב דערדריקט, כ׳האָב דערשטיקט, אָט אַזוי! (ער גלאָצט אויס זיינע אויגן און ציט זיינע הענט צו שטרויסעס האַלדז. שטרויס מאַכט אַ גוואַלד און לויפט אַרויס. הערשעק איילט מיט שנעלע טריט אַרויס. אַלע כאַפּן זיך אויף. בעריש דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט).

פייוועלע. (פון זיין געלעגער). מאַכט נישט קיין געוואַלד, ס׳ליגט און שלאָפט אַ מידער.

ישראל. אוי, מיינע קראַנקע ביינער!

מנחם. (צו דוד). וואַליע זיך אַנידער!

דוד. ניט דיין דאגה צו מיר (לייבעלע קומט אַריין. די מאַרי־וואַרקע אויף אים איז איינגעשמירט אין קאַלך פון אַ וואַנט).

לייבעלע. (מיט פרייד). כ׳האָב מיך אַרויפגעדראַפּעט צו פענסטער. כ׳האָב געזען ווי זי טוט זיך אויס. נאַקעטע הענט, קיילעכדיקע, ווייסע.

מנחם. משוגענער יאַט!

לייבעלע. (פאַלט פאַר לאַהלען, קושט די פּאָדלאָגע, קלאַפּט מיטן שטערן אָן פּאָדלאָגע ביז בלוט און ריטשעט מיט געבעט און געוויין). פּערעלע! פּערעלע! פּערעלע!

מנחם. משוגענער יאַט, האָסט זיך צעדרמט! (לאַהלע גייט צו דער מוטערס בעט, ברענגט פון דאָרט אַ קישן מיט אַ קאָלדרע, לייגט אויף דער קאַנאַפּע. זי דרייט איין דאָס לעמפּל. אַלע לייגן זיך. אַ שטיל־שווייגן. מיהערט דאָס כראָפּען פון די שלאָפנדע. אימיצער אין ווינקל זעצט זיך אויף, הערט זיך צו, שטעלט זיך אויף און גייט פּאָוזיכטיק שטיל צו דער קאַנאַפּע. אימיצער אין ווינקל גיט אַ הוסט. יענער לויפט צוריק אויף זיין געלעגער).

אַ קול. כ׳האָב דיך געפּאַקט!

אַ צווייטער קול. דאָס לעמפּל האָט געקאַפּטשעט, בין איך געגאַנגען אַראָפּדרייען.

ערשטער קול. וועמען נארסטו? וועמען נארסטו? (**מיהערט זבאָכען**).

צווייטער קול גיי אין דער ערד אריין! **גיי אין דער ערד** אריין!

לייבעלע. (זיצט אין ווינקל, ברומט דעם כל־נדרי ניגון **און** באַ יעדן אויסלאָז רײַשפּט ער אַרויס מיט געוויין און געבעט). **פּע־רעלע!!** (אימיצער וואַרפט אים עפּעס).

ישראל. אוי, מיינע קראַנקע ביינער!

פּייוועלע. (מיט אַ ניגון). אל תראיני שאני שחרחרת — **דו** זאָלסט נישט קוקן וואָס איך בין מיאוס און אַלט, די צרות האָבן מיך אויפגעגעסן! על משכבי בלילות — אויף מיין געלעגער, **באַ־**נאַכט, טו איך בענקען און סטענקען. איך האָב אלע, אויף **אייביק** פאַרלאָרן! (אימיצער וואַרפט אים עפּעס).

פּייוועלע. גוואַלד!

אַלע. (שפּרינגען אויף פון זייערע געלעגערס). **גוואַלד!**

(סוף צווייטער אַקט)

דריטער אַקט

די וועלבע קעלער־שטוב. אין דער הויך דאָס קליינע פענסטערל איז אָפן. עס פאַלט אַראָפּ אַ זון־ליכטיקייט. בעריש שטייט אין מיטן שטוב, געבויגן איבער אַ גרויסן קויבער. רחטשע זוכט אין די ווינקלען, אין די קאָנטעס, דערלאַנגט אים צו טעפּ, שיסלען און לייגט אין קויבער אַריין.

בעריש. נאָך וואָס טויג מיר דער שאַרבן?

רחטשע. לייג אריין, ס'וועט צוניץ קומען אויף זאַלץ.

בעריש. ליכטיק אויף דער וועלט, יום־טוב, און איך וועל קו־מען מיט מיינע טעפּ!

רחטשע. אַז דו װעסט האָבן טעפּ צו קאָכן, וועסטו האָבן **אַ** גוטן יום־טוב!

בעריש. דו ביסט טאקע גערעכט, נאָר איך האָב מיט וואָלפן גערעדט פון איין פור, און דו ווערסט צוזאַמענשאַרן צוויי פורן.

רחטשע. איך דאַרף האָבן א טעפּל און א טעלער און א שיסע־לע, און א כלי אויף וואַסער און א לאָקשן־ברעט, און א וועלגער־האָלץ און א דורכשלאַק.

בעריש. (פאַרשטאָפּט זיך די אויערן). גענוג! גענוג! (עס קומט אַריין אַ באַלעגאָלע מיט אַ בייטש אין האַנט, אַן עלטערער איד מיט אַ קליין גרוילעך בערדל).

באַלעגאָלע. וואָס ווערט דאָ זיין צו נעמען?

בעריש. איר זיינט מיך געקומען שמייסן מיט דער בייטש?

באַלעגאָלע. א באַלעגאָלע האַלט א בייטש, געהערט א מעשה?!

בעריש. איר האָט דאָך די בייטש געקענט לאָזן אויף דער פור.

באַלעגאָלע. און אז מ׳וועט זי צונעמען? געהערט א מעשה?!

בעריש. און אז מ׳וועט אייך דאָס פערדל מיט דער פור צו־נעמען, געהערט א מעשה?!

באַלעגאָלע. איך בין געוואוינט אָט מיט דער בייטש און מיט א צווייטער בייטש קען איך ניט פאָרן!

בעריש. א באַלעגאָלע מיט לייב און לעבן.

באַלעגאָלע. (קוקט זיך אַרום). וואָס ווערט דאָ זיין צו נעמען? כ׳וועל פאַרפאָרן גאַנץ פרי, מיטן טאָג צוגלייך! (ער גייט אַרויס. לאהלע קומט אַריין).

רחטשע. שוין אויפגעהערט?

לאהלע. מ׳קען נישט גלייך פאָרן, מ׳מוז זיך צוגרייטן.

בעריש. דוד פאָרט מיט?

לאהלע. איך ווייס?

בעריש. גנבטע!

רחטשע. כ׳דאַרף אים דאָרט האָבן, א בחנמדיקער פרעסער!

בעריש. ער וועט זיך פאַרדינען דאָס זייניקע. א מענטש אין א גאָרטן קומט צוניץ! איך גיי אין גאַס אַריין.

רחמשע. איך גיי מיט, כ'דאַרף נאָך צוקויפן געפעס. (זיי גייען ביידע אַרויס).

לאהלע. ער וועט נישט מיטפּאַרן. ער וויל מיך שוין נישט! (זי זיצט פאַרטראַכט. דוד קומט אַריין. ער טראָגט אויף דער פּלייצע אויף אַ פּאַסיק אַ קליין קעסטעלע. ער גייט צום ווינקל, זעצט זיך אויף אַ נידעריק אָרט, עפנט דאָס קליינע קעסטעלע). כ'דאַרף מיט דיר עפעס ריידן.

דוד. (קומט צו, זעצט זיך). וואָס איז?

לאהלע. דוד, וואָס וועט זיין?

דוד. ס'איז דאָ נענוג מיטלען.

לאהלע. פאַרוואָס זאָל איך באַהאַלטן דיין שולד?

דוד. דו ביסט אַזוי שולדיק ווי איך.

לאהלע. דו האָסט מיך איינגערעדט, אַז דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן! דו האָסט מיך גענאַרט! דו האָסט מיך אומגליקלעך געמאַכט! (זי צעוויינט זיך).

דוד. (שטעלט זיך אויף). ווייבערישע סצענעס. (מנחם קומט אַריין, בלייבט שטיין ווי צעטומלט פון לאהלעס וויינען. ער שפּרייזט צו דער קאַנאַפּע).

מנחם. וואָס וויינט לאהלע? וואָס וויינט לאהלע? (ער כאַפּט אָן דודן באַם האַלדז). ־־זאָג, וואָס האָסטו איר געטאָן?

דוד. לאָז מיך אָפּ!

מנחם. זאָג!

דוד. דערדריקסט מיך, גוואַלד!

לאהלע. (הייבט זיך אויף). לאָזט אים אָפּ! (צו דודן) גע־מיינער מענטש, אַרויס פון דאַנען! אַרויס פון דאַנען! (מנחם נעמט צוזאַמען די בילדער, נעמט דודן פאַרן קאָרק און פירט אים צו דער טיר און וואַרפט אים אַרויס. לאהלע זיצט אויף דער קאַנאַפּע. מנחם זיצט אין ווינקל. אַ לאַנג דויערנדיקער שטיל־שווייג).

מנחם. איידער איך בין געקומען אַהער בין איך געגאַנגען אין לאַטעס, און ס'איז מיר געוועז אַלץ איינס. ווען כ'האָב לאהלען

דערזען, האָב איך מיך פאַרשעמט און איך בין געגאַנגען אַרבעטן. (אַ שטיל־שווייגן).

לאהלע. כ׳בין דאָס נישט ווערט.

מנחם. (שפּרינגט צו דער קאַנאַפּע.) לאהלע איז נאָך מער ווערט! לאהלע איז אַן אָרנטלעך קינד! (זי צעווייַנט זיך).

מנחם. (זעצט זיך לעבן איר). וואָס וויינט לאהלע? וואָס וויינט לאהלע?

לאהלע. (שטיל). דוד האָט מיר שלעכטס געטאָן.

מנחם. (גיט זיך אַ שטעל אויף). אַן אומגליק זאָל מיך טרעפן! פאַרוואָס האָב איך אים פון דאַנען אַרויסגעלאָזט אַ לעבעדיקן? (ער גייט איבערן קעלער, זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע). לאהלע איז אַן אָרנטלעך קינד! ווען לאהלע וויל מיט מיר חתונה האָבן, שטעלן אַ חופה, איז גוט! ווען נישט, קען איך נישט מער קוקן אויף לאהלעס טרויעריקן פּנים. (אַ שטיל־שווייג). לאָז מיר לאהלע ענטפערן — יאָ צי ניין!

לאהלע. (שטיל) יאָ!

מנחם. (כאַפּט לאהלעס האַנט, קושט). ווען דוד קומט איצט כאַפּ איך אים אַרום און קוש אים! כ׳וואָלט אים דערשטיקט! (מען הערט אימיצן אַראָפּגיין פון די שטיגן. מנחם אײַלט צום ווינקל. די טיר עפנט זיך. בעריש און רחטשע קומען אַריין. בעריש קומט צו דער קאַנאַפּע, זעצט זיך. מיהערט אַ לייכטן פּויקן אין דער טיר).

בעריש. וואָס איז עס דאָרט, אַ קאַץ, אַ וועווערקע? (רחטשע עפנט די טיר. שטרויס קומט אַריין. מנחם אין ווינקל פאַרשטעלט זיך, שטרויס זאָל אים ניט זען. לאהלע גייט צו דער קיך. שטרויס בויגט זיך און נייגט זיך פאַר רחטשען און לאהלען. ער קומט צו דער קאַ־נאַפּע, בויגט זיך פאַר בערישן). דער פעלער איז שוין באַ אייך לאַנג?

שטרויס. וואָס פאַר אַ פעלער?

בעריש. וואָס איר בויגט זיך אַזוי.

שטרויס. (שמייכלט). אַזוי בויגן זיך מענטשן, וואָס זיינען גוט דערצויגן.

בעריש. מיך דערמאָנט עס אָן אַ הינטל, וואָס אַ פּריצטע האָט געהאַט. זי האָט עס געוואַשען, געקעמט, גערייניקט, אָנגעטאָן עס אויפן האַלדז אַ רויט בענדעלע מיט אַ גלעקעלע. זי האָט עס אָן אויפהער געמוסרט און געלערנט איידלקייטן. צום סוף איז עס געווען אַ פילאָסאָפישער הונט פון אַלע אַנדערע. אַז די פּריצטע האָט זיך נאָר אָוועקגעדרייט, האָט עס געטאָן אַלע מיאוסע הינטישע שטיק און עס האָט געגעסן אומריינקייטן.

שטרוים. איר זייט אַ הומאָריסט.

בעריש. וואָס איז דאָס?

שטרוים. איר זאָגט וויצן.

בעריש. וואָס פאַרלאַנגט איר?

שטרוים. אייער טאָכטער איז זייער אינטערעסאַנט! פון אַזאַ אָרעם הויז און אַזאַ אינטעליגענטע פריילין!

בעריש. אַז איר וועט זיך בעסער צוקוקן צו די אָרעמע לייט, וועט איר זען, אַז זיי עסן און שלאָפן און האָבן קינדער ווי אַלע מענטשן.

שטרוים. אירע מאַניערן, איר גאַנג איז ווי פון רייכסטן הויז!

בעריש. דאָס איז בײַ איר אַזאַ קרענק, ס'וועט איבערגיין.

מנחם. (קומט פון ווינקל צו שטרויסן). דו ביסט ווידער דאָ?

שטרוים. איר זיינט זייער אַן אינטערעסאַנטער מאַן!

מנחם. דו טרעלסט מיך! (ער נעמט פון טיש אַ מעסער, גיט שטרויסן). נאַ! (ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ מעסער). פאַרטיידיק זיך!

בעריש. ווי זאָגט פּייוועלע — אויבער־שעל, ס'הייסט אַ דועל! אויבער־רויט, ס'וועט איינער פאַלן טויט.

רחמשע. (צו מנחמען). זאָג נאָר, כ'בין דיר מוחל דיינע קונצן.

מנחם. (בלאָנקט מיט זיין מעסער פאַר שטרויסעס פּנים). לאָז זיך ניט! פאַרטיידיק זיך! וואָרים איך שעכט דיך ווי אַ קאַלב! (שטרויס לאָזט אַראָפּ דאָס מעסער, לויפט אַרויס מיט אַ גוואַלד. בעריש לאַכט).

רחטשע. ער קען נאָך שטאַרבן פון שרעק.

לאהלע. (קוקט צו דער קאַנאַפּע. טאַטע, מנחם געפעלט מיר, און איך געפעל מנחמען.

בעריש. אויף דעם האָב איך זיך גאָר ניט געריכט!

לאהלע. מאָרגן פאָרט איר אַוועק אין גאָרטן אַריין, און היינט שטעלן מיר אַ חופּה.

בעריש. דאָס הינדל קריִט דאָך ווי אַ הענדל! (ער קוקט צום ווינקל). האַ, וווּ זיינען די בילדער, דודס זאַכן?

לאהלע. (טוט זיך אָן דאָס היטל). ער האָט זיך שוין פון דאָנען אַרויסגעצויגן.

בעריש. האָט ער פריער גאָרנישט געזאָגט, און ער האָט זיך נישט געזעגנט?

לאהלע. כ'ווייס נישט. (זי און מנחם גייען אַרויס. אַ שטילשווייגן).

בעריש. בעריש איז געבליבן אַ נאַר.

רחטשע. באַ מנחמען וועט זי האָבן צו עסן.

בעריש. יאָ, זי וועט ווערן אַ גראָבע יידענע, מיט אַ סך קעלבערן פלייש און מיט גלעזערנע אויגן.

רחטשע. וואָס דען ווילסטו?

בעריש. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, און ער האָט זיך צומאָל נישט געזעגנט?

רחטשע. דיינע איידעלע לייט! (די טיר עפנט זיך. פּייוועלע קומט אַריין, מיטן זעקל אויף די פּלייצעס און מיטן שטעקן אין דער האַנט. ער לאָמט צו, גייט צום ווינקל. אין קעלער ווערט טונקעלער).

פּייוועלע. (פון טונקעלן ווינקל). אַלע טאָג צו דעם טאָן שטערבן, קומען אהיים צעבראָכן, אָן לעבן! צוליבן שטיקל ברויט, אַזויפיל מאַכן זיך דעם טויט! איך וועל דאָך שטאַרבן, דער בויך מיט די קישקעס וועלן ווערן פאַרדאַרבן! וואָס טו איך דער נשמה, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן? וואָס טו איך פאַרן אייביקן לעבן?

בעריש. ס'וועט דיר גאָרנישט העלפן, פּייוועלע, דו ביסט געווען א פוקס און דו בלייבסט א פוקס! זאָג מיר בעסער, וואָס איז אן אינ־טעליגענט?

פּייוועלע. אן אינטעליגענט איז א קאַץ.

בעריש. פאַרוואָס א קאַץ?

פּייוועלע. א קאַץ וואַשט זיך און רייניקט זיך און עסט מייז.

בעריש. דאָס איז גוט! (ער שטעלט זיך אויף, צינדט אָן דאָס לעמפּל. די טיר עפנט זיך. מענדל קומט אַריין. ער טוט זיך אויס דעם פּאַלטאָ).

בעריש. דיין שוועסטער האָט היינט חתונה מיט מנחמען.

מענדל. איך האָב געוווסט, אז מ'וועט דאָ גיין אָן מיין וויסן. אָבער איך בין א ברודער און איך באַשטיי נישט מנחם זאָל זיין מיין שוואָגער.

רחטשע. מאַלע וואָס דו באַשטייסט נישט.

מענדל. אָבער וואָס האָט מען זיך אזוי צוגעאיילט? וואָס איז מיין שוועסטער נישט קיין אָרנטלעכע?

רחטשע. שווייג בעסער.

בעריש. מנחם געפעלט דיר נישט. ער איז א געזונטער יונג. דו וועסט זיך מיט אים פּרווון אין ליגן. דו וועסט זיך וואַלגערן אויף אים מיט די שטיוול. ער וועט זיך וואַלגערן אויף דיר מיט די שטיוול. דו וועסט האָבן פון אים הנאה.

מענדל. איך וויים שוין! איך בין א ברודער און איך באַשטיי נישט אויף דעם שידוך. איך וועל ניט צולאָזן. בלוט וועט דאָ פאַר־גאָסן ווערן!

בעריש. וואָס, טאַטע־מאַמע וועסטו גיין שלאָגן? שטשעניאַק, איך צעקייל דיך!

רחטשע. (צו מענדלען). ליג דיך בעסער אוועק און שוויינ. (די טיר עפנט זיך. מנחם און לאהלע קומען אריין. מנחם שטעלט אַרויף אויפן טיש א פלאַש בראָנפן).

בעריש. הייסט עס, אז מ'טרינקט, טאַנצט מען און אז מען

טאַנצט איז אַ חתונה. (לאהלע ווייזט עפּעס דער מוטער).

רחטשע. אַ גראָב רינגל. (מענדל טוט זיך אָן דעם פּאַלטאָ. גייט צו דער טיר).

לאהלע. ברודער, ווו גייסטו?

מענדל. אַז איך האָב נישט קיין דעה צו זאָגן בין איך נישט קיין ברודער.

מנחם. (פאַרשטעלט אים דעם וועג). דו וועסט בא מיר נישט גיין!

מענדל. רוק זיך בעסער אָפּ!

רחטשע. זאָל ער גיין! (מענדל גייט אַרויס).

פּייוועלע. לאהלע האָט היינט חתונה מיט מנחמען? ווי עס וואָלט מיר געטאָן אַ שלאָגג אַ ביס און כ'פּיל נישט די פּאָדלאָגע אונטער מיינע פיס.

בעריש. פּייוועלע, ווער איז מזווג זווגים?

פּייוועלע. גאָט אַליין, נאָר דורך די זינד פון מענטשן ווערט אַלץ פאַרדרייט, נישט צום פאַרשטיין! און דער ערגסטער הונט כאַפּט דעם בעסטן ביין! (די טיר עפנט זיך. עס קומען אַריין צוויי קלעז־מאָרים מיט אַ בדחן).

פּייוועלע. די באַגרעבער זיינען שוין אויך דאָ! אויפגעשפּילט! ס'זאָלן טאַנצן אַלע מיינע גלידער, כ'זאָל פאַרגעסן, אַז איך בין אַ מידער!

בדחן. ס'איז שוין דאָ אַ בדחן? (שטיל צו פּייוולען). אפשר וועט מען ביידע מאַכן שותפות?

פּייוועלע. ווער ס'וועט קענען בעסער באַזינגען, דעם וועט מען פאַר אַ בדחן דינגען!

בדחן. איך וועל נאָר זאָגן אַ וואָרט, וועט מען באַלד פאַר־שטיין, אַז איך בין פון אַן אַנדער סאָרט, איך וועל דעם חתן טאָן באַזינ־גען, וועט עס אומעטום אָפּקלינגען! קורץ און פיין, פון אַ טיפן מיין! — חתן־לעב, דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ שטורמישן מער, די שיף ווערט געוואָרפן אהין און אהער; דער קאַפּיטאַן דאַרף קענען זיין פאַך,

און שטיין אויף דער וואך, אַז די שיף זאָל נישט פאַרטראָגן דער ווינט, און חס־ושלום גיין צו גרונט.

פּייוועלע. איך טו זיך פאַר דיר בוקן, דו טוסט ווי אַ בעקער רוקן; און וואָס זעען מיינע אויגן, אַ קו איז איבערן דאַך געפלויגן! ווי דער שטייגער איז אויף דער וועלט, דער חתן מיט אַ טיכעלע די אויגן פאַרשטעלט, בעריש טרערן גיסן, איך טו פון שמערץ ניסן! (די טיר עפנט זיך. לייבעלע קומט אַריין).

בדחן. אַ חשובער גאַסט! אפער! מוהער! (ער בויגט זיך צו צו לייבלען, פרעגט שטיל). ווי הייסט איר?

לייבעלע. גיי אין דער ערד אַריין!

פּייוועלע. (צום בדחן). אַ גוטער פאַטשאַנטיק!

בעריש. (הייבט זיך אויף פון דער קאַנאַפּע). אַ חתונה זאָל זיין אַ חתונה!

בדחן. כלים, אויפגעשפּילט!

פּייוועלע. ס'זאָלן טאַנצן אַלע מיינע גלידער! כ'זאָל פאַרגעסן, אַז איך בין אַ מידער! (די קלעזמאָרים קלאַפּן אַ לעבעדיקס).

בעריש. חתן, קום נאָר מיט מיר אַ קאַזאַצקע! (בעריש מיט מנחמען טאַנצן אַ קאַזאַצקע. לייבעלע הייבט מיט די אַקסלען און קרימט זיך צום טאַקט. ער הייבט אָן טאַנצן און טראָגט זיך איבערן קעלער אין אַ גיכן, ווילד־משונהדיקן טאַנץ. די טיר עפנט זיך. עס קומען אַריין אַ מחנה קאַליקעס, לאָמע, קרומע. איינער וואָס רוקט זיך אויפן געזעס. איינער אויף הילצערנע קוליעס. עטלעכע אַלטע ווייבער אין לאַכעס. די מוזיק הערט אויף).

רחמשע. היינט וועט מען דאָ נישט שלאָפן.

בעריש. איך מאַך היינט חתונה אַ טאָכטער!

צווישן די קאַליקעס. מיט מזל און מיט גליק! מיט מזל און מיט גליק!

פּייוועלע. דאָרט ווו אַלע איז קרום און פאַרדרייט, איז גוט מער. די פאַלשע קליידער טוט אויס, אין קעלער דאַרף מען זיי נישט.

בעריש. איך בעט אייך אַלע אויף דער חתונה פון מיין טאָכ־דאָס פאַלשע קלייד. נאָר דאָ אין קעלער איז — של נעלך מעל רגליך,

כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא! — (אַלע וואַרפן פון זיך אַראָפּ די צעריסענע מלבושים און גלייכן זיך אויס. די קאַליקעס זיינען איצט גלייכע, געזונטע מענטשן. די אַלטע ווייבער — מוידן).

דער וואָס האָט זיך געררוקט אויפן געזעס. (אַ הויכער ייד מיט אַ באָרד). קלעזמאָרים, גערודערט! געלט איז דאָ גענוג!

בדחן. לכבוד די חשובע געסט, אויפגעשפּילט! (די קלעזמאָרים שפּילן).

דער הויכער ייד מיט דער באָרד. קינדער, נעמט די דאַמען! (די מוזיק שפּילט. אַלע שטעלן זיך אויס צום טאַנצן).

פאָרהאַנג

זכרונות



שלמה גילבערט ז״ל און מלך גראַפשטיין פאָטאָגראַפירט אין 1910
דורך אלתר קאַציזנע, ז״ל.

מלך גראַפּשטיין

מיין חבר און לערער

אין אַ שיינעם זומערדיקן פֿאַרנאַכט אין יאָר 1907, האָב איך, צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים פֿונעם „קליינעם בונד", שפּאַצירט אויפֿן „מאַראַנאָוו", אַ מאַרק פּלאַץ אין וואַרשע, אַ „מיטלפּונקט" וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט די גרויסע יידישע גאַסן: נאַלעווקעס, ברייטע־מילע, פֿאַקאַרנע און שמאָלע מילע — אַ מאַרק פּלאַץ, וואָס איז צום באַדויערן מער נישטאָ שוין, אַזוי ווי די גאַנצע יידיש־וואַרשע — נישטאָ!

און אָט דערמאָן איך זיך: אויפֿן ראָג נאַלעווקעס־מאַראַנאָוו איז געזעסן עפּעס אַ משוגענער: משה'לע שיכור האָט מען אים גערופֿן דאָס איז געווען אַ דאַר מענטשעלע, אין אָפּגעריסן מאַנספֿאַרשוינדל מיט באָרוועסע פֿיס, אַ קמיץ־פּנימל, אַ פּעך־שוואַרץ בערדעלע, צוויי קויל־שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און אַ מויל מיט ווייסע ציין. געזעסן איז ער, דער משוגענער, מיט די באָרוועסע פֿיס אין רינשטאָק, פֿדום זיך געשאָקלט, און מיט אַ גמרא־ניגון געלערנט גאַנצע שטיקער גמרא פֿון אויסנווייניק. פֿאַרטאָן אין זיין לערנען, האָט ער ניט געהערט דעם ריישיקן הו־הא אַרום זיך. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך געוואָרפֿן געשאָקלט זיך, געמאַכט משונה'דיקע הויות און הויך מיט אַ באַנומענעם קול התלהבותדיק געלערנט, ווי ער וואָלט געזעסן אין אַ חסידיש שטיבל איבער אַ גמרא. אָט־די משונהדיקע סצענע האָט מיך שטאַרק צערודערט. איך בין נעענטער צוגעגאַנגען צום פּלאַץ וווּ דער ייד איז געזעסן — און זיך צוגעהערט צו זיין לערנען. דער משוגענער — האָב איך איינגעזען איז אַ ייד, אַ תלמוד חכם. אַ פֿאַרגאַפֿטער, בין איך געבליבן שטיין און זיך צוגעהערט צו זיין חריפֿותדיקייט.

און ווי איך שטיי אזוי פארטראכט אין רעיונות, קומט-צו א הויכער שלאנקער, שווארץ - חנוודיקער יונגערמאן, נעט געקליידט אין מאָ־דערנע קליידער:

— משה'לע ביזט הונגעריק? פרעגט ער דעם משוגענעם.

— ניין, איך בין ניט הונגעריק, — ענטפערט ער מיט א גמרא־ניגון. — זאָלן די ביאלער חסידים פאר'שרפעט ווערן צוזאמען מיט זייער שלוש סעודות! יאָ, מיט זייער שלוש סעודות און מלוה מלכה צוזאמען; משקה, משקה, וויל יאך, ניינציקער אקעוויט וויל יאך!

פון דעם רעדל־מענטשן וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן צו באַ־טראַכטן דעם בייז־וואונדער, האָט זיך דער שווארצער יונגערמאן דער־ווייטערט. ער גייט פון בויד צו בויד, פון מארק-טיש צו מארק־טיש און בעט ביי די הענדלערס א נדבה פאר משה'לע שיכור. קומענדיק צוריק צום צונויפגעזאמלטן עולם, פרעגט ער מיך און אנדערע, צי מיר ווילן עפעס געבן. איך האָב אים געגעבן עטלעכע גראָשן. בינו־לבינו נעמט דער יונגערמאן משה'לע שיכור אונטערן אָרעם און זאָגט:

— קום, משה'לע, וועל איך דיר קויפן א „מאַנאָפּאָלקע", א פינף און ניינציקער, גאָר אזוינס און אזעלכעס, מיטן קנאק . . .

דאָס, וואָס דער יונגערמאן האָט געקליבן נדבות צו קויפן בראָנפן פאר א שיכור, האָט מיך פשוט פריטשמעליעט. צוזאמען מיט מיינע חברים, בין איך זיי ביידן נאָכגעגאנגען אויף די נאלעווקעס, און איך האָב זיך ניט אויפגעהערט צו בייזערן אויף דעם יונגערמאן, פארוואָס ער טוט אזא זאך. איינער פון מיינע חברים האָט אָבער א וואונק גע־געבן צו מיר, איך זאָל דאָס ניט טאָן. „דער יונגערמאן איז א יידישער שרייבער" — זאָגט ער מיר, און פארטרויט מיר מיט דרך ארץ: „דאָס איז שלמה גילבערט".

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך בין געקומען פנים אל פנים, מיט א יידישן שרייבער. די נעמען פון יידישע און העברעאישע שריפטשטעלערס זיינען מיר געווען גוט באַקאַנט פון צייטונגען און צייטשריפטן. אָבער דאָס באגעגענען זיך מיט א יידישן דישן שרייבער פערזענלעך; דאָס ריידן מיט א אידישן שרייבער, האָט אויף מיר געמאכט אן אומגעהויערן רושם.

הכנעהנדיק האָב איך גענומען נאָכפּאָלגן דעם שרייבער, — און איך האָב געזען ווי ער איז אַריין אין אַ שענק אויף די נאַלעווקעס און פון דאָרטן אַרויסגעבראַכט אַ פלעשל ספּירט. ער און משה'לע שיכור זיינען אַריין אין איינעם פון די נאַלעווקער־הויפן. מיט איין קלאַפּ אין דער דלאָניע האָט גילבערט געעפנט דאָס פלעשעלע ספּירט און דער־לאַנגט עס משה'לע שיכור. מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים, האָט שלמה גע־קוקט אויף דעם משוגענעם, ווי ער האָט מיט איין „זשלאָקע" אויסגע־טרונקען אַ גוטע העלפט פון דער גרין־באַבלעטערטער „מאָנאָפּאָלקע". ביידע האָבן זיך דערביי צעלאַכט.

— לחיים, יידן! לחיים, שלמה! — האָט אויסגערופן דער משוגע־נער, קוקנדיק אויפן איבערגעבליבענעם חלק בראָנפן. — לחיים, יידן! גאָט זאָל אונז העלפן, אַז מיר זאָלן דערלעבן צו זען ווי די די קוזמערער חסידים גייען אויף קבר אָבות צו די ביאַלער חסידים; און ווי די ביאַ־לער קאַלערן זיך אונטער דער ערד ביז, ביז . . .יאָ, — אַ פייער זוכט זיי! ביז זיי קומען צו די קוזמירער נאָך שבת־אויבס, און מיין שווער, לעבן זאָל ער, זאָל דערלעבן אקעגן גיין משיחן מיט איין פוס און צוויי קוליעס, און דערזען דאָרט, מיין טאַטעשי (אין גן עדן זאָל ער פוילן!) מיט איין אויג . . . אידן, זאָגט: אָמן. לחיים, אידן, לחיים . . .

— שלמה, ביזט אַ שלמה המלך! לחיים שלמה! — האָט זיך משה־'לע צעזונגען מיט אַ חסידיש האָפּקעלע; — אַ שלמה המלך ביזטו. אַ שולמית זאָלסטו קריגן פאַר אַ ווייבעלע, ניט קיין ביאַלער רביצין; אַ שריפה זוכט זיי די ביאַלער חסידים! . . .

פון הויף זיינען מיר שוין אַרויס צוזאַמען — איך און שלמה. מיט גרויס דרך ארץ האָב איך געקוקט אויף אים; מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט האָב איך זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט זיינעם, ווען ער האָט פאַר מיר געשילדערט די פאַמיליע־טראַגעדיע פון משה'לע שיכור. של־מה'ס לשון, זיינע פרעמד־ליטעראַרישע פיין קלינגענדיקע ווערטער, האָבן מיך פשוט פאַרכישופט. ער האָט, דאַכט זיך, גערעדט יידיש; אָבער דאָס איז געווען אַזאַ יידיש, וואָס נאָר אין ליטעראַרישע שריפטן האָב איך אַזאַ לשון געליענט, אָבער קיינמאָל פריער פון קיין בר־אדם ניט געהערט.

מיט הדשים שפעטער, ווען מיר זיינען געווען שוין גאָר נאָענט באפריינדעט, האָט שלמה געלייענט פאַר מיר פון אַ מאַנוסקריפּט אַ לענגערע ד ע ר צ יי ל ו נ ג , (אין דראַמאַטישער פאָרם), מיטן נאָמען „משה'לע שיכור". אין אָט־דער דערציילונג שילדערט ער, ווי צוויי וואַרשעווער חסידים—אַ ביאַלער חסיד און אַ קאָזמירער חסיד—האָבן זיך מתחתן געווען. אַ יאָר נאָך דער חתונה, איז דאָס דאָן שוין טיף־פאַרליבטע יונגע פּאָרל, צוליב דעם ניט געסיליקטן נדן און צוגעזאָגטע קעסט — צעשיידט געוואָרן.

ביידע יונגע קינדער — משה"לע, זיבעצן יאָר, און זיין ווייבל זעכצן יאָר, זיינען מיט געוואַלד צעריסן געוואָרן דורך זייערע חסידישע עלטערן. פון צרות און בענקשאַפט נאָך זיין געליבטער איז משה'לע דער עילוי, משוגע געוואָרן. זיין יונג ווייבל איז אַנטלאָפן פון איר פאָטער'ס הויז און איז געוואָרן אַ דינסט אין שעדליץ. שפּעטער איז זי אַנטלאָפן קיין בוענאָס איירעס . . .

שלמה האָט דערביי צוגעגעבן:

— גאַנץ וואַרשע האָט געקלונגען מיט דער טראַגיש־ראָמאַנטישער פּאַסירונג, גאַסן־זינגער האָבן די טראַגעדיע איסגעזונגען אין וואַרשעווער הויפן, אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן האָט דאָס „מאָראַלישע" ליד „משוגע אוים ליבע" באַגלייט די אַרבעט.

איך וויים עד היום ניט, וואָס עס איז געוואָרן מיט דעם מאַנו־סקריפּט, וואָס שלמה האָט פאַר מיר דאַן פאָרגעלייענט. איך געדענק נאָר ווי ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסער „אידישער דראַמע".

ווי שוין דערמאָנט, האָב איך דאַן געהערט צום „קליינעם בונד" אָבער שלמה, ווי ווייט איך געדענק, האָט זיך קיינמאָל ניט אידענטי־פיצירט מיטן יידיש־סאָציאַליסטישן אַוואַנגאַרד פון יענער צייט, ער האָט נישט געהערט צו קיין איינעם פון די קרייזלעך וואָס האָבן דאַן פאַרכאַפּט די אידישע אַרבעט־יוגנט. צו מיר פלעגט ער זאָגן:

— מעגסט זיך זיין אַ בונדיסט, אָבער אין יידישקייט דאַרפסטו ניט פאַרגעסן.. וואָס מער מענטש, אַלץ מער ייד.. וואָס מער ייד, אַלץ מער מענטש . . .

אָט־די ווערטער האָב איך פון אים געהערט אַ סך פריער ווי איך האָב זיי געלייענט ביי אברהם ליעסין און דר. חיים זשיטלאָווסקי. שלמה פלעגט אַפּחוזקן פון פאַרשיידענע „הפקרדיקע" דרכים פונם „קליינעם בונד", ער האָט מיך געוואָרנט ניט צו קומען אין זייער געזעלשאַפט. ער פלעגט צו מיר טענהן:

— פאַרשטייסטו מיך, מאַרקוס. (מיך האָט מען גערופן מאַרקוס בונדאָוויעץ). דו ביסט אַ טאַטנס אַ קינד, דאַרפסט זיך ניט מישן מיט די יאַטן . . .

דאָך זיינען מיר צוגעצויגן געוואָרן איינער צום אַנדערן ווי געטרייע ברידער. יאָ, אַ ברודער, מער ווי אַ פריינט און חבר איז שלמה געווען צו מיר. ער איז געווען מיט 8 יאָר עלטער פון מיר, אָבער דאָס האָט לחלוטין ניט געשטערט אונזער חברשאַפט. צוזאַמען זיינען מיר געווען אָפטע געסט ביי די „קעסטל אָוונטן", וואָס עס האָבן אָרגאַניזירט דער „הזמיר" און י. ל. פּרץ'עס חסידים און תלמידים.

שלמה גילבערט איז געווען אַ ייד אַ תלמוד־חכם. ער איז געווען אַ יידיש־פאַרוואָרצלטע פערזענלעכקייט. אָנגעזאַפּט ווי אַ שוואָם מיט תורה און מסורה. ער האָט ליב געהאַט צו לייענען און צו לערנען, דער־הויפּט דעם „זוהר". ווען מיר האָבן שפּאַצירט איבער וואַרשעווער גאַסן (לאַנגע שפּאַצירן איז ביי שלמה'ן געווען רגילות) און פלעגן פאַרבייגיין אַ בית המדרש, אָדער אַ חסידיש שטיבל, פון וואַנען דער גמרא ניגון האָט פאַרזונגען די וואַרשעווער הויפן, פלעגט מיך שלמה אַריינציען אַהין. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן און מיט מיר לערנען אַ בלעטל גמרא, אָדער סתם מיטהאַלטן אַ שיעור, וואָס איז פון דער חברותא געלערנט געוואָרן. ניט איינמאָל פלעגט ער זיך צוטשעפּען צו אַ וואויל־לערנער און אים פאַרוואַרפן מיט קשיות. איך קען עד היום ניט פאַרגעסן שלמה'ס געשטאַלט. זיין גמרא־פּנים, ווען ער האָט פאַר־

רוקט דאָס קאַפּעליושל איבער זיין שטערן און פאַרעקשנט, חריפותדיק, מיטן גראָבן פינגע,ר עפּעס אױסגעפּשטלט מיט די וויל־לערנער פון די חסידישע שטיבלעך.

שלמה האָט מיך געלערנט „יידיש"־לייענען. דאָס הייסט, ניט סתם לייענען, נאָר ווי אַזוי און וואָס צו לייענען. איך דערמאָן זיך, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין מיין דירה. האָט ער גענומען דורכ־קוקן מיינע ביכער, מעשה־ביכלעך און בראָשורן, און דערביי זיך צע־לאַכט פון דער ליטעראַטור וואָס ר'האָט ביי מיר געפונען. ר'האָט גע־נומען ווארפן די מעשה־ביכלעך און בראָשורן אויף דער ערד, און פאַ־טערלעך זיך געבייזערט אויף מיר:

— סם! סם איז דאָס פאַר דיר. פאַרברענען דאָס אין חמץ. דו פאַרסמסט דיר דעם מוח מיט אַלע דיינע חושים, מיט אַט-דער־אָ ליטע־ראַטור. — דערביי האָט ער גענומען ווארפן ביכל נאָך ביכל אויף דער ערד און הויך אויפן קול געלייענט:

— „מעשה מ"ג אחים", אין דערערד אריין! „בלוטיקער אדיע" — פאַר אַ כפּרה; „שמחה פלאַכטע" — מעגסטו אויפהענגען; „די פּרינ־צעסין פון באַגדאַד" — דערטרינקען; „אומגליקלעכע אמאַליע" — באַגראָבן; . . . דאָס־אָ מעגסטו יאָ לייענען, — האָט ער אָנגעוויזן אויף יעקב דינעזאָנס „יאָסעלע". און „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" און אַפילו דעם־אָ „קאַפּיטאַן דרייפוס" דיינעם, מעגסטו אויך איינ־מאַנירן.

אַט אַזוי האָט שלמה מיך געלערנט לייענען בעסערע ביכער, ער פלעגט מיר אויסבאָרגן ביכער, און אָפטמאָל האָבן מיר געלייענט צו־זאַמען, שלמה האָט מיר פאַרטייטשט פּרצעס פאַסיקלעך און פינטעלעך, און מיר באַקענט מיט די ווערק פון אַזעלכע יידישע שרייבער ווי מענ־דעלע, שלום עליכם, ספּעקטאָר, נאָמבערג, לינעצקי, ביאַליק, וויסענ־בערג, שלום אַש, רייזען, אויך מיט די ווערק פון דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין און אַ סך אַנדערע. שלמה האָט מיך אויך באַקענט אין אָרי־גינאַל און אין איבערזעצונגען מיט אַזעלכע פּוילישע שרייבער ווי מיצ־קעוויטש, פּרוס, שענקעוויטש, פּשיבישעווסקי, און מיט אַזוינע רוסישע קלאַסיקער ווי, פּושקין, טאָלסטאָי, אַנטאָן טשעכאָוו, גאָגאָל, שטשעדרין,

די ווערק פֿון באָושעווער, עדעלשטאַט, מאָריס ראָזענפֿעלד און פּינסקי זיינען געווען דאַן פֿאַרבאָטן פֿון דער צאַרישער רעגירונג. אָבער דער „בונד“ האָט די אומלעגאַלע ליטעראַטור אַריינגעשמוגלט פֿון אויסלאַנד און זי אומזיסט געטיילט צווישן דער יוגנט.

שלמה איז אָפּיציעל, ווי שוין געזאָגט ניט געווען קיין סאָציאַליסט. ער איז אָבער געווען דורכגענומען מיט אַ שטאַרקער שנאה צו אַלץ וואָס עס איז זאַט און אָנגעפּרעסן. דאָס זעט מען בפירוש אין זיינע דאָס איז מער ווי קאָכן און באַקן פֿאַר פֿיר מענטשן בלויז. דער אָנגע־לייבוש'ן „למאי ביי אים (לייבוש'ן) קאָכט מען אין אַ וואָכעדיקן טאָג. עס קיצלט אַזש אין נאָז, ווען די לייבישעכע ווערט צעהיצט ווי אַ מזיק.. דאָס איז מער ווי קאָכן און באַקן פֿאַר פֿיר מענטשן בלויז. דער אָנגעפּרעסטער לייבוש שפּאַצירט אַרום אין די ווייכע לאַטשן..." „שבתי מוח“ איז די פֿאַרקערפּערונג פֿונם דיכטערס שנאה צו אַלץ וואָס איז פֿויל און פֿול מיט וואוילטאָג. אין דער זעלבער צייט איז ער אָבער צאַרט און פֿול מיט רחמנות צו אַלץ וואָס ליידט, באַזונדער צו יענע וואָס ליידן אין דער שטיל.

איך דערמאָן זיך מיינע אַן אייגענע דערפֿאַרונג. איך האָב באַקומען אַ פֿינסטערע בשורה. אַ בריוו פֿון מיין טייערן עלטסטן ברודער, דעם גרויסן תלמוד חכם ירמיהו, זאָל לעבן, אַז אונזער פֿאָטער איז פּלוצלונג געשטאָרבן. געווען איז דאָס אין אַן ערב ראש השנה. די ידיעה האָט מיך דערשיטערט און ביז גאָר צעבראָכן. איך האָב זיך גראַד געקליבן צו פֿאָרן אַהיים אויף יענעם ראש השנה, נאָר צוליב „פּאַרטיי ענינים“ האָב איך מיין פֿאָרן אָפּגעלייגט ביז יום כפּור. ווען שלמה האָט זיך דערוואוסט וועגן מיין אומגליק, איז ער געקומען צו מיר און מיט מיר מיטגעוויינט ווי אַן אייגענער ברודער. כדי מיך צו טרייסטן האָט ער געלייענט פֿאַר מיר מיין טאַטנס אַלטע בריוו, צייטונגען און אויסשניטן פֿון „הצפירה“, פֿון וועלכער מיין פֿאָטער איז געווען אַ קאָרעספּאָנדענט; שלמה האָט מיך געפֿירט אין בית מדרש קדיש זאָגן און ניט איינמאָל מיך געוואָרנט איך זאָל למען השם ניט פֿאַרפֿעלן צו זאָגן קדיש אַ גאַנץ יאָר.

—ביסט טאַקע אַ פאַלשער „רעוואָלוציאָנער", אַ גרויסער סאָ־ציאַליסט פונם „קליינעם בונד", — פלעגט ער סאַרקאַסטיש אונטער־שמייכלען, — אָבער צו אַ טאַטנס קדיש קומסט עס נים. מאַרקום, ביזט נאָך נים „רייף" גענוג זיך אָפּצושאָקלען פון אַ „קדיש־יתום". — האָט שלמה מיך געלערנט.

און אָט בלעטער איך ווידער שלמה גילבערטס דערציילונגען, און איך געפין אין זיינע שילדערונגען אין „דער ליגנער", אָדער „דער מונקעלער" אָן אַ שיעור ליבע, צאַרטקייט און רחמנות צו זיינע העלדן — הערשעלע און דעם פאַרחלומטן לייבל.

שלמה איז אָבער נים שטענדיק פאַרטרויערט. דער פרומער, צע־בראָכענע שלמה גילבעט, מיטן מיסטישן פּראָפיל, ווערט מיטאַמאָל פריילעך און זאַרגלאָז. ער ווערט, אויב איר ווילט, אפילו וואָוויליונ־געריש. דאָס פּאַסירט, ווען ער קומט אין באַרירונג מיט דער נאַטור. ער פאַרקערפּערט דאַן מיט זיך דעם פּאַסטוך „פּיעטרעק". ער ווערט פויגל־פריי ווי דער פויגל־כאַפּער „קאַנאַריק". . . יאָ, איך האָב אים געזען אויך אין פריילעכע, זאָרגלאָזע שעהן.

איך דערמאָן זיך, ווי ער דער שטילער, צאַרטער דיכטער פלעגט זיצן ווי אַ „סטאַטעק", ביי פּרצן אין הויז, אויף אַ שפּיץ פון דער סעראַטענער קאַנאַפּע. עס איז אים קוים געווען צו באַמערקן. געוויינ־לעך פלעגט דאָס זיין אין אַ שבת נאָכמיטאָג. די חברותא, פּרצעס חסידים און תלמידים, זיינען געזעסן אַרום דעם לאַנגן קאַבינעט טיש און געזונגען „אידל מיטן פידל". אָדער פּרץ פלעגט אַרומשפּאַנען איבערן חדר און מורמלען אַ פאָלקס ליד „אלף — איז אַן אָדלער"—

אלף איז אַן אָדלער,
וואָס ער טוט נאָר שוועבן,
אַ שאָטן פון אַ פליגל
איז דאָס גאַנצע לעבן.
בית איז אַ הויז,
וואו מען טוט נאָר עסן.
אז מען רופט צום משפּט,
מוז מען אַ"ץ פאַרגעסן. א. א. וו.

שלמה פלעגט זיך זיצן פאַרטייעט, ווי אַ ניט־דאַאיקער, אַ פאַר־חלומטער, ווי אַ פרומער חסיד.

ווען שלמה איז אָבער געקומען צום קדוש הלל צייטלין ז"ל אין שטוב, פלעגט ער ווי אַ נאַאיוו־אינגל, אַ יונג־לאָשעקל, ארומשטיפן. ער פלעגט זיך פאַרשטעלן פאַר אַ הויף־צורה־יה, „האנדלאַזש":

— האנדל, האנדל, אלטווארג, קויף יאך . . . ה א נ ד ע ע ה א נ ד ע ע , האנדל, אלץ קויף יאך.

ער פלעגט נאָכמאַכן ווי אַ האָן קרייעט, ווי אַ קאַץ מיאַוקעט, און מיט דעם 10-יאָריקן חאַנטשע (חנן צייטלין) ארומהאָצקען און נאָכמאַכן ווי אַ ציג מעקעט.

נאָך עפּעס מעג מען דערמאָנען. שלמה איז געווען דער איינ־ציקער, אָדער פון די יחידי סגולה, וואָס איז געווען אַן אריינגייער אי צו פּרצן, אי צו צייטלינען, געפראַוועט חסידות ביי בײדע טישן. אייך אנדערע יונגע שרייבערס זיינען געווען און האָבן „געפראַוועט טיש" אי ביי פּרצן, אי ביי צייטלינען. אָבער זיי האָבן אָפט געטראָגן פליאָטקעס פון איין חסידישן טיש צום אַנדערן. ניט שלמה. ער האָט ביידן ליב געהאַט און ביי ביידן געלערנט.

* * *

שלמה האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין מאַמע. ער האָט זי ממש פאַרגעטערט און ס'איז קיין חידוש ניט. אָט זע איך זי, די זשוואַווע יידענע מיט אַן אשת חיל פנים, ווי זי גייט פון געוועלב צו געוועלב, פון בויד צו בויד און קלייבט נדבות פאַר אירע אָרעמע כלות — הכנסת כלה איז געווען איר ראָזשינקע. אַז מען האָט געזען פייגע נעבע דעם קלעזמערס קלייבן געלט אָדער מתנות, האָט מען שוין געוואוסט אַז עס וועט זיין אַן אָרעמע חתונה און עס וועט זיין ליהודים פאַרן איי־זערנעם טויער. צו אַזאַ חתונה פלעגט זי שיקן איר פרומען, גאָט־פאַרכטיקן מאַן, שלמה'ס טאַטע, הירש־לייב קלעזמער צו שפּילן אומ־זיסט. און ווער עס האָט ניט געזען די פרומע, באַבערדלטע כלי־זמרים

קאַפּעליע שפּילן אַן אָרעמע חתונה. דער האָט ניט געזען קיין קאָליר־פולע יידישע שמחה.

שלמה'ס מאַמע האָט געוואָלט דערלעבן אַ ביסל נחת אין איר נעראַטענעם זון, דעם תּלמוד חכם. האָט זי אים פאַרשלייערט מיט אַ שווינדזיכטיקער ווייטער קרובה. כּדי צו פאַרשאַפן דער מאַמען אַביסל נחת, האָט שלמה דעם קרבן געבראַכט. צוליב אָט דעם ביסל „נחת" פאַר דער מאַמען, איז אָבער שלמה'ס טראַגיש לעבן שווערער געוואָרן. ער פלעגט אָפטמאָל אַנטלויפן פון דער אָרעמער כאַטע, וואָס האָט געהייסן „היים". ניט נאָר פלעגט ער אַנטלויפן פון דער היים, ער פלעגט זיך אויך דערווייטערן פון חברים שרייבער און חדשים לאַנג האָט מען אים ניט געזען אין דער שרייבער קאָלאָניע.

אין אַזאַ שטימונג איז ער אָפט געקומען וואוינען מיט מיר אין מיין דירה. אַנדערע מאָל פלעגט ער זיך פאַרקליבן אין אַ פּראַגער שטיבל און דאָרט קנעלן איבער ספרים אונטערן אויוון, אָדער זיצן און דער־ציילן גהנום מעשיות צו די פורמאַנעס, טרעגער און סתם אָרעמעלייט.

איינמאָל האָט ער אין מיין דירה געוואוינט היבשע עטלעכע וואָכן. מיט אַ מאָל איז ער פאַרשלאָפט געוואָרן, און אַ גאַנצע נאַכט ביטער געהוסט. איך בין אַרויסגעלאָפן אין „הויף", אויפגעוועקט דעם קרעמער, געקויפט מילך מיט האָניק, אויפגעוואַרעמט אויף דער נאַפט מאַשינקע און אים געגעבן צו טרינקען. איך בין געווען שטאַרק באַ־אומרואיקט. אָבער שלמה האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיין קרענק, און פאַרעקשנט ניט געוואָלט טרינקען. איך האָב זיך אויף אים געבייזערט און פשוט אים געצוואונגען צו טרינקען די הייסע מילך מיט האָניק. אַז עס איז אים לייכטער געוואָרן, איז ער האָט אופגעהערט צו הוסטן, זאָגט ער צו מיר.

— דו ווייסט, מאַרקוס, איך קען פון דער מאַמען ניט אַנטלויפן. אַנטלויף איך פון דער מאַמע, קומט אַ צווייטע „מאַמע". ניט אַזוי שטיל און פרום ווי מיין מאַמע, אָבער דאָך אַ מאַמע.

— זאָל זיין — זאָג איך — אַ מאַמע. אָבער ד: שלמה ביזט מיר איצט אַ גאַנצער טאַטע. דו מוזט מיר געזונט ווערן, נאָך דעם ווי איך האָב מיין גאַטזעליקן טאַטן פאַרלוירן.

* * *

עס זיינען געווען ציימן ווען ער איז באַהערשט געוואָרן פון מיס־טישע שטימונגען. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער זיך פאַרטאָן אין פאַרצייטיקע לעגענדעס.

וועגן שלמה גילבערטן זאָגט מען אַז ער איז ניט געווען גענוג פּראָדוקטיוו. דאָס איז ניט אינגאַנצן אמת. אַ סך פון זיינע שריפטן וועלכע זיינען שטאַרק געפעלן געוואָרן פּרצן און צייטלינען, זיינען קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. איך געדענק דערציילונגען און בילדער וואָס שלמה האָט פאַר מיר געלייענט אין די יאָרן 1912-1907 און וואָס זיינען קיינמאָל ניט אַרויס אין בוכפאָרם. חוץ דער פריער שוין דערמאָנטער דערציילונג „משה׳לע שיכור״, געדענק איך נאָך אַ דערציילונג מיטן נאָמען „שוואַרצע אויגן, שוואַרצע צעפּ״. זי האָט זיך מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווייל די מאָדעלן פון די העלדן זיינען מיר פּערזענלעך געווען גוט באַקאַנט.

אויף סטאַוועקע גאַס נומער 4, האָט געוואוינט אַ בונדיסט מיטן נאָמען צאַלקע. דאָס איז געווען אַ רייכער ליטווישער איד, אַ אייגנ־טימער פון אַ וואַרשטאַט פון געגריוועטער שוסטעריי. פּראָווינציעלע ישיבה בחורים און „קעסט קינדער״, וועלכע האָבן אויסגעביטן די גמרא אויף קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל״, האָט צאַלקע געלערנט צו זיין פּראָדוקטיווע אַרבעטער און סאָציאַליסטן. צאַלקע און זיין פרוי עסטאַ־שאַ זיינען געווען טאַטע־מאַמע צו אַט־די פּראָווינצער.

זיי האָבן געהאַט אַ 14-יאָריקע בת יחידקע מיטן נאָמען סאַלטשע, און אָט דאָס מיידל איז די צענטראַלע פיגור אין דער דערציילונג „שוואַרצע אויגן, שוואַרצע צעפּ״. סאַלטשע איז געווען זייער אַ שיינע. זי האָט געהאַט צוויי ברענענדיקע שוואַרצע אויגן. אירע צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ האָבן געציטערט איבער אירע אַקסלען. ביי די צאַלקעס

אין הויז האָט מען יעדן שבת נאָכמיטאָג „געלערנט פּרק", דאָס הייסט נעהערט אַ לעקציע פון אַ פריער צוגעגרייטן פּראָפּאַגאַנדיסט. פלעגט די שיינע סאַלטשע „פאַרנאַרן" צו אירע עלטערן אין הויז בערשטמער־מאַכער, פודעלע - מאַכער, פאַפּיראָסניקעס און אפילו באַהעלפערס פון מלמדים צו „לערנען פּרק". געטאָן האָט זי דאָס אויף אַ גאַנץ איינ־פאַכן אופן. זי פלעגט זיך חנדלען און „ראָמאַנסירן" מיט די נאַאיווע יינגלעך. אָבער אַזוי שנעל, ווי זי האָט זיי „פאַרנאַרט" צו די עלטערן אין הויז „לערנען פּרק" און זיי געמאַכט פאַר סאָציאַליסטן, האָט זי שוין גענומען זוכן נייע „ראָמאַנען".

גרויסע שוועריקייטן האָט סאַלטשע געהאַט מיט די יונגע חסידים־לעך, וועלכע פלעגן לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט אין די חסידים שטיבלעך. אין די שפּעטע זומער אָוונטן זיינען די פענסטער פון די חסידים שטיבלעך געווען אָפן און דער גמרא ניגון פלעגט פאַרשלעפערן די חמימה'דיקע זומערדיקע לופט. איז סאַלטשע געפאַלן אויף אַ המצאה. זי פלעגט אָנהענגען אויף אַ לאַנגען שטעקן הייסע בייגל, אַריינרוקן די בייגל דורכן פענסטער אין שטיבל אריין, און געצייצט די אַפּעטיטן פון די הונגעריקע ישיבה יינגלעך, „טעג עסער", ביז— יאָ, ביז אַ סך פון די יינגלעך זיינען געוואָרן קליינע און גרויסע בונ־דיסטן.

אָט די הומאָריסטישע דערציילונג האָט שלמה פּרעכטיק אויסגע־מייסטערט און רעאַליסטיש גערופן: „שוואַרצע אויגן, שוואַרצע צעפּ".
אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט דער דערציילונג און זי פאַרגעלייענט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. „שוואַרצע אויגן, שוואַרצע צעפּ" האָט אַלעמאָל אויסגענומען און געמאַכט אַ רושם צווישן די אַלטע סאָציאַליסטן.

* * *

איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין 1912. איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט מאַנוסקריפּטן פון שלמה גילבערט, אַלתר סאַציזנע און אויך מיינע אייגענע. (איך האָב דאַן צוביסלעך אונטערגעזינדיקט

מיט דער פען). מיט די מאַנוסקריפּטן האָב איך געוואַנדערט פון לואי מילערס „וואַרהייט" צו דער „פרייער אַרבעטער שטימע". ענדלעך, איז מיר געלונגען איבערצוגעבן די מאַנוסקריפּטן ש. יאַנאָווסקין. מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ קאַנאַדער תושב, און ש. יאַנאָוו-סקי איז געווען ביי מיר צוגאַסט, האָט ער מיר דערציילט, אַז די מאַ-נוסקריפּטן זיינען פאַרברענט געוואָרן אין דער שריפה (דאַכט זיך, אויף דיוויזשאַן סטריט), אין וועלכער עס איז פאַרניכטעט געוואָרן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע".

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געזען שלמה'ן, איז געווען אינם יאָר 1935. איך בין געפאָרן קיין ארץ ישראל און צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין לוצערן, שווייץ), האָב איך זיך אויף עטלעכע וואָכן אַריינגעכאַפּט קיין וואַרשע. איך האָב געטראָפן גאָר אַן אַנדער וואַרשע ווי די, וואָס איך האָב געקענט. — אַ וואַרשע מיט 6 אידישע טעגלעכע צייטונגען, 5 אידישע טעאַטערן; נייע פּאָר מיר, שרייבער; נייע נעמען, נייע פּנימער — טלאָמאַצקע 13.

איך האָב אויפגעזוכט מיין חבר שלמה גילבערט. געטראָפן אים אין פאַלענצע. איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אַלטן צעבראָכענעם יידן מיט אַ קנאָכיק פּנים, קנאָכיקע הענט. מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, געשטאַנען פּנים אל פּנים לאַנגע מינוטן אָן ווערטער. ביז . . . ביידע מיט אַמאָל האָבן מיר אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אַרומגענומען, זיינען מיר געשטאַנען ווי אַטראַפּירטע, ביז שלמה האָט מיט אַמאָל באַקומען מוט צו ריידן: „זע נאָר, ווי דער „רעוואָלוציאָנער" האָט זיך באַגאַסן מיט פלוימען יויך ווי אַן אַלטע יידענע אויף קבר אָבות!"

און אַט זיינען מיר אויפן וואַרשעווער בית עולם לעבן דעם אוהל פּרץ.

און אַט זיינען מיר, איך און שלמה, אין אָטוואָצק ביי מאַדאַם העלענאַ פּרץ. צום לעצטן מאָל געקושט די געלע ווי פּאַרמעט, אַלט געררונצעלטע האַנט פון דער גראַנד-דאַמע פון דעם אַמאָליקן וואַרשע-ווער באָהעם.

און אַט זיינען מיר שוין אין ווילנע ביים 10־טן איווא צוזאַמענ־פאַר. אַ האַלבע דרשה בלויז געהערט פון דעם גרייז גרויען קדוש שמעון דובנאָוו. אין דראָזשקע צום ווילנער באַן האָב איך זיך געזעגנט מיט שלמהן. אַט זע איך אים צום לעצטן מאָל פון באַן פענסטער. ער שטייט אויפן וואָקזאַל מיטן קאַפעליוש אין איין האַנט, דער ווייסער פּליך זעט זיך בולט. אַ ווייס טאַשן־טיכל אין דער אַנדערער האַנט פאָכנדיק צו מיר. מיינע אויגן פאַרטרערטע, פאַרנעפּלטע. אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט האָב איך מער ניט געזען ווי צוויי ווייסע פלעקן . . .

טייערער שלמה, חבר מיינער און לערער. זאָל דער ספר זיין אַ מצבה אויף דעם אומבאַקאַנטן קב דיינעם . . יתגדל ויתקדש שמי אַ מצבה אויף דעם אומבאַקאַנטן קבר דיינעם . . .

י ת ג ד ל ו י ת ק ד ש ש מ ו ר ב ה . . .

פנחס גילבערט

זכרונות

מיין ברודער, יצחק שלמה גילבערט, איז געבוירן געוואָרן אין ראדזימין, לעבן ווארשע, אין 1885. ווען ער איז געווען נאָך א יונגער בחור, האָבן די עלטערן זיך אריבערגעקליבן קיין ווארשע. ער איז אָבער פארבליבן אין ראדזימין, בא דעם זיידן ר' יוסף גימפּל גילבערט. ער איז דאָרט געבליבן ווייטער צו לערנען, פריער בא א מלמד, און שפּעטער אין ראדזימינער רבינס בית המדרש.

די יאָרן וואָס שלמה האָט פארבראַכט אין ראדזימין — דאָס אָפּן גרין לעבן ארום שטעטל, דעם רבינס הויף, ראדזימינער חסידים, און דערהויפּט דעם זיידנס שטוב — האָבן איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין שלמה'ס נשמה, פון דער ראדזימינער סביבה האָט שלמה שפּעטער גענומען זיין „שבתי מוח" און זיין „משיח'ס טריט".

רעם זיידנס שטוב האָט שטענדיק געצונדן שלמהס פאַנטאַזיע. אין יענער שטוב זיינען געווען רעשטלעך פון א לעבן ערגעץ ווייט אין טיף רוסלאַנד — אין אינזל אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל. דער זיידע האָט געדינט 18 יאָר אונטער ניקאָלייען דעם ערשטן אין קאַווקאַז. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט און אויסגעהאָדעוועט די קינדער. נאָענט צו 70, ווי איך געדענק אים, איז ער געווען א הויכער, געגאַנגען גלייך, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און געמאָסטן די טריט און אויך די ווערטער מיט גרויס ווירדע. די 18 יאָר בא ניקאָלייען האָבן זיך אָנגעזען אין זיין יעדן קער. דיסציפּלינירט אין אמונה, ווי אין זיין פריערדיקן דינען דעם קייסער.

דער זיידע האָט גערעדט א גוטן רוסיש און איז געווען באַ־האַוונט אין די רוסישע געזעץ־ביכער. אָנגענומען אין רבינס הויף, בא קהל האָט ער אין ראדזימינער „אָקרוג" פארנומען דעם אָרט פון אַן אדוואָקאַט.

אין א יאריד- אָדער מארק־טאָג איז דעם זיידנס שטוב געווען פול מיט פּויערים. זיי זיינען געקומען פון די דערפער ארום ראדזימין. רויך פון מאַכאָרקע האָט זיך געטראָגן פון זייערע ליולקעס. גרינסן און געבונדענע עופות האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל — מתנות דער באָבען פאר דעם זיידנס נעוואונענע פּראָצעסן.

איינציקווייז, מיט די היטלען אין די הענט, זיינען די פויערים צוגעקומען צום זיידנס טיש. מיט א יאַרמעלקע אויפן ווייס־גרויען קאָפּ, איז דער זיידע געזעסן אַרומגערינגלט מיט רוסישע געזעץ־ביכער, געדולדיק פון זיי אַרויסגעקראָגן די גערעכטיקייט פונעם פויערס תביעות צום אַנגעקלאָגטן שכן, געשריבן „פּראָשעניעס" און צוגעגרייט די „דיעלאָס" (משפּטים) צו די שטאָטישע אָדער גובערנאַלע געריכטן. ווען די באָבע האָט פון דער זייט זיך געבייזערט, פאַרוואָס דער זיידע בעט אַזוי ווינציק פאַר זיין אַרבעט, האָט דער זיידע אוועקגעלייגט די פעדער אויפן טיש, זיך אויסגעגלייכט, געגלעט די באָרד און געענטפערט אַזוי ווי פאַר זיך: — ער איז אַן אָרעמאַן, אַן אָרנטלעכער ערל, מען דאַרף האָבן איינזעעניש, פאַנימייעש? (פאַרשטייסט?)

מיט דעם „פאַנימייעש" האָט ער זיך שוין געווענדט צו דער זייט, ווו די באָבע איז געזעסן.

אין צייט פון פריזיוו פלעגן צום זיידן קומען אויך יידן און יידענעס מיט זייערע זין. דער זיידע האָט דאַן ווידער געשריבן „פּראָשעניעס" צו נאַטשאַלסטווא און איר אויפגעוויזן אויף די טעותן, וואָס די „פּריסודסטווים" האָבן געמאַכט.

דער זיידע האָט געהאַט נאָך אַ פּרנסה. ער האָט געשפּילט אויף עטלעכע אינסטרומענטן, און דיריגירט אַ קאַפּעליע. פון אָט דעם קרייז שפּילערס און פרייליך־מאַכערס, וואָס האָבן געלעבט אין גאַר אַ באַזונדער וועלט און געהאַט אַפילו זייער אייגענע שפּראַך, כלי־זמר־שפּראַך, האָט שלמה שפּעטער אַזוי פאַרביק געמאָלן „נפתלי'כל אויער" און „דער טונקעלער".

פאַרנאַכט, ווען די באָבע איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר אַרבעט, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, מיר, אייניקלעך, אַרום איר, און זי פלעגט אונז דערציילן פון קאַווקאַז.

נידעריק און דראָבנע, דאָס פּנים טונקל און צעאַקערט פון שווערע יאָרן אין קאַווקאַז און אַ סך זין — אַ טערקיש זיידן טיכל אויפן קאָפּ — האָט זי אויסגעזען ווי אַ טשערקעסין. זי איז געזעסן נידעריק אין דער האַלב־טונקלקייט וואָס האָט זיך צעלייגט איבערן שטוב.

די בילדער, וואָס זי האָט פאַר אונז געמאָלן, האָבן געצונדן אונזער פאַנטאַזיע. די ווענט האָבן זיך אָפּגערוקט, און פאַר אונזערע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט דער קאַווקאַז... די באָבע, נישט מער נידעריק און קליין, נאָר אַ הויכע, אַ יונגע — האָט זי זיך געטראָגן

שלמה גילבערטס עלטערן

אויף אן אראבישן פערד, געריטן צו דער פערסישער גרענעץ איינצו-צוקויפן זיידנס...

זי האט אונז דערציילט, ווי זי האט דורך האנדל אויפגעהאלטן א הויז פאר דער פאמיליע, און אויפגעהאדעוועט א זון און צוויי טעכטער. זי פלעגט איינע אליין, און טיילמאל מיט א קליין קינד אין וואגן, זיין אונטערוועגנס. זי האט געפירט מסחר אין די דערפער.

נישט איינמאל, ארייכפארנדיק אין א באקאנטן הויף, האט זי קוים מיט צרות געראטעוועט דאס ביסל סחורה און זיך אליין פון טשער-קעסן: זיי האבן זיך געיאגט נאך איר, זי געוואלט בארויבן.

דער זיידע האט דארט געשפילט — האט זי דערציילט — און אויך געשריבן מוזיק פאר דעם מיליטערישן ארקעסטער. ער האט אויסגעפירט ניט צו שפילן אום שבת און אין די ימים נוראים. ער האט אויך געפועלט צו קריגן זיינע שפייז-פארציעס טרוקן — און זיי געקאכט אין זיינע אייגענע כשרע כלים, ווען ער איז געווען אויף מאניעוורעס.

נאך עטלעכע טעג רייטנדיק בעת מאניעוורע, אויסגעהונגערט און מיד, האבן זיי זיך געשטעלט רוען. ווען דער זיידע האט זיך אפגעקערט אן א זייט דאווענען, האט א רשע ארייגעשטעקט דעם טריפהנעם לעפל פון דער קאשע אין זיידנס טעפעלע, וואס איז גע-שטאנען באם פייער. ווען דער זיידע האט אפגעדאווענט און דאס דערזען, האט ער מיטן פוס איבערגעקערט דאס טעפעלע אין פייער אריין. דער סאלדאט האט פאר זיין רשעות געקראגן דריי טעג קארצער. דעם זיידנס אויסגעהאלטנקייט אין אפהיטן אידישקייט און זיין אנ-געזעענער פלאץ אין ארקעסטער, האבן פאר אים געעפנט אלע טירן. נאטשאלסטווא האט אים ליב געהאט.

דער באבעס עקסקורסיעס אין די ווייטע לענדער פלעגן זיך פלוצלינג אפשטעלן, ווען דער זיידע האט אונז דערמאנט, אז עס איז זמן מנחה. מיר האבן פרום געדאוונט מנחה, געשטאנען ווי פראסטע זעלנער פארן מלך מלכי המלכים, אזוי ווי דער זיידע, ר' יוסף גימפל ע"ה, האט אונז אנגעזאגט.

אונזער פאטער, ר' הירש לייב ז"ל, איז אלט געווען 18 יאר, ווען דער זיידע מיט דער פאמיליע זיינען געקומען צוריק פון קאווקאז און האבן זיך באזעצט אין ראדזימין. דער פאטער האט חתונה געהאט מיט ר' שמעון זאלצמאנס טאכטער, פייגה ניחה, ע"ה. דער פאטע איז געווען דער ערשטער פידלער אין זיידנס קאפעליע, און

געפּרט דאָס געשעפט. שפּעטער צו האָט די פאַמיליע זיך אריבער־געקליבן קיין פּראָגע, לעבן וואַרשע, ווו איך, פּנחס, בין געבוירן געוואָרן. אונזער פאַמיליע איז דאַן באַשטאַנען פון די עלטערן און פיר קינדער. דער עלטסטער ברודער, ישעיה דוד ע"ה, א ישיבה־בחור, און אויך א גוטער בעל־מנגן, איז אין די שפּעטערע יאָרן אוועק אין דער וועלט, געוועזן חזן־שוחט בא א געמיינדע אין אונגאַרן, און איז אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאָרבן. אונזער איינציקע שוועסטער, שרה רבקה ע"ה, איז אומגעקומען מיט איר מאַן און פיר טעכטער מיט זייערע פאַמיליעס, דורך די בלוטיקע הענט פון די נאַצים — אין לאָדזש און אין וואַרשע. יזכור אלהים את נשמותיהם אשר נהרגו על קידוש השם. א זון, יוסף, האָט זיך גע־ראַטעוועט לויפנדיק קיין רוסלאַנד, בשעת די נאַצים זיינען אריין אין פּוילן, און געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן, אָנטעריאָ, קאַנאַדע.

דער פאָטער איז געווען א שטילער מענטש, א צוריקגעצויגענער, א ייד א ירא־שמים. אָפּגעהיט יידישקייט מיט ליבשאַפט. האָט געגלויבט אין גאָטס השגחה איבער אַלץ וואָס לעבט. פּלעגט אָפּט אויפשטיין נאָך האַלבע נאַכט טרויערן אויף חורבן בית המקדש און לערנען מיט התמדה. אויפריכטיקייט, אָמתדיקייט איז געווען בא אים דער יסוד פון אַלע מענטשלעכע באַציאונגען, און עבודת־הבורא — דער זין פון לעבן.

שטילערהייט, אין א ווינקל פון בית המדרש, פּלעגט ער זיך באַהעפטן מיטן באַשעפער פון אַלע וועלטן. דער נאָענטסטער מענטש אין בית המדרש איז אים געווען מאָטל גבאי, וואָס שלמה האָט שפּעטער פאַראייביקט אין זיין נאָוועלע מיטן נאָמען „יששכר און זבולון". מאָטל גבאי איז געווען א ייד, וואָס האָט ניט געלאָזט אויפוועקן א יידן, כאָטש מען האָט אים געדאַרפט פאַר א צענטן צו א מנין. עס איז מער מצוה, האָט ער געזאָגט, צו דאַוונען ביחידות, איידער אויפצוּוועקן א יידן אַן אויסגעמאַטערטן, וואָס איז איינ־געשלאָפן.

דעם טאַטן איז שווער אָנגעקומען זיך אויינצופּאַסן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון זוכן פּרנסה. פיזישע שווערקייטן האָבן אים ניט געשראָקן. וואָכן נאָכאַנאַנד פּלעגט ער אויפזיין נעכט און שפּילן צוליב חיונה. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס געיעג נאָך פּרנסה, דאָס פאַרלויפן איינער דעם אַנדערן דעם וועג פאַרן שטיקל ברויט. אז עס האָט אים ווי געטאָן עפּעס אַן אומרעכט פּיז א מענטשן, פּלעגט ער זאָגן צו אונז: זאָלן זיי לויפן און כאַפּן.

גאָר באַזונדערס דערהויבן האָט זיך דער טאַטע געפילט שבת נאָך האַלבן טאָג. ער האָט מיט אונז קינדער געלערנט פּרקי אָבות, געוויזן אונז ווי שיין דער מענטש קען לעבן מיט גוטע מידות דאָ אויף דער וועלט. וואָרים נאָך אַלעמען איז דאָך די וועלט בלויז אַ פּאָדערהויז צו דעם לעבן דאָרט... אויבן... ווען אונזערע נשמות וועלן זיך באַהעפטן מיט גאָט אַליין.

נאָך הבדלה, ווען דער אָנגעצונדענער לאָמפּ האָט פאַריאָגט די רו פון שבת־קודש און אַריינגעבראַכט אין הויז די וואָכעדיקייט, אָדער נאָך אַ הייסן וויכוח מיט אונז, יונגוואַרג, וואָס האָט אָנגערירט די יסודות פון זיין וועלט, פלעגט דער טאַטע צוגיין צום שראַנק און אַרויסנעמען זיין פידל... מאָנענדיקע טענער, פול מיט בענקשאַפט, האָבן זיך געריסן פון די סטרונעס. מיר קינדער פלעגן שטיל ווערן — זיך אַוועקגעלאָזט מיטן טאַטן איבער זון־באַגאָסענע בערג און גרינע סטעפּעס...

מיסטיש־אָריענטאַלישע מעלאָדיעס, וואָס דער טאַטע האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין די 12 יאָר פון זיין יוגנט אין די קאַווקאַזער בערג, האָבן אַרויסגעזונגען פון זיין פידל, זיך געפלאָכטן אונטער זיינע פינגער ווי אַ לויב און אַ תפילה צום בורא־עולם.

אין 1923, ווען דער פאָטער אונזערער איז נפטר געוואָרן, האָט שלמה צו מיר געשריבן: „פנחס, מיר האָבן פאַרלאָרן אַן אמתן חבר, אַ געטרייען פאָטער און אַ צדיק בישראל."

אונזער מוטער, ע"ה, האָט געלעבט אין אַ וועלט פון לויטער גוטסקייט. שלעכטס האָט גאָר ניט עקזיסטירט פאַר איר. מענטשן האָבן איר קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן. אויב אָבער עס האָט זיך יאָ אויסגעלאָזט שלעכט, איז עס מסתמא געווען אַ טעות.

אַ יתומה אויפן דריטן טאָג פון איר לעבן, האָט זי זיך אויפגעהאָדעוועט בא אַ באָבען, און דערנאָך בא אַ שטיפמאַמען. דער מאַמעס פאָטער האָט זיך מיט דער יתומה זייער ווייניק אָפּגעגעבן. זי איז געוואַקסן אַליין און פאַרגעסן. גאָט האָט איר אָבער געבענטשט מיט אַ נשמה, וואָס האָט אין זיך אַריינגעזויגן אַלץ וואָס איז געווען ליכטיק, שיין און גוט. די איינזאַמע יאָרן פון איר קינדהייט, שפּעטער דאָס שווערע לעבן פון העלפן דעם טאַטן אין דער פּרנסה, האָבן איר נשמה ניט פאַרטונקלט. פאַרקערט, זיי האָבן אויסגעשמידט אין דעם שוואַכן קערפּער אַ ווילן, וואָס איז געווען צו באַוווּנדערן. אַ וואַרעמער שמייכל האָט שטענדיק באַשיינט איר פּנים. גוטמוטיק פלעגט זי

אָנגעמען איר גורל. ווען אַ שאָטן פֿלעגט זיך נעמען אַנרוקן אויפֿן הויז-געזינד, האָט זי פֿילאָזאָפֿיש, און מיט אַ סך בטחון, אונדז באַרויקט: „דער אויבערשטער, וואָס העלפֿט אַ פֿייגעלע געפֿינען שפּייז פֿאַר אירע עופֿעלעך, וועט מיך מיט מיינע קינדער אויך ניט פֿאַרלאָזן..."

„אַ צעבראָכענער שאַרבן" — פֿלעגן די שכנים זי רופֿן. פֿון איין קראַנקהייט אַרויס, האָט זי שוין געליטן פֿון עפּעס אַן אַנדער שלאַפֿקייט. אַפֿילו גאַנצע טעג און וואָכן אין בעט, האָט זי זיך אומגעריכט, צו אַלעמענס פֿאַרוווּנדערונג, אַרויסגעכאַפּט פֿון בעט, ווי נייע-געבוירן, גענומען רוימען, אַרבייטן, ליכטיק מאַכן די הויז און אונזערע געמיטער, גלייך ווי אַ שטיק זון האָט זיך אין הויז אַריינגעריסן.

ווען דעם טאַטנס תורה-ניגון האָט זיך געטראָגן איבער דער שבת'דיקער שטוב, האָט די מאַמע גערוט אין איר אויסגעהאַלטענער שיינער וועלט. טרערן האָבן זיך געפּערלט איבער איר בלייך פּנים.

„הערסט, מיין קינד, — פֿלעגט זי מיך צורופֿן צום בעט, — ווי שיין די תורה איז?"

נישט איינמאָל האָט זי געהאָלפֿן אַן אָרעמען שכן זיך צוריק-צושטעלן אויף די פֿיס.

„קומט לאה'לע, — האָט זי אוועקגעפֿירט אַ שכנה צו אַ האַלב-איינגעפֿאַלן קרעמל. — דאָ שטעלט זיך אוועק מיט אייער מאַן, און גאָט וועט העלפֿן."

באַלעבט פֿון דער מאַמעס שטאַרקן גלויבן, האָט די שכנטע געפֿאָלגט און גאָט האָט טאַקע געהאָלפֿן.

ווען מיין פֿרוי און איך זיינען אין 1932 געווען צוגאַסט אין וואַרשע, האָט זיך שלמה מיר פֿאַרטרויט:

„דו ווייסט דען, פּנחס, וואָס אונזער מאַמע איז? דאָס גוטסקייט פֿון דער וועלט טראָגט זי אין איר האַרץ. ווי נויטיק מיר דאַרפֿן דאָס געלט וואָס איר שיקט אונדז, נעמט זי גלייך פֿון דעם אַרונטער מעשר פֿאַר אָרעמערע קרובים. איר פּנים שיינט פֿון צופֿרידנקייט פֿון דער גרויסער מצוה, וואָס גאָט האָט איר צוגעשיקט."

„ניין, פּנחס, — האָט שלמה מיר דעמאָלט געזאָגט, — איך וועל די מאַמע דאָ אַליין ניט לאָזן."

און ער איז קיין ארץ ישראל, ווי מיר האָבן עטלעכע מאָל געהאַט אָפּגעמאַכט, ניט געפֿאָרן. ער איז געבליבן מיט דער מאַמען —



שלמה גילבערט מיט זיין ברודער פנחס
אין די יונגע יאָרן.

ביז די נאַצישע לופט־מאַשינען האָבן גענומען פליען איבער אָטוואָצק און צערײסן הייזער און מענטשן. גאָט אַליין האָט צוגענומען צו זיך איר נשמה. די נאַצים האָבן זייערע אומריינע הענט אויף איר נים אַרויפגעלייגט.

שלמה האָט געירשנט פון דעם טאַטן זיין רעליגיעזן עקסטאַז, זיין הייסן גלויבן אין דעם יידנס אייביקייט, וואָס טראָגט אין זיך גאָטס וואָרט. פון דער מאַמען האָט ער געירשנט דעם כוח אַרומצו־רינגלען זיך מיט אַ קרייז ליבט, ווען שאָטנס פלעגן זיך אָנרוקן, און ליב צו האָבן גאָטס וועלט.

אַזוי ווי אונזער מאַמע, האָט שלמה געקוקט מיט ביטול אויף אַלע צרות און קראַנקהייטן, וואָס האָבן אָפט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אים און דער ליכטיקער זון. פון קינדווייז אָן איז ער געווען אַ קרענקלעכער. ער האָט געליטן פון שוואַכע לונגען. צו וואָס פאַר אַ באַשעפטיקונג ער האָט זיך גענומען, האָט ער עס, צוליב זיין שוואַכן געזונט, געמוזט אויפגעבן. אין די יאָרן פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן צום שטודירן. נח פּרילוצקי, דאַן אַ סטודענט, איז אים געקומען צו הילף און האָט אים באַזאָרגט מיט לערער.

דורך דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט שלמה גענומען שרייבן און זיך דרוקן.

די קראַנקהייט, וואָס האָט אָפט איבערגעריסן זיין אַרבעט, האָט אים נים איבערגעשראָקן. טאַטע־מאַמע האָבן געציטערט איבער זיין געזונט, געבעטן אים ער זאָל אַזוי פיל נים שרייבן, נים אַרבעטן שווער. עס האָט אָבער נים געהאָלפן. מיט אַן אייזערנער עקשנות האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט זיין קראַנקהייט. ליגנדיק אין בעט האָט ער געלאַכט און געחוזקט פון זיין שוואַכקייט, געטריבן לצנות, געשטיפט, כדי אַרויסצוטרייבן דעם טרויער פון טאַטע־מאַמעס אויגן.

„דו וועסט זען, ליכטיקער אוצר מיינער, — פלעגט ער איינ־טענהן מיט דער מאַמען — די קאָזע־מילך און די פעטע סעלבערנע פּיסלעך, וואָס דו קאָכסט פאַר מיר, וועלן אַלץ פאַרדעקן און פאַרהיילן. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך זיין אַ נייער.

מיט יאָרן שפּעטער, געדענק איך, האָב איך מיט שלמהן גע־שפּאַצירט אין זאַקסישן גאָרטן אין וואַרשע. שלמה האָט זיך שטיפעריש געטראָגן איבער די אַלייען, הנאה געהאַט פון זיינע וויצן און הילכיק געלאַכט. אַ קאָלעגע זיינער, אַ שרייבער און אויך זיין דאָקטאָר, איז

צופעליק אנטקעגנגעקומען און האט אים געפאקט בא דער האנט.

„שלמה, — האט ער צו אים געטענהט, — ווי פארגעסט מען זיך עס אזוי ?"

„ליבער דאקטאר, — האט ער דעם חבר זיינעם אנגענומען בא דעם לאץ, — ווען איך ליג אין בעט, ביסטו מיין באלעבאס. דאן מוז איך ליגן לייטיש און עסן און טרינקען ווי דו פארשרייבסט. אבער דא, צווישן די גרינע בוימער, אונטער דעם בלויען הימל און צווישן אזוי פיל שיין לעבן, וואס שפאצירט דא ארום — דא בין איך דער באלעבאס."

שלמה האט לײדנשאפטלעך ליב געהאט פשוטע מענטשן. אים האט נים געארט ווי טיף ער האט געדארפט אראפנידערן, כדי זיי צו געפינען. האט ער געפונען פשטות און אמת — זיינען קעלערן געווארן פאלאצן.

ער פלעגט זיך אריינכאפן צו א שניידער, צו א שוסטער, אפזיצן מיט זיי שעהן באם ווארשטאט, מיט זיי איינ'טענה'ן און פארברענגען.

„ דו ווייסט, פנחס, — פלעגט ער זאגן צו מיר, — איך האב הנאה צו רעדן מיט זיי. זיי זיינען אפנהארציק, ווי קינדער. זיי באהאלטן זיך נים אונטער א פארהאנג. זייערע פנימער — אפענע ביכער. זיי זיינען נאאיוו, אבער אמת. די מעשיות, וועלכע איך דערצייל זיי, זיינען די שליסלען, מיט וועלכע איך עפן אויף די קעמערלעך, ווו זייערע אוצרות ליגן באהאלטן. איך פיר זיי אוועק אין מיינע וועלטן און זיי גייען מיר נאך, ווי קינדער."

שלמה האט, מיט נעמאכטע־שטיפעריי, פון זיך פארטריבן אלץ, וואס ער האט געמוזט צוליב זיינע אומשטענדן אויסמיידן. ווענן איר... אבער, האט ער צו מיר גערעדט מיט ברידערלעכער אינטימקייט. מיט איידעלע פארבן פאר מיר געמאלן דאס בלייכע מיידל, מיט די טיף בלאע אויגן, וואס האט אים פארשטאנען און אים געווען אזוי נאענט ליב.

שלמה האט אבער, ווי איך האב זיך דערוואוסט, געזוכט איר אויסצומיידן. מיר האט עס ווי געטאן. איך האב זי געוואלט זעען.

איינמאל, ווען איך בין מיט אים געגאנגען אויף לעשנא, האבן מיר זי צופעליק באגעגנט.

די לופט איז געווען קאלט און ווינטיק. האט זי זארגעוודיק, ווי א מאמע, אים פארשפיליעט דעם קאלנער פון אויבער־מאנטל :

„דו ווייסט דאָך, שלמה, אַז דו דאַרפסט זיך היטן פון אַ פאַרקילונג", — האָט זי אים צערטלעך אין די אויגן געקוקט.

אויף זיין בלייך פנים האָט זיך באַוויזן זיין האַלבער שמייכל, וואָס איז מיר אַזוי נאָענט געווען. מיט דעם שמייכל פלעגט ער פאַר־טרייבן פון זיך יאוש, ווייטיק און זיך מיט אַמאָל אויפהויבן צו די הימלען.

„שלמה, — האָב איך איבערגעריסן די שטילקייט נאָך איר אַוועקגיין, — זי האָט דיך, ווייזט אויס, שטאַרק ליב?!"

„יאָ, — האָט ער געענטפערט. — איך ווייס. אָבער דו פאַר־שטייסט, פנחס, מען מוז אָננעמען דאָס הערצל, גוט צוקוועטשן, עס זאָל זיך ניט אַרויסרייסן. איך האָב זי צו שטאַרק ליב, איך זאָל איר מאַכן פאַר אַ שותף צו מיין קראַנקהייט."

שלמה האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער חתונה געהאַט פאַר אַ קרובה, וואָס איז געווען קראַנקער פון אים. עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה איז זי געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק שלמהן אַ מיידעלע פון דריי יאָר.

צוליב זיין שוואַכן געזונט פלעגט שלמה פאַרברענגען די זומערן אין אַ זומער־פּלאַץ, אָדער אַ דאָרף אַרום וואַרשע. ווייט פון דעם טומל פון שטאָט, וו עס איז אים געווען שווער זיך אַריינצופּאַסן, האָט ער אויפגעלעבט. אין אַ צימער אין אַ דאָרפיש הייזל, נאָענט צו גרינע פעלדער און אַ געדיכטן וואַלד, האָט ער זיך אַרויסגעהויבן פון זיין אָרעמקייט, עלנט און יאוש, און מיט התלהבות און ברען פון אַ יינגל זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין אַרבייט.

עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך פאַר־בראַכט מיט אים איניקע וואָכן אין וואָלאָמין, לעבן וואַרשע. ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן מיט קבלה. אויפן טיש באַ אים אין צימער זיינען געווען אָנגעוואָרפן קבלה־ספרים און אָקולטיסטישע ביכער, אויסגעשריבן פון אויסלאַנד. אין הייסע זומערדיקע פאַרנאַכטן פלעגן מיר אַוועק אין וואַלד. דאָ אין דער געדיכטער שטילקייט איז שלמה געוואַקסן מיט זיין שעפערישן כוח און אַזוי בהרחבהדיק, שיין און שטאַרק פאַנאַנדערגעוויקלט די פּלענער פון זיין שאַפן.

„די קאָלעגן מיינע זייגען דערשטוינט, קוקן אויף מיר מיט חשד, הויבן מיט די פּלייצעס און מיינען, אַז איך בין חלילה חסר־דעה. ווייט דערפון! כ'הויב באַלד אָן צו שרייבן. אָבער ניט פריער ווי איך וועל זיין צוגעגרייט. וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין אָט די ספרים, אַלץ גרעסער ווערט דער פאַרנעם פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט...

„...אין די צווי-טויזנט־יאָריקע וואָגלעניש פון אײן לאַנד צום צווייטן זיינען מיר כמעט ווי אָפּגעריסן געוואָרן פון דעם קוואַל פון אונזער גרויסקייט. טיף אונטער די קאַפּאָטעס ליגט באַהאַלטן דער באַגאַזש, וואָס גאָט האָט אונז אָנפאַרטרויט. טאַפּטשענדיק אין די בלאָטעס פון די געסלעך, זע איך אָבער אין די בלייכע פּנימער פונקען, און טיילמאָל גאַנצע שטיקער פייער פון דעם גרויסן פלאַם, וואָס האָט אַרומגענומען אונזערע נביאים בשעת זייער נביאות זאָגן, דורך דעם בליאַסק פון די פונקען זע איך, ווי זיי טראָגן אין זיך גאָטס וואָרט און זיין גרויסן אמת.

„טאָ ווי קען איך שרייבן וועגן מידל־און יינגל ליבע און דאָס אוועקשטעלן אויף א פּעדעסטאַל און דאָס באַזינגען ?! ניין ! ווען איך וועל זיין בכוח, וועל איך צעבלאָזן די פונקען, אַרויסהויבן דאָס ליכט, וואָס ליגט באַהאַלטן אין זייערע פאַרבענקטע אויגן און ווייזן דער וועלט דעם אמת, און גאָטס וואָרט, וואָס זיי טראָגן דורך דער אייביקייט..."

טייערער שלמה ! דיין האַרץ האָט אויפגענומען אַלע ליכט־שטראַלן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון אונזער שטאַם. מיט ברידער־לעכער טרײשאַפט האָסטו זיי מיר געשיקט דורך דעם קינסטלערישן וואָרט, וואָס איז אַזוי לעבעדיק געפלאָסן פון דיין האַרץ.

דעם פאַנצער, וואָס דו האָסט אויסגעשמידט פאַר זיך, כדי ניט צעריבן צו ווערן פון דעם גרויען אַרום, האָסטו געהאַלטן אויסגע-שטרעקט אויך איבער מיינע יונגע פּלייצעס. מיט דיין שטאַרקייט און דיין גלויבן האָסטו פאַרטריבן די שאָטנס פון ספקות בײַ אַלע די, וואָס האָבן געלעבט מיט דיר אין נאָענטער חברשאַפט.

די אויגן דיינע, וואָס האָבן זיך געהויבן צו דער אייביקייט, און וואָס פאַר זיי איז אַלץ געוואָרן דורכזיכטיק, האָבן נאָך מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געזען דעם חורבן זיך דערנעענטערן: „גאָט וועט אָננעמען דעם בוים פון לעבן און אָפּשאָקלען דאָס גאַנצע ווערימדיקייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן צווישן מענטשן. בלייבן וועט נאָר דאָס אמתע און ריינע — איינער פון א פאַמיליע, איינער פון א שטאָט." (משיח׳ס טריט", 1922.)

פאַרשטילט איז געוואָרן דאָס וואָרט און אויסגעלאָשן דיין זעאונג, ווען די מערדער האָבן דיך פאַרפּייניקט.

זאָל דאָס העלע ליכט, צו וועלכער דיין נשמה האָט זיך שטענדיק געהויבן, זיין דיין באַגלייטער אין דער אייביקייט !

אינהאַלט

ש. ניגער: שלמה גילבערט. ביאָגראַפיש־קריטישער אריינפיר. 5

סקיצן און דערציילונגען

1. צו דער זון (1907) 43
2. די שטאָט (1907) 47
3. פון לאַנד שווינדזוכט (1908) (*) 50
4. פיעטרעק 52
5. יששכר און זוולון 57
6. אַ ליגנער 63
7. אַ למדן 71
8. פון חדר 80
9. הערשל מיט זיין יינגל 84
10. דודל 89
11. דער טונקעלער 94
12. חיימל שוסטער 102
13. הונגער 107
14. קאַנאַריק 111
15. אברהם פעלטעם 118
16. נפתליכל אויער (**) 123

(*) די ערשטע דריי נומערן געפינען זיך ניט אין שלמה גילבערטס ערשטע זאַמלונג „נאָוועלן", 1922.

(**) די נומערן פון פיר ביז זעכצן זיינען איינגעשלאָסן זיינען אַלע גענומען פון דער זאַמלונג „נאָוועלן", וואַרשע, 1922. אַלע ווייטערדיקע נומערן זיינען מיט קליינע אויסנאַמען, אויפגעזוכט געוואָרן אין „פאָרווערטס", „צוקונפט" און אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס— און עס זיינען אַנגעגעבן געוואָרן די יאָרן, ווען זיי זיינען ד אָ ר ט ן געדרוקט געוואָרן, כאָטש היבשע עטלעכע זאַכן זיינען פריער נאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פוילן. אַקוראַט די יאָרן, ווען די איבעריקע דערציילונגען זיינען געדרוקט געוואָרן, איז אונז ניט געלונגען צו דערגיין.

17. אויף אַ זומער־וווינונג (1927) 126
18. אַ ליבע (1928) 155
19. הערשעק (1932) 161
20. יוחנן (1933) 166
21. בלימעלעך (1934) 172
22. אַ הוליע געטאָן (1934) 178
23. דודל דעם רב׳ס זון (1934) 183
24. נפתלי נעבעך (1935) 187
25. מעכל (1939) 193
26. אריהלע 200
27. אַ גאָלדענער פאַרדינער 206
28. ר׳ אליה 211
29. שטילמאַן 216
30. אין פייער 221
31. די חברטעס 226
32. אין אַ פינסטערער נאַכט 229
33. פאַרוואָגלטע 236

דראַמאַטישע סצענעס און דראַמעס

34. שבתי מוח, סצענע 241
35. משיחס טריט, דראַמע אין דריי אַקטן (1922) 254
36. דער קעלער, קאָמעדיע אין דריי אַקטן (1925) 274

זכרונות

מלך גראַפשטיין: מיין חבר און לערער 307
פנחס גילבערט: זכרונות 321

בילדער: שלמה גילבערט 3
שלמה און מלך גראַפשטיין 306
שלבה׳ס עלטערן 323
שלמה מיט זיין ברודער פנחס 329